STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03390

MILHOME-NOTITSN FUN A YIDISHN OFITSIR

Jacob Mestel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב מעסטעל

מלחמה-נאָטיצן פון א יידישן אָפיציר

וואַרשע 1924

מלחמה - נאָטיצן
פון אַ יידישן אָפיציר

פֿאַרלאַג ש. יאַטשקאָווסקי, גענשע 7

געזעצט בײַ פֿ. שריפֿטגיסער, וואַרשע.
געדרוקט בײַ ברידער וואָיצי־
קיעוויטש. וואַרשאָ, גענשע 15

געבונדן בײַ א. קאַמיען

Z pola bitwy : Notatki
Żydowskiego Oficera

Wydawnictwo Szymon
Jaczkowski — Warszawa

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Gęsia 15.

ע ר ש ט ע ר   ט י י ל

„וויפיל הייליקייט האָט יענע צייט פאַרשוועכט—
וויפיל שיינקייט איז געשטאָרבן פאַר דער צייט...‟
קאַרל טעאָדאָר קערנער

די אָנגעצייכנטע „נאָטיצן‟ זענען רוי ווי די נישט-באַאַרבעטע מלחמה-פעלדער, לויפן כאַאָטיש איבער מענטשלעכע ווייטאָקן און ליידן פון פעלקער ווי דאָס פאַרווירטע אויפקרעכצן פון קאַמף—שטיקן זיך אפשר אונטער דער האַסטיקייט פון דעם אָטעם-באַרויבנדיקן קריג. האָט דאָך אַ ציטערנדיקע האַנט געלייגט אויף זיי דעם שטעמפּל פון דעם מאָמענטאַנעם פחד און דערשמעטערנדיקער טויט-שרעק...

נישט קיין געשיכטע און נישט קיין אַגיטאַציע-כוונה איז געווען צום פאַרצייכענען—דאָס צאַפּלדיקע באַדרענגעניש פון דער מענטשלעכער נשמה האָט געזוכט אַ תיקון.—האָט דער פינצטערער מענטשן-גורל אויסגעקריצט זיין יאָמער און באַטרונקנקייט אין אומבאַהאָלפענע ווײ-געשרייען...

אַ סך נעמען פון ערטער און פאַרשוינען זענען אָנגערופן נור מיט די ערשטע אותיות: די מעכטיקע מיליטער-צענזור האָט נישט ליב געהאַט, מען זאָל אָנרופן פאַקטן—האָבן די געשעענישן אָפּגעווישט פון זכרון אָרט און צייט, און איבערגעלאָזן

דווקא נור דעם נאַקעטן סקעלעט פון בלויזן פאַקט. פיל בלעטער זענען פאַרלוירן געגאַנגען אויפן לאַנגן מלחמה-וואַנדער, בפרט ביי דער שיף-קאַטאַסטראָפע אויפן אַדריאַטישן ים (די גאַנצע „הינדענבורג-פעריאָדע")—זענען די נאָטיצן נאָך מער מאַנגלהאַפט און אפשר צום טייל אויך נישט קלאָר— —

אָבער ווער וועט וואַגן „נאָכפאַנטאַזירן" און „אויסמאָלן" דעם טיפסטן און ביטערסטן אויסגעשריי פון אַלעליידן און צייטן—ווער קאָן דאָס „פאַרקונסטלען" שאָטנס איבער דעם פּאַקטישן טויטן-טאַנץ פון פאַרפירטע פעלקער?

די צייט האָט געערדט, און מיר קאָנען נור בייגן דעם קאָפּ פאַר דעם שרעקלעכן אמת: מיר האָבן נישט געקענט אונזער אייגענע שוואַכקייט...

זאָלן אפשר די מלחמה-פאַקטן אליין אונז פארהעלפן געפינען דעם וועג,—און אפשר מיט אַזויפיל הייליקן דאָס פריצייטיקע, אומשולדיקע בלוט.

דאָס איז אונזער חוב צו יענע, וועלכע מיר האָבן דערלאָזן אויסצושעכטן אויף דער שלאַכט-באַנק.

ניו־יאָרק, ביים ים—1923

אין רומעניע.

די קריגס-ערקלערונג האָט מיך פֿאַרכאַפּט אין רומעניע, און האָט אייגנטלעך מיט מיר פֿאַרשווינלעך ווייניק וואָס צו טון: מען רופֿט נור געוויסע רעגימענטער—, האָב איך צייט רויק אָפּ-צוּוואַרטן די ווייטערדיקע געשעעניש.

אין יאַסי „קאָכט": יעדער רומענער רעכנט זיך פֿאַר אַ שטיק מחותן—אָדער מיט עסטרייך, אָדער מיט רוסלאַנד—, באַלאַ-גערט מען מאַסנווייז די רעדאַקציעס און מען וואַרט אויף ידיעות. קומען „עקסטראַ-אויסגאַבן" און קורצע טעלעגראַמעס מיט מעטער-לאַנגע אותיות: באַלד אַ באַוועגונג פֿון רוסלאַנד, באַלד אַ וואָרט פֿון קייזער ווילהעלם, דאָ איבערן עסטרייכישן פֿאָרמאַרש קעגן בעלגראַד—און באַלד גאָר: „בעלגראַד עראָבערט!" די „שטימונג" איז אויף עסטרייכס זייט.

איך זיץ מיטן „פּעטער מיכעלע" אין באַרימטן „פּאָמול וועררי" (גאָלדפֿאַדענס ערשט יידיש טעאַטער), ווען עס קומט אַריין דער יונגער דיכטער ה.., און דערלאַנגט מיר אַן עקסטראַ-אויסגאַבע: „אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אין עסטרייך!"—איך שמייכל, און ווייס אַליין נישט פֿאַרוואָס: איז עס די פֿרייד איבער אַ קו-מענדיקער אַוואַנטורע, אָדער דער לעצטער ציטער פֿאַר דעם באָנטן „סאַלטאָ מאָרטאַלע"?

איך גיי תיכּף צום עסטרייכישן קאָנסול, וועלכער ראָט מיר צו פאָרן אַזוי שנעל ווי מעגלעך. אייל איך זיך איינצו-פּאַקן מיינע זאַכן און באַשליס צו פאָרן מיט דעם פאַרנאַכ-טיקן צוג.

מיינע פריינט נעמען קוקן ערנסט אויף מיין שריט: מען וויל מיך אָפּהאַלטן פון פאָרן. מיין דירעקטאָר, דער אַמעריקאַ-נער אַקטיאָר דזשו ק., רעדט מיר איין ווי אַ קינד: ער וועט מיט מיר אַוועק קיין לאָנדאָן, פון דאָרט קיין אַמעריקע, ער וועט מיט מיר טיילן שטוב און טיש,—זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון מיין מטושטשן פּלאַן! איך קאָן אָבער פאָרט נישט פועלן ביי זיך: אַלס יידישער אָפיציר דעזערטירן? און אַ חוץ דעם: מיר גועלן זיכער האָבן צו טון מיט רוסלאַנד. איז עס נישט אַ חוב פון יעדן יידן צו גיין אין קאַמף אַקעגן דעם אַכזריותדיקן רוסלאַנד? נעם איך טאַקע ביי מיין פריינט ק. אַ „פאַרשוס״ אויף איבערגעזעצטע פּיעסן, געזעגן זיך מיט אַלע חברים און מיט די וויינענדיקע פריינדינס, און פאָר צום באַן.

אויפן וועג באַגעגן איך נאָך מיין באַקאַנטן רומענישן אָפיציר פון דער מיליטער-קאַפּעליע:

—„ווירר קריגס-קאַמעראַדן—ווירר אונז זען אין פּעטערבורג״— געזעגנט ער זיך מיט מיר אויף זיין צעקאַליעטשעט דייטש.

אויפן וואָקזאַל וואַרטן אויף מיר אַ סך באַקאַנטע צום אָפּגעזעגנען. אומזיסט פּרוּוו איך צעשרייען מיין פרייליך געמיט און עס צעטראָגן אין אַלעמענס הערצער,—מען געזעגנט מיך מיט „אויף ווידערזען אין פּעטערבורג״, און איך ענטפער נור מיט אַ „ווידערזען אין וואַרשע״. און ווען דער צוג רירט זיך, דערזע איך טרערן אין די אויגן פון מיינע באָנטסטע—און מיר ווערט שטאַרק טרויריק אויפן האַרצן...

אַ נאָנטע חברטע, זשאַנעט מ., באַגלייט מיך ביז צו דער גרענעץ. זי איז נידערגעשלאָגן נאָך זשאַרעיס טויט, באַטראַכטן מיר ביידע שווייגנדיק די פאַרביישוועבנדיקע פלאַכע רומענישע פעלדער—עס נעמט זיך צו אונז קיין וואָרט נישט. די לופט

אין וואַגאָן איז פול מיט קריגסדעבאַטן: אויף רומעניש, דייטש און יידיש.

—איר פאָרט „איינריקן"?—פרעג איך אַ בלאַסן יוגנמאַן, אפשר בײַ די דרייטיקער.

ער איז אַ גאַליציאַנער, איז שוין איבער זעקס יאָר אַ קעלנער אין יאַסי, האָט דאָרט חתונה געהאַט און האָט שוין צוויי קינדערלעך.

—איך וועל דאָך נישט בלייבן אין יאַסי, איך זאָל נישט קאָנען קיינמאָל מער אַהיימקומען—פּרוווט ער ווי פאַרענטפערן זיך—איבריגנס, אויף די רוסן איז אַ מצווה.

אין אַ ווינקל באַמערק איך אַן איינגעהויקערט באַשעפעניש זין אַ רוטענישן מאַנטל—אַ רוטענישער בויער.

—מיט גליק פאָטער!—באַגריס איך אים אויף רוטעניש—ווער האָט עס אָנגעזאָגט, אַז עס איז מלחמה?

—קיינער נישט—קוקט ער מיך אָן—עס איז געקומען אַ טעלעגראַמע צו מיין הער, ווו איך דין, איך זאָל תיכף אַהיים קומען,—פאָר איך.

אויפן באָטאָשאַנער וואָקזאַל הערן זיך שמועסן, אַז רו-מעניע רופט-איין די רעזערוון. בײַ מיין חברטע באַוויזט זיך אַ פלאַם אויף די בלאַסע באַקן-אירע אויגן גליען:

—גוט אַזוי! זאָל נור רומעניע זיך אַריינלאָזן אין אַ מלחמה! דעם צווייטן טאָג איז די רעוואָלוציע צעפלאַקערט!

און זי זעט זיך שוין אין איר פאַנטאַזיע אויף די באַ-ריקאַדן, ווו זי צעשמעטערט דעם טראָן פון קעניג, און—זאָל איך ליבערש אויסנוצן מיינע מיליטערישע קענטענישן אויף אירע באַריקאַדן, זאָל מיין זעבל ווייזן דעם ערשטן וועג— —

צו דער מאָביליזאַציע.

אַרום מיטערנאַכט בין איך בײַ דער גרענעץ. אויפן וואָקזאַל האַלט וואַך אַ סאָלדאַט אין אַ נייעם, גרויען מונדיר,

מיט אַ געפּלאַנצט געווער,—אַ 43-יאָריקער רומעניִשער בויער פון דער בוקאָווינע. איך נעם זיך וויצלען מיט אים, ווי אַזוי אַזאַ אַלטער „גאָספּאָדאַר" מאַכט זיך נאָך נאַריש און שפּילט זיך אין זעלנער.

—באַ,—זאָגט ער ערנסט—מען האָט גערופן, מוז מען גיין.

דאָס „מוז מען" קומט ביי אים אַרויס ווי ער וואָלט זיך דערביי ווערן מיט אַלע כּוחות...

דער באַן־באַאַמטער ערקלערט מיר, אַז איך קאָן פאָרן ערשט מאָרגן פרי.

—און מאָביליזאַציע?—האָב איך צו אים אַ טענה.

„וואָס ווייסט ער..."

צווישן די יונגע שקצים מיט מיליטער־קופערטלעך, באַמערק איך אויך עלטערע בויערן, וועלכע קאָנען שוין קוים דערטראָגן אַ געווער. אַרום זיי גאַנצע מחנות בויערטעס מיט שרייענדיקע, פאַרשמאַכטע קינדער. מען וואַלגערט זיך, מען ברעכט זיך—און עס הערן זיך זיפצן פון אַ נישט־ווייליקן אָפּקומעניש. אין האַלב־טונקעלן שיין פון וואָקזאַל זען אויס אָט די צוזאַמענגעדריקטע הויפענס מענטשן ווי גרויסע פעלד־מייז, וועלכע דער שאַקאַל־קריג האָט אַרויסגעיאָגט פון זייערע נאָרעס: אויס מורא פאַרלאָזן זיי דאָס „אויסלאַנד" און רייסן זיך צוריק „אַהיים".

אין דער צווייטער קלאַס האָט זיך ברייט געמאַכט אַ טויך מענטשן, יונגע און אַלטע. אָן די מיידלעך דערקענט מען רוסישע טיפּן. און טאַקע באַלד דערהער איך רוסישע ווערטער מיט אַ יידישן אַקצענט: דער קריג האָט זיי פאַרכאַפּט אין מאַריענבאַד, האָבן זיי שוין מורא „אַהיים" צו פאָרן, און וואַרטן אויף דעם צוג קיין בוקאַרעשט.

דרימלענדיק, וואַרט איך איבער די עטלעכע שעה. קעגן פרימאָרגן שיט זיך אַריין אַ לוסטיק בינטל יונגע סטודענטן.— איינער אין אַ סאָלדאַטסקע היטל, דער צווייטער אין זעלנערישע קאַמאַשן, און אַלע מיט אַרמיי־זעקלעך אויף די פּלייצעס—מען פאָרט צו דער מאָביליזאַציע. זיי רעדן דייטש מיט אַ יידישן

נוסח. יונג בלוט. דעבאַטירט מען הויך: אָט זען זיי זיך שוין אויפן שלאַכטפעלד, יאָגן זיך אַרום, מאַכן קונצן, שלאָגן מורא־דיק, צעשמעטערן די רוסן—אַלץ די רוסן!

איך פאַרברענג שוין מיט זיי ביז דער צוג איז פאַרטיק צום פאָרן.

אין באַן איז „הפקר אַ וועלט!": נישט מען ווייזט און נישט מען פרעגט אויף אַ באַן־בילעט—מען שטאָפּט זיך אַריין און מען פאָרט. מאָביליזאַציע! איך מוז גוט צוזאַמענדריקן איין פוס איבערן אַנדערן, איך זאָל נאָך געפינען אַ שטיקל פּלאַץ אין דער „צווייטער קלאַס". איך פּרוּוו צו פאַרקירצן מיין אָפּ־קומעניש דורך קוקן אויפן זייגער,—אָבער אַז מען פאָרט גאָר־נישט אויפן זייגער, נאָר לויט די פעקלעך מענטשן! וואָס ווייטער אַ סטאַנציע, גייט דער צוג אַלץ פּאַוואָליער און דאָס גע־דרענג ווערט אַלץ גרעסער. איך בין שוין אַרומגעשטעלט מיט פּאַסאַזשירן, אַז איך זע נישט מער קיין ליכט פאַר די אויגן, און הער נור דאָס הייזעריק־קוויטשנדיקע קולכל פון דעם יונגב־מאַן, וועלכער באַגריסט אויף יעדער סטאַנציע: „האָך עסטרייך! נידער מיט רוסלאַנד!" און אַזוי ווי מען ענטפערט אים עפּעס נישט איבעריק שטאַרק, צעלאָזט ער זיך אויפן קול מיט דער „התקוה", צושרייענדיק צו עמיצן: „זינגט חברה, דער שלאַג זאָל..."

אין אונזער באַן־וואַגאָן פּלאַקערט שוין די מלחמה גאַנץ הויך: אייניקע „דערלעבן זיך אַ ביטערע נקמה" אין רוסלאַנד, אַנדערע זען, אַז „לענגער וואַרטן האָט מען נישט געקאָנט", און נאָך אַנדערע, אַז „אייראָפּע האָט גע מו זט אַ ביסל זיך דורכשמועסן". אָבער אַלע זענען איבערגעצייגט, אַז גרויס—נאָך צוויי, דריי הדשים, וועט עסטרייך בייקומען די שונאים,—און עס וועט ווייטער זיין פרידן.

מיין שכן אויף דער באַנק, אַ בלאָס יידל, הייבט זיך אויף יעדעס מאָל און לאָזט אַ ביסל אויסרוען זיינע חברים.

—משה--גיט ער זיך פּלוצים אַ דריי אויס—דערלאַנג דאָס זעקל!

באַקומען דאָס זעקל, הייבט ער אָן זיך טיילן מיט זיינע צוויי חברים: בולקעלעך, עפּעלעך.

—איך האָב נאָך געגעסן נעכטן, ביים פאַרפּאַסטן-פאַרענט־פערט ער זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין—נישט געוואָלט אָנ־בייסן ביז איך וועל זיין „אָנגעטון", אָבער דאָס האַרץ נאָגט. מילא, וואָס קאָן מען טון? מלחמה... גאָט וועט מוזן מוחל זיין.

—אַ שיינער „תשעה באב"—פּרוווּ איך זיך וויצלען.

—אוי, אַ שיינער, אַ שיינער,—כאַפּט ער אונטער מיט אַ זיפץ—דאָס מזל אויף פּאָניען...

דער איינציקער אין אַ סאָלדאַטסקן מונדיר איז אַ עלטע־רער פעלדוועבל מיט אַ סך מעדאַלן אויף דער ברוסט. האַלט מען אים פאַר אַ גאַנצן גאון אין מלחמה־ענינים און מען ווענדט זיך צו אים מיט פאַרשידענע קשיות:

—איאָ, מיר האָבן אַזויפיל רעגימענטער?

דער פעלדוועבל רעכנט אויס אַ ביסל אַנדערש.

—„אונזער אַרטילעריע קאָן שיסן פון טשערנאָוויץ ביז צו דער גרענעץ".

—עס קאָן זיין—קוועטשט ער מיט די פּלייצעס.

—אָבער אונזער קאַוואַלעריע? ריזן!

—און די רוסישע קאָזאַקן?—מיינט דער „גאון", אַז עס איז זיין חוב אַלץ איבערצושפּאַרן.

—וואָס קאָזאַקן—ווערן שוין יענע אויפגערעגט—אונזער אינ־פאַנטעריע, אונזערע גענעראַלן, אונזערע...

—יאָ, יאָ,—שלאָגט זיי איבער דער פעלדוועבל—ווען די רוסן וועלן זיך אַ לאָז טון, וועלן מיר נישט וויסן וווהין צו אַנטלויפן.

זיינע לעצטע ווערטער מאַכן אַ געפילדער, חברה גיט זיך אַ לאָז צו אים:

—ווער ווייס ווער דאָס איז!—אַ גוינער!—פּשוט אַ פאַרעטער!

אַ געזונטער יונגערמאַן בייגט זיך אָן צו אים און רוימט אים איין אַ „סוד", אַלע זאָלן הערן:

אַן אָפיציר אין ציוויל לאָזט אייך זאָגן, איר זאָלט אויפ־

הערן רעדן, זונסטן לאָזט ער אייך תיכּף אַרעסטירן.

דער העלד אין מונדיר הייבט אָן ציטערן. דער יונגער־מאַן זעט „באַשיינפּערלעך" זיין נצחון, נעמט ער זידלען דעם פעלדוועבל אויפן הויכן קול.

—פאָרט איר אויך צו דער מאָביליזאַציע?—פרעג איך דעם אויפגערעגטן פּאַטריאָט.

—איך פאָר קיין ווין—ענטפערט ער שוין געלאַסענער—דאָרט איז פאָרט זיכערער,—ווי מיינט איר?

—און די מאָביליזאַציע?

—איך בין באַפרייט פון מיליטער—ענטפערט ער שוין אַ סך שטילער.

זיינע ברילּיאַנטן אויף די פינגער פאַרענטפערן אַלץ...

וואָס נענטער צו דער גאַליצישער גרענעץ, אַלץ מער בייט זיך דאָס מענטשן־געפּעק: איינזיקע שטייגן אויס, אַנדערע קומען אַריין—די מאָביליזאַציע פאַרטיילט זיך מעכאַניש. און אויף יעדער סטאַנציע דערזעלבער יאָמער און געקלאָג פון מו־טערס, פרויען און שוועסטערס, וועלכע געזעגענען זיך מיט די אַוועקפאָרנדיקע: נישט איין ברוסט טוליעט אַצינד דעם טייערסטן צום לעצטן מאָל—נישט איין מוטער־אויג קוקט איצט צום לעצטן מאָל אויף אַ געציטערט קינד...

די וויינענדיקע ווייבער, די פשוטע בויערטעס, זענען אפשר די איינציקע, וועלכע דערפילן די גאַנצע שרעקלעכע גרויסקייט פון מלחמה. די מענער גייען ווי בלינדע, ווי צו אַ שפּיל—זיי הערן נור דעם קלאַנג פון זעבל. אָבער די פרוי האָט דערשפּירט בלוט,—וויינען די אָרעמע מאַמעס און שוועסטערס—זייערע צאַרטע פרויענהערצער זאָגן זיי אפנים קיין גוטס נישט פאָרויס...

לעמבערג.

אין די גרויסע גלאָז־האַלן פון לעמבערגער הויפּט־באַן־הויף קויקעלט זיך אַרום אַ געוואַלדיקער קנויל פון פאַרשידענע

געשרייען און באַפעלן: טויזנטער מענטשן־שטימען האָבן זיך אויסגעמישט, און בילדן מיט די שנעלע, נערוועזע באַוועגונגען און געסטיקולאַציעס אַ מין געזשום פון אַ ריזיקן וואַסערפאַל. אַ פיאַקער איז נישט מעגלעך צו באַקומען—די פערד האָט מען רעקווירירט—פאָר איך מיט דעם נעכסטן צוג צום קלענערן וואָקזאַל, וועלכער געפינט זיך אַקעגן אונזער הויז.

ערשט אויף דער קורצער שטרעקע דערקענט מען אַ שטיק פון אמתן קריג: אַלע בריקן און וויאַדוקטן זענען באַוואַכט. ביי די רעלזן שטייט אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, מיט צע־פלאָכטענע פאות, אויפן קאָפּ אַ צעקנייטשט זעלנעריש היטל, און אויף דעם רעכטן אַקסל אַ געפלאַנצט אַלטמאָדיש געווער—אַ „לאַנדשטורם־מאַן”, וועלכער היט די באַן־שטרעקע. דער אַלטער פּאַטראָנטאַש מאַכט דעם איינדרוק ווי דער „של ראש” וואָלט זיך אים אַראָפּגעגליטשט ביז אויפן בויך. מען מוז שמייכלען.

צווישן דעם געמיש פון אָנגעקומענע און אַוועקפאָרנדיקע סאָלדאַטן דערבליק איך דאָס קליינע שייגעצל, וועלכעס טראָגט תמיד מיינע זאַכן.

—אויך צו דער מאָביליזאַציע?—לויפט ער מיר אַקעגן מיט זיין פריילעך־ערנסט פנימל.

איך באַגעגן מיין טאַטן אין דער טיר. ער גיט זיך אַ דריי אויס אין שטוב אַריין, ווי איינער רעדט: „ער איז דאָ!” די מאַמע לויפט מיר אַקעגן מיט אַ געלעכטערל, צעקושט זיך און שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

—אַ זעלנער, האַ?

אין די ווערטער ליגט איר איראָנישער פאָרוואורף און איר שטילער שטאָלץ. מיר ווערט אַ ביסל לייכטער אויפן האַרצן. מער ערנסט באַגריסט מיך מיין שוועסטער און די ברידערלעך: זיי פילן אפנים, אַז איך בין זיי נישט אויף לאַנג געגעבן...

—איך האָב שוין געהייסן צו דיר טעלעגראַפירן—זאָגט דער טאַטע ערנסט—דער קייזער רופט... ווען ווילסטו דען פאָרן צום רעגימענט?

—מיטן ערשטן צוג—כאַפּ איך זיך אַרויס.

די מאַמע פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין: איר ביז־איצטיקע רויקייט איז נור געווען אַ געצוואונגענע: מען האָט זי געבעטן נישט וויינען, כדי מיך נישט צו באַאומרויקן. מיין שוועסטער וויצלט זיך איבער אירע טרערן,—לויפט אָבער אַריין אין קיך און צעוויינט זיך אַליין...

—אַלץ איז שוין אויסגעפּוצט—ווישט זיך מיין גוטע מאַמע די טרערן און טראָגט מיר אַקעגן די מיליטער־אוניפאָרם און דעם זעבל.

איך קוש איר אויס די שוואַרצע, קלוגע אויגן און באַרויק זי, אַז איך וועל נאָך בלייבן איבער נאַכט.

—וועסטו נישט פאַרשפּעטיקן?—ציטערט זי פאַר פרייד, און איך פיל, אַז זי וועט מיך שוין נישט אַוועקלאָזן.

איך לויף דערוויל איינקויפן עטלעכע קליי־ניקייטן. די זשאַלק וועט גאַס שטייט אין אַ „טויטער באַוועגונג": אָן אַ „גוט מאָרגן", אָן אַ שמייכל. פאַר דעם „אַרטיסטן־קאַפע" באַגעגן איך אַ בינטל יידישע אַקטיאָרן. איינער ערשט פון אַמעריקע צוריק־געקומען. אַלע אויסגעדינטע סאָלדאַטן.—„מען גייט"—קרעכצן זיי, אָבער פון די אויגן בליצט דער שטאָלץ. אפילו דער צוריק־געקומענער „אַמעריקאַנער" איז שטאָלץ אויף זיין מאָרגנדיקן שווערדל.

פון דעם מאַריאַצקי־פּלאַץ דערנענטערט זיך אַ „צוג" מיט אַ קלאַפּנדיקער מוזיק: אפשר אַ זיבעצניעריקער שייגעץ טראָגט אַ צעשטאָכן בילד פונם צאַר, און נאָך אים שלעפּן זיך נאָך אַ צוויי טוץ קינדער, עטלעכע אַלטע גוים אין פּוילישע אוניפאָר־מען, ענלעך אויף פּאַפּירענע מאַנעקינען, און אַ פאַרשוויצטער פּאָליציי־קאָמיסאַר מיט צוויי דיקלעכע פּאָליציי־אַגענטן. פאַר יעדן אָפיציר און פאַר יעדן סאָלדאַט בלייבן זיי שטיין, שפּילן אָפּ צוערשט דעם עסטרייכישן, דערנאָך דעם פּוילישן נאַציאָנאַל־הימן,— אַ פּאָר טרוקענע קולות שרייען אָפּ זייער „נידער מיטן צאַר!" „האָך עסטרייך!", „טשאָלעם!"—און מען גייט ווייטער.

—קום—שמייכלט מיין ברודער—וועלן מיר נאָך זיין ביים „חמץ פאַרברענען".

ביים מיצקעוויטש-מאָנומענט בלייבט מען שטיין: דער זי-בעצניאָריקער בחור בייגט אָן דעם שטעקן מיטן צאַרס בילד, — פון דריי זייטן שטרעקן זיך אויס הענט מיט אָנגעצונדענע סירניקלעך — די פויק הייבט אָן דעם „נאַציאָנאַל-הימן“, — מען הייבט די היטלען, הייזעריקע קולות שרייען ווידער „נידער מיט רוסלאַנד!“ — מען פאַרברענט דעם פּאַפּירענעם צאַר.

די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן זיך צעבליצט און באַגיסן מיט ליכט דאָס מענטשן-רייכע לעמבערגער „קאָרזאָ“. די קאַפע-הייזער זענען פול, און נאָך פולער זענען די גאַסן — מען וויל זיך אָפּגעזעגענען מיט דער שטאָט.

— קום זיך פאָטאָגראַפירן — גיט זיך מיין שוועסטער אַ כאַפּ, ווען מיר גיין פאַרביי אַ פאָטאָגראַף.

מערקווירדיק: מיר אַלע האָבן געהאַט דעם זעלבן געדאַנק. דער עלעקטרישער אַפּאַראַט גיט אַ זעץ אין פנים, און ביי מיין שוועסטער צעשפּילן זיך טרערן אין די אויגן... —

— זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן — טרייבט מיך דער טאַטע שלאָפן.

עס גלוסט זיך אָבער פאָרט נישט צו פאַרשלאָפן די נאַכט! איך וויל נאָך אַ ביסל זיצן, זיך אָנזעטיקן מיט מיינע ליבסטע, — אָבער עס נעמען זיך נישט קיין ווערטער, יעדער שווייגט אין מרה-שחורה. איך פּרוּוו דערציילן מעשיות, מאַכן וויצן, — עס געלינגט נישט. די מאַמע זעצט זיך נעבן מיר, גלעט מיר דעם קאָפּ, — און ווען איך כאַפּ זיך אויף פאַרטאָג, זיצט זי נאָך אַלץ ביי מיין בעט... האָט זי אין דער נאַכט בכלל צוגעמאַכט אַן אויג?

מיין שוועסטער פּועלט ביי דער מאַמען, זי זאָל מיך נישט באַגלייטן צו דער באַן: זי וויל איר פאַרשפּאָרן עגמת-נפש. דער טאַטע האָט שוין געהאַלטן מיין קופערט אין האַנט (ער אַליין האָט געוואָלט אים צוטראָגן...), שטעלט ער אים איצט אַוועק, כמעט פאַרשעמט, — ווי נור אַ שטאָלץ, שטיל האַרץ קאָן זיך פאַרשעמען. איך נעם זיין דאַרע האַנט — און מיין טאַטע פאַרגלייסט די אויגן. איך זע דאָס צום ערשטן מאָל. איך גראָב

זיך איין מיט די ליפּן אין זיין ציטערדיקער האַנט, און איך דערפיל אַ הייסן טראָפּן אויף מיין נאַקן. אַ לאַנגער קוש פאַר־איייניקט אונזערע ליפּן.

—...און קום געזונט צוריק—פאַרענדיקט מיין טאַטע אַזוי פאַרבאָרגן-גלייכגילטיק... און דאָס קלינגט ווי אַ ביטחון-פולער „אָמן" נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער תפילה.

ערשט אַצינד ברעכט אויס דער גאַנצער ים פון מיין מאַ־מעס ווייטיק:

—וואָס וויל מען פון מיין קינד!

דאָס האַרץ נעמט ציפּן.

אויפן וואָקזאַל דערזע איך אין אַ ווינקל אַ איינגעהויקער־טע, אין אַ שוואַרצן שאַל איינגעוויקלטע פיגור, אָנגעשפּאַרט אָן אַ סלופּ—מיין מאַמע.

ווי אַנדערש זי איז אַצינד...

דורך די פאַרשווינדנדיקע פענצטער פון וואָקזאַל זע איך זי, דאַכט זיך, נאָכאַמאָל. דער צוג האַלט אין גיין, און איך דערקען קוים איר האַלב-איינגעבראָכענע געשטאַלט. אָבער איך זע, דאַכט זיך, בפירוש, די טרערן אין אירע אויגן.—

ביים באַטאַליאָן

אָפּגעהאַקט. איין וועלט האָט זיך פאַרשלאָסן—אַ נייע וועלט עפנט זיך.

אין צוג לעבט מען שוין מיטן קריג: יעדעס בערגל, יע־דער גרוב און יעדעס וואסערל ווערט אויף צענערליי אופנים באַטראַכט און געוויגן, אויף „ווי ווייט מען וועט עס קאָנען אויסנוצן אין שלאַכט".

וועגן טויטע שמועסט מען גאָרנישט—זענען אין שלאַכט בכלל פאַראַן טויטע? מען זעט נור דאָס „קעמפן און זיגן",—באָטש קיינער ווייסט נישט אייגנטלעך, וואָס דאָס איז אַזוינס

„קאַמף און זיג" אין מלחמה. אַ נעבל פון קלינגדיקע ווערטער.

—זענען „דאָרט" (איבער דער גרענעץ, מיינט מען) אויך פאַרהאַנען אַזעלכע גריבער, בערגלעך און וואַסערלעך צו באַשיצן זיך?

—דאָרט וועט נאָך בעסער זיין—

אין מיין געבורט-שטעטל ז. געפינט זיך מיין פאָלק. דער פאָליציי-קאָמיסאַר גיט מיר דעם איינציקן פיאַקער, וואָס פאַראַן, און איך פאָר צו מיין רעגימענט.

איבער דער באַן-גאַס גאַלאָפּירט אַן אָפּטיילונג רייטערס. דער עולם ווערט צעטומלט. אויף אַ גויש פורל ליגט אַ בלאַסער אולאַנער מיט אַ ווייסן באַנדאַזש אַרום קאָפּ. דער ערשטער פאַרוואונדעטער? אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערד, זאָגט מען.

ביים הילצערנעם טויער פון „ראָווט קאַזאַרמעס" זיצן ביי טישן אָפיצירן און סאָלדאַטסקע שרייבערס—זיי פאַרצייכענען, ווער עס איז געקומען צו דער מאָביליזאַציע. ערשט דער דריטער „פאַרמאָביליזאַציע-טאָג" און כמעט אַלע זענען שוין דאָ. דער רעגימענט-אַדיוטאַנט ווייזט מיר אָן אַ נידריק, שוואַרץ יידל:

—ער איז געווען דער ערשטער זיך צו מעלדן—איז דער אַדיוטאַנט צופרידן—איך האָב אַליין נישט געהאָפּט, אַז עס וועט אזוי געלינגען. אַלע זענען געקומען, אפילו די יידן!

ער האָט געמיינט מיט דעם מיר צו מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אָבער ער פאַרשטייט באַלד, אַז ער האָט זיך אַ ביסל באַנאַרישט, און ער פאַרכאַפּט מיט אַן איבערראַשנדיקער נייעס:

—מיר ערוואַרטן דריי טראַנספּאָרטן אונזערע אַזש פון אַמעריקע!

איך גיי זוכן מיין באַטאַליאָן, וואָס ליגט ערגעץ אויף דז אַרומיקע בערג. אין די דערביייִקע וועג-ריוון זיצן מחנות גוים און יידן, וועלכע עסן פון מיטגענומענע זעקלעך און שמאַכטן נאָך אַ טרונק וואַסער. אויך זיי זוכן מסתמא זייער אָפּטיילונג.

—געלויבט זאָל זיין יעזוס כריסטוס!—קומט מיר אַקעגן אַ האַלב טוץ דאָרפסלייט.

—אויף אימער און אייביק. שטיין דאָרט אויוון סאָלדאַטן?

זיי שווייגן. זיי האָבן מורא צו זאָגן—מען האָט פאַרבאָטן צו רעדן וועגן מיליטער.

—מען האָט צוגענומען מיין מאַן—וואַגט זיך איינע פון זיי זוכן ביי מיר „פּראָטעקציע“—ער האָט אַ „שרעקלעכן“ פּע-לער. מיינט איר, פּאַניע אָפיצער, אַז „אַזוינע“ וועט מען שיקן אין קריג?

איך טרייסט זי, אַז ער וועט אוודאי אַהיימקומען.

—זאָגט זשע זיי דאָרטן—האַלט זי שוין מיין טרייסט פאַר אַ צוזאָג—דען ווער וועט טאַקע באַאַרבעטן די פעלדער?

ביים באַן-בריקל האַלט וואַך אַ באַוואָפנטער סאָלדאַט:

—וועגן וואָס היט איר דאָ די בריק?

—איך ווייס נישט—ענטפערט ער גולמעוואַטע, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

—ווייסט איר, אַז איך בין אַ שפּיאָן?

—יאָ, איר זייט אַ הער קאַדעט—ווייסט ער ווייטער נישט, וואָס איך וויל פון אים.

פאַר אַ קליין הייזל שטייט אפשר אַ זעכצניאָריק, שוואַרץ מיידל מיט בלאַסע באַקן און רויטע, פליישיקע ליפּן. זי באַ-טראַכט מיך חוצפּהדיק-צוריקגעהאַלטן.

—קאָן איך קריגן אַ גלאָז וואַסער?—בעט איך, אַן אויסגע-מוטשעטער פון דער היץ.

—גערן. קומט אַריין, קיינער איז נישטאָ. מיין ברודער איז שוין ביי זיין פּאָלק, דעם טאַטען האָט מען אוועקגענומען אַלס ארמיי-בעל-עגלה און די מאמע איז אוועק אין שטאָט איינ-קויפן אַ ביסל טאבאק, אפשר וועט מען קאָנען עפּעס לייזן ביי די סאָלדאטן—דערציילט זי אַלץ מיט איין אָטעם—גייט איר אויך אין קריג?

—אוודאי—ענטפער איך מיט אַ שמייכל.

—ווי שיין דאָס מוז זיין... איך בין אזוי מקנא די סאָלדאטן?

—וואָלט איר אויך מיטגעגאַנגען?

—איז איר זייט אַ יוד?—פרעגט זי פלוצים.—און מיר ווערןביידע אומעטיק.

איך שטיי אויף די בערג, ביי מיין באַטאַליאָן: יונגע שקצים מיט מילך-פּנימער און גרויע, עלטערע בויערן, אינטע-ליגענטע יונגעלייט און באַוואַקסענע, פאַרזאָרגטע יידן. באַזונדער גרופּירט זיצן עטלעכע סטודענטן און זינגען פּוילישע און אוי-קראַינישע נאַציאָנאַל-לידער. איין גרופּע וויל איבערשרייען די אַנדערע—אָבער אַלע זינגען זיי דעם עסטרייכישן הימן.

אין אַ גאָר באַזונדער קופּקעלע האָבן זיך אויסגעזעצט עלטערע יידן מיט עטלעכע יונגעלייט. אין מיטן פלאַץ געמאַכט אַ ראָד, היימישלעך—אַ מלוכה אין אַ מלוכה! אָבער שוין גאָר-נישט קיין „יידישע מלוכה": איינער שיילט אייער, אַ צווייטער דערלאַנגט ברויט און אַ דריטער ברענגט זאַלץ מיט קנאָבל—עסט מען פאַמעלעך, באַלעבאַטיש, מיט אַ יידישער הנאה.

—ווי פילט איר, קינדער?—פרעג איך אויף יידיש, און באַמערק, אַז אייניקע פון די „קינדער" מעגן שוין זיין מיינע טאַטעס.

אַ יידישער זיפץ און אַ פאַרגלייס מיט די אויגן איז זייער ענטפער. איך מאַך זיי לייכט דאָס האַרץ, לייגן זיי אַוועק דאָס עסן און שמייכלען אונטערטעניק:

—ווי לאַנג וועט עס דויערן?—ווילן זיי פון מיר אויף איין מאָל זיך דערוויסן די „גאַנצע פּאָליטיק".

—עס האָט זיך דאָך נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן—שמייכל איך.

—וועט בכלל צו עפעס קומען?

אַן עלטערער פעלדוועבל מיט ברייטע, דיקע וואָנטשעס און עטלעכע מעדאַלן און צלמים אויף דער ברוסט, נעמט אויסרופן אויף אַ הויך קול יעדנס נאָמען. מען דאַרף זיי פירן עסן. מערקווירדיק: וויפיל מאָל ער צעלאָזט זיך אויף זיין הייזעריקן קול, ווייזט זיך מיר אויס, אַז עס הויקעט אַ אַלטער הונט, און איך האָב אויף אים שטאַרק רחמנות.

ער באַטראַכט יעדן באַזונדער, און אפנים אויך אים איז שווער צו גלייבן, אַז דאָס זענען שוין „סאָלדאַטן": פעלט איינע

אַ ראָק, דעם אַנדערן הויזן, בײַ אַ דריטן הענגט דאָס היטל איבער די אויערן,—צאַצקעט מען זיך מיט דעם איינציקן „מאַנטל־רימען"—גאָר קיין שיך זענען נישטאָ. דערפאַר האָט יעדער אַ כּלי צום עסן. דער מאָגן איז דאָס ערשטע. און האָט נישט יעדער אַ קאַזיאָנע „שאַלקע", טראָגט ווער אַ טעלער, דער צווייטער אַ טעפּל אָדער גלאָט עפּעס אַ בלעכענע זאַך. גאָפּל און מעסער דאַרף מען נישט: דאָס ברויט „רייסט" מען און די הענט זענען קיין מיוחסים נישט,—און וואָס עס לאָזט זיך נישט אויסליידיקן מיט די פינגער, זופּט מען מיטן מויל אָדער מען ריי̆ניקט אויס מיט דער צונג.

—אָפּטרעטן!—קאָמאַנדעוועט דער פעלדוועבל, און חברה האַלב־זעלנער נעמען זיך צעקריכן אין זייערע גאָרעס.

אַ קאַפּראַל פירט מיך אויף מיין קוואַרטיר. אין ווייס אויסגעקאַלכטן שטיבל זיצט דער עלטלעכער, איינגעהויקערטער גוי ביי אַ גרויסער שיסל פּיראָגן, די יונגע בויערטע שמייכלט פריינטלעך. מאַן און ווייב.

—פאַרן הער אָפיצער—זאָגט זי צום קאַפּראַל און שטעלט אויפן טיש אַ היפּשע פּאָרציע פּיראָגן מיט זויער־מילך.

דער גוי גלאָצט אויף מיר, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן אויפן יונגן ווייב, צלמט זיך איבער און פירט זי אַרויס ביי דער האַנט.

—אַ גוטע נאַכט אייך, פאַנע—בייגט ער זיך טיף שוין ביי דער טיר.

—אַ גוטע נאַכט און אַ דאַנק!

—און דאָ איז אייער געלעגער—וויל די יונגע באַלעבאָסטע צוגלעטן די פרישע ליילעכער אויפן בעט. אָבער דער בויער טוט זי נאָכאַמאָל אַ שלעפּ פאַר דער האַנט און פאַרמאַכט די טיר.

זיי האָבן מיר צוגעלאָזן זייער בעט און אַליין געגאַנגען שלאָפן אויפן בוידעם. אָבער איך בלייב ווי איינער, וועלכן מען איז חושד אין גנבה, און איך האָב מורא זיך צורירן צום ווייסן געלעגער.

גייען מיר?

גאַנץ פרי ברענגט מיר מיין דינער דעם נייעם פעלד־מונדיר מיט געלע קאַמאַשן. מיט בענקשאַפט קוק איך אויף מיין פאַראַדנע אוניפאָרם און לאָז זיך אַריין מיט אַ געוויסן שטאָלץ אין די אַ ביסל צו לאַנגע און ברייטע בגדים. מיין „פייפן־דעקל" (אַן אַלגעמיינער צונאָמען פאַר אָפיצירס - דינער), אַ געוועזענער לאָקיי ביי אַ גראַף, באַקוקט מיך, מאַכט צורעכט, און האַלט אין איין פוצן: עפּעס איז ער נישט צופרידן. ענדלעך מעלדט ער „געהאָרזאַמסט", אַז מען דאַרף דעם מונדיר איבערניייען. איך לאָך זיך אויס:

—ווער וועט זיך דאָרט זאָרגן אויף אַ פּאָר טעג אָדער אויף עטלעכע וואָכן.

מיין דינער מאַכט נור אַ האַלב־צופרידענע מינע: זיין אינסטינקט צווייפעלט אין מיין „אָפּטימיזם".

אָן דער זייט פון „אַליאַרם־פּלאַץ" איז אויפגעשטעלט די „קיך". אַ לוסטיק פייער צעלאָזט זיך אויף אַלע זייטן מיט זיינע ברייטע, לאַנגע צונגען. די קיכערס שוויצן. פון די ברייטע, טיפע קעסלען זעצט אַ פּאַרע. מען האָט קוים אויסגעטרונקען די שוואַרצע מאָרגן־קאַווע—און שוין זידן פרישע קעסלען צום מיטאָג־עסן. ווי שנעל זיי האָבן דאָס די כלים „געוואַשן"!

מען ברענגט אַ האַלבן אָקס, און איך דאַרף דאָס זיין דער „מבין":

—דאַכט זיך, גאַנץ ווייל פלייש.

די קיכערס וואַרטן נישט לאַנג און האַקן אים תיכף אַריין אין די קעסלען.

מיטן שטויביקן וועג פירט אַ „פּאַטרול" מיין געוועזענעם חדר־חבר, דעם קאַפּראַל ש. איך האָב אים ערלויבט גיין אין שטאָט זען זיין ווייבל, איז ער דאָרט פאַרבליבן באַלד צוויי טעג. איצט האָט מען אים אַרעסטירט אַלס „דעזערטער".

-געזען די פרוי?

—געזען, הער קאַדעט, איך דאַנק געהאָרזאַמסט.

—און איצט וועסטו זיך זען מיט די אַרעסטן-שמייכל איך.

ער ווערט רויט, אָבער ער איז זיכער, אַז איך וועל אים נישט באַשטראָפן.

—כאַפּ-זשע דערווייל איבער-רוק איך אים אונטער די „בכבודע" פּאָרציע פלייש מיט דער פעטער זופּ, וואָס מיין קיכער האָט אַוועקגעשטעלט פאַר מיר.

—...איך בין אַ געשוועסטערקינד,-שעפּטשעט שטיל אַ יונג זעלנערל, צוזעענדיק ווי איך באַהאַנדל מיין חבר.

איך קאָן זיך נישט דערמאַנען אָן זיין „קרובהשאַפט", אָבער איך פאַרשטיי, אַז ער וויל אַ טובה:

—מיט וואָס-זשע קאָן איך דינען?

—איך בעט אַ דאָפּלטע פּאָרציע „מענאַזש"-איז זיין באַשיידענע בקשה.

ער האָט זיך פריייוויליק געמאָלדן צו דער אַרמיי, ווייל אין דער היים האָט ער נישט וואָס צו עסן.

אַ ווינער אָפיציר ברענגט די ידיעה, אַז די קריגס-ערקלערונג צו רוסלאַנד איז שוין זיכער אָפּגעגאַנגען. מיר דאַרפן זיך ריכטן אין וועג אַריין... לאָז איך איבער מיין קאָמפּאַניע און גיי אָפּגעזעגענען זיך מיט מיינע קרובים. יעדער פון זיי האָט עמיצן ביים רעגימענט-אַ זון, אַ מאַן, אַ ברודער-בעט מען, איך זאָל אַכטונג געבן, איך זאָל „למען השם זען", איך זאָל „טון"— —

—פאַרשטייט זיך-באַרויק איך אַלעמען, און קאָן קוים זיך אָפּבעטן פון זייערע איינלאַדונגען צום עסן.

איך גיי מיט עטלעכע פריינט אין שטאַטישן רעסטאָראַנט. אַלע טישלעך זענען פאַרנומען פון אָפיצערן. די זייטיקע שטיבלעך זענען פול מיט צעהיצטע, פּשוטע סאָלדאַטן און מיט זייערע פאַרזאָרגטע פרויען. ביי אַ ווינקל-טישל שלאָפן דריי קינדערלעך, אָנגעשפּאַרט אויף די קני פון אַ בלאַסן

סאָלדאַט—אים אַקעגן זיצט זיין בלאָנדע פרוי, מיט אַ טיכל ביי די אויגן.

אַ רוקעריי מיט בענקלעך און אַ געקלאַפעריי פון טעלערס מיט גאָפל־מעסער זאָגן אָן, אַז עס איז אַריינגעקומען אַ „העכע־רער" אָפיציר. די מוזיק צעלאָזט זיך מיטן עסטרייכישן הימן ווי מיט אַן „אויפשפיל" פאַר אַן אָנגעקומענעם מחותן. מיר הערן אויס שטייענדיק. צווישן ווייַן און ביר, ליקער און שאַמ־פאַניער, קלינגט עפעס אַ געפלעכט פון אַלערליי עסטרייכיש־אונגאַרישע און דייטשע לידער, עס איז באַלד שווער צו וויסן, וואָס מען שפילט. און דאָך טראָגט זיך פון די קלאַנגען עפעס אויסטערלישעס,—עס שמעקט מיט קריג...

איך בין צופרידן, וואָס מיר זענען ווידער אויף דער גאַס, וועלכע איז איצט פול מיט באַפאַקטע פורן, גאַלאָפירנדיקע מעלדונג־רייטערס און פאַרזאָרגטע מיליטערישע ראָד־פאָרערס. פריש־אָנגעטוענע סאָלדאַטן פאַרפלייצן די שטאָט. זיי לויפן נאָך איינקויפן דאָס נויטיקסטע, זיך געזעגענען, אָדער בלאָנקען זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין. מיינע חברים ווילן וויסן „ווער איז דאָס? און וואָס איז יענץ? און צו וואָס טויג דאָס קנעפל? און אָט דאָס שנירל? און די נייע בענדלעך? און די געלע שוך?"—מוז איך צוליב זיי יעדעס מאָל צורופן אַן אַנדערן סאָל־דאַט, וועלכער בלייבט שטיין ווי אַ דראָנג, בלאַס, אומגליקלעך,— און ערשט ווען ער זעט די נייגעריקייט פון מיינע פריינט און הערט מיינע ערקלערונגען, צעשמייכלט ער זיך, און גייט מיט „מיין ערלויבעניש" ווייטער.

פאַר דעם „גרויסן הויף"—די קאַזאַרמעס פאַר דעם „רע־גימענט 80"—הערשט אַ האַסטיקע באַוועגונג: די אַרומיקע „וואַלן" זענען באַשפּיליעט מיט פערד און וואָגנס, און פון דעם אויפגע־פראַלטן טויער יאָגן אַרויס צענדלינגער פורן מיט באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אָפיצירן. די שפּאָגל־נייע פעלד־מלבושים און דאָס בלישטשענדיקע כּלי זין דערמאַנען, אַז די סיטואַציע איז ערנסט: דאָס אַכציקסטע רעגימענט גייט אין „פעלד" אַריין.

דער וועג פירט קעגן בראָד—צו דער גרענעץ. מיינע

חברים ווערן ערנסט: עס מישט זיך אַ יינגלישע פרייד מיט אַ באַלעבאַטישער מורא. מען דערציילט זיך שוין אפילו, אַז ביי דער גרענעץ איז שוין געווען אַ „שלאַכט"—„אונזערע" זענען שוין אַ שטיק אין רוסלאַנד! איין פעסימיסט ווייסט אפילו „אויף זיכער", אַז די רוסן זענען גאָר אַריין צו אונז. און אָט אַזוי באַגלייטן זיי מיך כמעט ביז צו מיין קאָמפּאַניע.

אויפן „אַליאַרם־פּלאַץ" ווערט וואָס אַמאָל שטילער. דער אָוונט איז דושנע און פּרעסט מיט זיין גרוי־בלאָליכער שווערקייט ווי דער זיסלעכער ריח פון אַן אָנפּערפיומירטער טרויערדאַמע. די אָפּטיילונגען זענען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען, און כאָטש די שיטערע קימל־זופּ איז שוין פאַרטיק, מעלדט זיך קיינער נישט צום עסן. דאָס לאַנגע וואַרטן האָט אונטערגעהאַקט די פיס, איז מען צופרידן זיך אויסצושטרעקן אויף דער האַרטער ערד פון די אַרומיקע שייערן און איבערשלאָפן דעם הונגער. די פון די קעסלען אויסגעגאָסענע זופּ פאַרלעשט דעם לעצטן זשאַר ביי דער קיך, אויפן טונקעלן הימל באַווייזן זיך נישט־זיכערע, פאַרנעבלטע שטערנדלעך—און באַלד הערט זיך נור דאָס ווייטע הויקען פון אַ הונט און דאָס שטילע אונטערהיסן פון סאָלדאַט, וואָס שטייט אויף דער וואַך.

פּלוצים דערטראָגט זיך אַ שאַרפער קנאַל—אַ שאָס פון אַ ביקס, מיט אַ ווייטן, ווייטן ווידערקול.

—געווער אַרויס!—צעשרייט זיך מיין סאָלדאַט און די גאַנצע וואַך לויפט אַרויס.

אומזיסט שטרענג איך אָן די אויגן, צו דערזען עפעס אין דער פינצטערניש. ערשט אין דער פרי קומט דער ראַפּאָרט: צוויי סאָלדאַטן האָבן פאַרשפּעטיקט אַהיימצוקומען, האָבן זיי געוואָלט זיך פאַרגנבענען אומבאַמערקט, און זענען נישט שטיין געבליבן, כאָטש דער „פּאָסטן" האָט זיי נאָכגעשריגן. האָט דער בראַווער שומר געטון זיין פליכט: ער האָט אויסגעשאָסן. איינער פון די צוויי סאָלדאַטן איז אַנטלאָפן, אָבער דער אַנדערער האָט פאַר זיין לייכטזין באַצאָלט מיטן לעבן.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס.

צוויי פון אונזערע באַטאַליאָנען זענען אַוועק צו דער גרענעץ. אין איילעניש האָט מען נישט געקאָנט דערגרייכן די פאַרגעשריבענע צאָל, און איך מוז זיי אַצינד באַצייכענען צוויי־הונדערט סאָלדאַטן אַלס „פאַרשטאַרקונג". מען הייסט קלויבן די יונגסטע, נעם איך קודם דעם „יאָרגאַנג" 1913 ביז 1911, און באַקום קוים 100 מאַן.

—יאָרגאַנג 10!—רוף איך אויס.

ביי אַ הונדערט מאַן טרעטן פאָר, און הינטער זיי שלעפן זיך נאָך עטלעכע.

—וועלכער יאָרגאַנג?—פרעג איך אַ נידריק, דיק יידל מיט אַ נישקשהדיק גראָען קאָפּ.

—ווייס איך—ווערט ער רויט און קוקט לעמאַכעוואַטע—ווי מיינט איר, הער קאַדעט?

איך פאַרשטיי תיכף, וואָס ער מיינט, און באַמערק ערשט אַצינד, אַז די גאַנצע גרופּע איז אַ יידישע.

זיי ווייסן נישט: מיינט מען מיט דעם אויסקלויבן אַ „טובה" אָדער אַ „רעה".

—„לא"—מאַך איך קורץ און דריי זיך אַוועק.

—„לא" האָט ער געזאָגט—הער איך שעפּטשען הינטער מיר, און באַלד פאַרשווינדט די גאַנצע יידישע גרופּע.

נישט די גאַנצע צווייהונדערט מאַן זענען גאַנץ באַוואָפנט און פעלדמעסיק אָנגעטון. מאַרשיר איך מיט זיי צום מאַגאַזין־אָפיציר און בעט וואָפן און קליידער. דער דיקער הויפּטמאַן שטייט אַ פאַרמרה־שחורהטער:

—ווען גוט זיין צוואַרטן אַ ווילע—בעט ער זיך אָן איבערגעשראָקענער.

—און אַ רעוואָלווער פאַר מיר?

—אפשר ביים „וואָפן־מייסטער"—ווערט ער נאָך מער פאַר־ציטערט.

פאַר אַ גוט טרינק־געלט גיט מיר דער ביקסן־מאַכער דעם בעסטן רעפּעטיר־פּיסטויל און שלייפט נאָך אָן מיין זעבל.

—אַ ווילער שטאָל—שעפּטשעט ער ביי דער אַרבעט—ווי פיין ער שניידט זיך, ווי אַ פאָדעם.

און מיר טוט אַזוי באַנג נאָך דעם פיינעם, אויספּאָלי־טורטן גלאַנץ פון מיין ווייסער קלינג, וועלכע מיין שוועסטער אָדער מיין מאַמע האָבן אַזוי בלישטשענדיק אויסגעפּוצט און וואָס ווערט אַצינד אַזוי מאַט דורכן פיילן...

דער ביקסן־מאַכער ציט אַרויס אַ שטרוי פון אַ פור,—מיין זעבל גיט אַ בליץ, און—סםט!—די שטרוי איז געטיילט אויף צוויי! ווי מיט אַ חלף.

—ווילער שטאָל—חזרט ער איבער, הייבט אויף דעם זעבל מיט צוויי פינגער און לאָזט אים מיטן שפּיץ אַראָפּ אויף דער האָלצערנער באַנק. דער זעבל שניידט זיך איין אויף אַ צענטי־מעטר די טיף און בלייבט שטעקן אין האָלץ.

—„העי באַ מאָסקאַליאַ!—גיט אַ מאַך דער ביקסן־מאַכער און קוקט צו מיר מיט טריומף.

איך גיי צוריק פאַרלאַנגען פון מאַגאַזין־הויפּטמאַן די וואָפן און מונדירן פאַר מיינע סאָלדאַטן. אָבער די מאַגאַזינען זענען כמעט ליידיק—אַ פרעמדער אָפיציר האַלט די שליסלען אין דער האַנט: דער מאַגאַזין־הויפּטמאַן האָט נישט געהאַט וואָס צרויסצוגעבן און האָט זיך דערשאָסן באַלד נאָך מיין אַוועק־גיין. ער האָט זיך אַליין באַשטראָפט פאַר זיינע „נישט־גלאַטע" מעשים...

עס ווערט שפּעט. איך הייס אַוועקנעמען וואָפן און אוני־פאָרמען ביי אַנדערע סאָלדאַטן און פאַרטייל זיי צווישן די אויסגעקליבענע צוויי הונדערט.

—מיט וואָס זשע וועל איך בלייבן?—וואַגט זיך איינער פון די צוריקגעבליבענע.

—נאַר דו—טרייסט אים אַ צווייטער—זאָלן זיי זיך שלאָגן!.. וואָס אַרט עס דיך

די אויסגעקליבענע קוקן אַריבער מיט שטאָלץ און שמייכלען טרויריק:

—יאָ, יאָ, ברודערקע,—קריג!

זיי גלייבן נאָך קיינס נישט אין דעם וואָרט...

עס נעמט נישט אַ האַלבע שעה און מיינע באַוואָפנטע יינגלעך זיצן אויף די צוגעגרייטע צוואַנציק פורן, מיט די ביקסן אין די הענט.

—„מאַ—אַ—אַרש!”—צי איך לאַנג אויס דעם באַפעל און זעץ זיך אויף דעם לאַנגן וואָגן.

—מאַרש!—חזרט פּאָרגט איבער מיין עלטסטער אונטעראָפּיציר,—און שוין גאַלאָפּירט דער גאַנצער צוג באַפּאַקטע פורן צום גרענעץ־שטעטל ב.

מיר קומען היפּשלעך שפּעט. אין לופטן הענגט שוין יענע גראָע געלקייט, וואָס זאָגט אָן אַ טריבן אויפדערנאַכט. מיין באַטאַליאָנס־קאָמענדאַנט, מאַיאָר ק., נעמט מיך אויף נישט באַזונדערס העפלעך. מערקווירדיק: דאַכט זיך, איך ברענג אים „הילף”—, און ער איז נישט אינגאַנצן צופרידן:

—וווּ וועל איך זיי לייגן?

מען איז נאָך געוווינט צו שלאָפן אין אַ שטוב, אָדער כאָטש אין אַ סטאָדאָלע. די גרענעץ האָט מען באַזעצט מיט איינציקע סאָלדאַטן (אויף יעדן קילאָמעטער אַ „פּאַטרול”), ליגן די אַנדערע צוזאַמענגעדושעט אין יעדן לאָך. אָבער געבראַכט—פאַרפאַלן: מען ווייזט זיי אָן ערגעץ אַ קוואַרטיר—און די צוויי־הונדערט פרישצוגעקומענע סאָלדאַטן פאַרשווינדן.

דער מאַיאָר בעט מיך פאַרבלייבן אויף איבער נאַכט. אין אַ דערבייִקער קרעטשמע פראַוועט מיר אַ וועטשערע: עס ווערן אויסגעפּאַקט די בעסטע זאַכן, וויין פעלט אויך נישט. דער קאָמענדאַנט זיצט אויוון אָן, דערציילט וויצן, און צוואַנציק צעהיצטע אָפיצירס־פּנימער האַלטן אין איין קייען און קייכן פאַר געלעכטער. די נישט איבעריק גרויסע שטוב פולט זיך אָן מיט געל־בלאָען רויך פון ציגאַרן און פּאַפּיראָסן. די סאָלדאַטן, וואָס באַדינען, שוויצן—עס ווערט דושנע. מען דערלאַנגט ענדלעך

דעם טראַדיציאָנעלן „שוואַרצן". אייניקע אָפּיצירן דרימלען שוין, אַנדערע האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און הייבן ערשט אָן צו טרינקען, דער רעשט פאַרגנבעט זיך אַהיים. אויך דער מאַיאָר שטייט אויף און פאַרבעט מיך צו זיך שלאָפן.

אַ קליין הייזל (געהערט אוודאי צום „זשאָנדצע" אָדער „לעשניטשע" פון דאָרף), פון איין זייט צוויי שטיבלעך פאַרן קאָמענדאַנט מיטן אַדיוטאַנט, פון דער אַנדערער זייט עטלעכע שטיבלעך פאַר די דינער און אָרדאָנאַנסען. מען גיט מיר אָפּ אַ שטיבל אין דער צווייטער העלפט. איך מאַך זיך באַקוועם אויפן ווייסן געלעגער, און נור אַ דאַנק דעם, וואָס דער מאַיאָר איז אַ ביסל שיכורלעך און דער אַדיוטאַנט טויט-מיד פון דער גאַנצ-טאָגיקער אַרבעט, קאָן איך באַלד זיך לייגן שלאָפן.

דאַכט זיך, אַז מען שיסט? עטלעכע מאָל מאַך איך אויף די אויגן. עס גראָט שוין אין דרויסן. איך ווייס נישט ווי לאַנג איך האָב געדרימלט—דער אַדיוטאַנט פאַלט פּלוצים אַריין אין מיין שטיבל:

—דו הערסט?

—וואָס?

—מען שיסט, דאַכט זיך!

עס לויפט-אָן אַ פּאַטרול:

—ביי דער גרענעץ האָבן זיך באַוויזן קאָזאַקן. זיי שיסן און אונזערע שיסן צוריק!

דער אַדיוטאַנט וועקט אויף דעם מאַיאָר.

—די פערד זאָטלען!

עס ווערט אַ ווירוואַר, אַ יאָגעניש—די דינער נעמען פּאַקן די זאַכן.

—נאַראָנים—שמייכלט דער מאַיאָר—נעמט אייערע ביקסן און גייט צו אייערע אָפּטיילונגען. מיר וועלן זיי שוין פאַריאָגן ווי די הינט!

די אָפּטיילונגען מאַרשירן אַוועק אין שנעל-שריט—די צוויי-הונדערט סאָלדאַטן מיט זיי.

—צום ווידערזען!—זאָגט דער מאַיאָר און לאָזט זיך אַוועק

מיטן אַדיוטאַנט, מיטן דינער און דעם טראָמפּייטער — אַלע פיר אויף פערד.

איך בלייב איינער אַליין. עפּעס שטיי איך ווי פאַרשעמט: ווי הייסט „נישט גיין זיי העלפן"? אינסטינקטיוו לאָז איך זיך נאָך זיי, אָבער ווייטער ווי ביז צום שייער קום איך נישט: פון וואַלד אַרויס באַווייזט זיך אַ גרופּע רייטערס — אַרום דרייסיק קאָזאַקן! איך דערקען זיי אָן די לאַנגע פּיקעס. זיי יאָגן גלייך אויפן מאַיאָר מיט זיינע מענטשן. איך רוף צו הילף די לעצטע אָפּטיילונג, וועלכע איז פאַרשוונדן אין וואַלד, אָבער קיינער הערט מיך נישט מער. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאָרש איך יעדע באַוועגונג פון אונזערע פיר אומגליקלעכע רייטערס.

די קאָזאַקן פאַרלויפן זיי דעם וועג. דער טראָמפּייטער׳ דאַכט זיך, פאַרקערעוועט אויף לינקס. אַ קאָזאַק יאָגט אים נאָך — בײדע פאַרשווינדן. דער מאַיאָר האָט אויסגעשאָסן, — נאָך אים דער אדיוטאַנט. צוויי קאָזאַקן שטרעקן אויס די הענט און פאַלן פון די פערד. די איבעריקע האָבן זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן, אָבער באַלד גיבן זיי זיך ווידער אַ לאָז און רינגלען אַרום אונזער גרופּע. איך זע דורך די פעלד-גלעזער, ווי דער דינער פאַלט צוזאַמען מיטן פערד, — ער הייבט זיך אָבער אויף און, אַ הינקענדיקער, ראַטשקעוועט ער זיך אַוועק.

פון די קעמפנדיקע איז געוואָרן איין מיש-מאַש. עס בליצט אַ זעבל — ס׳איז דער אַדיוטאַנט. ער באַשיצט דעם מאַיאָר. עס דערטראָגט זיך איין שאָס נאָכן אַנדערן - עטלעכע קאָזאַקן וואַלגערן זיך שוין אויף דער ערד. פּלוצים טיילט זיך אָפּ דער מאַיאָר פון דער גאַנצער גרופּע און יאָגט אין דער ריכטונג אויף לינקס — צוויי קאָזאַקן נאָך אים. איינער דערגרייכט אים. דער מאַיאָר פאַלט הינטערוויילעכץ אויף אַראָפּ, און זיין פערד יאָגט ווייטער אין ווילדן גאַלאָפּ. דער קאָזאַק גיט נאָך אַ זעץ מיט דער פּיקע, און נעמט זיך לויפן מיט די איבעריקע, וועלכע יאָגן אַצינד צוריק צום וואַלד.

זיי פאַרשווינדן. אָבער דער אַדיוטאַנט?... איך זע אים

גישט מער. איך נעם אָן אַ היטל פול מיט וואַסער און לאָז זיך לויפן אין דער ריכטונג צום מאַיאָר.

פון ווייטנס יאָגט אָן אַ רייטער. אַן אונזעריקער. איך גיב אים צייכנס „צו מיר". ער בלייבט שטיין אַ פאַרשוויצטער: צום קאָמענדאַנט דאַרף ער.

—וואָס איז געיעס?

ער ברענגט אַ מעלדונג, אַז די קאָזאַקן זענען פאַרטריבן. איך נעם ביי אים זיין פעלד-פלאַש פול וואַסער, הייס אים שנעל לויפן נאָך אַ „סאַניטעט-פאַטרול" און אַליין אייל איך צום מאַיאָר.

ער לעבט! דאָס פנים געל, דאָס מויל פאַרקרומט אין שרעקלעכע שמערצן, ליגט ער אין האַלב-חלשות. איך גיס אים אַריין עטלעכע טראָפנס וואַסער.—ער עפנט קוים די אויגן. זיין דינער ראַטשקעוועט זיך צו, מיט אַן אויסגעוועכנעטן פוס. מיר בעטן אונטער אַ ביסל גראָז און לייגן דעם מאַיאָר באַקוועמער. ער קרעכצט יאָמערלעך: ער האָט באַקומען אַ שאָס אין די לונגען און אַ טיפע ווונד אין בויך פון דעם קאָזאַקס פיקע. עס קומט דערווייל אָן די סאַניטעט-פאַטרול. עטלעכע פאַרנעמען זיך מיטן מאַיאָר, און איך מיט דער צווייטער העלפט לאָזן זיך אַוועק זוכן דעם אַדיוטאַנט, לייטנאַנט ז.

מיר געפינען אים ביים ריטשקעלע, נישט ווייט פון וואַלד. פאַרוונדט, האָט ער מסתמא געוואָלט זוכן הילף ביים וואַסער. דער ליכטיקער, שיינער לייטנאַנט ז., דער בלאָנדער, הויכער, שטאַרקער יונג! איך האָב אים אַמאָל ביים עסן געזאָגט, אַז איך בין פאַרליבט אין זיינע ציין. ער האָט דעמאָלט קינדיש-זיס געלאַכט. איצט ליגט ער—איבער אַ טוץ ווונדן אויף זיין יונגן לייב. כמעט דורכגעלעכערט פון פיקעס... און ער לעבט נאָך! אַ פאַטרול פרוווט אים מונטערן. אָבער ער עפנט אפילו נישט די אויגן.

איך מוז צוריק: עס איז שוין באַלד האַלבער טאָג, און נאָך היינט מוז איך זיין צוריק ביי מיין קאָמפּאַניע. אַ בויערישער וואָגן פירט מיך מיט דעם זעלבן וועג, אויף וועלכן איך

האָב ערשט נעכטן געפּירט מיינע צווייהונדערט סאָלדאַטן. ווער ווייסט, וויפיל פון זיי עס פעלט שוין?...

אַ נידערגעשלאָגענער דערשלעפּ איך זיך צו מיין קאָמפּאַניע.

„אליארם".

דער בויער, ביי וועלכן איך וווין, לויפט מיר אַקעגן: ווי-דער האָבן „פרעמדע" ביי אים געפרעגט, וויפיל סאָלדאַטן מיר האָבן, וויפיל אָפיצירן, וויפיל ביקסן—און האָבן אים געסטראַשעט, אַז דערפאַר, וואָס ער „פאַרקויפט זיך" צו די „שוואַבן", שלאַכטיצן און יידן, וועלן זיי זיך „אָפּרעכענען מיט אים". עס איז קיין ספק נישט, אַז שפּיאָנען דרייען זיך אין דער געגנט—רוסלאַנד האָט אַרויסגעשיקט זיינע „מרגלים".

מיין האַלב-קאָמפּאַניע האָט זיך אויסגעבייט אַ „פעסטע היים" מיט ווייכע געלעגערס און באַקוועמע קיכן. די יידישע סאָלדאַטן שלאָפן בייזאַמען אין אַ שיין, קליין שטובל, וועלכעס די באַוווינער האָבן פאַרלאָזט באַלד ווי מיר זענען געקומען. איך קען שוין כמעט יעדן זעלנער ביים נאָמען, ווייס אַ יעדנס ווי און לייד, רעדן זיי אויס דאָס האַרץ פאַר מיר. די יידן דערציילן מיר שוין וועגן געשעפטן, וועגן קהל-זאַכן און רביים און שדוכים, און שבת באַפריי איך זיי פון „דינסט" און שפּרינג מיט זיי אפילו אַ „קדושה". דערפאַר זענען די גוים פריי אום זונטאָג.

דער יידישער בעל הגלה פ. האָט ביי מיר זיין טעגלעכן „געהאַלט": עס איז אים צו ווייניק די מיליטערישע פּאָרציע ברויט, גיב איך אים יעדן טאָג צוואַנציק העלער פון מיין אייגענער טאַש, ער זאָל זיך צוקויפן אַ ברייטל.

—נעכטן האָב איך פאַרגעסן—כאַפּ איך זיך—אָט האָט איר דערפאַר היינט פערציק העלער.

—היינט דאַרף איך אויך נישט מער ווי צוואָנציק—איז ער קינדיש באַליידיקט—נעכטן האָב איך סיי ווי געפּאַסט...

ווילע יונגלעך, האָב איך זיי ליב, און זיי זענען מיט מיר צופרידן.

ס׳איז שפּעט פאַרנאַכט. ביי דער „פריזבע" זיצט דער אַלטער גוי און דערציילט מעשיות פאַר עטלעכע סאָלדאַטן. אויף דער ערד זיצנדיק, האָבן זיי אים אַרומגערינגעלט ווי אַן אַלטן זיידן, אַראָפּגענומען די היטלען, צוזאַמענגעדריקט די קעפּ, און מיט דרך ארץ זיך צוגעהערט ווי נאַיווע קינדער. אַנדערע האָבן זיך אויסגעלייגט ביי די שפּייכלערס און אין גאָרטן—צו צוויי, דריי אין אַ גרופּע—און האָבן פאַרפירט „ווילטיקע" שמועסן. די זון צאַנקט און קוקט דורך די צווייגן מיט איר לעצטן שטראַל—די בלאָקייט שטאַרבט אָפּ, און אַ קילע פרישקייט דערהייבט זיך פון דער ערד צום הימל. פון די אָפענע שייערס און שאָפעס הערט זיך שוין דאָס טרוקענע הוסטן פון ערשט איינגעשלאָפענע, און פון ערגעץ אַ ווינקל אין סאָד דערטראָגט זיך אַ שטיל שעפּטשען מיט אַן איבערגעריסן, טעמפּ געלעכטערל: דעם באַלעבאָס טעכטערל מיט יונגע סאָלדאַטן...

טיף אין פאָרהויז האָבן סאָלדאַטן אָנגעהאַקט שפּענער און קאָכן קאַרטאָפליעס ביי אַ שוואַך פייערל. די יידישע סאָלדאַטן שיילן הייס-געקאָכטע אייער.

אין מיטן הויף האָט זיך ווידער אויסגעזעצט אַ רעדל מיט ערנסטע, פאַרקלערטע פנימער און זיך צעזונגען אין צוויי טרויעריקע, בענקענדיקע שטימען:

„געפלויגן איז אַ שוועלבעלע,
געזעצט זיך אויף אַ בוים,—
געקומען איז אַ קויל געפלויגן—
אוי! עס זשיפּעט קוים..."— —

דאָס שענסטע אוקראַינישע סאָלדאַטן-ליד! ווי האַרציק און ווייך...

לאַנג זיץ איך אַזוי, און עס איז שוין שטיל אין יעדן ווינקל, ווען איך גיי אַריין זיך לייגן. לעזן קאָן איך נישט, אַנטשלאָפן ווערן אויך נישט. פאַרלאָשן דאָס ליכט, קוק איך מיט

אָפענע אויגן אין דער געדיכטער פינסטערניש פון שטוב. פּלוציִם עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַריין אַ געבוקטע געשטאַלט. עס איז דער אַלטער באַלעבאָס. איך דערקען אים אָן די ווייסע, לאַנגע האָר. זיין דאַרער גוף איז כּמעט נאַקעט, נור אין העמד. ער קניט פאַרן גרויסן, שוואַרצן צלם, וואָס הענגט איבערן פענסטער, און פון זיין האַרץ רייסן זיך אַרויס טיפע, אָפּגעהאַקטע ווערטער: „...הער מייגער... ערשט בין איך געווען אַ „גאָספּאָדאַר״ פאַר זיך, געהאַט מיין שטוב און מיינע רינדער... זענען געקומען פּ ר ע מ ד ע... מיך אַרויסגעיאָגט... אַלץ צוגענומען... פאָטער אין הימל... האָב רחמנות... גיב מיר צוריק״...

אַ האָרן-סיגנאַל נעמט וועקן מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע טענער—„אַליאַרם״! שוין שטייט מיין דינער מיט די געפּאַקטע זאַכן. אויך מיינע סאָלדאַטן זענען באַלד „פאָרמירט״. אין „לויף-שריט״ יאָגן מיר צום „אַליאַרם-פּלאַץ״. נישט איין מאַן פאַרלירט זיין לעצט פאַרמעגן, נישט איינער בלייבט ליגן אין אַ גרוב—הייבט זיך אויף און לויפט ווייטער—דאָס וואָרט פון באַפעל טראָגט ווי אויף פליגלען און דאָס „אומבאַקאָנטע״ פאַרגרעסערט די מורא.

איך בין אפנים שנעל פאַרטיק געוואָרן, דען כאָטש מיין פּאָזיציע איז אַמווייטסטן, באַגעגן איך נאָך אַנדערע אָפּטיילונגען אויפן וועג. איך הייס איצט מיינע סאָלדאַטן גיין אין „שריט״—זאָלן זיי דערוויייל אויסרוען. זיי אָטעמען שנעל, אָנגעשטרענגט און טרעטן שווער מיט די מידע פיס.

—אַנו, יונגלעך, ווער קאָן בעסער לויפן?—מונטער איך זיי אויף, און מען נעמט ווידער לויפן, איך פאָרויס.

נישט ווייט באַמערק איך אַן אָפּטיילונג, וועלכע לויפט פונקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. זיכער אַ „צוג״, וועלכער האָט פאַרלוירן דעם וועג אין דער פינסטערניש.

—נישט אַהין—שריי איך זיי נאָך—דער אַליאַרם-פּלאַץ איז ווייטער אונטן!

זיי בלייבן שטיין. הינטער פינף סאָלדאַטן מיט בלאַנקע ביקסן שטייט דער קאָמענדאַנט, קאַדעט ל. נידריק און שטייף, מיט רויטע האָר און אַ בלאַס פנים, מיט דעם רעוואָלווער אין

אין האַנט און מיט דעם זעבל אין דער אַנדערער, קוקט ער אויס ווי אַ „בלאַמירט אומגליק". אין דער היים פֿלעג ער זיין אַ גאַנצער „קנאַקער": אָרגאַניזירט די פּוילן, געפּרעדיקט „מלחמה קעגן צאַר", און אַצינד—ער האָט אונז דערזען אָנקומען, איז ער זיכער געווען, אַז מיר זענען רוסן—און איז אַנטלאָפֿן מיט דער גאַנצער אָפּטיילונג.

—אַ שיינער אָנהויב—שמייכל איך און נעם אים שוין מיט זיך.

פּלוצים בלייבט ער ווידער שטיין:

—שיס!—שרייט ער צום צוגס-פֿירער, אָן וועלכן ער האָט זיך אָנגעכאַפּט.

—ווו? וואָס?—לויף איך צו.

—זעסט נישט? דאָרט?—ווייזט ער מיר אויף אַן אָפּגעזונדערטן בוים.

איך ציי אַרויס מיין זעבל און האַק אַריין אין בוים:

—אָט—זאָג איך—דערהרגעט דיין „רוס".

די סאָלדאַטן צעלאַכן זיך, און ערשט אַצינד גייען מיר בשלום צום אַליאַרם-פּלאַץ.

—„יידישע אָרדנונג"—איז ברוגז דער הויפּטמאַן, ווען ער דערזעט דעם צוג פֿון קאַדעט ל.

דאָס בלוט זעצט מיר אין פּנים פֿאַר אָט דער באַליידיקונג, אָבער איך שווייג און שטעל זיך אָן אַ זייט.

איבערן ברייטן פֿעלד דערנענטערט זיך אַ גרויסע באַוועגלעכע מאַסע.

—האַלט!—שרייט ערגעץ די וואַך, און באַלד לויפֿט אָן אַ סאָלדאַט:

—אַרטילעריע איז געקומען.

פֿריילעכע לויפֿן מיר אַקעגן: אונזערע קאַנאָנען זענען דאָ! אָבער דער אַרטילעריע-אָפֿיציר איז טרויעריק: „העכערע קאָמאַנדעס" האָבן אַוועקגענומען זיינע פֿערד, איז ער געבליבן אין דערביייקן דאָרף מיט זיינע 800 מאַן און 26 אַלטע קאַנאָנען. דערהערנדיק דעם „אַליאַרם", האָט ער גערעכנט, אַז עס איז אַן איבערפֿאַל פֿון שונא,—איז ער געקומען צו אונז זוכן באַשיצונג..

וועגן וואָס דער „אַליאַרם״ איז געווען, ווייסט נאָך קיי-נער נישט. מיר וואַרטן אַ גאַנצע נאַכט און ערשט אין דער פרי דערוויסן מיר זיך דעם „טעות״: מען האָט אין שטאָט אַליאַרמירט די גאַרניזאָן, אַוועקצומאַרשירן צו דער גרענעץ, האָבן די טראָמפּייטערס אין די ארומיקע דערפער דערהערט די סיגנאַלן און אויך געגומען „אַליאַרמירן״.

—„יידישע אָרדנונג״—לאַך איך מיין הויפּטמאַן אין פּנים אַריין.

ער פאַרשטייט מיין איראָניע און דרייט זיך אַוועק אַ פאַרביסענער.

אַ טייל מיט געלעכטערס, אנדערע מיט קללות אויף די ליפּן, צעגייען זיך די אָפּטיילונגען,—אַ יעדע אויף איר פּאָזיציע.

דער אַרויסמאַרש.

אונזער באַטאַליאָן דאַרף זיך זאַמלען אין די קאַזאַרמעס פון ז. איך פאָרמיר מיין דאָפּעלטע אָפּטיילונג און לאָז זיך אַראָפּ מיט דעם באַרגיקן וועג. אַן אַלטע גויע בעט מיך, מען זאָל מיטנעמען דעם קראַנקן זעלנער, וועלכער ליגט שוין זייט עטלעכע טעג ביי איר אין שייער. דער מיליטער-דאָקטאָר, וועלכער האָט צופעליק ביי מיר גענעכטיקט, גייט אים אָנקוקן— און הייסט אים באַשטראָפן פאַר „מאַרקעראַציע״: עס איז איי-נער פון יענע „סימולאַנטן״, וועלכע מאַכן זיך קראַנק, כדי נישט מיטצוגיין אין פעלד. אָבער איך לאָז פאָרט דעם סאָלדאַט אַרויפזעצן אויף אַ וואָגן, און מיר מאַרשירן ווייטער.

אויפן אַליאַרם-פּלאַץ „פּאַריאַדעווען״ שוין די בויערן ביי די פאַרגעסענע פעקלעך פון די אַוועקגעגאַנגענע אָפּטיילונגען. איך לאָז זאַמלען די זאַכן און גיב זיי איבער דעם „וואָיט״ צום באַהאַלטן. די היץ ברענט, פאַרטיילן באַרמהאַרציקע ווייבלעך און קינדער פריש וואַסער. איך דערזע צווישן זיי אַ בלאַס פּנים

מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן—די זעלבע, וועלכע האָט מיך דעם ערשטן טאָג אַזוי פריינטלעך אויפגענומען אין איר שטיבל.

—איר זייט נאָך דאָ?—פרעגט זי שטיל.

—וואָס דען מיינט איר: מען האָט מיך שוין דערשאָסן?—ווייצל איך זיך.

—ווי שיין, וואָס איר האָט מיך דערקענט—איז זי צופרידן.

איך לאָז אויסרוען מיינע סאָלדאַטן. זיי האָבן נאָך היינט אין מויל נישט געהאַט. ליגן זיי צעצויגן אין די זייטיקע גריבער, פאַרדעקן מיט די היטלען די אויגן פאַר דער ברענענדיקער זון און דרימלען.

—יידישע שווינדלער!—צעשרייט זיך אַ פרעמדער אָפיציר אויף דער יידענע, וועלכע איז געקומען זיך קלאָגן אויף זיינע סאָלדאַטן: מען האָט ביי איר צעכאַפּט אַ זעקל ברויט און נישט געוואָלט באַצאָלן.

דאָס ווייבל ווישט אָפּ די טרערן און גייט צוריק אין איר קלייטל. אומזיסט בעט איך זיך ביי איר, זי זאָל פאַרקויפן ברויט צו מיינע סאָלדאַטן—זי וויל נישט מער, ווייל „מען ראַבירט".

—האָט נישט מורא, מומע—זאָג איך אויף יידיש און באַצאָל איר פאָרויס—איך אַליין וועל אַכטונג געבן.

דאָס ווירקט: זי שטעלט אויף דאָס פאַרטוך, לייגט אָן פול ברויט און זעמל און גייט פאַרטיילן צווישן די סאָלדאַטן. דריי מאָל ליידיקט זי אויס איר פול פאַרטוך און פאַרדינט דערביי עטלעכע גראָשן.

—אַ לעבן אויף אייך!—ציטערט זי פאַר דאַנקבאַרקייט.

מיר לאָזן זיך ווייטער אין וועג אַריין, און ווידער שטייט דאָס בלאַסע מיידל נעבן מיר:

—מוזט איר שוין טאַקע אַוועקגיין?

—ליידער, פריילין—דריק איך איר צאַרט הענטל, און זי קוקט אונז נאָך לאַנג נאָך אויף דעם ברייטן, שטויביקן שטראָז.

אויפן גרויסן קאַזאַרמע־הויף טומלט זיך: ביי האַלבע און גאַנץ געפּאַקטע גויעשע פורן כראָמקען די איינגעשפּאַנטע פערד

זייערע קאָפּקעלעך הוי. די בעל עגלהס שמירן די רעדער מיט פעטן, שוואַרצן שמיר און פּרובירן די לייטערס פון די וואָגנס, אָנשרייענדיק אויף די אומרויִקע פערד. דערנאָך זעצן זיי זיך אויס אויף די קעלנעס, שניידן מיט דעם „קניפּעק" שמאָלע שטיקלעך קאָמיס־ברויט און טראָגן עס פּאַמעלעך, פּאַרטראַכט, צום מויל.

אין דער מיט הויף פּרוווט אויס דער ביקסן־מאַכער נייע מאַשין־געווערן. איין מאַשין־ביקס קאַפּריזעוועט זיך שטאַרק: וואָס מער אייל ער גיסט, אַלץ מער סקריפּעט זי און אויקעט. פּרוווט ער נאָכאַמאָל פון אָנהויב איין מאַשין נאָך דער אַנדערער, גלייך ער וואָלט וועלן ווייזן דער פאַרעקשנטער מאַשין: נאַ, זע, ווי מען אַרבעט! און ווידער נעמט ער זיך טאַקע צו איר.

ביי די מאַגאַזינען פּאַקט זיך דער מיליטערישער „טראַין". דאָס אויסגעטרוקנטע האָלץ פון די וואָגנס ברעכט זיך אונטער דער משא. די גראָבע, לאַקירטע קייטן רייסן ביים ערשטן ציִ פון די פערד. דאָס איינציקע, וואָס מאַכט אַן ערנסטן און נוצלעכן איינדרוק, זענען די אייזערנע אַמוניציע־וואָגנס.

פון דער „רייט־שולע" טראָגט זיך דאָס געזונטע הירזשען פון די קאַוואַלעריע־פערד, וועלכע לאַשטשען זיך צו די יונגע אולאַנער אין די בלאָלעך־גרינע, געפּאַסטע „אולאַנקעס" מיט די בלוט־רויטע הויזן. קופּערנע, בלישטשענדיקע רערן שטעלן אויף מיט שטאָלץ זייערע ברייטע מיילער, גלייך זיי וואָלטן הויקען אויף דעם בלאָען הימל: אונזערע קאַנאָנען. אויף זיי רוען מיט שוואַרצע, אָפּגעברענטע פּנימער די אַרטילעריסטן, אין ברוינע רעק און געל־שוואַרצע „טשאַקאָס" מיט האָר־בעזעמלעך. עס מאַכט דעם איינדרוק פון קראַפט!

ביים טויער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ האַלב שטעטל: יידן, ווייבער, קינדער — מען לאָזט נישט אַריין, וואַרטן זיי: אפשר וועט זיך באַווייזן אַ באַקאַנטער, אַ קרוב, וועט מען זיך נאָכאַמאָל זען, נאָך עפּעס „אונטעררוקן". דען זיי ווייסן „באַשטימט", אַז מיר מאַרשירן אַוועק. זיי ברענגען בכלל עפּעס מאָדנע נייעסן, וועלכע ווייזן זיך אַרויס אינגאַנצן אמת. די

יידן אין שטעטל ווייסן מער סודות ווי מיר.

זשאַנדאַרמען ברענגען עטלעכע פורן מיט יונגע בויערן—אויך די גוים היטן זיך שוין אויס פון מיליטער.

דער טראָמפּייט גיט אַ צייכן זיך צו פאַרזאַמלען. פון אַלע זייטן שטראָמען באַוואָפנטע סאָלדאַטן—דער גאַנצער באַטאַליאָן שטייט גרייט. איך שרייב נאָך שנעל עטלעכע טרייסט-ווערטער צו מיינע פריינט און צו די עלטערן—: זאָלן זיי נישט זיין באַזאָרגט, ווען איך וועל אַ לענגערע צייט נישט שרייבן, דען „אַלץ איז גוט, נאָר די פּאָסט איז שלעכט"... אָבער איך האָב שוין נישט קיין צייט אָוועקצולייגן די קאַרטלעך, דען שוין פירט מען אונז אַרויס אויף אַ פרייען פּלאַץ, ווו מיר דאַרפן „שווערן".

דער פּלאַץ איז געפּאַקט מיט מענטשן. דער קאָמענדאַנט ערלויבט נאָך צום לעצטן מאָל זיך געזעגענען,—פאַלן אַרויף מאַמעס אויף קינדער, שוועסטערס אויף ברידער,—גוטע פריינט האַלזן זיך און פאַרגיסן אַ וואַרעמע טרער—: „נור געזונט אַהיים קומען"...

„צום געבעט", האָט די מוזיק אויפגעשפילט, און די לאַנגע שורות סאָלדאַטן הייבן אָן זיך באַוועגן. די פּעקלעך אויף די פּלייצעס ווייזן גאָרנישט אויס אַזוי שווער, און דאָך איז יעדער טריט געבויגן. עפּעס ווירקט, און מען מוז בייגן דעם קאָפּ...

מען בלייבט שטיין: עפּעס האָט מען פאָרנט אויפגעהאַלטן. און יעדע שורה איז פאָרט נישט מער ווי אַ רעדל אין דעם לאַנגן צוג. אַן אַלטע גויע האָט זיך פאַרשפּעטיקט: זי באַפאַלט דעם זון מיט הייסע קושן, רוקט אים אונטער אַ שטיק ווייסן קעז—און ער, דער סאָלדאַט, ווערט צעגאָסן פאַר געוויין. מיט אַמאָל נעמען די סאָלדאַטן זיך אָפּרוקן אָן אַ זייט:

—די פאָן גייט, מאַמע!—גיט דער זון זיך א כאַפּ און שטעלט זיך „האַבט אַכט".

מען טראָגט פאַרביי די אין צעראַטע איינגעוויקלטע רעגימענט-פאָן, און אַלע קוקן נאָך מיט דרך ארץ, ווי מען וואָלט פאַרבייגעטראָגן דאָס „אַלערהייליקסטע".

מיר גייען ווייטער. די מוזיק שפּילט-אויף אַ מאַרש, און—מאַמעס, טאַטעס, שוועסטערס און ברידער לויפן נאָך,—זיי קאָנען נישט זאַט זיך אָנגעזעגענען. אָבער זאַפּאַסנע אָפיצירן, ווי איבערגעגעבענע פּאַכאָלקעס, טרייבן זיי אַוועק,—פאַלן פרויען אויף דער ערד, באַגיסנדיק די שטיינער מיט בלוטיקע טרערן, און אויף די פּנימער פון די מאַנסבילן באַווייזט זיך אַ שטילער כעס.—

די באַוווינער פון שטעטל קוקן אונז נאָך מיט טרויעריקע בליקן. ציילן זיי אפשר, וויפיל פון אונז וועט געמינערט ווערן?..
אין פאַרביי-מאַרש גיב איך איבער מיינע קאַרטלעך צו אַ יידן, וועלכער כאַפּט עס מיט ביידע הענט, כמעט דאַנקבאַר, וואָס איך פאַרטרוי אים אַזאַ וויכטיקע מיסיע. איך זע נאָך, ווי אַרום אים פאַרזאַמלען זיך נייגעריקע און נעמען לייענען די קאַרטלעך.

—מ.׳ס זון—טייטלען זיי אויף מיר.

ביים „סאָביעסקי-שלאָס״ בלייבן מיר שטיין. איז די געפאַר שוין אַזוי נאָנט? די נאַכט איז צוגעפאַלן, אַ קילע, אַ פאַרמרה-שחורהטע—עס ווינקען נור האַלב פאַרשלאָפענע שטערנדלעך. די מידע סאָלדאַטן שטרעקן זיך אויס, און אויך איך זעץ זיך אַוועק אַ פאַרטראַכטער אויף אַ ליימיק-פאַרטריקנט בערגל. די פאַק-וואָגנס, וועלכע זענען ביז איצט נאָכגעפאָרן, זוכן וואָס שנעלער צו פאַרכאַפּן אַ טרוקענעם פלאַץ און שטופּן זיך איינס איבער דאָס אַנדערע. איין פור, ווייזט אויס אַ פאַרשפּעטיקטע, יאָגט אָן אין גאַלאָפּ און—שופּ!—זי בלייבט הענגען מיט איר אַקס אין אַ ראָד פון אונזערס אַ וואָגן. אַ געשריי, אַ געפּילדער—די נאַרישע סאָלדאַטן נעמען אומזיסט זיך זידלען. וואָלטן זיי זיך אַריינגע-טראַכט אין די נשמות פון אָט די וועגענער, וואָלטן זיי אפשר דערגאַנגען, אַז אָט דאָס אָניאָגנדיקע ראָד איז אַן „ער״ און דאָס שטייענדיקע ראָד איז אַ „זי״—האָט דער „ער״ אין פאַרביילויפן אויסגעשטרעקט זיין האַנט, די אַקס, און שטיפעריש אַ טשעפּע געטון די „זי״ אין געגנט פון האַרץ—האָט די „זי״ זיך צע-שמייכלט און זיך אַ לאָז געטון מיט „אים״—און דערביי זיך

אַזוי פאַרהאַלוט און פאַרפלאָכטן, אַז עס איז שווער זיי אויסאַנאַנדערצורייסן— —

פיל מי האָט אָפּגעקאָסט, ביז מען האָט דעם אָנגעיאָגטן וואָגן צוריקגעצאָפּעט און פריי געמאַכט די צוויי ווילדע, טויטע חיות. אָבער דאָס ראָד „ער" האָט פאַרלוירן די רייף, און דעם שטייענדיקן ראָד האָט געפעלט אַ שפּראָס.

עס ווערט לאַנגווייליק, זוכט מען אָפּ די פעקלעך און מען נעמט קייען. עס דאַכט זיך: אָט פירט מען אַ סטאַדע רינדער ערגעץ וווּהין אויפן מאַרק, און דאָ גראָד איז דער „פּאָסטאָי"—מען מעלה גרהט. די „עס-קרענק" טראָגט זיך איבער אויך אויף מיר: אויך איך מאַך מיטן מויל, דאַכט זיך ווורשט אָדער צוויבאַק—עפּעס איז אַ נעבל פאַר די אויגן— —

—ווייטער מאַרשירן!—הער איך קאָמאַנדעווען. און מיר שטייען שוין אויף די פיס. סאָלדאַטן ווילן זיך צעזינגען, אַנדערע לאָזן נישט: עס איז געפערלעך. די קאָמענדאַנטן קוקן אומבאַהאָלפן און ווייסן אַליין נישט: לאָזן זינגען, אָדער נישט? דער פיינט איז, דאַכט זיך, נאָענט...

ווידער בלייבט מען שטיין. די סאָלדאַטן זענען אומצופרידן: קיין שום זאַך מוטשעט נישט אַזוי אין מאַרש ווי דאָס יעדעסמאָליקע שטיין בלייבן. אַ קאָמפּאַניע הינטער אונז האָט שוין פאַרלוירן די געדולד און מאַרשירט ווייטער אַליין. הינטער דעם פּאַק-וואָגן דערקען איך דעם דאָקטאָר וו.

—אַן אַדוואָקאַט אַ פּאַקן-טרעגער?—וווּנדער איך זיך
—עס דאַרף אַזוי זיין—ווינקט ער צו מיר.
ביים „טראַין" פילט ער זיך „זיכערער"...

אַלע אָפיצירן פאַרזאַמלען זיך דערווייל ביים באַטאַליאָנקאָמענדאַנט. ער איז בלאַס און קוקט ערגעץ אין דער ווייט. עס יאָגט אָן אַן אָרדאָנאַנס-אָפיציר מיט אַ מעלדונג—מיר האָבן נישט דערהערט וועגן וואָס. דער מאַיאָר טוט זיך אַ דריי און זאָגט קורץ, פישטשענדיק, הויך:

—גלייך ווייטער מאַרשירן. שנעל! געוואַלד-מאַרש קיין פּ.
מיר צעיאָגן זיך צו אונזערע אָפּטיילונגען:

—אויף! מאַרש!—און שוין הייבט זיך אונז באַדעקן אַ שווייס.

אויף דער פּאָזיציע.

שפּעט אין דער נאַכֿט שטייען מיר פּאַר אַ גרויסער, טונקעלער קרעטשמע. ווינט עמיצער אינעווייניק, אָדער איז זי פּוסט? דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט רופֿט די אָפֿיצירן צו זיך. ער איז ערנסט, נישט זיכֿער—זוכֿט אַ מאַפּע און קאָן נישט געפֿינען, מאַכֿט ער עס „אויף אויסנווייניק”

—דער פֿיינט איז אַריבער די גרענעץ ביי ב. דאָס שטעטל אוז. שטייט אין פֿלאַמען אייגענע אַרמיי גייט צוריק איבער אָ. אונזער אויפֿגאַבע: אויפֿצונעמען די אַרמיי אין דעם שונא זיך אַקעגנשטעלן. פֿיינטלעכֿע קרעפֿטן—אומבאַקאַנט.

די פּאָר ווערטער מאַכֿן אַ גוואַלדיקן רושם: מיר האָבן נישט געוווסט דעם אמת,—די באַפֿעלקערונג איז געווען גערעכֿט.

אונזער קאָמפּאַניע דאַרף באַזעצן די שטרעקע צווישן דעם וואַלד און דער באַן. מיר מאַרשירן אַוועק אין יענער ריכֿטונג.

די לבֿנה האָט דערווייל זיך אַפּגערוקט פֿון אונטער די כֿמאַרעס און באַלויכֿט איצט אַ ברייט, לאַנג פֿעלד, וועלכֿעס טונקט זיך אין נאַכֿט-טוי. לינקס פֿון אונז זילבערן זיך די רעלזן און ווי לאַנגע שלאַנגען פֿאַרלויפֿן זיי ערגעץ אין דער ווייטקייט. דערפֿאַר איז דער וואַלד רעכֿטס אַזוי שוואַרץ-געדיכֿט, טיף , אָן אַן ענד. מיין צוג דאַרף אַלס „רעכֿטער פֿליגל” זיכֿערן דעם וואַלד. פֿיר איך אים אין דער ריכטונג האַלברעכֿטס, כּדי וואָס שנעלער קומען אויפֿן פּלאַץ. מאַרשירנדיק, פֿיל איך, אַז איך מוז זיך „דורכֿשמועסן” מיט מיינע מענטשן; איז דאָך די סיטואַציע ערנסט, און איך וויל נישט זיי פֿירן ווי לעמער צו דער שחיטה. בפֿרט ווען די לעצטע טעג האָבן איבערגעצייגט, אַז אונזערע סאָלדאַטן זענען גאָרנישט אַזוי באַגיי-

סטערט פאַר דער מלחמה, ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט.

—מיר גייען אויף לעבן אָדער אויף טויט—פאַרענדיק איך מיין קורצע „דרשה"—ווער עס וועט פּרווון זיך ארויסדרייען פון קאַמף אָדער וועלן אַנטלויפן, ווערט דערשאָסן אויפן אָרט.

מיינע אייגענע ווערטער האָבן מיך איבערגעשראָקן—אַ שטילער ציטער לויפט דורך מיינע גלידער.

—צוג—שוואַרם-ליניע—! רעכטער פליגל ביים וואַלד!—קאָמאַנדעווע איך, און מיינע ווערטער קומען אַרויס עפּעס אַזוי געבראָכן,—מען הערט, דאַכט זיך, דאָס קלאַפּן פון מיינע ציין.

איך גיב אַ צייכן, און מיין צוג צעשפּרייט זיך לויפנדיק, אָפּגעטראָטן איין מאַן פון צווייטן,—גרייט צום קאַמף. דאָך באַלד, ווי אויף אַ געהיימען באַפעל, בלייבן זיי אַלע ליגן אויף די קני: די היטלען אַראָפּגענומען, צלמען זיי זיך,—און מיט געבוקטע קעפּ, קושנדיק די ערד, זען זיי אויס אין לבנה-שיין ווי אַ מחנה פרומע פּילגערער.

יעדער מאַן איז אויף זיין פּלאַץ. איך הייס באַזעצן דאָס קליינע בריקל, וואָס פירט איבערן טייכל, רעכטס פון אַ קליינער הייזער-גרופּע. אַלץ ווערט געטון שטיל, אָן ליאַרם,—און דאָך האָט אונזער גרייטן זיך אַרויסגעפּלאָשעט די באַוווינער פון די הייזלעך—ווי מייז פון די נאָרעס. אַן אַלטע גויע ברעכט די הענט.

—האָט נישט מורא, באָבעניו—באַרויק איר זי—גייט שלאָפן, מיר זענען געקומען אייך באַשיצן.

זי קוקט אַ פאַרצווייפלטע—און פאַרשווינדט.

מיין פּאָזיציע איז צו שוואַך: איך האָב צו ווייניק מענטשן. שיק איך אַ שליח, מען זאָל מיר ברענגען „פאַרשטאַרקונג", און אַליין גיי איך מיט פּאַטרולן באַטראַכטן די געגענט. פון אונטער אַ סטערטע היי שפּרינגט אַפיר אַ טונקעלע געשטאַלט מיט אַ בלישטשענדיקן באַיאָנעט—עס איז מיין געוועזענער חדר-קאָלעגע ש.

—אַ וווילע באַהעלטעניש—באַמערק איך איראָניש.

ער שמייכלט צעטומלט, און אַ טויט-שרעק קוקט פון זיין פנים.

—ווּעסט דאָ אַכטונג געבן, אנדערע זאָלן נישט אַנטלויפן— האָב איך אויף אים רחמנות און לאָז אים ליגן אויף זיין „גע-זיכערטן" פּלאַץ.

רויכערן איז פאַרבאָטן, און כאָטש דער שלאָף פּייניקט, האָבן די סאָלדאַטן מורא איינצודרימלען. איך באַרויק זיי און ערלויב זיי שעהנווייז שלאָפן „יעדן צווייטן". און באַלד טאַקע טראָגט זיך איבער דער גאַנצער „ליניע" אַ שווער כראָפּען מיט אַ פאַרהאַלטן שעפּטשען, און דאָס גיט צו דעם בילד אַ מערק-ווירדיקע באַדייטונג: אָט, דאַכט זיך, רוקט זיך אַפיר פון ערגעץ אַן אויסגעהונגערטע, בייזע חיה, וואָס וויל זיך וואַרפן אויף איר דערשפּירטן רויב,—גיון דאָ דערוויל, שטילערהייט, שמועסט מען זיך אָפּ, אָט די חיה צו באַפאַלן און איר אָפּשינדן די פעל...

אויך איך לייג זיך אין מיטן פון דער פּאָזיציע. איך פּרוּוו אפילו נישט איינדרימלען: עפּעס אַ געפיל פון „הייליקער שמירה" הייסט מיר אויף זיין די גאַנצע נאַכט. ליג איך מיט אָפענע אויגן אַקעגן דעם הויכן, ברייטן הימל און קוק פאַר-גאַפט צו די טאַנצנדיקע, וויצלענדיקע שטערנדלעך.

פאַרטאָג קומט אַ קאָדעט מיט אַ האַלבן „צוג": דאָס האָט מיר מיין קאָמפּאַניע-קאָמענדאַנט געשיקט „פאַרשטאַרקונג". שוין לאַנג האָב איך נישט מיטגעמאַכט אַזאַ געבוירן-ווערן פון דער זון—פון אירע ערשטע ווייען אין טונקל-גראָלעכן מאָרגן ביז צו איר גרויס-ווערן אין שטעכנדיקן רויט! דער גאַנצער מזרח האָט זיך צעפלאַמט, גלייך אָנווייזנדיק, אַז אָט פון יענער זייט קומט אָן דאָס בייזע פייער, וואָס קאָן פאַרצערן אַ וועלט מיט מענטשן,—א שרפה, וועלכע קיין ים מיט בלוט וועט שוין נישט קאָנען אויסלעשן... ווידער נעמען אַראָפּ די סאָלדאַטן די היט-לען, פאַלן אויף די קני, און צלמען זיך מיטן פנים צו דער אויפגעשטאַנענער זון. צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, זע איך פרומע גלויביקע „פנים אל פנים" מיט זייער גאָט.

די בויערן זענען אַרויס צו דער אַרבעט. נישט די אומבאַוווסטע געפאַר און נישט אונזער פּאָרזיכטיק האַלטן זיך שרעקט זיי. מיר מוזן מיט דער גאַנצער „ליניע" זיך צוריקציִען ביז צו די בערגלעך הינטער אונז — דער קאָמענדאַנט גלייבט, אַז דאָרט איז די „שטעלונג" אַ בעסערע. אָבער דאָס פעלד פאַר אונז איז אינגאַנצן פאַרוואַקסן, קאָן דער פיינט לייכט זיך פאַרגנבענען, און מיר זאָלן אפילו נישט זען צו שיסן אויף אים. קומט דער „אוקאַז", די בויערן זאָלן „אָפּרוימען" דאָס פעלד. די אָרימע מענטשן ברעכן די הענט:

—טאָמער אַ וואָך שפּעטער. עס איז דאָך אַ שאָד דעם שיינעם קאָרן...

און אַזוי ווי זיי איילן זיך נישט „אָפּצורוימען", שיקט מען אַרויס סאָלדאַטן—ווער מיט אַ קאָסע און ווער מיט אַ סערפּ—, און געפינט זיך צו ווייניק געצייג צום שניידן, פאַרענדיקט מען די פאַרניכטונג-אַרבעט מיט די פיס: די רויטע הרעטשקע און דער געלער קאָרן ווערן איינגעדאָפּטשעט—און דאָס גאַנצע פעלד זעט באַלד אויס ווי דער אָפּגעשוירענער קאָפּ פון אַן אַרעכטאַנט.

דער פראָנט איז געזיכערט. איצט דאַרף מען נאָך באַזעצן די זייטיקע בריק איבערן טייך. אַ געפערלעכער פּאָסטן. איך שיק אַהין פופצן מאַן, און מיין געוועזענער חדר־חבר מעלדט זיך פרייוויליק איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער זיי. איצט קלעטער איך אַרויף אויפן דאַך פון אַ בויערן-שטיבל און באַטראַכט די סביבה: יאָ, פון אָט דעם פּלאַץ קאָנען זיי אויפהאַלטן אַ גאַנצע פיינטלעכע קאָמפּאַניע. אָבער ווען אַ שטאַרקע איבערמאַכט רינגעלט זיי אַרום? זיי זענען דאַן פאַרלוירן-אַלע! און עס טוט מיר שוין באַנג, וואָס איך האָב אויף אַזאַ געפערלעכן פּלאַץ געשיקט מיין אייגענעם חבר.

די סאָלדאַטן אַרבעטן פלייסיק ביים „איינגראָבן" זיך: קיינער פון זיי ווייסט נאָך נישט אַפילו, וואָס פאַר אַ געטרייער פריינט עס איז די ערד, ווי האַרטנעקיק זי קאָן שיצן פאַר

דער שאַרפּער קויל און פּאַר שווערע גראַנאַטן—זיי גראָבן, ווייל „מען האָט געהייסן".

די זון האָט שוין דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, ווען מען לאָזט מיר וויסן, אַז די סאָלדאַטן קאָנען גיין עסן. איבער אַ מעת לעת האָבן זיי געפאַסט און האָבן אין דער גרויזאַמער דיסציפּלין נישט געוואַגט אפילו צו מאָנען—אָבער די צעפּיבער־טע אויגן האָבן געבעטן. די פעלד־קיכן האָבן נישט געקאָנט באַכפאָרן אין פרייען פעלד, און שטייען ווייט ערגעץ הינטער אַ פאָלוואַרק. זאַמל איך מיינע מענטשן און הייס זיי צוגרייטן דאָס עס־געשיר. אַן איראָנישער שמייכל גנבעט זיך אפיר פון זייערע וואָנטשעס, ווי איינער רעדט: ער האָט זיך קוים דער־מאָנט... איך מאַך זיך נישט זעענדיק און פיר זיי צו דער קיך.

ביים „הילף־פּלאַץ" שטייט דער אינזשינער וו. מיט אַ רויטן צלם אויפן אַרבל.

—וואָס טוסטו ביים „רויטן קרייץ"—לאַך איך—בויסט בריקן פאַר פאַרוווּנדעטע?

ער קוקט זיך אַרום דערשראָקן און בעט, איך זאָל שווייגן: ער האָט זיי אָפּגענאַרט און געזאָגט, אַז ער איז אַ פעלדשער...

מיר וואַרטן ביי דער קיך, און מיינע סאָלדאַטן שלינגען די סלינע. ענדלעך גיט מען אויך זיי. אַ ביסל זופּ און אַ שטיקל פלייש. ברויט איז „דערווייל" נישטאָ. זיי זעגען שטאַרק נישט צופרידן. אַ הויכער, ברייטער סאָלדאַט מיט אַ שטאַרק באַוואַקסן, ברוין פּנים שטעלט זיך דינגען: עס איז צו ווייניק.

—וואָס לאָזט זיך טון—וויל איך אים אויפקלערן—אַלע באַ־קומען גלייכע פּאָרציעס.

—און פאַר דעם זאָל איך זיך שלאָגן?—גיט ער אַ שטעל אַרויס אַ פּאָר אויגן, און דאָס ברוינע פּנים ווערט ביי אים כמעט שוואַרץ פון אויפרעגונג—צום טייוול!

און ער גיסט אויס זיין גאַנצע פּאָרציע אויף דער ערד.

—וואָס איז דאָס?!—בין איך אויסער זיך.

—עט!—מאַכט ער און לאָזט זיך גיין.

—אַהער קום! שריי איך צו אויף אים.
ער קומט צו.
—וואָס האָסטו געטון?
—פאַר אַזאַ עסן קאָן מען נישט „דינען”—קלויבט ער אויף דאָס פלייש פון דער ערד.
—זאָל איך לאָזן דיך דערשיסן דערפאַר?—וויל איך אַריין אין צאָרן, אָבער איך קאָן זיך נישט איינהאַלטן און צעלאַך זיך אים אין פנים אַריין.
אַ צופרידן געלעכטער צעגיסט זיך איבער אַלע סאָלדאַטן, און איך זע שוין, אַז מיין כעס איז פאַרשפּילט.
איך הייס אים געבן נאָך אַ שטיק פלייש, און ער שמייכלט צופרידן, דער גליקלעכער פלייש-עסער.
דאָס האָט זיך אין אים צעשמייכלט די הונגעריקע חיה.

אין פּיינטלעכן לאַנד.

דער וואַלד האָט געשראָקן: מיר זענען נאָך אַלץ נישט זיכער, צי וועלן די רוסן זיך נישט דורכגנבענען און אונז באַפאַלן פון הינטן־אַרום. מיין באַטאַליאָן־קאָמענדאַנט גיט מיר דערום דריי צוגן סאָלדאַטן, איך זאָל מיט זיי בלייבן אין וואַלד רעכטס, אַלס „באַשיצונג פאַר דער פלאַנקע און רעזערווע”. שטעל איך אויס פעלד-וואַכן אין אַ ברייטן דרייפערטל־ראָד ביז גאַנץ טיף אין וואַלד און שיק אַרויס פּאַטרולן אויף ווייטע שטרעקן, זיי זאָלן אויספאָרשן יעדן שטעג און צוגאַנג. דאָס איז אַ זייער געפערלעכער דינסט און איך קלויב דערום „פריי־ווילִיקע”. אַ נידריק, וויציק יידל מיט קליינע, כיטרע אייגעלעך אונטער די שיינע, שוואַרצע ברעמען, איז צו יעדער צייט גרייט צו גיין פרייוויליק. ער איז פון דער גרענעץ־שטאָט ב., ווו ער פלעג אַריבערפעקלען טאַבאַק, קען ער די געגנט און טויג זיך אויס צו „גנבהשע שטיק”. אין די ערשטע טעג פלעג ער זיין

דער קלאון פון באַטאַליאָן: זיך געשטעלט אויפן קאָפּ, געגאַנגען אויף די הענט, דערציילט מעשיות און וויצן, געקענט שערן און ראַזירן—איינגעזייפט אַ סאָלדאַט די מאָרדע, אָפּגעגאָלט אַ האַלב פּנים, און אים איבערגעלאָזט מיט דער צווייטער איינגע־זייפטער באַק—נאָר זייט ער האָט געהערט, אַז ב. שטייט אין פלאַמען, איז ער געוואָרן ערנסט און פאַרטראַכט. פון יעדן „פּאַטרול" ברענגט ער מיט פאַר די „הערן אָפיצירן" זויערע אוגערקעס, פרישע מילך, טאַבאַק, און וויל מען אים באַצאָלן פאַר דער סחורה, האָט ער תּמיד דעמזעלבן תּירוץ:

—די בויערטעס האָבן מיך מכבד געווען, זאָל איך דער־פאַר נעמען געלט?

מיר האָבן אים שטאַרק ליב באַקומען, און איך מאַך אים אפילו פאַר אַ „געפרייטער". ער איז איבערגליקלעך! אָבער דער הויפּטמאַן האָט עס נישט באַשטעטיקט, און דער אָרעמער „גע־פרייטער" האָט כּמעט מיט טרערן אין די אויגן געמוזט אָפּרייסן פון קאָלנער דעם שוין צוגענייטן „שטערן".

נישט דער איינציקער ייד איז ער געווען, וועמען עס האָבן געטראָפן ענלעכע בושות.

די סאָלדאַטן איז שוין נמאס געוואָרן דאָס אייביקע לעבן אין די גריבער. נעמט מען ווי די מערשקעס זיך צעקריכן אין דער סביבה: מען ברענגט מייערן, ריבן, מען קאָכט קאַר־טאָפליעס—די חיה מענטש האָט ווידער דערפילט דעם אינסטינקט פון צופאַסונג, און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ מין קאָמונע פון זאָרג-פרייען עסן, טרינקען, רויכערן און דערציילן מעשיות. ווי בידנע פאַרלאָזן זעט דערביי אויס דאָס איינציקע אָפענע גע־בעט-ביכל, וואָס אַ סאָלדאַט האָט מיט זיך מיטגעפירט.

די באַפעלקערונג אַרום טוט, דאַכט זיך, איר געוויינלעכע אַרבעט, נאָר ס׳קומען פאָר צו אָפטע שׂרפות: באַלד ברענט אָפּ אַ סטערטע היי, באַלד אַן אָקאָלאָט שטרוי, אַמאָל אויך אַ שפּייכלער. מיינע סאָלדאַטן לעשן, ראַטעווען, אָבער די פעלד־פאָליציי זוכט „סיבות" און געפינט: דאָס האָבן די בויערן גע־געבן צייכנס צום שונא: פינף קי אויף דער כאָשע באַטייטן פינף

אונזערע קאָמפּאַניעס,—דער ווייסער אָדער שוואַרצער רויך זאָגט אָן, אַז ביי אונז געפינט זיך אינפאַנטעריע אָדער קאַוואַלעריע א. אַז וו. מען אַרעסטירט די בויערן, און דריי פון זיי ווערן פאַרמשפט פון פעלד־געריכט צום דערשיסן.

—איך בין אומשולדיק-בעט זיך איינער נאָך דעם צווייטן שאָס, וועלכער איז געווען שלעכט געצילט,—אָבער אַ דריטער שאָס מאַכט אים שוין גאַנץ שטום.

איז ער אומשולדיק? ווער קאָן דערגיין דעם אמת? קיין צייט נישט געווען צו פאַרטיידיקן זיך—זשאַנדאַרמען האָבן אי־בערגענומען דעם „בית דין"...

אין וואַלד איז שוין גוט טונקל און דער גרעסטער טייל פון מיינע סאָלדאַטן שלאָפן שוין אין די האַלב-געלע בלעטער. איך זעץ זיך אויף אַ פּניאַק און פאַרצער מיט קאַרגשאַפט אַ שטיק טשאָקאָלאַדע, וואָס איך געפין נאָך אין קעשענע. עס וויל זיך שטאַרק רויכערן, אָבער מען טאָר נישט. דער הימל פאַר־כמאַרעט זיך, און באַלד לאָזט זיך אַ שטאַרקער רעגן. עס ווערט קיל. געצעלטן אויפשטעלן איז נישט ערלויבט, טראָגן צוזאַמען מיינע גוטע סאָלדאַטן אַ גאַנצע סטערטע היי און בעטן מיר אויס פון אַלע זייטן. איך ליג אין היי ביז איבערן האַלז. די נאַסע קליידער הייבן אָן טריקענען אויף אייגענעם לייב—עס נעמט מיך פרירן, און דאָך ווער איך אַנדרימלט.

מען וועקט מיך: איך מוז תיכף גיין צום הויפטמאַן. אַלץ אַרום שלאָפט, מיין דינער אויך. איך הער נור אַוועקגיין און קומען פאַטרולן—דער דינסט גייט אָן רעגעלמעסיק. איך דאַרף מיטנעמען אַ באַגלייטונג פון עטלעכע סאָלדאַטן, אָבער וויפיל מאָל איך שטרעק אויס די האַנט עמיצן אויפצוּוועקן, באַקום איך רחמנות אויף דעם אויסגעמוטשעטן גוף—און לאָז צו רו. גיי איך איינער אַליין.

איך בין שטאַרק פאַרזיכטיק,—און דאָך פאַל איך. דאַכט זיך איבער אַ מענטשלעכן קערפּער.

—ווער דאָרט?—פרעג איך אַ ביסל דערשראָקן.

—איך, אַ פּאַטרול—ענטפערט מען מיט ציטערניש.

—אונזערער?—כאַפּ איך אינסטינקטיוו דעם רעוואָלווער.

—יאָ, פּאַנעבקו, אַן אונזערער—און ער רופט אָן דעם נאָמען פון רעגימענט.

ער האָט זיך פאַרלוירן פון דער אייגענער פּאַטרול, און ווייסט נישט אין דער פינסטער, וווּ־אַהין צו גיין. איך נעם אים מיט זיך.

מיר גייען פאַרביי עטלעכע פּאָזיציעס. די סאָלדאַטן ליגן איינגעוויקלט אין קנוילן און שלאָפן, נור די וואַכן באַטראַכטן אונז מיט חשד.

מיר זענען ביים ציל. דאָ וואַרט שוין אויף מיר דער רעגימענט־אַדיוטאַנט:

—רוילער אויס דעם לעצטן פּאַפּיראָס—זאָגט ער—און מיר וועלן באַלד גיין. עס וואַרט אויף דיר אַ ווילטיקע מיסיע.

—מיר דאַכט, אַן עראָפּלאַן!—דערשרעקט זיך איינער פון די אָפיצירן.

—ווו?—טוט אַ שפּרונג אַרויס אונזער קאָמפּאַניע־קאָמענדאַנט פון זיין ווייכן געלעגער און האלט דעם געלאָדענעם רעוואָל־ווער אויסגעשטרעקט גלייך אַקעגן דעם שוואַרצן הימל.

מיר צעלאַכן זיך פון זיין נאַיוון באַרמעסטן זיך מיטן רעוואָלווער. אַ פאַרשעמטער, לאַכט ער מיט און פאַררויכערט אויך אַ פּאַפּיראָס. דאָס רייצט אַפּנים דעם אַפּעטיט פון די נישט שלאָפנדיקע סאָלדאַטן,—נעמט איינער פון זיי רויכערן, כאָטש מען האָט זיי דאָס פאַרבאָטן.

דער הויפּטמאַן, וועמעס אויג איז געוווינט דורך זיין גאַנץ לעבן צו קוקן אויף געפּוצטע קאַזיאָנע קנעפּ, דערזעט עס באַלד:

—שוויין!—וואַרפט ער זיך אויפן סאָלדאַט און נעמט אים פּאַטשן—ווייסט נישט, אַז עס איז פאַרבאָטן צו רויכערן?

איך שעם זיך שוין צו האַלטן ווייטער מיין פּאַפּיראָס אין מויל, פאַרלעש איך אים און לאָז זיך אין וועג אַריין מיטן אַדיוטאַנט.

עס איז פינסטער, און מיר מוזן זיך פאַרלאָזן אויף די

געניטע אויגן פון דעם פערד, אויף וועלכן דער אַדיוטאַנט איז געקומען צו רייטן. גיי איך נאָענט ביי אים, פיל כמעט זיינע שפּאָרן, און הער זיך איין, וואָס ער דערציילט מיר וועגן דער „וויכטיקער מיסיע": פאַרטאָג גייט אַריבער די גרענעץ איינע פון אונזערע קאָמפּאַניעס, מוז איך מיטגיין אַלס קענער פון סלאַווישע שפּראַכן. איך ווער שטאַרק פאַרינטערעסירט. מיטאַמאָ, בלייבט דאָס פערד שטיין—עס וויל נישט גיין ווייטער.

—אַ גרוב אוודאי—מאַכט דער אַדיוטאַנט און גיט אַ קיצל דאָס פערד מיט די שפּאָרן.

דאָס פערד שפּרינגט אַריבער, בלייבט אָבער מיט די הינטערשטע פיס אין גרוב,—און ביידע, דער רייטער מיטן פערד, בלייבן ליגן.

—דאָ ליגט דאָך עמיצער—איז דער אָבערלייטנאַנט אַ ביסל דערשראָקן.

ער כאַפּט אַרויס דאָס עלעקטרישע לעמפּל און לייכט דעם ליגנדיקן אין פּנים אַריין—עס איז זיין אייגענער דינער, מיט אַ שאָס פונקט אין מיטן שטערן.

ווי אַזוי, פון וואַנען, פון וועמען?—אפשר פון אַ „פּאַרבלאָנדזשעטער" קויל?—עס בלייבט אַ סוד פון דער נאַכט.

מיר דעקן אים צו מיט זיין אייגענעם מאַנטל—דער אָבערלייטנאַנט לייגט אים נאָך אַ ביסל היי אונטערן קאָפּ, און מיר גייען ווייטער אין טרויעריקע געדאַנקען.—

פאַרטאָג איז די קאָמפּאַניע אַריבער די גרענעץ. אָן אַ שום ווידערשטאַנד, גלייך אַלע רוסישע גרענעץ־סאָלדאַטן וואָלטן אויסגעשטאָרבן. עס גייען מיט אַ סך נייגעריקע, דערהויפּט סטודענטן—מען דערלעבט זיך אַ „נקמה אָן צאַר"!

די גוים אויף דער „אַנדערער זייט" זענען ווי ראָזמושעט: נישט פיינטלעך, דאַכט זיך, אָבער אויך נישט איבעריק פריינטלעך. עס יאווועט זיך אַ פּערצען, פופצן־יעריק שייגעצל, אַ „מאַלאָרוס", וועלכער איז גרייט אַלץ צו טון: דער לאַנגער, שטויביקער וועג האָט אַ ביסל אָפּגעמוטשעט, מען לעכצט נאָך אַ טרונק, לויפט דער שייגעץ מיט צוויי קאַנען וואַסער, פאַר-

שווינדט אַ ווײַלע, און קומט ווידער מיט וואַסער־ער וועדט אַלעמענס ליבלינג.

מיר מאַהשידן אַרײַן קיין ר. די באַפֿעלקערונג איז אַ ביסל צעשראָקן. אונזערע סאָלדאַטן „נאַקיווען" מיט די ביקסן, „שרעקן", אָבער זיי שמייכלען פֿרידלעך. עס ווערן אויסגעשטעלט וואַכן אויפֿן צווייטן זוים פֿון דערפֿל. די איבעריקע מאַכן זיך קוואַרטירן און צעלייגן זיך באַקוועם. אַ פּאַטרול גייט אין צערקווע און שטעקט אַרויס אויפֿן טורם אַן עסטרײַכיש פֿענדל.

דער פּאָפּ ציטערט.

—דעם אַכצענטן אויגוסט מוזטו מאַכן אין צערקווע אַ „מאָליעבין" און בעטן פֿאַרן עסטרײַכישן קייזערס לעבן!—זאָגט אים אָן דער הויפּטמאַן.

דער פּאָפּ זאָגט צו און בוקט זיך צען מאָל צו דער ערד—אַזש אַ רחמנות אויף גאָטס דינער.

אונזער „זיג" זעט אויס צו זײַן אַ זיכערער,—די סאָלדאַטן פֿילן ממש: עס איז סוף פֿון מלחמה! נאָר פּלוצים יאָגט ווידער אָן דער אַדיוטאַנט:

—עס זענען געמאָלדן שטאַרקע פֿײַנטלעכע אָפּטיילונגען—מיר מוזן צוריק.

די קאָמפּאַניע באַקומט דעם באַפֿעל תּיכּף זיך צוריקצוציען, און איך מיטן אָבערלייטנאַנט ג. און אַ קאַוואַלעריע־פּאַטרול מוזן נאָך רײַטן אין צווייטן דאָרף „אויספֿאָרשן די לאַגע". מען גיט מיר דאָס פֿערד פֿון אַ קראַנקן קאַוואַלעריסט, און מיר רײַטן אַוועק.

אַרומגעקוקט זיך, סקיצירט דאָס בויטיקע, פֿאַרנעמען מיר זיך אויף צוריק. דאָס דאָרף קוקט אויס פֿאַרדעכטיק, רײַט מען אויף בײַדע זײַטן שטראָז מיט געצויגענע זעבל. פֿון ערגעץ ווו דערהערט זיך אַ שאָס. די פֿערד יאָגן אינסטינקטיוו צוריק,—מיר בלײַבן שטיין: עס איז זיכער, אַז פֿון די הײַזלעך ערוואַרט אונז נישט קיין גוטס. מען מוז אָבער פֿאָרט דורכרײַטן דאָס דאָרף. דערווײַל איז שטיל. דער אָבערלייטנאַנט הייסט צוגרייטן די „קאַראַבינערס" און שיסן אויף יעדן הויז, פֿון וועלכן עס

וועט זיך הערן אַ שאָס. מיר רייסן שוין פּאָרזיכטיקער.

„דזייי״—פּליט פּלוצים אַ קויל פון אַ בוידעם. קיינער איז נישט געטראָפן, אָבער תּיכּף דרייען זיך אויס די קאַוואַלעריסטן מיטן פּנים צום הייזל—און לעבערן עס דורך מיט די קורצע, דיקע קוילן פון זייערע קאַראַבינען. קיינער ענטפערט נישט. אָבער אויך מיר וואַרטן נישט אויף קיין „תּשובֿה״, נאָר גיבן זי׳ך אַ לאָז איבערן דאָרף אין שנעלסטן גאַלאָפּ.

בשלום אַריבער. אָבער פון אונזער פּאָזיציע איז מער קיין זכר נישטאָ: זיי האָבן זיך אַוודאי אויף שנעל צוריקגעצויגן און ערגעץ ווו אויפדאָסניי זיך אויפגעשטעלט. גאָר לאַנג בלאָנזשע איך, ביז איך געפין זיי ווידער.

ביי דער רעזערווע.

אַנדערע רעגימענטן האָבן פאַרנומען די פּאָזיציע—מיר האָבן דאָס מאָל געזאָלט אויסרוען. נאָך אַ פיר—פינף שעה מאַרשירן מאַכן מיר אַ לאַגער אויף דער גרינער, ווייכער לאָנקע—מיר בלייבן אין דער רעזערווע. דער טאָג איז שיין, זוניק, דער קילער אָטעם פון גראָז קוויקט ווי פרישע וואַסער אין אַ הייסן זומערטאָג, און כאָטש מען גיט באַלד אַ צייכן זיך צו פאַרזאַמלען, איז דאָס האַרץ גרינג: מען ווייסט, אַז היינט איז דעם קייזערס געבורטסטאָג, גרייט מען זיך נישט צו אַ קאַמף, נאָר צו אַ פּאַראַדע.

עס קומט דער קאָמענדאַנט—און עס הייבט זיך אָן איינע פון יענע באַרימטע מיליטערישע פּאַראַדע-רעדעס מיט „אונזער גלאָררייכער מאָנאַרך—דער פיינט, דער הונט,—מיר וועלן זיגן״ און נאָך און נאָך. די רעדע איז אויף דייטש, מיינע אָרעמע פּאָליאַקן און אוקראַינער פאַרשטייען נישט איין וואָרט, אָבער זיי פאַרענדיקן גלייך ווי אַלע מיט דריי מאָל „הוראַ״—און זע-

נען צופרידן, ווען מען לאָזט זיי ווידער זיך אויסשטרעקן אויף דער גרינער ערד.

דער געטומל פון דער נישט ווייטער שלאַכט קומט יע־דעסמאָל נענטער: צוערשט הערן זיך נאָר אָפּגעהאַקטע, הייזערי־קע קנאַלן, גלייך ערגעץ ווייט, ווייט וואָלט מען צוגעמאַכט גרויסע, געוואַלטיקע קאַסטנס. אָבער דאָס קנאַלן און קנאַקן ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער, און דערגרייכט נאָך עטלעכע שעה צו אַ געקלאַפּערײ, וואָס איז ענלעך צום רופן פון אַ בוזשאַק. צומאָל ווערט דאָס קלאַפּן אַזוי שנעל, גלייך אַ קונדס וואָלט פאַרבייגעפלויגן מיט זיין שטעקן ביי טרוקענע, הילצערנע שטאַכייטן—דאָס זענען די מאַשין־געווערן. און באַלד דערהערט זיך טאַקע דאָס בפירושע קנאַקן פון ביקסן. ווייזט אויס, אַז אונזער אַרמיי איז פאַרטריבן פון דער ערשטער פּאָזיציע און ציט זיך קעמפנדיק צוריק. דאָס בולטע זעצן פון קאַנאָנען זאָגט אָן, אַז דער שונא קומט אַלץ נענטער מיט זיין אַרטילעריע.

עס באַווייזן זיך די ערשטע פאַרוואונדעטע. די פעלד־באַן שטייט שוין אונטער דעם פייער פון דער פיינטלעכער אַרטי־לעריע, דער סאַניטעט־דינסט איז נאָך אומבאַהאָלפן און קיין סאַניטעט־וואָגנס זעט מען נישט,—שלעפּן זיי זיך צו פוס, די צעבלוטיקטע, פאַרבלאָטיקטע ברואים מיט פינסטערע, אויסגעלאָ־שענע אויגן, מיט צעקאַליעטשעטע הענט און קעפּ. לייכטע פוס־פאַרוואונדעטע הינקען אונטער, אָנגעשפּאַרט אויף זייערע חברים. אפשר אַ דרייסיק־יאָריקער, ווילד באַוואַקסן, שטיצט זיך אויף אַ לאַנגער, דיקער צווייג. ער האָט אַ וווּנד אין רעכטן פוס און אויפן אויער. באַגאָסן מיט שווייס, פאַלט ער אַנידער זיך אָפּ־רוען.

—עס טוט אַ ביסל וויי?—פרעג איך, גלאַט אַבי צו רעדן, און לאָז אים דערלאַנגען אַ שטיק צוויבאַק מיט אַ פלעשל וואַסער.

—אוי טוט וויי, וויי, פאַנענקו—רעדט ער קוים אַרויס פאַר מידקייט.

—און ווי גייט עס פאָרנט?

—אוי, שלעכט, פאַנענקו, שלעכט.

—אַ סך געפאַלן?

—אין די הונדערטער, פאַנעגקו.

איך האַלט עס פאַר אַ ביסל איבערגעטריבן.

—דער פוס וועט זיך אויסהיילן—טרייסט איך אים—גייט נור באַלד צום דאָקטאָר.

—איר מיינט, פאַנעגקו, אַז יאָ? אַ דאַנק, זייט געזונט—הייבט ער זיך אויף מיט אַ זיפץ, און שלעפּט זיך ווייטער אויף זיין צווייג.

ער גייט מיט בּיטחון צום דאָקטאָר— — —

אַ האַלב נאַקעטע גויע טראָגט אויף די הענט צוויי קינדער, ביידע פאַרוואונדעט אין די פיסלעך.

—מען האָט געזאָגט, אַז ביי אייך איז דאָ אַ דאָקטאָר—וויינט זי.

—זיי האָבן זיך צעדראַפּעט, די קינדערלעך?—וויצלען זיך די סאָלדאַטן.

—ווי צעדראַפּעט—קלאָגט די גויע—זיי זענען געזעסן אין שטוב, קיינעם נישט געטשעפּעט, זענען פּלוצים דורכן פענסטער אַריין קוילן, און אָט וואָס פאַר אַן אומגליק!

איך לאָז זי פירן צום דאָקטאָר.

נישט ווייט פון אונז האָט אַ פּיאָנער-אָפּטיילונג געגומען בויען שאַנצן: לאַנגע, טיפע גריבער, געדעקט מיט באַלקנס און ערד. „שוסטערס"—פלעג מען אין פרידן חוזק מאַכן פון זיי—היינט זענען זיי די געטרייסטע באַשיצער.

אַ לאַנגע קאָלאָנע מאַרשירט אַרויס פון וואַלד און פאַרטיילט זיך אין די שיס-גריבער. אַלס „צווייטע פּאָזיציע". עס איז א באַטאַליאָן „לאַנדשטורם". אַלטע, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, גייט ביי זיי אַלץ ווי אויפן שניר—זענען זיי שטאָלץ, די פערציק-יאָריקע, ווען מיר באַוואונדערן זייער „אַרבעט". פּלוצים ווערט אַ באַוועגונג אין לאַגער. די סאָלדאַטן לויפן צום שטראז און באַקיווען מיט די קולאַקעס: עסקאָרטן פירן אַ הויפן פון איבער הונדערט פאַרשוין,—עלטערע און יונגערע בויערן, בויערטעס,

דאָרפס-מיידלעך, פּאַראָבקעס, עטלעכע אויך אין שטאָטישע קליי-
דער, צווישן זיי אַ גלח.

—„מאָסקאַלאָפּילן״—ערקלערט דער קאַדעט, וועלכער פירט איבער זיי די קאָמאַנדע:—זיי האָבן געטראָגן געהיימע ידיעות צו די רוסן, געגעבן צייכנס, באַהאַלטן כלי-זין—דעם גלח האָט מען געכאַפּט ביי אַ געהיימען טעלעפאָן. אַזוי דערציילט מען. מערקווירדיק: וויפיל פרויען צווישן זיי! און אויך דאָס שייגעצל, וועלכעס האָט אַזוי פלייסיק געטראָגן וואַסער ביי ר. מיט דעם וואַסער-ברענגען, הייסט עס, פלעג ער פאַראַטן. אין דער מיט שלעפּט זיך אַן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער יוד, באַוואַקסן ווי אַ ווילדער. וויפיל איך פרעג אים נישט אויס, און ער גלאָצט אַלץ מיט די נערוועזע, צעטומלטע אויגן: „איציק״—אַזוי הייסט ער און מער ווייסט ער נישט. אַ משוגענער—און אויך אַ „פאַ-רעטער״...

אונזערע סאָלדאַטן לאָזן זיך צו, ווילן זיי שלאָגן—מיר צע-טרייבן זיי. אָבער איינער רייסט זיך דורך, לויפט אונטער צום גלח—און שפּייט אים אין פּנים. דער גלח ווערט בלאַס, טוט אַ לייכטן ציטער, און ווישט זיך אָפּ. די אָפיצירן צעלאַכן זיך—איך גיי אַ פאַרשעמטער אָן אַ זייט.

דער פעלדוועבל זאָגט אָן, אַז דאָס עסן פאַר די אָפיצירן איז פאַרטיק. לאָזט מען איבער די „מאָסקאַלאָפּילן״, מען זעצט זיך אויס אין אַ ראָד און מען נעמט זיך צום עסן. עס יאָגט זיך אויך עטלעכע פלעשער וויין: די גאַנצע צייט איז קיין טראָפּן וויין נישט געווען. אָבער אַצינד, לכבוד דעם קייזער—גיסט מען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז. און מען פאַרגעסט באַלד אָן דעם גלח און אָן די „פאַרעטער״, אָן די אַרעסטירטע מיידלעך און אפילו אָן די גנבות פון אונזער אייגענעם פעלדוועבל—מען עסט און טרינקט ביי דעם אומאויפהערלעכן געטומל פון דער גאָר נישט ווייטער שלאַכט.

פייער־איבערפאַל.

אונזערע צוויי באַטאַליאָנען שטייען גרייט צום מאַרש. די אָפיצירן פאַרזאַמלען זיך ביי דער גרויסער פאַבריק אין מ.. אויסצוהערן די באַפעלן. דאָ איז איינקוואַרטירט דער בריגאַדע-שטאַב. די פענסטער זענען העל באַלויכטן. דאָס געקלאַנג פון גלעזער און לידער טראָגן זיך אַרויס אויף דער האַלב שטילער גאַס,—זיי האַלטן גראָד ביי אַ סעודה. דער גענעראַל פילט זיך אפנים גוט—מוזן מיר וואַרטן. אַ קאַוואַלעריע-אָפיציר ברענגט אַ מעלדונג, און באַלד דערויף קומט אַרויס דער גענעראַל:

—באַטאַליאָנען גייען קעגן אָ. דער וועג איז פריי פון פיינט. פון דאָרט „אָנגריף" קעגן דער גרענעץ: שוואַכע פיינט-לעכע קרעפטן צוריקטרייבן, שטאַרקערע אָפטיילונגען אַזוי לאַנג אויפהאַלטן, ביז אונזערע דריי רעגימענטער קאַוואַלעריע וועלן אָנקומען. די אַרטילעריע וואַרט דאָ אויף מיין פערזענלעכן באַפעל.

אָפגעזאָגט זיינס, גייט דער גענעראַל ווידער אַריין. אונזער הויפטמאַן נעמט דעם קאַוואַלעריע-אָפיציר אָן אַ זייט און פרעגט נאָכאַמאָל:

—איז באמת נישטאָ קיין פיינט ביז אָ.?

—אפילו קיין עק פון אַ פערד וועסטו דאָרט נישט טרעפן.

—קאָן מען זיכער אַהין מאַרשירן?

—אפילו שלאָפנדיקערהייט אַריינפאָרן.

מיר מאַרשירן אַוועק. גלאָצנדיקע קאַנאָנען שטייען אָן אַ זייט ווי פאַרשעמט. אָבער—מן הסתם ווייסט דער גענעראַל, צו וואָס ער דאַרף זיי.

דורכגעבלאָנזשעט די נאַכט, זענען מיר אין דער פרי אויפן שטראָז, וואָס פירט גלייך קיין אָ. די מידע סאָלדאַטן ווייסן, אַז אין אָ. וועט מען רוען און באַקומען עסן, גייען זיי שנעל און מיט לוסט, ס'איז מער נישט ווייט. פלוצים צערייסט אַ קראַך דעם הימל! דאָס מוז זיין אונזער אַרטילעריע, וועלכע

הייבט אָן ערגעץ די אַטאַקע. אויפן הימל באַווייזן זיך ווייסע וואָלקנדלעך—, עס ווערט פאַרדעכטיק—און שוין זעצט אַריין אַ גראַנאַט פּונקט אין דער ערשטער דאָפּל-רייע. צוויי זענען טויט, צוויי פאַרוואונדט. מיר גלויבן אַלץ, אַז דאָס איז אונזער אייגענע אַרטילעריע, וועלכע האָט זיך נור שלעכט איינגעשאָסן. אויך דאָס קומט פאָר. נאָר מיטאַמאָל נעמט רעגענען מיט בלייִעטלעכע פאַרוווּנדעטע בלייבן ליגן, געטראָפן פון שראַפּנעלן. מען טרייבט די סאָלדאַטן ווייטער. אָבער די קאַנאָנען נעמען קראַכן פון דריי זייטן! מען קאָן זיי כמעט ציילן—זיכער דרייסיק שטיק! אונזערע רייען צעפאַלן זיך. אומזיסט פּרוּוון מיר אויפהאַלטן די סאָלדאַטן: די פערד ווערן ווילד און שטעלן זיך סטופּאָם—די אָפיצירן פאַרלירן די קעפּ. מען ווייסט נישט: ווייטער אָדער צוריק?—און באַלד געפינען זיך בײדע באַטאַליאָנען אין אַ ווילדן געלויף אויף צוריק! די שראַפּנעלן און גראַנאַטן יאָגן נאָך: וואָס ווייטער מען לויפט, אַלץ מער שפּרינגען זיי פאָרויס—מען יאָגט פּשוט אין פייער אַריין! סאָלדאַטן וואַרפן אַוועק די פּעקלעך, כדי לייכטער צו לויפן. און דאָך בילדן זיך טלומקעס, געפאַלענע איבער מענטשן און פערד—און די קאַנאָנען האַלטן אין איין שיסן מיט פייער און אייזן. אַ געהירזשעריי פון פערד, אַ געשריי פון פאַרוווּנדעטע און איבערגעשראָקענע, די קאַנאָנען פּויקן און וואָרטשען—, און די פיס טראָגן און טראָגן—כאָטש פאַר די אויגן שוועבט נור אַ טונקל-רויטער נעבל— — —

עס איז געוואָרן שטילער. נור פון צייט צו צייט רופט זיך נאָך אָן אַ קאַנאָנען-שאָס און פאַלט ערגעץ ווייט—מיר זענען אַרויס פון פייער-פּערטל. מען זאַמלט זיך. מיר לייגן זיך ווידער אויס מיטן פּנים צום פייַנט און—עס איז אַ מורא צו קוקן: אין פעלד ליגן גאַנצע הויפנס אָן אַ וואָרט, אָן אַ ריר—מיר פאַרשטייען, וואָס דאָס באַטייט... ווו נישט ווו באַוועגן זיך נאָך אומבאַהאָלפענע געשטאַלטן און פאַלן צוריק—אודאי אין שמערצלעכער גסיסה. עס איז נישט מעגלעך זיי צו העלפן—מען מוז זיך צוגרייטן צו אַ נייעם קאַמף. לייכטער פאַרוווּנדעטע פּויזן

אויף אַלע פיר און זוכן אין נאָענטן ריטשקעלע אַ דערקוויקונג צו זייערע ווונדן.

ווייט אויפן האָריזאָנט באַווייזן זיך קאָזאַקן. מען זעט גענוי, ווי זיי שטייגן אַראָפּ פון די פערד און גייען פאָרויס אין קאַמף־ליניע. מיר שיסן „סאַלוון" און די קאָזאַקן ענטפערן מיט פייער. אויך זייער אַרטילעריע דערנענטערט זיך. עס איז שווער צו פועלן ביי די סאָלדאַטן, זיי זאָלן זיך לאָזן אַקעגן שונא. הויפטמאַן ה. פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און, מעשה ווילער יונג, פּרוווט ער גיין פאָרויס מיט זיין מאַשין־געווער־אָפּטיילונג. אָבער די גראַנאַטן פאַרשטעלן אים דעם וועג. שיקט מען צוויי סאָלדאַטן צו דעם נאָענטן שייער, אים אונטערצינדן. עס זעצט אַרויס אַ שוואַרצער רויך, און ערשט אונטער אָט דער מאַסקע געלינגט דעם הויפטמאַן מיט זיין אָפּטיילונג צו גיין אַ ביסל ווייטער. דאָס מאַשין־געווער הייבט אָן קלאַפּן. און דאָך קומען די קאָזאַקן וואָס אַמאָל נענטער. הויפטמאַן ה' זעצט זיך אַליין צו דער מאַשין, גיט איר דאָס שנעלסטע טעמפּאָ—אָבער אַ גראַנאַט קערט איבער דאָס מאַשין־געווער און פאַרשיט מיט אַ הויפן ערד דעם הויפטמאַנס אויגן,—ער מוז צוריק.

דאָס שיסן פון ביידע זייטן דערגרייכט צו אַ משונהדיקן טומל. הויפטמאַן ב., דער איינציקער ייד מיט אַ העכערן ראַנג, און דער געבילדעטסטער אָפיציר ביים רעגימענט, האָט שוין ביים צוריקלויפן אַרויסגעוויזן סמנים פון שגעון—איצט לויפט ער איינער אַליין מיט אַ ווילדן געשריי און מיט געצויגענעם זעבל גלייך דעם שונא אַקעגן. אַ געווער־קויל טרעפט אים אין שלייף און לייזט אים גיך אויס פון די שרעקלעכע יסורים.

אונזערע רייען ווערן שיטערער—עס איז קלאָר, אַז מיר וועלן זיך נישט האַלטן. און נאָך איידער מיר גיבן אַ צייכן אויף צוריק, פאַרלאָזן שוין די סאָלדאַטן גרופּנווייז דעם פּלאַץ און יאָגן ווי די האָזן אין פרייען פעלד. ס'איז איבעריגנס קיין וווּנדער נישט: קיין צייט געווען זיך איינצוגראָבן, ליגט מען כמעט אַנטבלויזטע אַקעגן די קוילן. און באַלד איז טאַקע די גאַנצע ליניע אויף די פיס און לויפט מיטן לעצטן אָטעם צוריק.

אונזער ציל איז דאָס נאָענטע דאָרף—אפשר דאָרט געפינען באַשיצונג! דער שונא נוצט עס אויס און פאַרדאָפּלט זיין פייער-די קאָזאַקן כאַפּן די פערד און יאָגן נאָך—זיי זענען כמעט אויף דער פּלייצע! אָבער אויך מיר זענען שוין נאָענט פון דאָרף, אונזער לעצטע רעטונג. אַ טייל איז שוין אפילו אַריין אין די ערשטע הייזלעך און אָנגעהויבן שיסן אויף די קאָזאַקן. איך וויל אַריבערשפּרינגען די שטאַכייטן, וואָס צוימען אַרום דעם דאָרפס־פּאַרק-און איך בלייב הענגען מיטן לייב-רימען אויף אַ שטאַכייט-דער בעסטער ציל פאַר אַ פייגטלעכער ביקס! אַ פלינקער סאָלדאַט שפּרינגט אונטער און שניידט דורך מיין רימען מיט זיין כאַגנעט,—איך פאַל אַראָפּ און לויף ווייטער.

—הינטער די ביימער קערט אייך, שיסן!—שריי איך צו מיינע לויפנדיגע סאָלדאַטן.

כדי זיי געגוי אָנצוווייזן דעם פּלאַץ, בין איך דער ערשטער אויף דער שטעל. און דאָ שטיי איך פּלוצים פאַר אַ רוסישן סאָלדאַט, מן־הסתם אַ פאַרבלאָנזשעטער פון אַ פּאַטרול. איך כאַפּ אַרויס מיין זעבל.

—פּאָזשאַלוסטאַ!—שטרעקט ער מיר אַקעגן אין ציטערניש אַ פלעשל שנאַפּס.

איך צעלאַך זיך אין מיטן פון דער גאַנצער אויפרעגונג. זיין ביקס האָט ער, פאַרשטייט זיך, שוין פריער אַוועקגעוואָרפן—ער גיט זיך אונטער.

איך הייס מיינע סאָלדאַטן שיסן זער פאָרזיכטיק, ווייל די קאָזאַקן זענען שוין נאָענט צו אונזערע, וועלכע האַלטן נאָך אין לויפן, אַז אין צילן איז שווער צו מאַכן אַ חילוק צווישן אייגענע און פרעמדע—זיי זענען כמעט אויסגעמישט. דער יידישער לייטנאַנט ג. האָט דערגרייכט דעם ערשטן בוים און האָט נאָך קוים צייט אויסצושיסן פון רעוואָלווער—דער קאָזאַק הינטער אים פאַלט פונם פערד. שוין ליגנדיק, כאַפּט דער קאָזאַק זיין ביקס און שיסט אויס. לייטנאַנט ג. טוט אַ זיפץ—און פאַלט אַ טויטער, געטראָפן אין הינטערשטן געהירן.

שוין גאָר ווינציק קאָזאַקן זענען געבליבן פאַר אונזער

פּראָנט. דער רעשט פון זיי בלאָנקעט נאָך אַרום ווי אַריינגעפאַלענע אין אַ נעץ. זיי וואָלטן גערן אַרויס פונם פייער פון אונזערע געווערן, אָבער זיי האָבן נישט קיין אויסוועג. קומט איינעם אונטערן האַנט אונזער טראָמפּייטער. אַ שווערער אין וואָג, שלעפּט ער זיך נאָך דער לעצטער. דער קאָזאַק שטעלט אָן זיין פּיקע—אונזער אָרעמער האָרב־בלאָזער איז שיר פאַרביי! אָבערלייטנאַנט ס. כאַפּט די ביקס פון זיינעם אַ סאָלדאַט—איין קנאַל, און דער שיינער קאָזאַק פאַלט פון פערד: ער שטיצט זיך נאָך מיט זיין האַנט אָן דער ערד, די אויגן אונטער זיין געדיכטער טשופּרינע זענען אויפגעריסן מיט אַ שטומען פאָרוורף, די קוים באַוואַקסענע ליפּן פאַרקרומען זיך אין ווייטאָגפולער גסיסה— —

דער פיינט איז פאַרשוווּנדן, דער קאַמף געענדיקט—מיר אָטעמען אַ ביסל אָפּ.

—איך שיס נישט מער אויף קיין מענטש—גיט מיר זיין וואָרט דער אָבערלייטנאַנט ס.—דעם קאָזאַקס אויגן מאַכן מיך משוגע,—איך וועל זיי קיינמאָל אין לעבן נישט פאַרגעסן.

„ר י ק צ ו ג".

מיר מוזן נאָך ווייטער צוריק: פּאַטרולן ברענגען ידיעות, אַז דער פיינט דערנענטערט זיך מיט פאַרדאָפּלטע כּוחות—מען קאָן אונז אָפּשניידן דעם וועג. שלעפּט מען זיך דורך דעם גרויסן, טיפן וואַלד, אויסגעמוטשעטע פון די אָנגעשטרענגטע מאַרשן, פון נישט דערעסן און נישט דערטרינקען—מען מוז אויסרוען. די פעלד־קיכן מיט דעם באַגאַזש זענען ערגעץ ווייט פאָרויס—עס קומט אויס צו הונגערן. נעמען די סאָלדאַטן זיך שפּילן מיט דער „אייזערנער פּאָרציע"—די לעצטע פלייש־קאָנסערווע, וועלכע מען מעג עפענען נאָר אין נויט־פאַל: מען וועגט ניבע די שווערקייט פון דער קאָנסערווע, און באַלד פאַר־

שפּרייט זיך אַ געריך פון האַלב פאַרדומפּן, פאַרקילט פליישׁ. סאָלדאַטן קוקן פאַרגנבעט אויף די אָפיצירן: וואָס וועלן מיר זאָגן צו דעם „קאָנסערוון-אַטנטאַט"? אָבער מיר מאַכן זיך נישט װיסנדיק,—און די לעצטע לעבנסמיטלען ווערן פאַרצערט.

עס איז שוין גוט טונקל, ווען מיר רירן זיך פון אָרט. די בלאַסע לבנה האָט זיך דורכגעריסן מיט אַ פּאָר קאַרגע שטראַלן דורך די דיקע, טונקל-גראָע וואָלקנס און באַלייכט שאַרף די ברייטע פּאַסטוויסקע, וועלכע ליגט צווישן צוויי שוואַרצע פלעקן וואַלד. דעם פּלאַץ מוז מען דורכלויפן, דען דער שונא קאָן אונז באַמערקן. מיר לויפן גרופּנווייז, לויט דער אַלטער טאַקטיק פון „יעקב אָבינו". איך דערגרייך שוין באַלד דעם זוים פון וואַלד, ווען איך דערפיל פּלוצים אַ שאַרפן שטאָך אין פוס און איך פאַל. אַ דראָזש לויפט מיך דורך—איך בין געפאַלן אויף... אַ מענטש! אינסטינקטיוו כאַפּ איך אים ביים גאָרגל און פּרוּוו מיט דער אַנדערער האַנט אים צודריקן די באָרד צו די אייבערשטע ציין, גלייך איך וואָלט מורא האָבן, ער זאָל מיך נישט בייסן. מיין „געגנער" פאַרטיידיקט זיך נישט. איך ליג נאָך אַ רגע אויף זיין קערפּער, ווי אַ קאַץ אויף איר אָפּפער—ער רירט זיך נישט: עס איז אַ טויטער סאָלדאַט מיט דער געפלאַנצטער ביקס אין זיין פאַרשטאַרטער האַנט. ער איז אוודאי אויף אַ פּאַטרול דערשאָסן געוואָרן—און איך בין אַריינגעלאָפן גלייך אין זיין שאַרפן באַיאָנעט.

איך דערפיל אַ שטאַרקן שמערץ אין רעכטן פוס, אַרום די פינגער. איך זעץ זיך אונטער אַ בוים און טו אויס דעם שוך. דער זאָק איז נאַס, דער פוס קלעבעדיק—בלוט. נעם איך אַרויס מיין באַנדאַזש-פּעקל און הייב אָן שנעל פאַרבינדן, האַלטנדיק אין איין קוקן אין דער זייט פון דעם טויטן קערפּער—טאָמער וועט ער פאָרט זיך אַ ריר טון... דער גראָבער פינגער שמאַרצט, ווי מען וואָלט שיטן זאַלץ אויף אַ פרישן שניט פון אַ מעסער. איך פּרוּוו אָנטון דעם שוך,—עס גייט. אַ ברכה גרויסע שיך. דער רעכטער פוס שלעפּט זיך אַ ביסל נאָך, אָבער, געשטיצט אויפן זעבל, גיי איך ווייטער

מײַנע קאַמעראַדן זענען שױן אַ היפּש שטיק פֿאָרױס, ערשט פֿאַרטאָג דערגרײך איך מײַן אָפּטײלונג. די אָפֿיצירן רינגלען מיך אַרום—זײ האָבן מיך שױן געהאַלטן פֿאַר פֿאַרלױרן. אײניקע זענען מיך אַפֿילו מקנא: דורך מײַן װוּנד װעל איך קאָנען עטלעכע װאָכן זיך אָפּרוען אין שפּיטאָל. און זײ קאָנען גאָרנישט פֿאַרשטײן מײַן שמײכל, װען איך פֿאַרזיכער זײ, אַז איך װעל מײַן פֿוס אַפֿילו נישט װײַזן דעם דאָקטאָר—איך פֿיל אַז מײַן װוּנד הײלט זיך פֿון זיך אַלײן.

אױף אַ װעגעלע פֿאָרנדיק, מאַך איך מיט דעם לאַנגן װעג פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון שטעטל צו שטעטל. עס פֿעלט אונז אַרטילעריע און טעכנישע טרופּן, קאָן מען נישט אין ער־געץ זיך אָפּשטעלן צום קאַמף. עס איז אָבער אױך נישט מע־גלעך צו פֿאַרזאָרגן די סאָלדאַטן מיט עסן, הײבט זיך אָן אַ געיעג אױף דאָס „װילדע" אין גאָטס פֿרײַער נאַטור: סאָלדאַטן קאָרמען זיך מיט װילדע עפּל און באַרן, מיט רױ קרױט און נישט צײַטיקע אוגערקעס,—מען טרינקט פֿון די קאַלוזשעס, װאָס צו בײדע זײַטן װעג—און אַזױ אַרום גנבעט זיך אַרײַן אין אונזער מחנה דער שרעקלעכסטער פֿון אַלע שונאים: די מגפֿה, װעלכע װערט באַלד די שרעק פֿון הונדערטער און טױזנטער מענטשן.

דער װעג פֿון אונזער ריקצוג איז געצײכנט מיט טיפֿע שפּורן פֿון סאָלדאַטסקע פּיס און „ריטערלעכע" הענט, גלײך דער אײַנגעשלאָפֿענער מיטלאַלטערלעכער אינסטינקט װאָלט אױף דאָס נײַ געבױרן־געװאָרן אין אַ בײזן פֿאַרניכטונג־װילן. בײַ אַלע גלײַך, בײַם שונא אַזױ גוט װי בײַ די אײגענע: לעבן אָפּגעברענטע שטיבלעך און שײַערן װאַלגערן זיך צעבראָכענע כּלים און צעשטערטע מעבל, לעבן טױטע פֿערד ליגן אומשול־דיק דערשאָסענע היַנט אױף אַ ברײט, שװאַרץ פֿעלד ליגט אַן אַלטער פּױער מיט אַ דורכגעשאָסענער ברוסט. לעבן אים שטײט נאָך דאָס שאַרפֿע אַקער־אײַזן. ער ליגט מיט צעשפּרײטע הענט, גלײַך ער װאָלט זיך לאָזן קרײַציקן פֿאַר זײַן אַקער... אװדאי אַן אומשולדיקע קױל אים געטראָפֿן אינמיטן דער אַרבעט.

נישטאָ אפילו קיין צייט אים לאָזן באַגראָבן.

די שטיבלעך ביים קלויסטער זענען האַלב אויסגערויבט, אָבער דאָס קלאַוויר שטייט נאָך ווי גרייט צום שפּילן. אויף דער וואַנט הענגען צוויי גרויסע פּאָרטרעטן: דער גלח מיט דער גלחטע. ער איז ערגעץ אַנטלאָפן, און זי האָט מען אויפגעהאָנגען.

—טאַקע דאָרט אין הויף-ווייזט אָן דער דיאַק אויף אַ פריש בערגל ערד—דאָרט האָט מען זי באַגראָבן. זי איז געווען אַ שפּיאָן.

איך קוק זיך איין אין דעם שיינעם, רעגלמעסיקן פּנים, און עס דאַכט זיך, אַז די פולע ליפּן שמייכלען נאָך דעם פאַרבײַסענעם, בייזן שמייכל, מיט וועלכן זי האָט געמוזט שטאַרבן: „הענגט—אָבער איך האָב אייך אָפּגעטון!"

ביים זוים פון וואַלד צעבלאָזט דער ווינט די קליידער פון דריי געהאָנגענע: אַ גוי אין די פערציקער יאָרן, מיטן ווייב דאַכט זיך, און אַ דריטער קערפּער, אויך אין ווײַבערישע בויערן-קליידער,—אָבער דאָס פּנים איז אַזוי שוואַרץ און פאַרוועלקט, די הענט אַזוי געקנייטשט-פאַרשטייפט, אַז ס'איז שווער צו זאָגן: איז עס אַ מוטער אָדער אַ טאָכטער—. און אַלע דריי שאָקלען זיך אַזוי פּאַוואָליע אין ווינט, דרייען זיך אַזוי משונהדיק פּנים צו פּנים, פּלייצע צו פּלייצע—גלייך דער אַלטער בוים וואָלט אויף זיינע פינגער, די צווייגן, אויפגעהאָנגען וואַקסענע פיגורן און זיי געלאָזן טאַנצן פאַר זיין פאַרגעניגן ווען. די קעפּ זייערע זענען גענויגט אָן אַ זייט—רעזיגנאַציע? פאַרצווייפלונג?—אָדער אַזוי אונטערטעניק און אומבאַהאָלפן, ווי נאָר אַ לעבעדיקער מענטש קאָן עס זיין...

איך היט זיך שוין אַ קוק צו טון אויף אַ בוים.

ביי די פאַרלאָזענע שיצן-גריבער ליגן נאָך די געפאַלענע פון יענע אַלטע לאַנדשטורמלייט, וועלכע האָבן אונז אָפּגעביטן אויף דער פּאָזיציע. כמעט אויף יעדן לייב צו עטלעכע ווונדן פון שטיכן אָדער פיקעס. נישט ווייניקער ליגן טויטע רוסן. מי | דער פּלייצע איינגעגראָבן אין אַ סטערטע היי, זיצט נאָך

אַ לאַנדשטורמיסט מיט דער ביקס אין האַנט, פאַרטיק צום שיסן. זייגע טונקל-ברוינע וואָנטשעס זענען אַ ביסל פאַרבלוטיקט, די אויגן האַלב אָפן. אַט אַזוי האָט אים דעראײַלט דער טויט, און אַזוי איז ער פאַרשטאַרצט געוואָרן. אַרום אים ליגן עטלעכע טויטע קאָזאַקן מיט די פערד. אין זײַן ביקס געפינען מיר נאָר אַן איינציקע קויל—די לעצטע...

וויפיל מוט און וויפיל קרבנות צוליב אַ מעדאַל פאַר זייער גענעראַל!...

מען רירט זיי נישט פון אָרט: מען וויל מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס—פאַר פראָפּאַגאַנדע וועגן— —

קעגן מיטערנאַכט קומען מיר אין אונזער גאַרניזאָן-שטעטל ז. די גאַסן זענען ווי אויסגעשטאָרבן. פון דער ווײַטן טוט נאָר אַ בליץ דער בלאַנקער באַיאָנעט פון אַ נאַכטוועכטער, וועלכער פאַרשווינדט תיכף אין דעם נעכסטן קווער־געסל. ער וויל נישט האָבן צו טון מיט דער פרישער אָנגעקומענער מחנה—און אפשר מיינט ער, אַז דאָס איז שוין דער פײַנט אַרײַן אין שטעטל?

אויף אַ פריזבע שושקען זיך נאָך צוויי פאַרשפעטיקטע ווײַבער. בײַ אונזער אָנקומען בלײַבן זיי שטיל, און זייער פאַרשטאַרטער בליק בלײַבט הענגען אָן די שפּיצן פון די בלײַשטשענדיקע באַיאָנעטן. ווייסן זיי דעם באַטײַט פון אַ ריקצוג?

פונם מיליטער־שפּיטאָל פירט מען אַרויס פאַרשטאָרבענע סאָלדאַטן. מען באַגראָבט זיי אין דער נאַכט—בשתיקה... די סאָלדאַטן נעמען אַראָפּ די היטלען, צלמען זיך—זיי האַלטן דאָס באַגעגעניש פאַר נישט קיין גוטן סימן.

דער באַטאַליאָן מאַרשירט ווײַטער, און איך מיט מײַן אָפּטיילונג מוז בלײַבן אײַנפּאַקן די באַגאַזשן פונם רעגימענט: מען מוז אויף גיך עוואַקוירן, וואָס עס לאָזט זיך. מיר אַרבעטן בײַ האַלב־פינסטערע לאַמטערנס און בײַם קנאַפּן פײַער פון פאַרדריכערטע פּאַפּיראָסן—פאַלט איינער איבערן צווייטן, מען שטעלט קאַסטענס צום צענטן מאָל אויף דעם זעלבן אָרט, פון וואַנען מען האָט זיי ערשט אַוועקגענומען-אָבער נאָך עטלעכע

שעה שטייען פאַרטיק אַרום זעכציק פולע וואָגנס, און מיר פאָרן צום באַן.

אַלץ איז, דאַכט זיך, אויפגעפּאַקט, נאָר מיין אייגענער קו-פערט פעלט. עס איז אפילו אַ שאָד מיין נייער מונדיר און די מאַנוסקריפּטן, וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלאָזן—אַ נישט פריי-וויליקער געשאַנק פאַר די רוסן—אָבער דער צוג גייט שוין—פאַרפאַלן.

נישט אָפּגעפאָרן קיין צוויי קילאָמעטער, באַמערק איך פייער-סיגנאַלן. די צייכנס זענען פון אייגענע: פאַרבלאָנזשעטע סאָלדאַטן מיט עטלעכע קאַסטנס פולווער און דינאַמיט. איך לאָז שנעל אויסליידיקן אַ וואָגן, נעם אויף דאָס מאַטעריאַל, און מיט פולער פאַרע פאָרן מיר ווייטער. עס איז שוין אָבער די העכסטע צייט, דען הינטער אונז באַווייזן זיך אויפן פרימאָרגנ-דיקן הימל די ערשטע פלאַמען פון אַ שרפה—דער אָנזאָג פונם אָנקומענדיקן שונא.

אַן אומבאַקאַנטע רייזע.

נישט איך און נישט דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט ווייסן, וווהין מיר פאָרן. אויפן קליינעם וואָקזאַל אין לעמבערג, נישט ווייט פון אונזער הויז, שטייט דער צוג עטלעכע מינוט. איך לויף אַריין, זעגן זיך מיט אַלעמען, וואַרף אַ פּעקל באַנקנאָטן אויפן טיש און אייל אַרויס.

—וואָס ביזטו אַזוי פאַרבלאָטיקט?—האַלט מיך נאָך צוריק מיין טאַטע.

איך כאַפּ אַ בליק אין שפּיגל, און זע ערשט, ווי מיין פּנים איז פאַרברענט און באַוואַקסן מיט אַ שוואַרצער, געדיכ-טער באָרד.

—יאָ, טאַטע,—גלעט איך אים—נישטאָ קיין צייט זיך שיין צו מאַכן.

נאָך אַ קוש, און איך לויף צום צוג, וועלכער האַלט שוין אין גיין. אונזער הויז פאַרשווינדט הינטער דעם ים פון קוי־מענס און ביימער—דאַכט זיך: דאָרט שטעקט נאָך ארויס דער שפּיץ פון אונזער קוימען. איך באַטראַכט אים אַזוי גייגעריק, גלייך דווקא פון אים וואָלט איך געקאָנט אַלץ אַראָפּלייענען.

אויפן „הויפּט־באַנהויף" פאַרטיילט מען צו די סאָלדאַטן וואַרעמע טיי מיט ברויט. איך האָב אַ ביסל צייט און גיי אַרויס פאַרן וואָקזאַל. ס'איז פּוסט—כמעט קיין מענטש נישטאָ. אַ קליין שייגעצל דרצפּעט זיך אויף די שטאָכייטן און קוקט אַריבער צו די אָנגעקומענע סאָלדאַטן. איך כאַפּ זיך, אַז איך האָב מיינע עלטערן איבערגעלאָזן צו ווייניק געלט, בעט איך דאָס שייגעצל, ער זאָל צורופן מיינע באַקאַנטע, וועלכע וווינען אַ גאַס דאַנעבן. שטאָלץ אויף דעם שליחות, צעפּאַקט ער זיך ווי אַ יונגע שוואַלב, און באַלד קומט ער צוריק מיטן פּראָפעסאָר ש. מיט דער פרוי און זייער מוטער. פון די אויגן שטראַלט זיי אַן אויפריכטיקע פרייד.

—איז לעמבערג זיכער?—פּרוּוון זיי פאָרשן ביי מיר.

—לעת עתה זיכער.

—אַ סך אַנטלויפן קיין ד.

איך ענטפער נישט און צי נאָר פאָרזיכטיק מיט די אַקסלען.

—און ס. איז זיכער?

—אַמזיכערסטן איז ווין—וויל איך אויסמיידן די נישט־אָנגענעמע פראַגעס, אָבער זיי פאַרשטייען גוט, וואָס איך מיין. מען גיט אַ צייכן צום פאָרן.

—איך האָב אַ בקשה—זאָג איך שנעל—אויב איך וועל פאַלן...

זיי לאָזן מיך נישט אויסרעדן—ביי דער פרוי פּראָפעסאָר ווייזן זיך טרערן אין די אויגן. איך ערקלער שוין גאָרנישט, נאָר גיב זיי איבער מיין גאַנץ געלט:

—פון דעם—בעט איך—וועט איר אויסצאָלן מיינע עלטערן יעדן חודש, וויפיל איר וועט אליין פאַרשטיין.

איך האָב נאָך קוים צייט זיך אָפּצוגעזעגענען—מיר פאָרן שוין ווייטער.

די רייזע ציט זיך גאָר אָן אַ סוף. אויף יעדער סטאַציע וואַרט מען שעהנלאַנג. עס פאָרן פרישע טראַנספּאָרטן צו דער פּאָזיציע, איז די שטרעקע פול און די באַאַמטע קענען זיך קיין עצה נישט געבן. גאַנצענע טעג שטייען אויף די רעלזן אַנגע-פּאַקטע צוגן, און די אַרמיי-קאָמאַנדע זאָגט נישט, וווהין זיי דאַרפן פאָרן.

אויפן וועג באַגעגנען מיר אַ פּאָלק אַרטילעריסטן. זיי ליגן אויפן שטרוי ביי זייערע רויקע, פאַרוווּנדערטע פערד, די קאַ-באָנען גלאַנצן אין דער זון, און פון די אייזערנע פעלד-קיכן זעצט אַ פּאַרע—די זאַטע קיכערס ווינקען מיט די לעפלען. זיי פאָרן צום ערשטן מאָל אין פעלד, האָט מען זיי נאָך פאַרזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס—שלינגען אונזערע סאָלדאַטן די סלינע און זענען זיי מקנא. דער עולם אויף די וואָקזאַלן באַגריסט מיט אויסגעשרייען, די דאַמען ווינקען מיט די טיכלעך—צעשרייען זיך די ארטילעריסטן אין אַ ווילדן „הייל!“ און „טויט צו די רוסן!“— פאַר זיי איז נאָך די מלחמה אַ יובל. אָבער אונזערע רוטענישע בויערן, וועלכע פילן שוין דעם טעם פון קריג, קוקן נאָר טויט-בלאַס, ווילן אויך צווינקען—נאָר זייערע שוואַרצע, שווערע הענט באַוועגן זיך דאַביי אַזוי מגושם און נישט זיכער, גלייך זיי וואָלטן בעטן: „לאָזט געמאַך—בעסער שענקט אונז עפּעס“...

נאָך דעם טראַנספּאָרט קומט נאָך איינער און נאָך איינער— די צוגן יאָגן זיך איבער. און ביי אַלע דיזעלבע אויסגעשרייען פון „הייל“ און „זיג“, ביי אַלע דיזעלבע מוטיקע פרייד. וואָלטן זיי נאָר געוועז אָנגעקומען פריער, ביים אָנהויב, דאָרט ביי דער גרענעץ—מיר וואָלטן אפשר אַצינד נישט צוריקגעגאַנגען. און— ווער ווייסט? מען שמועסט אויפן אויער, אַז נישט מיר „גייען“ צוריק, נאָר מען „נעמט אונז צוריק“—ווייל אונזערע גאַליציישע פּאָלקן האָבן פאַראַטן, מען שיקט אונז דערפאַר אויף דעם סער-בישן פראָנט, וווּ דער קאַמף איז נאָך פיל שרעקלעכער, גרויזאַמער— —וווּ מען „שניידט אָפּ נעז—שטעכט אויס די אויגן—

מען פּאַרעט מיט זידנדיק וואַסער"— — —

דער צוג בלייבט שטיין אין סטר., פון וואַנען עס פירט אַ שייד-וועג אין פאַרשידענע ריכטונגען. וווהין וועלן מיר פאָרן? אויפן וואָקזאַל איז געדעקט אַ לאַנגער, ווייסער טיש, פון געל-גלאַנציקע קעסלען און סאַמאָוואַרן גייט אַ פּאַרע. יונגע און עלטערע דאַמען אין ווייסע פאַרטיכער און קליינע, קאָקעטע הייבלעך אויף די קעפּ, כאַפּן קיישלעך ברויט מיט פולע גלע-זער טיי און נעמען פאַרטיילן צווישן די סאָלדאַטן. זייערע פּנימ-לעך זענען רויט פאַר פרייד, די אויגן פלאַמען מיט שטאָלץ— זיי וואָלטן אַזוי גאַנצענע טעג און נעכט געטיילט און נישט מיד געוואָרן. און צוגעגרייט איז גענוג, ווי צו אַ שמחה קיין עין הרע—מיט אמת יידישער מילדקייט. דען די „דאַמען" זענען לויטער יידישע טעכטער. די עטלעכע גוישע „פּריצעס", וואָס האָבן זיך פון אָנפאַנג פאַרשריבן צו דער אַרבעט, האָבן באַלד רעזיגנירט צוזאַמען מיט זייער „ערנפּרעזידענטין".

אַ טראַנספּאָרט טיראָלער קייזער-יעגער מיט דעם טוכענעם „עדלווייס" אויף די היטלען, קוויקט זיך מיט די געשאָנקענע שפייזן—אַזש די נעזער שוויצן! זענען זיי לוסטיק און צופרידן, און שרייען מיט נאָך מער קוראַזש: „הייל!" „נידער מיט רוס-לאַנד!". אויף די ווענט פון זייערע וואַגאָנען זענען פול מיט אָט די שרייענדיקע אויפשריפטן און מאָדנע קאַריקאַטורן: אַ קור-צע נאָז, אַ ברייט מויל מיט אַ לאַנגער באָרד—אַרום דעם האַלז אַ שטריק: „דער געהאָנגענער צאַר". אויף אַ צווייטן וואָגן: אַ פּעטל קעפּ מיט רוסישע היטלען, דאַרונטער די אויפשריפט: „צוויי רוסן פאַר אַ העלער". און אויף אַנדערע וואַגאָנען: געשטאַלטן, וועלכע וואַרפן אַוועק די וואָפן און אַנטלויפן, מיט דער אונ-טערשריפט „רוסן און סערבן" און מיט דער גרויסער אויפ-שריפט „מיר קומען!" איין יעגער איז שטאַרק שטאָלץ אויף דער אייגענער פאַרפאַסונג: „פּאָטערל סערבישער קעניג, פּאַק זיך מיט דיין מאַנדל, ביזט קאַפּוט מיט דיין לאַנדל"—„מיר וועלן דרע-שען, און די רוסן אויסלעשן"—„טויט און פאַרדערבן צו די רוסן און סערבן"—אויפשריפטן אין די הונדערטער! עס גלוסט

זיך פשוט איבערצושרייבן און זאַמלען אָט די „פאָלקס-פּאָעזיע״ און זי באַהאַלטן צום זכר לעולם ועד.

—אפשר עפּעס איבערכאַפּן, הער קאַדעט?—קומט צו אַ ייד מיט אַ קיישל אייער און מיט זעמל.

זיינע צוויי מיידלעך טראָגן דערוויייל סחורה צו די סאָלדאַטן. איך הייס זיך געבן צוויי אייער מיט אַ זעמל.

—אפשר נאָך צוויי?—פרעגט דער ייד.

—ניין, איך דאַרף נישט מער.

—פיר אייער איז נישט קיין סך—בעט זיך דער ייד.

איך ווער שוין אומגעדולדיק און נעם די אייער, אַבי פון אים פּטור צו ווערן.

—וואָס צאָל איך?—פרעג איך אַ ביסל הערשעריש.

דער ייד שמייכלט און קוקט האַלב פאַרשעמט:

—גאָרנישט.

—ווי הייסט גאָרנישט?—בין איך אים חושד, אַז ער וויל מיך איבערקויפן, כאָטש איך ווייס אַליין נישט, צוליב וואָס.

—אָבער ליבער הער—זאָגט ער שוין ברוגזלעך—אַז איך נעם נישט ביי אַנדערע קיין געלט, וועל איך דאָך ביי אייך אויך נישט נעמען. אַן אָפיציר איז דען קיין סאָלדאַט נישט?

איך פיל זיך זינדיק אַקעגן דעם גוטן, פשוטן מענטשן: ער מיט זיינע צוויי טעכטער האָבן אָן געלט פאַרטיילט זייער ביסל שפייז צו די הונגעריקע סאָלדאַטן. אַ פּאַטריאָטישע צדקה-אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין—אָן „קאָמיטעטן״, אָן רעש און געפילדער.

איך דאַנק אים האַרציק.

—עס זאָל נאָר זיין צום גוטן!—איז דער ייד מלא גדולה.

די סאָלדאַטן פילן זיך אַזוי גוט, אַז זיי הייבן אָן אַרויס-צוקריכן פון די דושנע, ענגבאַזעצטע וואַגאָנעס, צעקריכן זיך אין פאַרשידענע ווינקלען און בענטשן די שיינע טעג פון קריג. און ווען עס קומט צום ווייטער-פאָרן, מוז מען זיי פשוט אַרויס-טרייבן פון די בויערן-הייזלעך, וווּ די באַרמהאַרציקע בויער-טעס האָבן זיי געלאָזט לעבן „אַ גוטן טאָג״. אָבער אַ טייל איז

אַזוי ווייט זיך פֿאַרקראָכן, אַז מען מוז זיי צוזאַמענרופֿן דורך אַ האָרן-סיגנאַל. בלאָזט אָן דער טראָמפּייטער בײדע באַקן, אַז דאָס בלוט קומט אים אַזש אין פּנים, און די קלינגענדיקע, גע-זונטע טענער פֿון דעם מעשענעם האָרן שלאָגן זיך אָפּ אויף אַלע פֿיר עקן אָן די ברייטע, גראָע ווענט פֿון די הויכע בערג. זיי שמעטערן ווי שווערע האַמערס אויף אַן אײַזערנער ברוסט— ביז אַלע סאָלדאַטן דערהערן, פֿאַרזאַמלען זיך—און מיר פֿאָרן ווייטער.

אַ גאַנצע נאַכט שטייען מיר אָפּ ערגעץ אויף איין פּלאַץ. אַחוץ די וואַכן, שלאָפֿן כמעט אַלע. מען קאָן פֿאַרנעמען דאָס שווערע אָטעמען פֿון יעדן וואַגאָן באַזונדער. אויך איך פֿרווו אַנטדרימלט ווערן. און ערשט ווען עס ווערט טאָג, באַמערק איך, אַז מיר פֿאָרן פֿאַרביי איינע פֿון די שענסטע קאַרפּאַטן-געגענטן— די אונגאַרישע גרענעץ ביי ל.

אין אונגאַרן.

נאָך אַזוי פֿיל רייזע איז באמת אַ ישועה, ווען מען קאָן שוין פֿאַרלאָזן דעם צוג. אָבער—מיר דערפֿילן באַלד דעם „אונ-גאַרישן גייסט״: די שאָוויניסטישע באַפֿעלקערונג וויל נישט רעדן קיין פֿרעמדע שפּראַכן,—דייטש פּרינציפּיעל נישט. צום גליק איז דאָס פּשוטע פֿאָלק אין דער געגענט נאָך נישט גאַנץ מאַדיאַ-ריזירט און רעדט נאָך מיט זיין אַלטער מוטערשפּראַך—רוטעניש.

עס יאַווען זיך פֿאַרקויפֿערס מיט צוקערלעך, ברויט און שמעקנדיקן אויבסט. בפֿרט אַפּעטיטלעך איז די אונגאַרישע רויטע מעלאָנע.

—טייער?—פֿרעגט אָבערלייטנאַנט ב.

—פֿיר העלער אַ שטיק.

—ווי ביליק—באַוווּנדערט דער אָבערלייטנאַנט, נאָר קוים

דערזעט ער, אַז דער פּאַרקויפער איז אַ ייד, צעטרייבט ער די סאָלדאַטן, זיי זאָלן נישט קויפן ביים „יידישן שווינדלער".

עס איז שוין גוט טונקל, ווען מיר מאַרשירן אַריין קיין ס. דער מאַיאָר שפּרינגט אַרום אויפן פערד און בעט, מען זאָל גיין אין אָרדנונג: זאָלן די אונגאַרן זען, וואָס פאַר אַ דיסציפּלין עס הערשט ביי אונז. די סאָלדאַטן אַליין פאַרשטייען אויך דעם שפּיל,—צעלאָזן זיך די טראָמפּייטן אין אַ לוסטיקן מאַרש, און מיר גייען אין גרעסטן פּאַראַד. די גאַסן זענען פול, אין די פענסטער איז קאָפּ אויף קאָפּ.

—„עליען לענדיער"! (האָך פּוילן)—ווינקט מען מיט די טיכלעך.

מערקווירדיק: מיר זענען ביי זעכציק פּראָצענט רוטענער, איבער צען פּראָצענט יידן, און נאָר דער רעשט זענען פּאָליאַקן, און דאָך האָט מען זיי געזאָגט, אַז אונזער פאָלק איז אַ „פּוי-לישער".

—„עליען"!—ענטפערן אונזערע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דאָס איינציקע אונגאַרישע וואָרט אויסגעלערנט נאָך אויף די פריערדיקע סטאַנציעס,—און דאָס רופט אַרויס ביי די אונגאַרן אַזאַ באַגייסטערונג, אַז די שטאָט ציטערט פון זייערע ווילדע געשרייען.

די סאָלדאַטן ווערן צעהיצט און נעמען זינגען פּוילישע און רוטענישע לידער. איך לאָז איבער מיין אָפּיצערסקע גע-זעלשאַפט, פאַרמיש זיך צווישן די סאָלדאַטן, און הייב אָן די-ריגירן און מיטזינגען דעם שטאָלצן פּוילישן הימן און די מע-לאַנכאָלישע פאָלקס-לידלעך פון די אוקראַינער. דורך די הויכע, ראָמאַנישע פענסטער פון אַ העל באַלויכטענער שול טראָגט זיך אַ גערויש ווי פון אַ ווינט אין אַ יונגן סאָסנע-וואַלד—מען דאַ-ווענט; ס'איז פרייטאָג צונאַכטס.

—גוט שבת, יידן!—שרייט מיין בראָדער סאָלדאַט צו איי-ניקע יידן, וועלכע זענען נייגעריקע אַרויס פון שול. און כאָטש ער באַקומט נישט קיין ענטפער, צעזינגט ער זיך מיט דעם אמת

יידישן קוועטש: „פֿרייטאָג אויף דער נאַכט איז יעדער ייד אַ מלך...״

עס טראָגט מיך אונטער! פֿאַרלאָז איך ווידער מיינע גויעשע חברים, כאַפּ דעם בראָדער אונטערן אָרעם און צעגאָרגל זיך גלייך מיט אים: „אוי, פֿרייטאָג אויף דער נאַכט...״

די איבעריקע סאָלדאַטן כאַפּן אונטער, נאָר די יידישע אָפיצירן, וועלכע האַלטן זיך תמיד אָן אַ זייט, פֿאַרשווינדן.

אין א. ה. דאַרפֿן מיר נעכטיקן. עס איז פֿינסטער און בלאָטיק, און כאָטש דער וועגווייזער האָט אַ לאַמטערן, פֿאַלט ער עטלעכע מאָל אין זייטיקן גרוב. ענדלעך גייט אויס דאָס ליכט, בלייבן מיר אין דער פֿינסטער פֿאַרן דאָרף און ווייסן נישט, וווהין זיך אַ קער צו טון. אַ ייד אין אַ שטריימל פֿירט אונז אויף זיין גאָסטפֿאָרע און בעט נאָר, מען זאָל אים ערלויבן אַראָפּנעמען דאָס היי פֿון בוידעם—צום אונטערבעטן וועט ער געבן פֿריש שטרוי.

—האָט איר עפּעס פֿאַר מיר?—פֿרעג איך אויף יידיש.

די הויז-מענטשן זענען מלא שמחה: זיי טרעטן מיר אָפּ אַ פֿריש בעט און זענען מיך אפֿילו מכבד מיט אַ גאָר זאַט אָוונט-ברויט.

ערגער גייט מיר שוין אין צווייטן דאָרף, ווו מיר דאַרפֿן בלייבן אַ לענגערע צייט: דורך מיין יידיש רעדן ווער איך אָן די שענסטע קוואַרטיר, וועלכע דער יידישער באַלעבאָס טרעט אָפּ פֿאַר אַן אנטיסעמיטישן קאַדעט.

—פֿאַר אַ גוי יאָ, און אַ ייד נישט?—האָב איך צו אים אַ טענה.

—מען איז דאָך ביי עשון אין די הענט—מאַכט דער ייד אַ פֿרום פּנים— —

מיר ווייסן שוין דעם צוועק פֿון אונזער לאַנגער רייזע: די רוסן זענען שוין ווייט אין לאַנד, די קאַרפּאַטן-בערג זענען מער נישט זיכער,—זענען מיר געשיקט געוואָרן אַלס זייערע ערשטע שומרים. אָבער דאָס ערוואַרטן דעם שונא מאַכט פֿיל בערוועזער ווי דער דירעקטער קאַמף, ווערט טאַקע דאָס לעבן

פריקרע-לאַנגווייליק און דערעסן. יעדן טאָג רויכערט די קיך אויף דעמזועלבן שטיקל לאָנקע ביים וועג, און יעדע נאַכט קערט זיך איבער אַ פור פונקט ביי דעמזועלבן בריקל. די קיכערס זשאַלעווען נישט פאַר די אָפיצירן די בעסטע זופּן פון דעם האַרטסטן פלייש, וואָס עס ליפערן די היימישע יידן. מען „פאַרשטייט אַ געשעפט": פינף קילאָ קעלבערנס פאַר אָפיצירן ווערט פאַרעכנט אַזוי ווי פופצען קילאָ „רינדערנס" פאַר דער מאַנשאַפט, און כאָטש מען צאָלט צו צוויי קראָנען אַ קילאָ, שטעלט מען אויס חשבונות צו דריי קראָנען—אַלע זענען „צופרידן". נאָר די שוואַרצע קאַווע, דער אייגנטלעכער „נערוון-רייץ" פאַר די סאָלדאַטן, איז צו ווייניק זיס. די סאָלדאַטן באַקלאָגן זיך, אָבער די קאַווע ווערט אַלץ נישט זיסער: אָפיצירן און אונטעראָפיצירן פאַרנוצן דעם צוקער אַלס מתנות פאַר יונגע בויערטעס. פאַרזיסט מען זיך דאָס לעבן מיט „פּאָליטיק": סאָלדאַטן נעמען דיסקוטירן, ווער ווען עס וועט באַזיגן, און—ציין נישט שוין צייט צו „מאַכן אַ סוף"—הייסט די קאָמאַנדע „אַכטונג געבן"—און עס הייבט זיך אָן אַ גאַנצע קייט פון רכילות און פּראָוואָקאַציעס,—ביז די נישט-ווייטע פעסטונג פילט זיך אָן מיט אַרעסטירטע סאָלדאַטן—„מאָסקאַלאָפילן".

אין אַ טאָג איבעראַשט אונז דער מאַיאָר, וועלכער גע-פינט זיך געוויינלעך היפּשע עטלעכע קילאָמעטער הינטער דעם פראָנט: ער לאָזט פאַרזאַמלען אַלע אָפיצירן און הייסט זיך גרייטן צו אַ „פּאַראַדע". שוין בשעת זיין „רעדע" דערשמעק איך, אַז דאָ גייט וועגן מיר: ער לויבט שטאַרק אונזער אַרבעט ביים אָפרוימען די רעגימענט-באַגאַזשן, דערמאָנט, אין וועלכער גע-פערלעכער סיטואַציע איך האָב דורכגעפירט די עוואַקואַציע פונם באַטאַליאָן, און—

—איך דאַנק אייך, הער „פענריך", אין נאָמען פונם העכסטן דינסט!—ענדיקט ער און גיט מיר די האַנט.

מיין ביזאיצטיקער טיטל איז „קאַדעט"—בין איך, הייסט עס, געוואָרן „פענריך"—„אַד פּערזאָנאַם".

ביי דער געלעגנהייט בעט איך, מען זאָל אויך באַלוינען

די פלייסיקסטע פון מיינע סאָלדאַטן און זיי מאַכן פאַר אונטער-אָפיצירן. דער מאַיאָר זאָגט צו, אָבער דער הויפּטמאַן ב. קוקט דורך מיין אָנגעצייכנטע ליסטע—און שטרייכט פון איר אויס אַלע יידן.

די רוסן זענען שוין אפנים גאָר נישט וויט, דען מיט אַמאָל קומט אַ באַפעל, מיר זאָלן פאָרמירן אַ באַזונדערע מאַרש-קאָמפּאַניע, וועלכע דאַרף אַריין טיף אין די בערג. הויפּטמאַן ב. ווילט די יונגסטע סאָלדאַטן: צו וועמען ער קומט צו, ווערט יענער בלאַס און לאָזט אַראָפּ די אויגן, גלייך אויף דעם אופן וואָלט מען אים נישט געזען,—און גיט דער הויפּטמאַן אַ ווונק מיטן פינגער—אַ סימן אַז ער האָט אים אויסגעוויילט,— אַנטפאַלט יענעם דאָס האַרץ, פּונקט ווי דעם הויפּטמאַן אַליין איז דאָס האַרץ אַנטפאַלן, ווען מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער וועט פירן די מאַרש-קאָמפּאַניע: איז מען דאָך נאָר פון פלייש און בלוט, און—„גייט" מען, איז מען ווי פאַראורטיילט צום טויט: ווער עס קומט צוריק, איז אַ באַגנעדיקטער... און עס איז אויך שווער צו פאַרלאָזן אַ פלאַץ, צו וועלכן מען האָט זיך שוין צוגעוווינט: גוטע קוואַרטירן, נישט שלעכט עסן, און דאָס ווייכטיקסטע: דער פלינקסטער יעגער פון אַלע געפילן, אַמאָר, טרעפט גלייך אין האַרצן אפילו דעם אומגעלומפּערטסטן זון פון מאַרס—און ווי פראָסט און נישט שיין אַ סאָלדאַט זאָל נישט זיין, געפינט ער אַלץ אַ ווייכהאַרציקע קעכנע, אָדער אַ בויערטע, וועמעס מאַן איז אין קריג אָדער אין אַמעריקאַ— — און אַמאָל האָבן דעם מיידלס עלטערן „פאַרדרייט אַ קאָפּ", האָט מען געטון אַן אמתן שידוך, און עס איז אַ שאָד צו פאַרלאָזן די כלה— —

עטלעכע יידישע סאָלדאַטן ווילן מיטגיין פרייוויליק, אָבער דער הויפּטמאַן וויל זיי נישט מיטנעמען. דעם יידישן בעל-עגלה, אַ מאַן אַ ריז, טרייבט ער אַוועק שוין צום דריטן מאָל.

—וואָס שטופּט איר זיך?—מוסר איך אים—איר וועט צייט האָבן צו שטאַרבן.

—איך האָב געוואָלט קעגן פּאַניען—שטאַמלט ער, און שטעלט זיך א פאַרשעמטער אָן אַ זייט.

דער איינציקער סאַניטעט-אונטעראָפיציר ביים באַטאַליאָן איז אַ ייד. דער הויפּטמאַן איז געצוווּנגען אים צו נעמען. קאַדעט ל., אַ יידישער גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָר פון ב., אַ קלוגער אַפּשפּעטער, גייט צו צום הויפּטמאַן און רוימט אים איין אין אויער, גלייך ער וואָלט אים וועלן מגלה זיין דעם וויכטיקסטען סוד:

—ווייסט איר נישט, הער הויפּטמאַן, אַז דער סאַניטעט-אונטעראָפיציר איז אַ ייד?

דער הויפּטמאַן גיט אַ גלעט די שפּיץ נאָז, ווערט רויט, און ענטפערט געלאַסן, מיט אַ שמייכל:

—דער דאָרט? איך האָב באַלד געהאַט אַ חשד, אַז ער איז אַ ייד. אָבער וואָס לאָזט זיך טון—אין דער נויט פרעסט דער טייוול פליגן"...

מיליטערישע בייטש.

אין גרויסן דאָרף נ. ה. דאַרפן מיר אויסבויען אונזער לאַגער. דער יידישער שענקער גייט אונז אַקעגן מיט זויערמילך און ווייַנטרויבן, פאַר וועלכן ער וויל קיין געלט נישט נעמען:

—דעם ערשטן טאָג—טענהט ער—וויל איך אונזער מיליטער מכבד זיין.

איך ווייס נישט: טוט ער עס אויס גוטסקייט, אָדער פאַר מורא? אָבער „אונזער מיליטער" ווייזט אים באַלד „דאַנקבאַרקייט": תיכף אין דער פרי שיקט אונזער נייער הויפּטמאַן „אויספאָרשן די פרייזן", און ווען דער ווירט ווייזט אים אויס טייערער מיט עטלעכע העלער ווי ער האָט גערעכנט, לאָזט ער

דעם יידן צערעסטירן פאַר „טרייבן די פּרייזן". די שענקערקע מיט די טעכטער קומען צו לויפן מיט אַ יללה, איך זאָל העלפן באַפרייען דעם שענקער. גיי איך צום הויפּטמאַן:

—מיר זענען דאָך נישט ביים פיינט אין לאַנד—בעט איך איך זיי אים.

דער הויפּטמאַן וויל פון גאָרנישט הערן.

—ביים פיינט אין לאַנד?—לאַכט ער—דאָרט זענען איבער־הויפּט נישטאָ קיין פּרייזן. דאָרט נעמט מען, וואָס מען דאַרף, און מען באַצאָלט מיט אַ פּאַטש אין פּיסק!

כּמעט שבת, שפּאַנען די איבערגעשראָקענע ווייבער די פערד און ווילן פאָרן אין שטאָט אַריין בעטן ביים מאַיאָר—אָבער דאָס שמעקט נישט דעם טרוסעוואַטן הויפּטמאַן, נעמט ער ביי זיי אַוועק זייערע אייגענע פערד,—און די פאַמיליע בלייבט אָן אַ שום מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן.

דערצויגן אין ליגנס און פּראָוואָקאַציעס פונם אייגענעם הויפּטמאַן, איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די יונגע סאָלדאַטן צע־הוליען זיך הפקר און מאַכן אַלערליי אַוואַנטורעס. עס העלפט שוין נישט מער, וואָס דער הויפּטמאַן באַשטראָפט זיי מיט „שפּאַנגען" און „אָנבינדן"—צענדליקער סאָלדאַטן שמאַכטן טאָג ווי נאַכט אין פינסטערע שטאַלן, געקאָוועט אין קייטן, מיט דער הנאה פון אַ תּלין, בינדט זיי הויפּטמאַן ס. אין רימענס און צעקיילט זיי מערדערלעך מיט זיין רייט-בייטש—די סקאַנדאַלן הערן נישט אויף און דאָס שיכּרות פאַרמערט זיך. ווו נאָר אַ פּלאַץ, פון וואַנען דער מאַן אָדער דער פאָטער זענען אַוועק אין מלחמה,—ווערט עס איצט אַ „גאַסט-הויז" פאַר סאָלדאַטן, און די יונגע פרוי אָדער דאָס טעכטערל ווערן די „גאַסט-געבערינס". מימתן זיך די סאָלדאַטן אין ליבע-קאָנקורענץ, און די יונגע בויערטעס זוכן נקמה אין זייער אייפערזוכט. מיין געפרייטער, אַ שטילער, פלייסיקער סאָלדאַט, ווערט אפילו אָנגעקלאָגט אין ווערן פאַרגוואַלטיקן אַ בויערטע. ביז טויט-שטראָף גייט אין דעם פאַל דאָס קריג־געזעץ. אָבער נאָך אין צייט דערוויסן מיר זיך,

אַז דאָס איז נאָר אַן אײַפּערזוכט-סצענע פון דער יונגער אַלמנה, װעלכע לעבט פּשוט פון זנות.

זונסטן װײסן מיר כּמעט נישט פון מלחמה: די נײַעסן, װאָס דער יידישער דאָקטאָר א. ברענגט אַריבער פון שטאָט זענען גאַנץ צופרידענע, און אפילו אונזער ריקצוג איז—לויט די צײַטונגען שרײַבן—גאָר אַ נוצלעכער—: „דאָס נאַרן מיר אַזוי די רוסן"... נאָר די העכערע אָפיצירן זענען צו ביסלעך ברוגז: למאַי „קלאַפּט נישט" דער סאַלוט פון די סאָלדאַטן, און למאַי טראָגן נישט די אָפיצירן הויכע האַלז-קעלנער און זענען נישט גלאַט ראַזירט—עס קאָן זיך אויסדאַכטן, אַז װידער קערן זיך אום די גליקלעכע טעג פון „בורג-פרידן". פאַר איך נאָר צומאָל אין דעם גרויסן גאַרניזאָן-שפּיטאָל איבערנעמען פאַרװוּנדעטע רו-סישע געפאַנגענע, װעלכע קומען אין די הונדערטער אין זײערע געל-גרויע, אויסגעשמירטע מונדירן. ס׳רוב זענען פאַרװוּנדט אין די פיס און אין קאָפּ. אַ יונגער, שלאַנקער אָפיציר לאָזט זיך נישט באַרירן פון דעם סאַניטעט-סאָלדאַט און שפּרינגט אַליין אַראָפּ פון װאָגן: ער איז נאָר פאַרװוּנדט אין האַנט, און איז צו שטאָלץ, מען זאָל אים העלפן.

די כּרויען אַרום קוקן מיט רחמנות, די מענער זענען שטאָלץ,—אָבער אַלע, װײַזט אויס, האָבן אַ שטאַרקע הנאה: „מיר האָבן זיי געגעבן!"...

—יעווריי?—פרעג איך אַ הויכן, אָפּגעמאָגערטן רוס מיט אַ שוואַרצער, געקרײַזלטער באָרד.

—יאָ, אַ ייד—קרעכצט דער „רוס" מיט פאַרװוּנדערטע, צע-װײטיקטע אויגן.

—װוּ געפאַנגען.

—בײַ לעמבערג.

—זײַט איר שוין געװען אַזוי װײַט?—װוּנדער איך זיך.

—אונזערע זאָגן, אַז לעמבערג איז שוין בײַ פּאָניעץ אין האַנט—קרעכצט װײַטער דער געפאַנגענער.

איך שטוין: האָט מען אַזוי װײַט פאַרשוויגן פאַר אונז דעם אמת?...

איך האָב נאָך קוים צייט אים אונטערצורוקן אַ „פינפערל״, דען לאַנג רעדן טאָר מען נישט מיט די געפאַנגענע, און איך גיי אין קאַפע־הויז. דאָ באַשטעטיקן די שטאָטישע אָפיצירן, אַז וואָס דער יידישער רוס האָט אָנגעזאָגט, איז אמת: עס איז געקומען די ידיעה, אַז לעמבערג איז נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק געפאַלן.

עס ווערט טרויריק אויף דער נשמה... האָט מען כאָטש פאַר דער ערשטער אָנגעזאָגט מיינע עלטערן, אַז איך לעב און בין געזונט? האָט זיי דערגרייכט מיין לעצטער בריוו? אָרימע מאַמע מיינע...

פאַרזונקען אין מחשבות, פאָר איך צוריק מיט נאָך אַ ביסל שיכורלעכע אָפיצירן. ביים דאָרפישן קלויסטער איז פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם מיטן גלח אין אָרנאַט, מיט ביידע דיאַקעס און מיט אַלע זינגערס. שקצימלעך אין ווייסע העמדלעך טראָגן צלמים, און שיקסלעך, יום־טובדיק אָנגעטון, מיט בלומען אין די „בייגל־צעפּ״, טראָגן הייליקע בילדער. מיר שטעלן זיך אָפּ.

—צוליב וואָס איז דאָס?—פרעג איך דעם קלויסטער־שמש.

—אַ פּראָצעסיע, הער פענריך, דער וואָיט האָט געהייסן, צוליב אונזער זיג אין לעמבערג.

די עלטסטע גאָספּאָדאַרס זענען אונז מכבד מיט אָנגעצונדענע, באַפּוצטע מילע־ליכט. איך קוק אין געלן פלעמל—עס ברענט פאָרט נישט ווי אַ נשמה־ליכט! גיכער שוין ענלעך צו די פאַפּירענע „שטורקאַצן״, וואָס מיר, קליינע חדר־יונגלעך, פלעגן לאָזן אויפן טייך אין די סליחות־טעג.—דער גלח הייבט אָן אַ תפילה, דער דיאַק מיט די זינגערס ענטפערן,—דער עולם זאָגט נאָך. איצט גייט דער גלח אַרויף אויף דער פּראָוויזאָריש געמאַכטער „אַמבאָנע״, און וויל מיט זיין דרשה דווקא מיט „תורת משה״ באַווייזן, אַז מלחמה האַלטן איז אַ מצווה. מיר ציען אַרויס די זעבלען, די סאָלדאַטן נעמען אַרויס די באַיאָנעטן, און דער גלח באַשפּריצט זיי מיט „הייליקן וואַסער״—ער שווענצלט די וואָפן. אַ טראָפּן פאַרשפּריצט זיך מיר אין די

אויגן, און איך טו אַ ציטער, גלייך אַ הייסער פונק וואָלט מיך אָפּבריען.

—קומט בעסער צו די „יידישקעס"—נעמט אונז אין מיטן דרינען אַוועק הויפּטמאַן ס.

דאָרט איז דער בעסטער שענק אין דאָרף, וועלכן עס פירט אַ יונגע אלמנה מיט דריי קינדערלעך. צוליב דער שפּע, האָט זי פון שטאָט נאָך באַצויגן אירע צוויי שוועסטערלעך, און אַזוי אַרום איז געוואָרן דער שענק דער „שטאַם-לאָקאַל" פון די אָפיצירן: נישט אַזוי צוליב דער גוטער משקה, ווי מער צוליב די שיינע שוועסטערלעך, בפרט די בלאָנדע, שיין-אַנטוויקלטע ק.

פון אונטער די ביימלעך לעבן אונזער וואַך-קאָמאַנדע קריכן פּלוצים אַפּיר דריי געשטאַלטן מיט צוויי גרויסע, אונגאַרישע פאָנען. זיי שטעלן זיך אָן אַ זייט, ווי מורא האָבנדיק, מען זאָל זיי נישט אַוועקטרייבן. פון אונטער זייערע אויערן קוקן אַפּער די אַרונטערגעקאַטשעטע פּאות. דאָס זענען די דריי דאָרפס-יידן: זיי האָבן נישט געוואַגט צו קומען צו דער פּראָצעסיע, האָבן זיי אויף דעם אופן געערט „אונזער זיג."—

עס איז שוין נאָך ניין אַ זייגער אין אָוונט—די שוועסטערלעך שלאָפן שוין. די אלמנה וויל אונז באַדינען.

—ניין—שרייט דער הויפּטמאַן—נאָר פריילין ק. זאָל באַדינען.

—זי שלאָפט.

—וווּ?

—אין יענעם צימער—שטאַמלט די אלמנה.

דאָס צימער איז פאַרשלאָסן. חברה אָפיצירן גיבן זיך אַ לאָז צום פענסטער און באַלייכטן עס מיט עלעקטרישע לעמפּלעך. מען דערזעט פריילין ק. אין בעט. דער הויפּטמאַן קלאַפּט אָן—זי ענטפערט נישט, שטופּט ער אַריין דורכן אָפענעם „לופטל" זיין שטעקן און שלעפּט אַראָפּ די קאָלדרע. אַלע לעמפּלעך און אַלע פּנימער דריקן זיך בייזאַמען צו די שויבן—עס ווערט אַ ווילד געלעכטער. דאָס מיידל כאַפּט זיך אויף, ווערט אַ צעמישטע, און דעקט זיך שנעל צו.

—פריילײן—װערט דער הויפטמאַן צערטלעך—מאַכט אויף.

—איך בין אויסגעטון, הער הויפטמאַן—בעט זיך דאָס מיידל אַ פּאַרציטערטע.

—גייט אָן אַ זייט—װענדט זיך דער הויפטמאַן צו אונז אין דער שטיל—איך װעל שוין עפענען.

ער צעלאַכט זיך שיכורלעך און נעמט רייסן דאָס פענסטער.

—איך װעל מאַכן אַ געװאַלט, הער הויפטמאַן!—װיינט דאָס מיידל פאַר שרעק.

—קרוציפיקס!—װערט װילד דער הויפטמאַן—אויפגעמאַכט זאָל װערן!

דאָס פענסטער איז אויפגעריסן און דער הויפטמאַן נעמט אַריבערקריכן. אין דעם מאָמענט גיט דאָס מיידל צוריק אַ פּראַל צו דאָס פענסטער, אַנטלויפט אין צװייטן צימער—און דער הויפטמאַן פאַלט אַראָפּ אין דער ליימיקער בלאָטע. די אָפיצירן דושען זיך פאַר געלעכטער, אָבער קיינער װאָגט שוין נישט זיך געזעגענען מיטן הויפטמאַן—מיר גייען אַהיים.

אויף די פּאַרענטשעס פון די בריקן און אין די ראָװעס צו ביידע זייטן שטראָז דערצאַנקען אויסגעשטעלטע ליכט, דער אָפשיין פון גרויסע הלבנע ליכט ביים קלויסטער גרייכט כמעט ביזן שפּיץ פונם טורם—אַן אילומינאַציע צוליב אונזער „גרויסן זיג“— —

דעם צװייטן טאָג ערקלערט דער הויפטמאַן „אָפיציעל“:

—אונטער שטרענגסטער שטראָף פאַרביט איך יעדן סאָלדאַט און יעדן אָפיציר צו באַזוכן דעם שענק פון די „יי-דישקעס“.—

די שפע אין יענעם שענק האָט אויפגעהערט, און די צװיי שװעסטערלעך האָבן װידער געמוזט אַהיימפאָרן.

ציװיל-באַפעלקערונג.

אויפן חשבון פון אונזערע מפּלות אין גאַליציע, האָט די

באַפעלקערונג אָנגעווירן דעם רעספעקט און שטילערהייט אָנגע־הויבן שפּאָטן פון אונז. מען וויל אונז מער נישט געבן קיין קוואַרטירן: שכנים קלויבן צונויף אין איין הויז אַלע זקנים און קינדער, און ווילן אויף דעם אופן אונז אָפּהאַלטן פון רעקווי־רירן די דירות. און נאָך איידער מיר קומען צום צווייטן הויז, זיצן שוין דאָרט דיזעלבע בלינדע מענער און קראַנקע ווייבער מיט די קינדערלעך. און ווידער הערן מיר דיזעלבע טענות: בישטאָ ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. עס דערפילט זיך אויך אַ מאַנגל אין לעבנסמיטל: הענדלערס פאַרלירן דעם באַגריף וועגן ווערט פון געלט און פאַרלאַנגען אומגעהייערע פרייזן, אָדער ווילן בכלל נישט פאַרקויפן קיין שפּייז. זעגען מיר געצוווּנגען אי קוואַרטירן אי לעבנסמיטל אַוועקצונעמען מיט געוואַלט. נאָר די פון פאַרנומענע ערטער אַנטלאָפענע ציוויל־באַפעלקערונג קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. שלעפּן זיי זיך נאָך דער אַרמיי און טוען פאַרשידענע אַרבעטן, אַבי צו געפינען דאָס ביסל עסן און אַ ווינקל צום שלאָפן. די פוילישע לערערינס פון ב. פירן אַ קיך פאַר די אָפיצירן, און ווען זייער באַלעבאַטישקייט אַליין איז צו ווייניק, זוכן די יונגע אינטעליגענטקעס מיט זייער קער־פּער אָנצוהאַלטן דעם חן אין די אויגן פון די זאַט־געגעסענע, צעהוליעטע אָפיצירן... אויך גאַנצע יידישע פאַמיליעס וואַנדערן מיט אַלס פּאָדריאַדטשיקעס און בעל־עגלהס און ליידן נויט און דערנידערונג צוליב אַ ברייטל פאַר די קינדער אָדער אַ ביסל היי פאַר זייערע אויסגעהונגערטע פערד.

גאַנץ צופעליק דערוויס איך זיך, אַז עס איז ערב ראש השנה. איך באַפריי אַזויפיל יידישע סאָלדאַטן, וויפיל דער „דינסט" ערלויבט נאָר, און אַליין פאָר איך אַריין קיין מ., כדי אין אָוונט צו זיין ביים דאַווענען אין אַ שול.

דורך דער הויפּט־גאַס פירן אונגאַרישע זשאַנדאַרן אַרום זעכ־ציק פאַרשוין: יידן, ווייבער, מיידלעך און קינדער. ווי די ציי־גיינער שלעפּט מען זיי. אפשר אַ פערצן־יאָריקע טוליעט אויף די הענט אַ קליין קינד, און פאַר איר שאַל האַלטן זיך צוויי יונגעלעך פון אַ יאָר פיר, פינף. אַלע פיר יתומים — די מוטער

איז אויפן וועג געשטאָרבן. די ווייבער וויינען, די מענער גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פאַרברעכערס. ז׳יימישע יידן און פרויען ווילן זיי דערלאַנגען ברויט און מילך, אָבער די זשאַנדאַרן דערלאָזן נישט: מען פירט זיי אין די אַרעשטן, ווייל — אַנטלויפנדיק פאַרן שונא, האָבן זיי געוואַגט אָן אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין די אונגאַרישע גרענעץ.

אויף הויכע פורן היי זיצן פרויען מיט קינדער, די מענער דרייען זיך אָפּהענטיק אַרום די גרויסע, שיינע פערד: אַזוי פאָרן זיי שוין איבער אַ וואָך צייט. אויף די פורן טאָגט מען און מען נעכטיקט. זיי האָבן גערעכנט דאָ אָפּצורוען — איצט טרייבט מען ווייטער. אַ פאַרבייגייענדיקער אָפיציר שטעלט זיך אָפּ און לאַכט צניש צום יונגן בלאָנדן מיידל, וועלכע זיצט אויפן סאַמע שפּיץ:

— ווילט איר נישט גיין שפּאַצירן, פרייליין?

דאָס מיידל דרייט אַוועק דעם קאָפּ, און טרערן פון כעס שטעלן זיך איר אין די אויגן.

— איר לעבט, גוטער מענטש?! — דערקענט מיך איינע פון די אַנטלאָפענע — מען האָט דאָך געזאָגט אין ז., אַז איר זייט געפאַלן!

עס איז אַ יונגע פרוי פון מיין געבורט-שטעטל, ווו זי האָט געזען צוריקגיין מיין צעשלאָגן רעגימענט: צווישן אַנדערע טרויריקע שמועות האָט מען אויך דערציילט, אַז איך בין דערהרגעט. זאָל נאָר דער קלאַנג נישט דערגרייכן צו מיינע אָרעמע עלטערן!...

אויפן באַנהויף, זאָגט מען, ליגן אַנטלאָפענע אין די הונדערטער. איך קויף איין פעקלעך שפּייז און פאָר אַרויס זיי באַגעגענען!

דער וואָקזאַל איז אַרומגעשטעלט מיט וואַכן. אונגאַרישע יידענעס האָבן אָנגעבראַכט געקעכטס, מילך, אויבסט, — אָבער מען וויל נישט צולאָזן קיין „ציווילִיסטן". הייס איך עטלעכע סאָלדאַטן צוטראָגן די פעקלעך צו די קויטיקע געפּעק-וואַגאָנען, ווו עס זיצן אָנגעפּאַקט יונגע מיידלעך מיט אַלטע, גרייז-גראָע יידן,

אויסגעמאָגערטע ווייבלעך מיט וויינענדיקע, פאַרשמאַכטע קינדער ביי די דאַרע ברוסטן. און די פאַרהונגערטע נעמען אָן די מתנות מיט ציטערנדיקע הענט און שעמעוודיקע אויגן—זיי זענען נאָך נישט געוווינט צו קיצבה...

אין אַ ווינקל זיצט אַ פּאָרל, אַ סטודענט מיט אַ סטודענטקע. ביידע פאַרשמאַכטע, שפּילן זיי דאָך די ראָלע פון „זאַטע". איך דערלאַנג זיי אַ פּעקל. די סטודענטקע ווערט רויט און וויל נישט נעמען:

—מיר האָבן גענוג געלט—טענהט זי פאַרשעמט.

דער סטודענט שווייגט. אָבער דער טאַטע, וואָס פאָרט מיט זיי, קוקט מיט מאַטע אויגן און מיט אַ בלאַס פּנים— — איך פאַרשטיי אַלץ און לייג אַוועק דאָס פּעקל לעבן זייערע זאַכן. די סטודענטקע נעמט דאַנקען, אָבער פּלוצים צעכליפּעט זי זיך און פאַרגראָבט דאָס פּנים הינטער דעם יונגענמאַנס פּלייצע.

עס פאָרט אָן אַ צוג מיט ענלעכע קויטיקע, צעבראָכענע געפּעק-וואַגאָנען. זשאַנדאַרן טרייבן די אַנטלאָפענע ווי די שאָף: שוין דריי טעג ליגן זיי אויפן וואָקזאַל, געשפּייזט פון באַרמהאַרציקע מענטשן—איצט שיקט מען זיי ווייטער אויף אומבאַקענטע וועגן און זיכערער נויט. זקנים שלעפּן שווערע פּעק, יונגע קינדער העלפן און פאַלן איבער די גרויסע משאות—צווישן דעם געיאָמער פון די ווייבער טראָגן זיך אויסגעשרייען, וואָס רופן די נעמען פון טאַטעס, מאַמעס, פון שוועסטערס און אייניקלעך,—אויף דעם לאַנגן וואַנדער איז מען געוואָרן אָפּגעריסן פון די נאָענטסטע און מען קאָן זיך מער נישט געפינען.

—אויף וועמען וואַרטסטו?—פרעג איך דאָס מיידעלע מיט די בלאָע, פאַרקלערטע אויגן.

—אויפן טאַטוש—ענטפערט זי אויף פּויליש.

—וווּ איז דיין טאַטוש?

—איך ווייס נישט—פאַרטראַכט זיך דאָס קינד מיט אַ צער פון אַ דערוואַקסענעם.

—מוז מען טאָקע ווייטער פאָרן?—פרעגט די פאַרווייינטע מוטער.

זי מיט אַ גר שוועגערין זענען אַנטלאָפן פון ס. אויפן וועג האָט מען זיי צעשיידט פון זייערע מענער. שטייען זיי אַצינד טעג און נעכט אויפן וואָקזאַל און וואַרטן: אפשר וועט מען זיך ווידער באַגעגענען.

—זאָל מען אונז טרייבן מיט באַיאָנעטן—וויינט די שווע-גערין—מיר וועלן פון דאַנען זיך נישט רירן. מיר האָבן שוין מער קיין כוח נישט.

איך נעם מיט קאַדעט ד"ר וו., אַ גוטער אַדוואָקאַט, וועלכער קען גוט דאָס גרענעץ-געזעץ, און גיי אַרויף צום אונ-גאַרישן שטאָט-הויפּטמאַן, וועלכער האָט צו זאָגן איבער די אַנטלאָפענע. מיר בעטן, ער זאָל לאָזן די אַנטלאָפענע אין שטאָט, כאָטש ביז נאָך ראש השנה. צוערשט וויל ער גאָרנישט פאַר-שטיין קיין דייטש, און ערשט נאָך אַ לאַנגן בעטן, זאָגט ער אונז אָפּ. עס העלפט נישט, וואָס מיר ווילן איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און אפילו איינלייגן קויציע פאַר די אַנט-לאָפענע.

—אָבער דאָס איז דאָך קעגן דער קאָנסטיטוציע—טענהט ד"ר וו.

—איך האָב אַ טעלעגראַם פון מיניסטעריום אין בודאַ-פעסט—איז דער הויפּטמאַן פאַרעקשנט—איך זאָל אויפהאַלטן אַלע גאַליצישע יידן.

—אַלע יידן?

—נישט גראָד די יידן—כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט שוין צופיל אויסגעזאָגט פון חדר—איך מוז פאַרהאַלטן אַלע אַנטלאָ-פענע, וואָס קומען פון גאַליציע.

מיר גייען אַראָפּ מיט גאָרנישט. צום דאַוונען איז שוין סיי-ווי שפּעט, פאַר איך צוריק אין מיין דאָרף. ביים הייזל, וווּ עס געפינט זיך אונזער קאָמאַנדע, איז אַ צוזאַמענגעלויף: אַ גוי מיט זיין טאָכטער קלאָגן, אַז אונזערע סאָלדאַטן האָבן זיי באַרויבט פון שפּייז און געלט.

—מען וועט מאַכן אַן אונטערזוכונג—וויל איך באַרויקן דעם גוי.

קאַדעט ל., וועלכער האַלט דאָרט דינסט, שמייכלט און נעמט מיך אָן אַ זייט:

—דאָס האָבן מיינע סאָלדאַטן געגומען, זיי האָבן ע גוט באַהאַלטן. נישקשה, ער איז אַ רייכער גאָספּאָדאַר, ער מעג געבן.—

אין דער נאַכט דערהערט זיך אַ געשריי פון צווייטן הויף, וואָס גרענעצט מיט מייגעם:

—נאָך ערגער ווי די רוסן—שרייט דער גוי פון יענעם הויף—איך וועל זיי אַלעמען אויסקוילען!

די סאָלדאַטן האָבן צענומען זיין שטרויענעם דאַך, און זיך געמאַכט דערפון געלעגערס. איז ער אַרויס מיט דער קאָסע אין האַנט און וויל זיך וואַרפן אויף די סאָלדאַטן. איך פאַרזי-כער אים, אַז איך וועל אים באַצאָלן דעם שאָדן און שיק אים שלאָפן.

—זאָל שוין גאָט געבן, די רוסן זאָלן קומען!—גייט ער אַוועק אָן אויפגערעגטער און צעבערעכט פאַר כעס די קאָסע.

און עס דאַכט זיך, אַז אין דעם צעשפּאָלטענעם שטאָל קרעכצן אַלע ווייטיקן, וואָס די אָרעמע „ציוויל-באַפעלקערונג" האָט אויסצושטיין פון אירע „זיגרייכע" פאַרטיידיקער...

„לויפבזירוע".

—תיכף פּאַקן באַגאַזש און אַמוניציע,—מאַרשבאַרייט—זאָגט אָן אַ שליח פון באַטאַליאָן.

עס איז אַ הויכער יידישער סאָלדאַט, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד, איינער פון יענע „דינער", וואָס ווייסן מער פון די באַלעבאַטים. איך פרעג אים דערפאַר פאָרזיכטיק:

—פעטער, ווי שטייט עס אין שטאָט?

—ווייזט אויס, זער שלעכט, הער פענריך. מען זאָגט, אַז

אויף יענער זייט הערט זיך שטאַרק אַרטילעריע.

עס איז שוין ביי מיר קיין ספק נישט, אַז אפשר נאָך היינט וועלן מיר גיין אין קאַמף.

אַ גאַנצע נאַכט אַרבעט מען אין טויט-שווייס: סאָלדאַטן פּאַקן ביי אָנגעצונדענע לאַמטערנס, אונטעראָפיצירן יאָגן זיך אַרום, זידלען און וואַרפן צו בגנבה שטילע קלעפּ. אַרום דריי פּאַרטאָג בלאָזט מען „אַליאַרם“, און מיר מאַרשירן אַריין גאַנץ טיף אין די קאַרפּאַטן-בערג.

מיר בלייבן ליגן אויפן סאַמע שפּיץ. פאַר אונז גראָבט אַן אַרבעטער-אָפּטיילונג די ערד—פאַר איינעם אַ שיצן-גרוב און פאַרן צווייטן אַ קבר... אַן אַלטער אָבערסט נעמט איבער די קאָמאַנדע. עס יאָגט אָן אַ רייטער:

—הינטער יענעם באַרג קומען אָן רוסישע פּאַטרולן.

און נאָך איידער אַ צווייטער רייטער זאָגט אָן „פיינטלעכע אַרטילעריע“, דערהערט זיך פון לינקס צוערשט שוואַכער, דער-נאָך אַלץ שטאַרקער דאָס שיסן פון אַרמאַטן, און באַלד דער-קענט מען שוין אָן די ווייסע וואָלקנדלעך, אַז דאָרט פּלאַצן שראַפּנעלן. די אַרבעטער ווערן אומרויִק,—זיי אַרבעטן מיט ציטערניש. עטלעכע פון זיי האָבן אפילו אָוועקגעלייגט די לאָפּעטעס און אַליין זיך אַריינגעלייגט אין די האַלב אויסגעגראָבענע אָקאָפּעס. קאַדעט וו. טרייבט זיי ווידער צו דער אַרבעט, אָבער נאָר אויף אַ קורצער ווײַלע, דען עס פּלאַצן שוין גראַנאַטן אין דער נאָענט פון דריי הונדערט מעטר.

—נישט מעגלעך וויטער צו גראָבן: די אַרבעטער זענען דענערווירט—בעט זיך דער קאַדעט ביים אָבערסט.

—ווייטער אַרבעטן—איז די קורצע תשובה.

מען האַלט די סאָלדאַטן מיט געוואַלט: אויף בלינד קלאַפּן זיי מיט די האַקעס,—זיי ווילן פאַרטויבן די מורא. און דאָ שיטן זיך שוין שראַפּנעלן גאָר נאָענט פאַר דעם פראָנט. מיט אַמאָל זעצט אַריין אַ גראַנאַט גלייך אין די אָקאָפּעס און פאַר-וווּנדט צוויי אַרבעטער! אַ פאַרשטאַרטע רגע—אַ מטושטשער בליק,—און ווי עס דערהערט זיך נאָר דער ערשטער „אוי“ פון אַ

פאַרווונדטן, צעלויפט זיך די גאַנצע אָפּטיילונג אויף פאַרשידענע זייטן.

—האַלטן! האַלטן!—שרייט דער אַלטער אָבערסט פון אונטער אַן איבערגעקערטן בוים, אָבער קיינער הערט אים נישט.

עס ווערט שטילער. דאָס שיסן לאָזט נאָך—עס הערט אויף אַ „פייער-פויזע". אַ טייל קריכט פויל אַפער פון אונטער דיביימער און אָקאָפּעס, אַנדערע ווערן צוזאַמענגעטריבן מיט געוואַלט,—מען נעמט זיך ווידער צו דער אַרבעט.

כדי זיי צו באַרויִקן, הייסט דער אָבערסט פאַרטיילן אַלטע, אָפּגענוצטע וואַפן און פאַרזשאַווערטע קוילן, וועלכע מען האָט צופעליק געפונען אין אַ מאַגאַזין. די פיינטלעכע אַרטילעריע לאָזט זיך ווידער הערן, און פלוצים באַווייזן זיך אויפן האָריזאָנט קאָזאַקן. זיי יאָגן אַראָפּ אין טאָל, כדי, אפנים, מיטן וועג אַרויף צו אַטאַקירן אונזערע אָקאָפּעס. מיר דאַרפן דערווייל „שווייגן", אָבער די אַרבעטער ווערן ווידער דענערווירט און נעמען תיכף שיסן. איינער לייגט צו דאָס געווער צום אויג, ציט דאָס „צונגל",—די קויל בלייבט שטעקן אין ראָר און וויל מער נישט אַרויס! אַ צווייטער שיסט אויס,—אָבער די ביקס איז אוודאי פאַרשטאָפּט אָדער פאַרזשאַווערט,—גיט עס אַ שטאַרקן קנאַק—און זיין אייגן געווער צעפּאַלט זיך אין שטיקלעך. דער איבערגעשראָקענער סאָלדאַט קומט נאָר אָפּ מיט אָפּגעבריטע פינגער,—אָבער אויך ער האָט שוין „אָפּגעשאָסן". די אַנדערע אַרבעטן דערווייל. אויף אַ מאָמענט דאַכט זיך, אַז די קאָזאַקן בלייבן שטיין און ווילן צוריק: דאָס פלעצלעכע פייער האָט זיי אפנים, אָפּגעהאַלטן. נאָר מיט אַמאָל יאָגן זיי ווידער אין דער זעלבער ריכטונג, און האַלטן שוין ביים אַרויפקלעטערן דעם באַרג צו אונז. צווישן די אַרבעטער-סאָלדאַטן ווערט אַ ווירוואַר: איינער הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום,—וואַרפט אַוועק די לאָפּעטע און לויפט צוריק. זיין שכן טוט דאָסזעלבע. און נאָך זיי אַ דריטער, אַ פערטער,—און מיטאַמאָל געפינט זיך ווידער די גאַנצע אָפּטיילונג אין אַ שרעקלעכער פּאַניק: צוריק!

די קאָזאַקן קומען וואָס אַמאָל נענטער־גאָט זעגען זיי שוין, צאַכט זיך, בײַ אונז.

—„פֿאָרווערטס”!—קאָמאַנדעוועט דער אַלטער אָבערסט.

אונזער קאָמפּאַניע מאַכט אַ „שפּרונג”, וואַרפֿט זיך אַרײַן אין די האַלב פֿאַרטיקע שיצן־גריבער און הייבט אָן אַ „שנעל־פֿײַער”. די קאָזאַקן יאָגן נאָך אַ ווײַלע, רײַטן אָבער וואָס אַמאָל פּאַוואָליער,—ביז זיי קערן זיך אום צוריק, איבערלאָזנדיק אויפֿן וועג אַ היפּש ביסל טויטע און פֿאַרוווּנדעטע. זיי ווערן פֿאַר־שווונדן און עס ווערט שטיל, גלײַך גאָרנישט וואָלט געשען.

קיין איינציקער מאַן בײַ אונז איז נישט פֿאַרוווּנדט, אָבער—דער קאָמפּאַניע־קאָמענדאַנט, אָבערלייטנאַנט ב., פֿעלט. ווו זאָל ער זײַן?

צוויי טעג ליגן מיר אין דער פּאָזיציע—כמעט אין פֿרידן. די פּאַטרולן, וועלכע מיר שיקן אַרויס אונטערזוכנדן די פֿינף דערפֿער פֿאַר אונזער פֿראָנט (כּדי נישט צו דערלאָזן, דער פֿײַנט זאָל דאָרט קאָנען געפֿינען קוואַרטירן), גיבן איבער, אַז פֿון דעם שונא איז קיין זכר נישט געבליבן. און מיט איינער פֿון אָט די פּאַטרולן קומט צוריק דער אָבערלייטנאַנט ב. זיי האָבן אים געפֿונען אין אַ גרוב אין וואַלד. דאָס האָט אים די לעצטע קאָזאַקן־אַטאַקע אַהין פֿאַרטריבן...

—„קערלע פֿאַרפֿלוכטע!”—צעשרײַט ער זיך אויף זײַנע סאָלדאַטן—ווו זײַט איר געווען? איך האָב דאָך אײַך אַרומגעזוכט!

דער אָבערסט קאָנטראָלירט די פּאָזיציע, לויבט די סאָל־דאַטן פֿאַר זייער אויסגעהאַלטנקייט, און פֿאַרזיכערט דעם אָבער־לייטנאַנט ב., אַז ער וועט באַקומען אַ מעדאַל פֿאַר „טאַפּ־פֿערקייט”— — —

גאַנץ אומפֿאַרהאָפֿט הייבט אָן אַטאַקירן רוסישע אינפֿאַנ־טעריע. די קאַרפּאַטן־בערג גיבן אַ סך געלעגנהייט צון אַזעלכע „איבעראַשונגען”. אונזערע סאָלדאַטן האַלטן זיך מוטיק—אָבער נישט קוקנדיק אויף די גרויסע פֿאַרלוסטן, קומען די רוסן פֿאָרט נענטער. אונזער רעכטער פֿליגל מוז צוריקגיין. אָבערלייטנאַנט ב. צעשרײַט זיך פּלוצים, אַז ער איז פֿאַרוווּנדט און נעמט לויפֿן

אויף צוריק, און זיין גאַנצע קאָמפּאַניע לויפט אים נאָך. די רוסן באַמערקן דאָס און הייבן אָן מוראדיק שנעל שיסן. ס׳איז נישט מעגלעך לענגער זיך צו האַלטן—עס קומט דער באַפעל אויף „צוריק״.

—„ריקצוג״ באַפוילן—שריי איך צו לייטנאַנט ג., וועלכער געפינט זיך מיט זיין צוג לינקס פון מיר.

—נאַר!—שרייט ער צוריק פון אַ גרוב, ווו ער זיצט באַהאַלטן מיט נאָך אַ קאַדעט—בלייב דאָ! מען וועט אונז בעמען געפאַנגען!

לייטנאַנט ג. מיט זיין גאַנצן צוג זענען געפאַנגען, מיר לאָזן איבער אַ סך טויטע און פאַרוואונדעטע,—און אונזער גאַנצע ליניע געפינט זיך אין שנעלסטן געלויף אויף צוריק.

און אַזוי הייבן מיר אָן אונזער נייע, דריטע פאָרם פון טאַקטיק.—צווישן „אָפענזיווע״ און „דעפענזיווע״ אפשר די פּרימיטיווסטע, אָבער זיכער די געפערלעכסטע—מיר געפינען זיך אין אַ פּאַנישער „לויפנזיווע״.

אין אונזער געוואַלט־מאַרש באַגעגנען מיר דאָס „עפּידעמיע־שפּיטאָל״: אַ שטרויענער דאַך אויף שמוציקע, פאַרליימיקטע דרענגלעך—איבערגעמאַכט פון אַן אַלטער צעגעלניע. די כאָליערע־קראַנקע וואַלגערן זיך אין רויטן שטויב פון די צעריבענע ציגל, דער רעשט קראַנקע ליגט אין דרויסן אונטער אַ דעכל פון צעריסענער לייוונט. אויך מיר לייגן זיך צו אָפּרוען, און—נישט אַכטנדיק אויף דער מגפה—זוכן מיר דאָרט באַשיצונג פאַר דעם פוילן, קילן רעגן, וואָס פאַרסקעט אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג קומט דער באַפעל תיכף צו רוימען דאָס שפּיטאָל. קיין סאַניטעט-וואָגנס זענען נישטאָ, באַשליסט דער קאָמענדאַנט, ד״ר או., צו ראַטעווען נאָר די קראַנקע-וועכטער און דאָס מאַטעריאַל—צוליב „סאַניטאַרע טעמים״ מוזן די קראַנקע איבערבלייבן. מען נעמט פיבערהאַפט פּאַקן,—און דאָ שפּריצן שוין די ליים־גריבער מיט בלאָטע—די ערשטע שראַפּנעלן רינגלען שוין אַרום דאָס שפּיטאָל. די סאָלדאַטן ביי דער אַרבעט ווערן צעמישט—זיי נאָך מער דענערווירן די פאַרצווייפלטע

קולות פון די צעשראָקענע קראַנקע. עס הייבן אָן אַריינפאַלן קוילן. די צעווילדעוועטע פערד ווילן נישט איינשטיין, לאָזן מיר זיך מיט דער הילף געפעק אין וועג אַריין. די אָרעמע קראַנקע זען זיך גאַנץ פאַרלאָזן–צעלויפן זיי זיך האַלב נאַקעטע און צעטראָגן די בייזע פעסט אויף ארבע פנות העולם. נאָר די שווער־קראַנקע בלייבן. זיי זענען שוין פאַרגעבלט אין דער טונקעלער רויקייט פון גסיסה–און ווערן אויף אייביק אַנטשלאָפן אונטער דעם רעגן פון פייטלעכע קוילן– —

מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון די בערג. די גרויסע בריק איבער דעם טיפן וואַסער איז פאַרבאַריקאַדירט: עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אַרום דאַרף פאַרבייפאָרן אַ פיינטלעכער אויטאָמאָביל, וועלכער פירט פון פראַנקרייך קיין רוסלאַנד הונדערט מיליאָן רובל אין גאָלד!

—און האָט מען שוין עמיצן געכאַפּט?–פרעג איך אין שפּאַס דעם אָפיציר, וועלכער האַלט דאָרט וואַך מיט זיין אָפּטיילונג.

—הונדערט מיליאָן נאָך נישט–לאַכט ער זיך אויס–אָבער איך האָב שוין געהאַט גענוג צרות פון מיין סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָ דערשאָסן אַ היגן באַנקיר, מיינענדיק, אַז ער האָט געכאַפּט דעם פראַנצויזישן מיליאָנער.

מיר נעמען זיך אָפּרוימען די בריק, כדי צו קאָנען דורכפאָרן מיט אונזער געפעק–ווען אַ ריזיקער קראַך צעטרייסלט אַלעמענס נערוון און מאַכט אויף אַ רגע גאַנץ אָפּהענטיק–: דאָס האָבן אונזערע, ביים צוריקגיין, אויפגעריסן די בריק מיט דינאַמיט, נישט ווייסנדיק אַפּנים, אַז מיר זענען נאָך אויף דער אַנדערער זייט! די איינציקע רעטונג אַצונד איז נאָר דאָס קליינע, הילצערנע בריקל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט. מיר פאַרקערעווען די וואָגנס אַהינצו, און מוזן פשוט שלאָגן די גוים, זיי זאָלן שנעלער טרייבן די פערד, כדי זיך אַרויסצורייסן פון דער געפאַר.

מיר זענען בשלום אַריבער. אויפן בריקל דושן זיך נאָך עטלעכע וואָגנס, באַפּאַקט מיט אַנטלאָפענע ציווילּיסטן. זיי ווילן

איינער דעם אַנדערן איבעריאָגן. צוויי פ־רן האָבן זיך פאַר־טשעפּעט און קאָנען זיך נישט רירן. און דער קנאַק פון די רוטישע קאַנאָנען טרייבט—יאָגט- פאַרמוטשעט! ביז אַ גראַנאַט צע־רייסט דאָס בריקל אין צווייען, די נאָכהענגענדיקע ברעטער צע־זשאַרען זיך מיט אַ גראָ־ברוינעם רויך—און די צוויי פורן אַנט־לאָפענע מענער, ווייבער און קינדער פאַרזינקען אין דעם טיפן, צעכוואַליעטן טייך.

מיר געפינען זיך שוין אויפן גלאַטן „קייזער-שטראָז״, וואָס פירט קיין מ.—די פערד גייען גאַלאָפּ—אָבער דעם יאָמער־געשריי פון די, וואָס טרונקען זיך, הערן מיר נאָך גאַנץ דייטלעך.

און אַזוי יאָגן מיר אַריין קיין מ. פאַרן קאַפּע־הויז זיצן עטלעכע אָפיצירן. דערזעענדיק אונזער געל־יף, כאַפּן זיי דאָס אויטאָ, וואָס שטייט לעבן זיי, און מיט אַ געשריי „אַנטלויפט!״ נעמען זיי יאָגן איבער דער שטאָט. דאָס רייסט מיט די באַ־וווינער,—און באַלד געפינט זיך אויך די גאַנצע שטאָט אין אַ משוגענער פּאַניק.—

די רוסן זענען אַזוי ווייט נישט נאָכגעלאָפן. וואָלטן זיי אָבער געוווסט, ווי אָפּהענטיק מיר זענען געווען, וואָלטן זיי דאַן זיכער געקאָנט נעמען די שטאָט מ. אָן אַן איבעריקן שאָס.

אַ ייד—אַ פערל!

נאָך איידער מיר פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס, מוזן מיר שוין ווידער צוריק. פון זעקס אין דער פרי מאַרשירן מיר. איצט איז שוין עלף דער זייגער, די זון ברענט שוין מיט איר גאַנצער קראַפט—און קיין אָפּרו איז נאָך אַלץ נישטאָ. עס קומט אונז אַקעגן אַ פרישע „מאַרש-קאָמפּאַניע״, וועלכע גייט צו דער פּאָזיציע אַלס „פאַרשטאַרקונג״. יונגע יונגלעך, אויסגעפּוצט אין

בלומען,—זענען זיי שטאָלץ אויף די „עליענ״-אויסגעשרייען פון די פאַרבייגייער. דורך די פענסטער פון אַ פּאַפּיר-פאַבריק שטעקן אַרויס די קעפּ צענדליקער אַרבעטערינס און ווינקען גנביש און קאָקעט: נישט איינע זעט אַוועקגיין איר „מזל״, דערמאַנענדיק זיך אָן די זיסע מינוטן מיט יענע יונגע סאָלדאַטן—דאָרט, אויף די פינסטערע פלאַנטאַציעס הינטער דער פאַבריק... הינטער דער קאָמפּאַניע הינקט נאָך אַן אָפּגעצאָמטער, איינגעהויקערטער סאָל-דאַט אין צעריסענע שיך. אַ ייד. אויף ביידע אַקסלען הענגען אים נאָך צו צוויי ביקסן, וועלכע בייגן אים אַראָפּ ביז צו ד׳ערד: דאָס העלפט ער נאָכטראָגן די געוועזן זיינע מידע חברים, וועלכע זשאַלעווען גאָרנישט זיינע קרומע פּלייצעס און באַלאָדן אים יעדעסמאָל מיט אַן אַנדערער משא. און דאָס איינגעדאַרטע יידל האַלט נאָך ציטערנדיק אין זיינע ביידע הענט-לעך אַ קליין תהלימל—קוקט נישט אויף קיין שטיינער און גריבער—נאָר האַלט די אויגן אַריינגעגראָבן אין זיין ספרל. מען הערט נישט קיין וואָרט, אָבער אָן דעם שמאָלן, שיטערן בערדל, וואָס באַוועגט זיך אָן אַן אויפהער, איז צו דערקענען, אַז דאָס האַלט ער אין איין „זאָגן״.

אויך זיי מוזן זיך אומקערן מיט אונז: אויך זייער „פאַר-שטאַרקונג״ וועט שוין מער נישט העלפן.

מיר שטייען פאַר אַ ברייט, טיף וואַסער. די כוואַליעס האָבן אַוועקגעריסן די איינציקע בריק,—נייע בריקן בויען איז קיין צייט נישטאָ, נעמט מען אַריבערפאָרן אויף די דריי שיפ-לעך, וועלכע מען דינגט ביי דאָרטיקע פישערס. צוערשט פאָרט דער שטאַב, דערנאָך עלטערע אָפיצירן, צולעצט די אָפּטיילונ-גען. אָבער די שיפלעך פולן זיך מיט וואַסער—עס ווערט גע-פערלעך: אייבס, אָנגעשטאָפּט מיט סאָלדאַטן, וואָפן און געפּעק, וויל זיך נישט רירן פון אָרט, און ווען עס ווערט שוין מיט געוואַלט אַריינגעריסן אין מיטן וואַסער, קערט עס זיך איבער מיט דער גאַנצער משא. אָנגעטראָפן אַפּנים אויף גוטע שווי-מערס, דען באַלד זענען אַלע אויפן צווייטן ברעג. אַחוץ די

וואָפן און געפעק גייען פאַרלוירן נאָר איין מאַן. אַרויסגעשלעפּט אים אַ שעה שפּעטער, אָבער שוין אַ דערטרונקענעם.

דאָס אַריבערשיפן גייט זייער פּאַוואָליע—מען מוז זוכן אַן אופן אויף אַריבערצוגיין. מען געפינט ענדלעך אַ שמאָלן פּאַס, וואָס ווייזט אויס צו זיין נישט אַזוי טיף. שפּאַנט מען איין אַן אָקס אין אַ וואָגן, מען בינדט אים אָן בײַ די הערנער אַ שטריק, וועלכן מען וואַרפט אַריבער אויף דעם אַנדערן ברעג,—און אַזוי שלעפּט מען אים מיטן וואָגן איבערן וואַסער: דאָס פּרוווט מען די טיפקייט. דער שטראָם שלעפּט דעם וואָגן מיט זיך, אָבער דאָס וואַסער גרייכט קוים איבער די רעדער.—מען קאָן אַריבער-גיין. די סאָלדאַטן טוען זיך אויס, און באַלד באַדעקט אַ ווײַ-סער שוים די פלאַך פונם וואַסער: אונזער באַטאַליאָן גייט אַרי-בער דעם טײַך. פיל זאַכן גייען פאַרלוירן, אַ סך סאָלדאַטן פאַלן, הייבן זיך אויף און גייען פאָרט אַריבער,—נאָר דאָס ני-דעריקע יידל פון ז., וועלכער פירט מיט זיך באַשטענדיק דעם באַטאַליאָן-הונט און כאַפּט שלעג פון די קיכערס, ווײַל ער גנבעט בײַ זיי פלייש פאַרן הונט—נאָר ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן: דאָס פּעקל אָנטועכץ אונטערן אָרעם, פירט ער מיט דער אַנדערער האַנט דעם הונט בײַ אַ שטריק, וועלכער פּלאָנ-טערט זיך אים אונטער די פיס. נעמט ער דעם הונט אויף די הענט און לאָזט זיך גיין אין וואַסער. דער הונט שפּרינגט אַראָפּ און נעמט זיך שווימען. וויקלט ל. דעם שטריק אַרום דער האַנט, כדי צו האָבן דעם הונט נענטער בײַ זיך, אָבער דער הונט רייסט זיך—און קערט אים איבער אין וואַסער אַריין. דאָס פּעקל פאַלט אַרויס פון אונטערן אָרעם און צעשווימט זיך. ווײַל עס ל. כאַפּן, אָבער ער פאַלט צום צווייטן מאָל און שלעפּט מיט דעם אָרעמען הונט אונטערן וואַסער. דער הונט הייבט אָן זיך טרינ-קען. ל. באַמערקט עס, נעמט ער שרייען געוואַלט, ברעכט די הענט, און צעוויינט זיך מיט אַ יאָמערלעך קול ווי אַ צערייצט קינד. צוויי סאָלדאַטן דערבאַרמען זיך און העלפן אים ארויס-שלעפּן דעם הונט. פאַר דאַנקבאַרקייט שענקט זיי ל. אַוועק זיין גאַנץ ברויט, וואָס ער פאַרמאָגט.

ענדלעך ברענגט מען אויך אַריבער דאָס געפּעק מיט דער אַמוניציע, און מיר מאַרשירן ווייטער.

דער טאָג איז אַ הייסער, די זון בראָט צום דערשטיקט ווערן. פון אונטער די מידע פיס הייבן זיך אויף וואָלקנס שטויב, וועלכער קריכט אין די אויגן, לייגט זיך אויף די לונגען, מישט זיך אויס מיטן שווייס אויף די פנימער און באַדעקט די צעהיצטע הויט מיט לענגלעכע פאַסן בלאָטע. אָבער דער דאָקטאָר, וועלכער פאָרט נאָך אויף אַ וואָגן צוויי קילאָמעטער פון הינטן, לאָזט זאָגן, אַז — „אויסגעטרוקנטער שטויב שאַדט נישט" — מאַרשירט מען ווייטער מיט די לעצטע כּוחות. דאָך — מען מוז זיך פאָרט אָפּרוען! די סאָלדאַטן און די אָפיצירן וואַרפן זיך אין פאַרשטויבטן גראָז צו ביידע זייטן שטראָז — און אַ הייסער נעבל נעמט טאַנצן פאַר די אָפענע אויגן. די פעלדקיכן האָבן גאָרנישט צוגעגרייט, ווייט אַרום איז אַ ליידיקע „פּושטאַ" און קיין ברויט איז אויך נישטאָ. וואָלט כאָטש זיין אַ ביסל וואַסער! די דאָקטוירים האָבן פאַרבאָטן צו טרינקען: וועגן כאָליערע אָדער טיפוס. דאָך קאָן מען די סאָלדאַטן נישט אָפּהאַלטן —: זיי וואַרפן זיך צו די ריטשקעלעך און רינשטאָקן. און קילן זייער דאָרשט אין דער פּעסט...

ערשט איצט דערפילט זיך דער ווייטיק אין די פיס. עס בלייבט אָבער נישט קיין צייט צו קלערן: מיר גייען שוין ווייטער.

נאָך האַלבער נאַכט קומען מיר קיין בער. אויפן צווייטן עק שטאָט, הינטער אַ גרויסער שטאַל, בלייבן מיר שטיין — מען ווייסט נישט, ווו אַהין צו גיין. די פאָרויסגעשיקטע רייטער ווייזן זיך נישט. אַ מאַן פון מיין צוג פאַלט חלשות. קוים צוגעלאָפן אים ראַטעווען, פאַלט אַ צווייטער און אַ דריטער. מיין צוג איז אָבער דער „בראַוווסטער", דען ביי אַנדערע אָפּטיילונגען פאַלן צו צען און צו פופצן מאַן. קיינער פרעגט שוין נישט אויף אַן ערלויבעניש — מען ווערט זיצנדיק אַנטדרימלט.

אפשר א שעה בין איך געשלאָפן, ווען מיין דינער וועקט

מיך: מיר גייען ווייטער. איבערלאָזנדיק עטלעכע-און-צוואַנציק קראַנקע און איין געשטאָרבענעם, מאַרשירן מיר אַוועק.

די שטימונג איז טרויריק: נישט געגעסן, נישט געטרונקען, נישט אויסגעשלאָפן אפילו, גייט מען מיט די פעקלעך אויף דער פּלייצע, דעם קאָפּ אַראָפּגעהאָנגען, פאַרטיפט אין געדאַנקען. נאָר דאָס אייזן און בלעך צוילט מעכאַניש דעם טאַקט פון די צוגעקילטע הוסטנדיקע סאָלדאַטן. די נאַכט ליגט נאָך אַ געדיכטע, נאָר ווו אַרום האָבן אַריינגעטריפט עטלעכע טראָפּנס גראָקייט, ווי אַ נעפּ וואַסערדיקע מילך אין אַן אָרימאַנס קאַווע-טעפּל: עס איז נאָך נישט די צייט פון טאָגן,—און דאָך שלאָגט זיך דורך צוערשט אַ ראָזעווער, און באַלד אַ גאַנץ רויטער אָפּשיין, וואָס פאַלט איבער אונזערע קעפּ מיט זיין לעצטן אויסהויך. סאָלדאַטן נעמען זיך אומקוקן, און באַלד מאַרשירט כמעט דער גאַנצער באַטאַליאָן מיט אויסגעדרייטע קעפּ אויף צוריק. ווייט אויפן האָריזאָנט זעצט אַרויס אַ מעכטיקע רויטע שיין, און דער שוואַרצער רויך זאָגט עדות, אַז דאָס איז נישט דער זונ-אויפגאַנג,—עס איז אַ שרפה. עס יאָגן אָן אונזערע ראָד-פאָרערס, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזט אַלס „מרגלים הינטער דער מחנה", און זיי מעלדן: דאָס האָט רוסישע קאַוואַלעריע אונטערגעצונדן דיזעלבע שטאָל, אין וועלכער מיר האָבן גענעכטיקט. זיי האָבן אפנים געמיינט, אַז מיר קוואַרטירן נאָך דאָרטן.

דער מזרח הינטער אונז לייטערט זיך אויס און דער מאָרגן הייבט אָן שיקן זיינע ערשטע שליחים. דער וועג, דורכגענעצט אַ ביסל פונם מאָרגנטוי, צעבלאָזט נישט אַזוי דעם שטויב.—מאַרשירן די איינגעבויגענע רוקנס אַלץ לייכטער און שנעלער—שנעלער, ווי אַ סטאַדע נאַרישע שאָף, וואָס אַנטלויפט פאַר די ליכטיקע שטראַלן פון דער זון.

די גלידער צעוואַרימען זיך, און ערשט איצט באַמערקן מיר הינטער אונזער קאָלאָנע אַ יונג מיידל. זי גייט אָפּגעזונדערט, אויף אַ הונדערט שריט ווייט, וואַרפט אָבער אַריבער גאָר שאַרפע, קאָקעטע בליקן. עס פאַלן „באַמערקונגען", קאַדעט אָנ. שאַרט זיך צו, הייבט אָן „קאָמפּלעמענטעווען", און באַלד

איז ער שוין מיט איר „פער דו". די איבעריקע חברה אָפּיצירן „פאַרגינען נישט", רינגלט מען זי אַרום, און זי גייט שוין צווישן אונז.

—פון וואַנען זייט איר, פריילין?

—פון גאָר דער וועלט—ענטפערט זי קאָקעט.

זי רעדט דייטש, אונגאַריש, טשעכיש, פויליש, סלאָוואַקיש און נאָך עטלעכע שפּראַכן,—אין אמתן אָבער קען זי קיין איינציקע שפּראַך נישט.

—ווילט איר מיטגיין אין קריג?

—פאַרוואָס נישט? איך האָב זייער ליב סאָלדאַטן.

און זי באַווייזט עס באַלד מיט אַ גלעט. שפּעטער בעט זי אַ ציגאַרעטל און הייבט אָן זוכן אויף די פינגער—„ווער איז פאַרהייראַט?" לייטנאַנט פ., וועלכער זיפצט אַזוי יעדן טאָג נאָך זיין פרוי און די „איינציקע, טייערע קינדערלעך", שענקט איר שוין אפילו זיין חופה־רינג. זי גיט אים דערפאַר אַ קוש. דער מאַיאָר רייט פאַרביי און נאַקיוועט שמייכלנדיק, ווי איינער רעדט: גנבים, איר האָט זי מיר אַוועקגענומען...

מען גיט אַ סיגנאַל: „קליינע ראַסט". די סאָלדאַטן דעכן אָפּ. פאַרן טויער פון אַ גרויסן הויף (עפּעס ווי אַ מין שלאָס) שטייט אַן עלטער ווייבל מיט איניקע מיידלעך און צווישן זיי איינע—מיט אויגן קאַרשן, קראָ־שוואַרצע לאָקן און פולענקע קליי־בעס. אפשר זיבעצען און אפשר אַ דרייצעניאָריקע. זי איז אין דער צייט פון בליונג, ווען עס איז שווער צו זאָגן: איז די פּרי שוין צייטיק אָדער נעמט זי ערשט וואַקסן? אַז אַ ברכה זאָל רוען אויף אַזאַ קינד, און געבענטשט זענען די אויגן, וואָס קוקן זי אָן! שטייען זיי אַלע ביים־אַמען און טוען, וואָס זיי קאָנען: דריי ברויט האָבן זיי שוין פאַרטיילט, אויבסט אויך, טראָגן זיי אַצונד וואַסער צום פאַרטיילן. איך בעט ביי זיי אַ שטיקל צוקער צו מיין לימאָנאַדע.

—„מי?" (וואָס?)—פרעגט דאָס שיינע קינד אויף אונגאַריש.

—רעדט איר נישט דייטש?—פרעג איך.

—יע—ענטפערט כאַר איר דאָס ווייבל אויף „דייטש".

—יידן?

—יע, מיר קענען אויך דייטש—ענטפערט זי ווידער אויף „דייטש".

—און...?—ווייז איך אָן אויף דער קליינער.

—מיין טעכטערל, סאָרציע—איז דאָס ווייבל צופרידן—זי קען אויך דייטש, נאָר זי שעמט זיך.

זיי ווייזן מיר אָן אַ קרעטשמע: אפשר וועל איך דאָרט קריגן צוקער.

—אַדאַנק, פריילין סאָרציע!—וויל איך איר געבן די האַנט, זי אָבער לאָזט אַראָפּ די אויגן און פאַרשעמט זיך.

אין קרעטשמע איז אַ געדרענג—נישט צום דורכגיין. זעלנער, וועלכע האָבן אַ פּאָר קרייצער, שטופּן זיך, ווי אַמגיכסטן עפּעס צו באַקומען. אפנים אויך אַנדערע טרופּן רוען אין דער נאָנט, דען אַרום שענק טרעף איך סאָלדאַטן פון פאַרשידענע רעגימענטן, זיי רייסן זיך איבער אַ ביסל שנאַפּס—מער קאָן מען גאָרנישט באַקומען. כמעט מיט געוואַלט קריג איך אַרויס ביים יידן אַ שטיקל צוקער פאַר גאָר אַ הויכן פּרייז. איך קום פּונקט אַרויס, ווען מיר פאַרנעמען זיך ווייטער מאַרשירן. די אָפיצירן רינגלען נאָך אַרום די קליינע סאָרציע און פאַרשרייבן איר אַדרעס. מיר גייען שוין, ווען עס פאָרט אָן אַ וואָגן מיט באַגאַזש, און אויף אים זיצט דאָס שיקסל „פון דער גאָרער וועלט". דאָס האָבן די עלטערע אָפיצירן געמאַכט אַ „סאַבינער־רויב"—זיי פאַרנעמען זי מיט זיך.

מיר מאַרשירן שוין העכער אַ האַלבן טאָג—און מיר קומען נישט פון אָרט: צי איז דער קאָמענדאַנט אַזוי דענערווירט, אָדער האָט די „סאַבינערין" אים דעם קאָפּ פאַרדרייט—שוין דאָס דריטע מאָל קומען מיר אויס צו דעמזעלבן שטעטל! און עס ווערט באמת לייכטער, ווען מען דערזעט פאַר זיך אַן אַנדערע געגנט: מער שטיבלעך—גאַנצע דערפער. און דאָס דאָרף איז דאָס מאָל אַ גרויסע טרייסט. צום הונגער האָט מען זיך שוין אפילו צוגעוווינט: אַ קיך „אויפשלאָגן" און מיטאָג קאָכן, וואָלט אויסגעזעען ווי פלוצים בויען אַ משוגעים־הויז אין מיטן שטראָז.

עס איז געקומען די צייט פון „זאָרגן יעדער פאַר זיך“, איז דאָס פעלד די שפּייזערין און דער בוים דער פאַרזאָרגער. דען אפילו די „לענונג“ דאָס טאָג-געלט פאַר די סאָלדאַטן, האָט מען אויפגעהערט צו געבן—איז נישטאָ פאַר וואָס צו קויפן. אָבער דאָס דאָרף איז באַרמהאַרציק. אָט האָט זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ דיקער אונגאַר מיט גראָבע וואָנטשעס, אויפגעשטעלט פאַר זיך אַ גאַנץ פאַס ברויט און פאַרטיילט עס די דורכגייענדיקע סאָלדאַטן. אַן אַלטע גויע ווישט זיך די אויגן מיטן עק פאַרטוך, און מיט דער צווייטער האַנט טראָגט זי אונטער אַ ברויט.

—„קאַטונאַ“ (זעלנער)—האַלט זי אין איין רעדן, און אַן אירע מינעס פאַרשטיי איך, אַז זי האָט אַ זון ביי דער אַרמיי און וויל, מען זאָל בעטן פאַר זיין לעבן.

אַ יונג פּאָרל, יידן דאַכט זיך, ברענגען אַרויס אַ פולן זאַק קליינע רויטע עפּעלעך. זיי קאָנען אָבער נישט באָכלויפן מיט דער משא, נעמען עס איבער צוויי סאָלדאַטן און פאַרטיילן עס גייענדיק. אָט לויפט נאָך אַ מיידל מיט אַ קוישל טרויבן, וואַרפט יעדן אַ שטרענגל, ביז דאָס קוישל ווערט ליידיק. און זי בלייבט שטיין, נאָכקוקנדיק ווי מיט אַ מינע: „וואָס האָב איך דאָ געטון?“—און אַזוי קאָנען נישט די סאָלדאַטן זיך באַקלאָגן אויף דער געגנט,—ווערן זיי פרייליך און הייבן אָן אפילו זינגען.

דאָס איינציקע אומגליק פון דער געגנט איז די שפּראַך. אונזערע סאָלדאַטן מאַכן העוויות און בריהן זיך מיטן איינציקן וואָרט, וואָס זיי קענען: „עליען“,—קוקן זיי נאָך די פאַרוווּנדערטע בויערן און שרייען צוריק: „עליען“. עס איז פשוט צום פאַרצווייפלען. אָט בלייבן מיר שטיין אין מיטן פון אַ שיין, ריין דערפל, מיר ווילן עפּעס איינקויפן, אָבער מיר הערן נאָר די איינציקע תשובה: „נעם טודאָם, טשאָק מאַדיאַר“ (איך פאַרשטיי נישט, עכטער אונגאַר)! זיץ איך אַ פאַרטראַכטער אויף אַ פּעקל, וואָס די סאָלדאַטן האָבן מיר אונטערגעלייגט, און קיי אַ שטיק האַרטן צוויבאַק,—דאָס איינציקע, וואָס איז מיר נאָך

געבליבן פון מיין פראָוויאַנט. מיין דינער שטייט אָן אַ זייט, און אים דאַכט זיך אויס, אַז ער דאַרף זיך דאָס פילן שולדיק דערפאַר, וואָס מען קאָן גאָרנישט קויפן. אַן אַלטע בויערטע שטעלט זיך אָפּ און פרעגט עפּעס.

—„נעמעט”!—אַ דייטש בין איך—ערקלער איך איר, אַז איך פאַרשטיי נישט.

—„יו” (גוט),—דערפרייט זי זיך—איך נישט דייטש, דיבער ווי דייטש.

—ווו קויפן שפעק?—צייל איך איר די ווערטער.

—האַ?—פרעגט זי איבער.

איך צייל נאָכאַמאָל:

—קויפן חזיר?

—„איגען” (יאָ)—דערפרייט זי זיך נאָכאַמאָל, און ווייזט צוך אַ פלאַץ.

איך פאַרשטיי, אַז זי האָט זיך אויסגעלערנט ביי יידן עטלעכע ווערטער—מוזן דאָך זיין יידן אין דער געגנט!

—„דו,—זאָג איך צו מיין לייטנאַנט,—מיר ווע̇לן דאָ באַלד באַגעגנען „דייטשן”.

—ווו קומט...?—פאַרשטייט ער נישט.

—נישט קיין אמתע—וויל איך אים ערקלערן—אָבער דייטש וועלן זיי פאַרשטיין.

עס לויפט אָן פענריך ק.—ער האָט געפונען אַ דייטש!

—ווו?

—אָט גייט ער.

עס קומט צו אַ שוואַרצער יונגערמאַן מיט אַ לאַנג בעזל. איך האָב באַלד אַ חשד אויף דעם „דייטש”.

—איין דייטשער?—פרעגט אים מיין חבר.

—איך בין נישט קיין דייטשער, אָבער איך פאַרשטיי אַלעכ—רעדט ער פראָסט יידיש.

—אַלזאָ דאָך אַ ייד!—דערפריי איך זיך.

ער ווערט אַ ביסל רויט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ—און מיר קויפן שוין איין, וואָס דאָס האַרץ גלוסט און וואָס דאָס

דאַרף פאַרמאָגט נאָר! עס יאַוועץ זיך באַלד נאָך „דייטשן" און הייבן אָן פאַרטיילן פּאַפּיראָסן צווישן די יידישע סאָלדאַטן. עטלעכע האָט מען אפילו פאַרבעטן אויף פּיש.

און אַזוי איז געקומען אויף אונז די ישועה: דער ייד האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף אונזער מאַרש זיין אַלטע, באַקענטע ראָלע—דעם מעקלער, דורך וועלכן מען האָט געקאָנט זיך פאַר־שטענדיקן און באַקומען עפּעס צו קויפן. „איזראַעליט?" איז פון איצט אָן געווען דאָס ערשטע וואָרט ביים באַגעגענען זיך מיט אַ פרעמדן. און האָט דער געפרעגטער געגעבן די גליקלעכע תשובה: „איגען"—יאָ, אַ ייד,—האָט מען אים באַטראַכט פאַר אַן אמתע פּערל.

אום יום כפור

שפּעט אין דער נאַכט שטייען מיר פאַר אַ גרויסער טאַ־באַק־פאַבריק. דאָ זאָלן מיר ווערן איינקוואַרטירט. עס גיסט אַ רעגן, גלייך אַלע הימלען וואָלטן זיך געעפנט. די אַרבעטער און אַרבעטאָרינס האַלטן אין איין אַרויסטראָגן באַלנס טאַבאַק און טראָגן אַריין פרישׂ שטרוי, און מיר ווערן דערוויילע דורכ־געווייקט. איך האָב אָנגעטון דעם מאַנטל און אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ אַ געצעלט־פּלאַכטע, אָבער דאָס העמד קלעפּט זיך נאָך צו פאַר נעץ—די פיס פרירן. איך פיר מיינע סאָלדאַטן אונטער אַ דאַך,—זאָלן זיי כאָטש אויף דער העלפט זיין באַשיצט פאַרן קאַלטן רעגן. זיי דושען זיך צוזאַמען ווי די יונגע הינדלעך און וואַרעמען זיך ציטערנדיק איינער אָן צווייטן. קיין סברה נישט, אַז אַ סך וועלן דאָס אָפּקרענקען. דער קאָמענדאַנט איז שוין פון לאַנג ערגעץ פאַרשוווּנדן. ער ליגט שוין אוודאי אונ־זער אַ וואַרעם איבערבעט, אָדער טרינקט נאָך דעם „שוואַרצן" נאָכן זאַטן נאַכטמאָל, צופרידן מיט זיין „שליחות" און שטאָלץ

אויף זיין „הערשאַפט"... עס ווערט שוין נמאס דאָס וואַרטן און
מיר הייבן אָן אַריינפירן די סאָלדאַטן-פייער מאַכן איז פאַר־
באָטן, טאַפּט מען אין דער פינסטער און מען וואַרפט זיך אַני־
דער ווו עס איז שלאָפן. עס קומט דער דאָקטאָר מיט אַן
עלעקטריש לעמפל און פרעגט זיך נאָך אויף קראַנקע. ווער עס
שלאָפט נאָך נישט, דער מעלדט זיך. אייניקע מוז מען באַלד
לייגן באַזונדער—עס זענען פאַרהאַן סימנים פון טיפוס...

איך קריך אַרויף אויף אַ הויכן באַלן טאַבאַק אין וויל זיך
לייגן. מיינע קאַמעראַדן לאָזן נישט: די שטאָט איז נישט ווייט,
וועלן מיר אַראָפּפאָרן זוכן אַ האָטעל.

צום עסן טרעפן מיר שוין גאָרנישט—אַנדערע זענען שוין
געווען פאַר אונז. טרינק איך אויס אַ גאַנצן סיפאָן זאָדע־וואַסער,
און לאָז זיך פירן אין אַ קליין שטיבל צו אַן אָרעמער יידישער
אלמנה. דער מאַן געווען אַ זשאַנדאַר, האָט מען אים דערשאָסן.
איצט מוטשעט זי זיך מיט די קינדערלעך פון דער קליינער
אלמנה־פענסיע. איך גרייט איר צו אַ שיינע געלד־מתנה און
לייג זיך שלאָפן.

צומאָרגנס מוזן מיר איבערלאָזן אַ גאָר גרויסן טראַנס־
פּאָרט קראַנקע. קיין שטאָט־שפּיטאָל איז נישט פאַרהאַנען, בלייבן
די קראַנקע אין דער פאַבריק—„ביז זיי וועלן געזונט ווערן"—
און מיר מאַרשירן אַוועק. אָבער דאָס נישט דערעסן און נישט
רוען איז זיך נוקם: שוין ביים ערשטן קילאָמעטר דערפילט זיך
אַ ציִען אין די פיס און אַ ווייטיק אין די דיכן,—מען מוז דאָס
מאַרש־טעמפּאָ פאַרקלענערן. די זון בראָט ווי מיט אייזערנע רי־
טער, דאָך קאָן מען אפילו נישט טראַכטן וועגן אָפּקילן זיך,—
דען כאָטש די ברייטע, פעטע פעלדער זענען מ אַ ג נ אַ ט י ש ע,
זענען אָבער די פּאָר געציילטע ביימלעך זיכער „פּ ר אָ ל ע ט אַ־
ר י ש ע",—מאָגער און אָן אַ שאָטן. דערפאַר זענען די מענטשן
דאָרט ווידער גוטע: כמעט פון יעדן הויז לויפן אַרויס בויער־
טעס מיט פולע פאַרטוכער אָנגעשניטן ברויט צום פאַרטיילן.
הונגעריק ווי די וועלף און דאָרשטיק ווי אַ טרוקענער שוואָם,
טרעטן אַרויס די סאָלדאַטן פון די רייען און רייסן זיך איבער

יעדן ביסן. די גויעס האָבן רחמנות און שאָקלען טרויריק מיט די קעפּ: ערגעץ ווו בעטלען דאָך פּונקט אַזוי זייערע אייגענע זין און אייגענע מענער... דער קאָמענדאַנט באַמערקט עס, פאַרביט ער די גאַנצע „צדקה", און הייסט צוריקטרייבן די סאָלדאַטן—„דיסציפּלין"! אָבער די סאָלדאַטן פאָלגן נישט: איין בוירעטע האָבן זיי אין גערדעננ איינגאַנצן איבערגעקערט, דאָס פאַרטוך פון איר אַראָפּגעריסן און דאָס ברויט צעכאַפּט. דער קאָמענדאַנט צעשרייט זיך אויף די אָפיצירן, שרייען די אָפיצירן אויף די סאָלדאַטן, כאַפּן די אונטעראָפיצירן שטעקנס און יאָגן צוריק די אויסגעהונגערטע סאָלדאַטן, זידלענדיק און שעלטנדיק. די צעשראָקענע בויערטעס הייבן אָן בעטן, און צעוויינען זיך אויפן הויכן קול ווי איבער אייגענע קינדער. און אָפּרייסנדיק אַזוי די סאָלדאַטן, און יאָגנדיק זיי מיט שטעקנס, זע איך פאַר זיך אַ באַנדע חזיר־שלעגערס, וועלכע האָבן ביי די קלאָגנדיקע בויערטעס אויסגענאַרט זייערע יונגסטע, ליבסטע חזירימלעך, און טרייבן זיי אַצונד אַזוי אומשולדיקע, אומוויסנדע צו דער שעכט־באַנק...

נאָכמיטאָג בלייבן מיר שטיין אין צ. אַ ריין שטעטל. אויך גוטע קוואַרטירן זענען צוגעגרייט. איך פאַרזאָרג מיינע מענטשן און געפין אויך פאַר זיך אַ שיין שטיבל ביים באַלעבאָס פון דער גרויסער דאַמפמיל. נישט שטאַרק מיד פונם וועג, גיי איך אַראָפּ אין שטאָט. אונזער מאַיאָר באַגעגנט מיך מיט אַן איינלאַדונג: איך זאָל מיט אים גיין צום גוטס־באַזיצער אויף אָוונט־ברויט. מיט אַ תירוץ, אַז איך בין שוין פאַרבעטן צום לעשניטשי, דריי איך זיך אַרויס פון דער „הויכער" געזעלשאַפט, און לאָז זיך ווייטער אין די שמאָלע, ריינע געסלעך. אַ „פריי־ווילקער" פון דער אָפיצירס־שולע שטעלט זיך אָפּ אין דער „פאַרגעשריבענער האַלטונג" און הייבט אָן די מעלדונג: „העד פענריך, איך מעלד געהאָרזאַמסט, אַז היינט איז יום כפור..."

—יום כפור?—שלאָג איך אים איבער איבערראַשט.

—געוויס,—וווּנדערט זיך דער פרייוויליקער,—מען גייט דאָך באַלד צו כל נדרי

אויף אַזוי ווייט פאַרלוירן דעם חשבון פון צייט...

—וואָס־זשע פאַרלאַנגסטו, מיין בחור?—ווער איך צו אינ. מאָדנע ווייך.

ער דערציילט מיר, אַז זיין קאָמענדאַנט וויל נישט באַ־פרייען די יידישע סאָלדאַטן צום דאַווענען. לאָז איך זיך צום מאַיאָר, און טרעף גראָד אין קאָמאַנדע זיין קאָמענדאַנט. עטלע־כע ווערטער—און דער פרייוויליקער לויפט צו זיינע חברים מיט דער גוטער בשורה: פריי!

אין שטעטל איז דאָ ערגעץ אַ שול. נעם איך מיט נאָך אַ יידישן אָפיציר און מיר לאָזן זיך זוכן.

—טעמפל איזראַעליט?—גיט יענער אַ פרעג ביי אַ פרוי און מיינט, אַז מיט דעם פרעגט ער אויף אונגאַריש „וווּ איז דער יידישער טעמפל?"

—אונדע? (ווו)—העלף איך אים אין מיין אומבאַהאָלפנקייט אויף רומעניש, זייענדיק איבערצייגט, אַז אַלץ וועט מען דאָ פאַרשטיין, אַבי נישט דייטש!

די פרוי קוקט אויף אונז ווי אויף משוגעים, אָבער זי האָט אפנים פאָרט עפּעס פאַרשטאַנען, דען זי ווייזט מיט דער האַנט אויף יענער זייט גאַס, ווו עס שטייט אַ הויכע, שיינע געביידע—אפשר טאַקע דער טעמפל.

מיר קומען אַריין, ווען מען זאָגט שוין צום צווייטן מאָל כל נדרי. עטלעכע אָפיצירן שטייען שוין ביי דער מזרח-וואַנט,—אויך אונז פירט מען אַהין. די שול איז נישט גרויס, אָבער איינפאַך און שיין. אַ וואַלד ליכט פאַרפלייצן מיט אַ העלן שיין יעדעס ווינקעלע און מאַכן היימלעך. די „באַלעבאַטים"—ס'רוב געגאָלטע, יידישע אונגאַרן, דערפאַר די חזנים—מיט לאַנגע באָרד און פאות, ווייזן אויס צו זיין גאַליציאַנער. און אויף די פנימער פון די סאָלדאַטן, וועלכע פאַרפלייצן איצט די גאַנצע שול, איז צעגאָסן אַזאַ יראת שמים און אַזאַ ערנסטקייט, אַז דער גאַנצער יידישער ווי, וועלכער קלינגט אין דעם טרויריקן כל נדרי-ניגון, גיסט זיך אויס אין יעדן קנייטש, אין יעדן פאַלד,—מען דערפילט ממש די שווערע משא, וואָס דריקט אָט

די געפּלאָגטע נפשות און דאָך — די נערוון זענען אַזוי פאַרמוטשעט, אַז ערשט ביים דריטן מאָל זאָגן כל נדרי הייב איך אָן פּאַוואָליע נאָכגיין מיט דעם האַרציקן ניגון און עס נעמען אָנשוועבן זכרונות און בילדער פון דעם פאַרכטיקן, הייליקן אָוונט. פון די אייבערשטע פענסטערלעך דערהערט זיך דאָס שטילע זיפצן פון די ווייבער, — און די זעלנער, וועלכע האלטן איינגעגראָבן די קעפּ אין די ווענט, צעכליפּען זיך שטילינקע, שטיל, — ביז זיי ברעכן אויס אין אַ האַרצרייסנדיקן יאָמער, וואָס דאַכט זיך אָנצוזאַפּן די שטומע מויערן מיט קלאָגן און פאַרשפּילטע האָפנונגען, — אַז זיי, די טרערנ־באַגאָסענע מויערן, זאָלן אַמאָל, נאָך יאָרן, אויף דורות לאַנג דערציילן פון בייזע, וואונדערלעכע טעג, וואָס האָבן זיך צוגעטראָגן ווייט — ווייט, אין אַ פרעמדן לאַנד, דורך אַ פרעמדן ווילן און פאַר פרעמדע קרוינען...

דאָס געוויין שרייט איבער דעם בעל תּפילה. איך ווייס נישט מער, ווי מען האַלט, איך הער שוין נישט קיין ווערטער און קיין זיפצן, — איך פיל נאָר, אַז עס איז געקומען אַ מינוט, ווען הונדערטער מענטשן גיבן זיך אָפּ חשבון אַלץ פון איינעם און דעמזעלבן נפש, — פון אַ נפש, וואָס זיצט געקאָוועט אין אַ תּהום און שטעלט אויף זיינע צעשראָקענע אויגן צו דער צעהיצטער שפּיז פון זיין פייניקער, אין דער מורא, ער זאָל זיי נישט אויסשטעכן — אַ נפש אָן אַ ווילן און אָן אַ מאַכט, אָן אַ שולד און אָן אַ רעכט, וואָס זיין איינציקער פּראָטעסט איז נאָר דער קראַנקער ציטער: פאַר וועמען? פאַר וואָס?... און מען דערפילט זיך אַזוי קליין און שוואַך, אַזוי נידריק און אַזוי ווינציק אַקעגנאיבער דער גרויסער, שטאַרקער, געוואַלטיקער מאַכט... יענער מאַכט, — אָן רחמנות און אָן יושר... און די טרערן רינען, רינען...

ווען איך בין אַהיים געקומען, איז געשטאַנען צוגעגרייט מיין אָוונט־ברויט: יונגע הינער מיט רויטן ווייַן, מיט וועלכן מיין באַלעבאָס, אַ דייטש, האָט מיך געוואָלט מכבד זיין. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט דערוואַרטן. איך דאַנק אים האַרציק און בעט נאָר, מען זאָל מיר מאַכן דאָס בעט. מיט צעגליטע

אויגן לייג איך זיך צו רו. ווי אַ טאַטע זעצט זיך דער דייטשער מילנער נעבן מיין בעט, קוקט מיך וווּנדערלעך אָן און שאָקלט טרויריק מיטן קאָפּ-ער באַדויערט מיך... ער האַלט מיך זיכער פאַר אַ חולה מסוכּן— — —

פאַרטאָג שטייען מיר גרייט צום אַוועקמאַרשירן. די יידישע סאָלדאַטן בעטן, מען זאָל זיי לאָזן גיין דאַווענען. אַ מאָדנע בקשה—עס איז נאָר שווער זי צו דערפילן. און דאָך קום איך מיט איר צום מאַיאָר—כּמעט זיכער, אַז ער וועט מיר אָפּזאָגן. און איך בין ווירקלעך איבעראַשט, ווען נאָך אַ רגע נאָכקלערן גייט ער איין אויף זייער פאַרלאַנג, נאָר מיט אַ תּנאי: מאָרגן זייגער צען אין דער פרי מוזן זיי אַלע זיין אין ב.

אַ שווערער ענין: עס וואָלט זיי אויסגעקומען מאַרשירן אַ גאַנצע נאַכט—נאָך אַ תּענית. אָבער די יידן פון שטעטל נעמען זיך אונטער צו באַשטעלן פערד און וואָגן, וועלכע וועלן פירן די סאָלדאַטן אַ גאַנצע נאַכט,—און דער מאַיאָר ערלויבט עס—אפשר אין דער נאַיִווער כּוונה: איז דאָ אַ יידישער גאָט, זאָל ער זען, אַז ער איז אים נישט קיין שונא, אלא נישט,—טאָ זאָלן די יידישע אָפיצירן זען, וואָס ער טוט פאַר יידן!...

שוין אין מאַרש, דאַנק איך אים פאַר זיין גוט האַרץ.

דער וועג ציט זיך ווי צו אַ בית עלמין,—כּמעט יעדער איז אַ בר מינן פאַר זיך: די שלעפן האַקן, די אויגן ברעכן, און די פיס באַוועגן זיך מעכאַניש ווי אַן אומרו אונטערן דרוק פון דער ספרוזשינע. פאַר לאַנגווייליקייט האָבן זיך עטלעכע רעזערווע-אָפיצירן פאַרזאַמלט ביי איין אָפּטיילונג און פאַרפירט אַ דעבאַטע וועגן נאַציאָנאַלע פראַגן. אַ „פאַכ-אָפיציר" הערט זיך צו, מישט זיך אַריין מיט „קאָלאָסאַלע" אָנשויאונגען, און ווערט באַלד אַנטשוויגן, ווען ער באַקומט נישט קיין תּשובה אויף זיינע באַגרענעצטע טענות. ער פּרוּווט נאָך מיט אַן אָפיצערסקן וויץ,—און ווען אויך דאָס געפינט נישט קיין אָפּקלאַנג, גנבעט ער זיך אַוועק שטילערהייט,—און אין זיין באַליידיקטן אָפיצערסקן געוויסן שווערט ער זיכער נקמה צו די „פאַרפלוכטע רעזערווע-לייט"!

און אַזוי פֿאַרגייען מיר אין אַ גרויס דאָרף. קינדער, ס׳רוב מיידלעך, אין חנעוודיקע ווייסע קליידלעך, פֿאַרטיילן שפּייז צו די סאָלדאַטן. אין אַ טיר באַווייזט זיך אַ פֿרוי, אויך אין ווייסן אָנגעטון. דורך איר קליין מיידעלע שיקט זי די סאָלדאַטן אַ צוגעדעקטע, זילבערנע טאַץ. דאָס קינד לויפֿט מיט פֿרייד, פֿאַרלירט דאָס סערוועטל פֿון טאַץ,—און עס באַווייזט זיך אַ צעשניטענער קוכן, שטיקער שטרודל און קיכלעך. אַלעס פֿאַרטיילט, ווייזט דאָס קינד מיטן הענטל אויף די איבעריקע סאָלדאַטן, גלייך עס וואָלט זיך קלאָגן, פֿאַרוואָס די אַנדערע האָבן גאָרנישט באַקומען. די מוטער שמייכלט, פֿול נחת. מיר באַגעגענען נאָך אַנדערע פֿרויען אין ווייסע, לאַנגע קליידער, מיט שמאָלע ווייסע מעשטעס. ביי אַ שול שטייען יידן אין די טלִיתים,—עס איז „אויסנעמען". אויך פֿרויען קומען אַרויס—אַלע אין ווייסן. און ערשט איצט ווערט מיר קלאָר: די מיידלעך און פֿרויען אין די ווייסע קליידער, דאָס זענען פֿרומע יידישע טעכטער, וועלכע האָבן צוועקגעשענקט צו די סאָלדאַטן זייער בעסט יום-טובדיק געבעקס.

אין אַנדערן עק דאָרף געפֿינט זיך אַ גרויסער, שיינער הויף מיט אַ חנעוודיק הייזל,—נישט ווייט אַ ביר-הויז מיט אַ גראַלניע. פֿון ניין אָפֿיצירן זענען מיר פֿינף יידן,—רעדן מיר וועגן „יום כּפּור". אונזער קאָמפּאַניע-קאָמענדאַנט, לייטנאַנט ד״ר ב., איז פֿון יענע „יהודים", וועלכע פֿאַרפֿאָרן אום שבת צום טעמפּל אין אויטאָ, רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום יום-כּפּור און פֿאַרגעסן נישט צו שיקן אַ „פּדיון" דעם רבין—אַ ווינער באַנקדירעקטאָר.

— מיינע הערן—רופֿט ער זיך אָפּ—וואָלט נישט כּדאַי געווען עפּעס איבערצוכאַפּן?

—אום יום כּפּור?—וויצל איך זיך.

—ביים מיליטער—טענהט ער ערנסט—איז נישט שייך. גאָט וועט מוחל זיין.

— טאַקע, מ׳דאַרף „אַריינגיין" ערגעץ קידוש מאַכן—מיינט דער וויצלינג קאַדעט ל.

—אָבער וווּ אַהין?-פרעגן אַלע.

פונם גרויסן, ריינעם הויף קומט אַרויס אַ יונגער, דיק-לעכער הער,—דער באַלעבאָס.

—אַנטשולדיקט—גייט צו אים צו לייטנאַנט ב.—וואָלטן מיר דאָ נישט קאָנען עסן אַ פרישטיק?

—מיטן גרעסטן פאַרגעניגן—ענטפערט יענער אויף דייטש מיט אַן אונגאַרישן אַקצענט—אפשר נאָך אייניקע הערן?

מיר גייען אַריין,—און שוין שטייט אין מיטן הויף אַ ווייס-געדעקטער טיש מיט שטולן, און די דינער נעמען אויס-שטעלן בעקעריי.

—קאָן מען אפשר באַקומען אַ ביסל קאַווע?—בעט לייטנאַנט ב., וועלכער האָט זייער ליב צו עסן.

דער יונגער הער געפינט זיך אין פאַרלעגנהייט.

—יאָ, אָבער... קאַלטע... דען וואַרעמע...

—עס מאַכט נישט—באַרויקט אים דער לייטנאַנט, און נעמט דערווייל אַ שטיק פון דעם געקינצעלט צוזאַמענגעשטעלטן קוכן, וועלכער דערמאַנט אַזוי שטאַרק אָן די צימרינג-ראָזשינקע-קוכענס, וואָס מיין באַבע פלעג מאַכן אויף יום-טובים.

עס קומט אָן זיין שוואַרצחנעוודיקע פרוי מיט זייערע צוויי שיינע, האַרציקע קינדערלעך. די פרוי פאַרשטייט נישט קיין וואָרט דייטש,—דערפאַר רעדן די קינדערלעך אויסגעצייכנט! מיר בעטן, זיי זאָלן מיט אונז מיטעסן.

—ניין, מיר „קאָנען נישט”.

דערווייל טראָגט מען פאַרביי אַ קויש מיט עפּל און עטלע-כע פעקלעך פאַפּיראָסן—פאַר די סאָלדאַטן. אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע גוטע שנאַפּסן, וויל לייטנאַנט ב. באַצאָלן. אונזער גאַסטגעבער פאַרשעמט זיך ווי אַ קינד—ער וויל קיין געלט נישט נעמען. באַדאַנקען מיר און לאָזן זיך גיין.

—יאָ—קערט זיך אום לייטנאַנט ב.—ווי ווייט איז פון דאַ-נען קיין ב.?

—ביי אַ דריי, פיר שעה,—איך מיין, שטונדן—פאַרבע-סערט דער באַלעבאָס זיין פאַרייִדישט „דייטש”.

האָבן, הייסט עס, ווידער גוטהאַרציקע יידן אַוועקגעגעבן צו סאָלדאַטן דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן, זייערע יום-טובדיקע מאכלים.

אויפן ווייסערדיקן מאַרש באַמערקן מיר אַ באַן—אַ סימן, אַז מיר זענען אַרויס פון דער „געפערלעכער” געגנט. און דאָך ווערט אונזער ציל נישט געענדערט: מיר מאַרשירן אין דעם-זעלבן שנעלן טעמפּאָ צו נ.,—און נאָך אונז שלעפּן זיך נאָך צענדליקער מיליטערישע נע-ונדניקעס. ביי פאַרשידענע געפעכטן פאַרבלאָנזשעט פון פרעמדע רעגימענטן, ווערן אָט די פאַר-וואונדעטע אולאַנער, צעשטאָכענע אַרטילעריסטן און פאר מלחמה-שרעק האַלב משוגענע אינפאַנטעריסטן באַהאַנדלט ווי שטיפ-קינדער: איז אַזא סאָלדאַט, דורך אייגענער אָדער דורך פרעמ-דער שולד, אָפּגעזונדערט געוואָרן פון זיין רעגימענט, וועט ער וואָכנלאַנג, הונגעריק און אָפּגעריסן, ארומבלאָנזשען, ביז ער וועט זיך ווידער צושלאָגן צו זיין אָפּטיילונג. גייען זיי נאָך, מידע און שטומע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ—ווי טרויריקע פערד. פרעגט מען זיי עפּעס, בליצט אויף אין זייערע אויגן אַ פייערל, זיי הייבן אָן דערציילן נישט געשטויגענע מעשות וועגן זייערע „העלדן-טאַטן”,—און באַלד ווערן זיי ווידער אַנטשוויגן, פאַר-שלאָסן אין זיך.

אויך די אייגענע סאָלדאַטן זענען נישט לוסטיקער. אום-זיסט באַמיען זיך די אָפיצירן דורך געזאַנג און וויצן זיי אויפ-מונטערן: זיי ווערן וואָס אַמאָל שוואַכער, און באַלד הייבן זיי אָן, מיט שוואַרצע פּנימער און פאַרנעבלטע אויגן, אָנפילן די ריוון צו ביידע זייטן שטראָז. פון הינטן פאָרן שוין נאָך גאַנצע וואָגנס מיט פוס-קראַנקע. אויך נישט אלע אָפיצירן האלטן עס אויס: אָט פאלט קאָדעט ל. און באלד בלייבט ליגן א לייטנאנט. עס ווערט ערנסט. אויך מיר נעמט שווינדלען אין די אויגן, א קאלטער שוויס באדעקט מיין שטערן,—אָבער איך האלט זיך און גיי ווייטער.

אונטער א בוים, ביים זוים פון וואלד, באמערק איך א זיצנדיקן סאָלדאט.

—שוין פאַרטיק מיטן מאַרש?—שריי איך צו אים אין שפּאַס.

ער ענטפערט נישט.

—העי דאָרט! אינפאַנטעריסט!—רוף איך אים.

ער באַוועגט זיך נישט. איך גיי צו: אַ האַלב-זיצנדיקער, מיט צוגעמאַכטע אויגן, דאָס פּנים אָן אַ טראָפּן בלוט—אַ טויטער! איך נעם זיין האַנט: שווער, אָבער דער דיפּק קלאַפּט נאָך. איך רייס פון אים אַראָפּ דעם טאָרניסטער, מאַך פריי זיין ברוסט און מונטער אים מיטן ביסל קאָניאַק, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין מיין קליינער פעלד-פלאַש.

—פון וועלכער קאָמפּאַניע?

ער פאַרשטייט נישט.

—ווי הייסט איר?

ער עפנט אַ ביסל די אויגן, שעפּטשעט עפּעס אומפאַר-שטענדלעכע ווערטער און ווייזט אויף דער ברוסט. איך קאָן לענגער נישט בלייבן, דען דער באַטאַליאָן איז דערוויייל שוין ערגעץ אונטערן וואַלד. שטעק איך אים אין זיין קאַלטער האַנט דאָס פלעשל מיטן רעשט ביסל קאָניאַק, און לאָז זיך לויפן נאָך מיין קאָלאָנע. אָבער די כוחות פאַרלאָזן מיך,—איך פאַל אין מיטן שטראָז. אַ באַגאַזש-וואָגן בלייבט שטיין און נעמט מיך מיט. אויפן הימל באַווייזט זיך שוין דער ערשטער סימן פון דער לבנה—די יידן אין שול קרעכצן שוין אוודאי: „לשנה הבאה בירושלים״.—

ז אָס כאָליערע־ווינקל.

אַ שמחה ווערט צווישן די סאָלדאַטן, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז מיר גייען צון אַ וואָקזאַל. און מיר ווייסן נישט, ווו די צייט איז אַהין—מיר שטייען פאַר די וואַגאָנען. מען פּאַקט אָן

סאָלדאַטן וויפיל עס קאָן אַריין,—אַ גאַנצע נאַכט שטייען מיר אויף דער קליינער סטאַציע און פאָרן נישט, אָבער אַלע זענען צופרידן: מען האָט אַ דאַך איבערן קאָפּ און מען דאַרף נישט מאַרשירן.

קיינער ווייסט נישט, וווּ אַהין מען טרייבט אונז. בייטאָג געשלאָפן, קוק איך אין דער פינסטערער ווייטקייט פון פרייען פעלד,—און ערשט אין דער פרי פאָרן מיר אַריין אין דער גרויסער סטאַציע ק. די געביידעס, דער וועג, די רעלזן—אַלץ איז אָפּגעגאָסן מיט שניי-ווייסן קאַלך. צווישן די רעלזן—קליינע אָפּגעקאַלכטע פעסלעך,—די גרויסע באַן-מאַגאַזינען זענען פאַרוואַנדלט אין באַראַקן פאַר כאָליערע-קראַנקע... גאַנץ ק., דערציילט מען, איז פאַרפעסט מיט די שרעקלעכע מגפות.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביים גרויסן באַן-הויף. עס פאָרט אָן אַ טראַנספּאָרט פרישע, פוילישע לעגיאָניסטן,—צווישן זיי אַ סך יידן, ס׳רוב ציוניסטן.

—שוין אַ סאָלדאַט?—פרעג איך אַ יונגן סטודענט, וועלכן איך קען נאָך פון ל. אַלס ציוניסט.

—די פאַרטיי האָט געהייסן, האָב איך זיך געמאָלדן פריי-וויליק,—ענטפערט ער שטאָלץ.

—און קענט איר שוין שיסן?

—די פוילישע האָבן שוין געלערנט, נאָך אין גימנאַזיע,—מיר פאָרן ערשט לערנען. נאָר ווייסן מיר נישט וואַהין...—זיפצט ער פאַרבענקט.

אַן עלטערער לעגיאָניסט מיט אַ לאַנגער, שוואַרץ-צעקעמטער באָרד, כמעט אָן אַ נאָז, טראָגט מיר אונטער זיין געווער, צו ווייזן, ווי גוט ער פאַרשטייט שוין צו מאַניפולירן מיט אים. אויך אים דערקען איך: עס איז דער שוסטער פון ל. תמיד געווען אַ הייסער פאַטריאָט, געהערט צום קילינסקי-פאַריין, און אַצונד „געטון זיין פליכט".—און דאָך: ווי אַנדערש האָט מען זיך פאָרגעשטעלט דעם פוילישן אויפשטאַנד! ווו איז קאָנראַד פון מיצקעוויטשעס „דזיאַדי"!?... איך באַטראַכט דאָס געווער: אַ גריכישע אויפשריפט „קעניגליך-גריכישער

שטאַט״,—די פֿאַבריקאַציע איז אַן עסטרייכישע. אַנדערע האָבן רומענישע, און אפילו טערקישע געווערן—פשוט צוגענומען פֿון די פֿאַבריקן. אין קריג איז אַלץ מותּר געוואָרן...

עס פֿאָרט אָן אַ סאַניטעט-צוג. פֿון די פֿאַרמאַכטע פּאַקוואָגנס דערהערן זיך קרעכצן. מען עפֿנט אַ וואָגן.

—אַלעס!—הער איך אַ קורצע מעלדונג.

סאָלדאַטן נעמען אַרויס פֿאַרשטאַרטע קלומפּענס, צוגעדעקטע מיט מאַנטלען, און לייגן זיי אויף די אויסגעשטעלטע טראָגבעטלעך. געשטאָרבענע.—מען פֿאַרטראָגט זיי ערגעץ אין אַ צוגעגרייטן גרויב הינטערן מאַגאַזין.

—נאָך פֿיל?—פֿרעגט דער קאָמענדאַנט פֿון די טויטנגרעבער.

—איינס—צוויי—דריי—זעקס וואַגאָנען,—ציילט אָפּ דער צוגפֿירער.

—אַלעס—איז ווידער זיין קורצע מעלדונג.

מען עפֿנט די וואָגנס, דווקא יענע, פֿון וועלכע עס הערן זיך נישט קיין קרעכצן. און ווידער טראָגט מען אַרויס צו יענעם גרויב פֿאַרשטאַרטע טלומקעס געשטאָרבענע. מען טאָר נישט פֿיל רעדן וועגן דעם, כּדי נישט צו מאַכן אויפֿמערקזאַם אונזערע סאָלדאַטן. דאָס אויכן און ווייקן אין אַנדערע וואָגנס הערט נישט אויף. מאַכט זיך נאָר, אַז פֿון צייט צו צייט שרייט אַ קול מיט אַלע כּוחות,—בלייבט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער, ביז עס ווערט גאַנץ אַנטשוויגן... און ווי פֿאַרשידן זענען די קולות פֿון דעם איינטאָניקן, יאָמערלעכן קאָנצערט!... ביי איין וואָגן ווערט די טיר נערוועז געריסן—מען וויל זי עפֿענען. אונזערע סאָלדאַטן גנבֿענען זיך אַרויס פֿון די וואַגאָנעס, כּדי צו העלפֿן די קראַנקע. דורך אַ שפּאַרע באַווייזט זיך אַ באַוואַקסענער קאָפּ, אָפּגעצאָמט, מיט פֿאַרברענטע ליפּן. ער זאָגט גאָרנישט, בעט גאָרנישט, נאָר די גרויסע, ווייסע אויגן און די אַרויסגעשטעלטע, טרוקענע צונג דערציילט אַלץ: ער פֿאַרלאַנגט וואַסער. סאָלדאַטן גיסן צוזאַמען אַלע איבערגעבליבענע טראָפּנס און דערלאַנגען אים צום מויל כמעט אַ פֿולע פֿעלד-פֿלאַש. דער

קראַנקער לײדיקט זי אױס. אױך אַנדערע קעפּ באַװײזן זיך,— עס איז אָבער מער נישטאָ װאָס צו געבן...

מען טראָגט אַרױס אַ לאַנגע, דאַרע געשטאַלט, אין שטאַרק שמוציקע קלײדער. עס איז אַן אָפֿיציר. מען לײגט אים אױף די טרעפּ, פֿאַרן מאַגאַזין. ער קרעכצט נישט, נאָר דאָס פֿאַרברענטע פּנים גלאָצט מיט שאַרפֿע אױגן און פֿאַרבײסט די שװאַרצע ליפּן. מען דערקענט, אַז ער װיל אין זיך באַגראָבן אַלע װײטיקן. אײנער פֿון אונז געפֿינט נאָך אַ האַלב פֿלעשל קאָניאַק, מוז ער עס צושיקן דורך אַ טױטן־גרעבער, דען אים אַלײן לאָזט מען נישט צו. דער קראַנקער פֿאַרשלינגט עס באַלד, און האָט נאָך כּוח צו װינקען מיטן היטל,—ער דאַנקט. אָבער באַלד בלײבט ער שטיל—ער באַװעגט זיך נישט מער...

ערשט אַצינד עפֿנט מען די װאָגנס, פֿון װעלכע עס הערן זיך אַזױ יענע יאָמערלעכע קולות: אין די צענדליקער טראָגט מען אַרױס אָפּגעצאָמטע געשטאַלטן פֿון פֿאַרשידענע רעגימענטן און פֿאַרשידענע בראַנזשעס. עס איז שװער זײ אײנצוהאַלטן אױף די בעטלעך, די שרעקלעכע שמערצן מאַכן פֿון זײ קנױלן און װאַרפֿן זײ אַרױס פֿון די טראָג־באַרעס. אונזערע סאָלדאַטן פֿאַרגײען פֿאַר רחמנות,—און זענען אָבער פֿאָרט צופֿרידן, װען דער צוג רירט זיך פֿון אָרט—מען אַנטלױפֿט פֿון דעם פֿאַרפֿעסטן װינקל.

אין דער צװײטער סטאַציע איז „ראַסט”. מיר שטײגן אױס. אױפֿן װאָקזאַל איז אַ געדרענג: אונגאַרישע באַפֿעלקערונג, הױפֿטזעכלעך דאַמען, אַנטלױפֿן פֿון דער גרענעץ. אַ סך פֿון זײ אין גאָר רײַכע, עלעגאַנטע טואַלעטן.

—איז שױן אַזױ שלעכט?—פֿרעגט עמיצער.

—נײן, אָבער אױס פֿאָרזיכט...

לײטנאַנט ד״ר ק., אין ציװיל אַ ריכטער, שפּרינגט צו צו אַ גרופּע אױסגעפּוצטע דאַמען און שטופּט זײ דעם קולאַק פֿאַר די אױגן:

—גאָט זײ דאַנק! איר פֿילט איצט אונזער טעם! מילא, װאָס איר האָט אונז באַראַבעװעט אין מ., איז אײער גליק און

אונזער נאַרישקייט. אָבער וואָס איר האָט אויסגענוצט און באַראַבעוועט די אָרעמע אַנטלאָפענע פון גאַליציע, וואָס איר האָט זיי אין קיין שטוב נישט אַריינגעלאָזן,—זאָל אייך גאָט באַצאָלן! זיר וועט נאָך פילן! די רוסן קומען ערשט. גאָט זיי דאַנק! גאָט זיי דאַנק!

די דאַמען בלייבן דערשראָקן און פרווון זיך פאַרענטפערן: נישט זיי,—פאַרקערט,—זיי האָבן תמיד דאָס מיליטער ברייט אויפגענומען— — —

—דאָס מיליטער! איך פאַרשטיי! בפרט אָפיצירן! אַ באַלוינונג! אַ ליובקעלע!—שרייט דער פערציק-יאָריקער ריכטער, אַזש בלאָ פאַר אויפרעגונג.—

קוים איז מען אָפּגעפאָרן פון דער סטאַציע, מעלדט אַ קאַפּראַל, אַז אַ מאַן איז קראַנק: פּלוצים איז אים שלעכט געוואָרן,—איצט ליגט ער אין קרעמפן. מיר פאַרשטייען די סימפּטאָמען... און שוין ביי דער נעכסטער סטאַציע זענען געמאָלדן זעקס קראַנקע. דער דאָקטאָר „כאַפּט אַ בליק"—און קאָנסטאַטירט כאָליערע. לאָזן מיר איבער די זעקס קראַנקע מענטשן אויף גאָטס באַראָט— —„מן הסתם וועט שוין דאָרט זיין אַ שפּיטאָל"—און מיר פאָרן ווייטער.

אין א. פּ., אַ באַקענט אונגאַריש וואַרם-באָד, שטייגן מיר אויס. דאָ וועלן מיר בלייבן אַ לענגערע צייט—כאָטש מיר ווייסן אַליין נישט, צוליב וואָס. מיר האָבן טעלעגראַפיש באַשטעלט עסן פאַר איבער טויזנט מאַן, און אַצונד ערוואַרט אונז אַ „מענש" פון שטאָט און פאַרטיילט יעדן סאָלדאַט—אַ שטיקל ברויט מיט אַ כזית חזיר-פעט פאַר גאָר אַ הויכן פּרייז—דאָס איז אַ „מאָלצייט" פאַר צוויי טעג... די סאָלדאַטן זענען אומצופרידן,—עס לאָזט זיך אָבער גאָרנישט טון. אויך די אָפיצירן מוזן זיך באַגניגן מיט דעם.

דערווייל איז די נאַכט צוגעפאַלן און מיר האָבן זיך פאַרנומען דורך דער לאַנגער, ריינער שטאָט אַריינמאַרשירן אין די בערג,—צו אונזערע קוואַרטירן. די האָרניסטן בלאָזן פריילעכע, היציקע מאַרשן, און דאָס עכאָ שלאָגט אָפּ פוןביידע זייטן בערג,—גלייך אַ געהיימע מחנה וואָלט דאָרט געלעגן טיף אין

די וועלדער און אונז געלאָקט מיט איר קלינגענדיקן ענטפער. פון איבער דעם העכסטן שפּיץ, פון צווישן די וועלדער, שפּאַצירט אַרויס די כשר-ריינע, זילבערנע לבנה, און באַלייכט די שניי-ווייסע באַרג-שפּיצן. מיר געפינען זיך ווידער אין די שיינע קאַרפּאַטן,—דאָס מאָל נישט ווייט פון די הויכע „טאַטראַ".

עס איז שפּעט האַרבסט, שוין גוט קיל, קיין געסט קומען סיי ווי נישט, האָט מען אונז אָפּגעגעבן דעם סאַמע קוראָרט. אַ פריידיקע „הוראַ" לויפט דורך די אָפּטיילונגען. אין דער פינסטער פאַרטיילן מיר די מאַנשאַפט: אין איין ווילע שטעלט מען אַריין אַ „צוג", אַזוי, אַז יעדע דריי, פיר האָבן פאַר זיך אַ צימער, אין אַנדערע ווידער שטאָפּט מען אָן צו צוויי הונדערט מאַן. מען איז מיד, וועט מען שוין מאָרגן מאַכן „אָרדנונג". עס נעמט נישט לאַנג, און עס ווערט שטיל אַרום—די סאָלדאַטן האָבן זיך געלייגט שלאָפן. נאָר דער קרישטאָל-ריינער וואַסער-פאַל, טיף אין אַ ווינקל פון פאַרק, סאַפּעט שווער אָן ענד און אָן ציל, נישט מיד ווערנדיק,—און שפּריצט זיין קילע, ווייסע פּיאַנע אין דעם שטילן תהום, וועלכער טראָגט שוין אפשר אין זיך די בייזע זרע פון דער שרעקלעכער מגפה, וואָס מיר האָבן מיט זיך געבראַכט...

אין שטילן.

גאָר פרי זענען מיר אויפגעשטאַנען. די לופט איז פריש—אַ שאָד צו בלייבן אין בעט. די שניי-בערג אַרום האָבן, דאַכט זיך, צרויסגעשיקט צו אונז אין לאַגער זייערע שפּיאָנען, דען די דעכער זענען באַדעקט מיט אַ לייכטן מאַנטל אייז. אָבער די זון איז אפנים אונזער געטרייער, מוטיקער שומר, דען קוים עטלעכע וואַרעמע שטראַלן—און די אייז-שפּיאָנען פאַרשווינדן אין לופטן. מיר קלויבן זיך גראָד צום אָנבייסן, ווען עס דער-

הערט זיך אַ גרילציק געקלאַנג פון אַלע ווילעס:

דאָס האָבן אונזערע סאָלדאַטן „אַנטדעקט" אין די ווענט „ווייסע קנעפּלעך", האָבן אָנגעהויבן דרוקן—און די עלעקטרישע באַטעריעס האָבן געענטפערט. מיר טרעפן זיי פאַרגאַפטע ווי קינדער—און יעדער אָפיציר באַשיט „זיינע" מענטשן מיט זידלע-רייען—ווי אמתע פאַרברעכער. מיר פאַרביטן אָנצורירן די עלע-גאַנטע מעבל מיט די טייערע שפּיגלען: יעדער שאָדן וועט ווערן באַצאָלט פון דעם „מענאַזש-געלט"!

צוויי שעה שפּעטער קאָנטראָלירן מיר די „אָרדנונג" און מיר טרעפן אונזערע סאָלדאַטן מיט די פּעקלעך אין דרויסן.

—וואָס איז געשען?—פרעג איך מיין פעלדוועבל.

ער „מעלדט" מיר זייערע טענות מיט אַ „שרעקלעכער" פאַרצווייפלונג: זיי ווילן נישט וווינען אין אַזעלכע טייערע סאַ-לאָנען, זיי האָבן מורא זיך צורירן צו די ווענט. און ערשט די געלע בריקן! זיי גייען זוכן שטאַלן צום שלאָפן. איך פּרוּוו זיי אויפקלערן, אַז אויך גלעזערנע פּאַלאַצן קאָן מען אָפּהיטן—ביין! נאָך דעמזעלבן אָוונט טרעף איך דעם גרעסטן טייל שלאָפן אויפן פייכטן, קילן גראָז אין פּאַרק—זיי האָבן מורא זיך אומקערן צו די „ווייסע קנעפּלעך מיט די גאָלדענע בריקן".

דערפאַר זענען זיי פאַרזאָרגט יעדן טאָג מיט פרישן עסן. נאָר די אָפיצירן באַקלאָגן זיך: דער רעסטאָראַטאָר (דאָס מאָל דווקא נישט קיין ייד!) רעכנט מיט יעדן טאָג טייערער. מאַכן מיר אַן אייגענע אָפיצירס-קיך: די לערערין פון דערפל נעמט זיך אונטער קאָכן פאַר אונז—„גאַנץ אומזיסט", ווי זי ערקלערט. פאָרט איר מאַן מיט צוויי ס לדאַטן יעדן טאָג איינקויפן, און מיר עסן געשמאַק און נישט טייער. אַ גלעזל ווין פעלט אויך נישט, איז אונזער קאָמענדאַנט צופרידן און פאַרזיכערט אָפט ביי די שפּעטע נאַכטמאָלן, אַז—„די פרוי לערערין איז אַ קאָלאָ-סאַלער קערל!" און ער ווערט ביי איר אַן אָפטער איינגייער. אָבער, ווייזט אויס, צו ווייניק „גליק" געהאַט ביי איר, דען באַלד הערט אויף צו שמעקן אים דאָס עסן, די „ריינליכקייט" געפעלט אים נישט—מען מוז עסן ערגעץ אַנדערש! דאָך גלאַט

אָפּזאָגן, איז קיין סיבה נישטאָ. געפינט ער באַלד אַ געלעגנהייט אויף זיין אייגנאַרטיקן „מיליטערישן" אופן:

מיט יעדן טאָג מערן זיך די כאָליערע-קראַנקע און מיר האָבן טעגלעך דריי ביז פיר טויטע. אין שטילן באַגראָבט מען זיי, ביינאַכט—זאָל קיין בן אדם נישט וויסן... אָבער די צאָל פון די קראַנקע וואַקסט, מען מוז עפענען אַ באַזונדערע כאָליערע-אָפּטיילונג,—באַשטימט אונזער קאָמענדאַנט די שולע אַלס שפּיטאָל: אהין פאַקעוועט מען אַריין אַלע כאָליערע-קראַנקע, שטעלט אַוועק דריי סאָלדאַטן וואַך „קיינעם נישט אַריינלאָזן". און די אָרעמע לערערין מיטן מאַן און קינדער בלייבן פאַרשפּאַרטע אין זייער אייגן הויז...

מיר באַשאַפן אַ נייע קיך—און מאַכן צוליב דעם אַ נייע הוליאַנקע. צו דער סעודה איז אויך פאַרבעטן אַן אַלטער גענעראַל, דער קאָמענדאַנט פון אַ פערד-שפּיטאָל, וועלכעס שלעפּט זיך הינטער דער פּאָזיציע. צוליב אים באַשטימט מען דאָס די „צוזאַמענקונפט" אויף נאָכמיטאָג. מיר ערוואַרטן אים ביים אַריינגאַנג פון דאָרף. עס קומען אָן דריי „רעקווירירטע" קאַרעטן מיט אָפיצירן און הינטער זיי פירן אויסגעמאָגערטע, פאַרשמאַכטע גוים אַ לאַנגע סטאַדע קראַנקע, און פאַרוואונדטע פערד. די אומשולדיקע באַשעפענישן ציטערן אין פיבער, פון זייערע אָפענע ווונדן יאַטערן בלוט און אייטער...

איך האָב „דינסט", פיר איך דעם גענעראַל מיטן קאָמענדאַנט צו דער נייער קיך, און גיי ווייטער צו מיין באַשעפטיגונג אַלס „דינסט-האָבענדער אינספּעקציע-אָפיציר".

איך וויזיטיר דאָס קראַנקן-הויז: צוויי סאַניטעט-סאָלדאַטן האַלטן אַ קראַנקן, און דער דאָקטאָר וויל מיט גוואַלט אים איינגעבן אַ מעדיצין. דער קראַנקער וואַרפט זיך, קאָפּעט, בייסט די סאָלדאַטן—ער וויל נישט נעמען: עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען פאַרסמט די קראַנקע... גישט אַמאָל עסן ווילן זיי. מען נעמט אים אַרויסטראָגן, אים אָפּפירן אין כאָליערע-שפּיטאָל—דער קראַנקער שלעפּט מיט אַ בענקל און וואַרפט עס דעם דאָקטאָר—ממש: ער ראַנגעלט זיך מיטן טויט.

—כמעט בײַ יעדן דיזעלבע סצענע—ערקלערט מיר דער גוטהאַרציקער אַסיסטענט-אַרצט ד״ר אד., אַ יידישער דאָקטאָר פון ב.—זיי זענען איבערצייגט, אַז דאָס שפּיטאָל איז זייער סוף.

און קיין וווּנדער: פון די צענדליקער כאָליערע-קראַנקע בלייבט זעלטן ווער ביים לעבן,—גייען זיי אין שפּיטאָל ווי צום טויט פאַראורטיילטע—כמעט מיט אַ זיכערן טויטנשיין אין האַרצן...

און דאָך איז דער מענטשן-פריינטלעכער ד״ר א. זייער איינציקער באַשיצער און גיט אָפּ זיין לעבן, זיי צו ראַטעווען.

איך גיי ווייטער. פון די פינסטערע אַרעסט-קאַמערלעך (געמאַכט פון אַ נאַסן קעלער) טראָגן זיך יאָמערלעכע קולות. דער וואַך-קאָמענדאַנט עפנט פאַר מיר אַ שמאָל טירל. ביי דער גראָער שיין דערזע איך אויפן דיל אַן אָפּגעמאָגערט יידל,—די רעכטע האַנט געבונדן מיט אַן אייזערנעם רינג צום לינקן פוס. „שפּאַנגען״. אויף דער ערד ליגט פאַר אים אַ תהלימל.

—איר זיצט אין סוכה, פעטער?—ווייצל איך זיך.

ער קוקט מיך אָן דערשראָקן—קאָן נישט ענטפערן.

—פאַרוואָס האָט איר „שפּאַנגען״?

—די גוים האָבן געזאָגט, אַז איך האָב געטריבערט אין „סאַלון״.

—ווען?

—נעכטן אָוונט.

—אום פרייטאָג צו נאַכטס?—וווּנדער איך זיך.

—נו, פרעג איך אייך—קלאָגט ער זיך נעבעך—וואָס בין איך עפּעס, נישט קיין ייִד?

—פאַרוואָס האָט איר דאָס נישט געזאָגט דעם ה׳ הויפּטמאַן?

—איך האָב געמאָלדן ביים ראַפּאָרט,—האָט ער מיר דערלאַנגט דריי פּעטש און געהייסן געבן שפּאַנגען. אָט זעט.

זיין פּנים איז נאָך געשוואָלן.

—שוין געגעסן?—פרעג איך.

—איך עס נישט קיין „מענאַזש״. אָבער אַ כזית ברויט ווען איך זאָל קאָנען קריגן, אויף אַ „מוציא״—היינט שבת.— —

נאָר די בושה, ליבער הער,—אַזאַ בושה בפני קהל ועדה—קלאָגט ער זיך מיט טרערן—איך שווער אייך ביי דעם תהלימל—

—צו וואָס דאַרפט איר דאָס אָפענע תהלימל, ווען עס איז פינסטער?—שמייכל איך.

—אַ סגולה—זיפצט ער—אַ סגולה. אָט דאָרט זיצן נאָך דריי יידן פאַר דעמזעלבן בילבול, ווי איז מיר...

איך לאָז עפענען אַנדערע טירן: אין יעדן שטיבל איינער אָדער צוויי סאָלדאַטן, געבונדן מיט קייטן אָדער רימענס. אין איין שטיבל שטייט אַן אייזערן בעטל. און בכדי דער אומגליקלעכער זאָל נישט קאָנען אפשר בגנבה זיך צולייגן, איז ער צוגעבונדן צום פוס פון בעט.—כמעט אַלע זיצן זיי פאַר אָנשיכורן זיך—איינער פאַר ווען אַנטלויפן. „ברויט“, בעטן זיי אַלע.

איך הייס דעם וואַך-קאָמענדאַנט באַזאָרגן ברויט און לאָז תיכף באַפרייען די-יעניקע, וועלכע דאַרפן אין דער פרי ענדיקן זייער שטראָף—צווישן זיי אויך דאָס אויסגעמאָגערטע יידל.

אַרויסגעשיקט די נויטיקע פּאַטרולן, קאָנטראָליר איך נאָך עטלעכע וואַכן און לאָז זיך גיין צו דער סעודה, כדי „יוצא זיין“. איך טרעף אָבער שוין עטלעכע אָפיצירן אַרויסגיין—שוין „נאָך אַלעמען“, בין איך נאָך מער צופרידן, און לאָז זיך מיט זיי דורך דעם וואַלד טיף אין די בערג—אויף אַ שפּאַציר. נאָך עטלעכע גלייכגילטיקע ווערטער ווערט סמוטנע אויפן האַרצן, און מיר נעמען זינגען פּוילישע און רוטענישע לידער, וואָס דערמאָנען אַלטע, לאַנגסטיקע צייטן און ברענגען טרערן אין די אויגן. מיר זינגען, און די לידער טראָגן זיך ווייט און ברייט איבער באַרג און טאָלן, איבער וועלדער און פעלדער, און דערציילן אפשר ערגעץ ווייט, ווייט, מיט אַ שוואַכן ווידערקול, אַז דאָ, אין אַ פרעמדער מדינה, בלאָנקען אַרום געטריבענע, בענקנדיקע קינדער...

חברה וויל מיך איבעראַשן—הייבן זיי אָן זינגען י י ד י ש ע לידער. נאָר מער ווי די מעלאָדיע צו דער „התקוה“ גרייכן זיי נישט. מיר ווערט נאָך טרויריקער אויפן האַרצן,—ג.ון ווען זיי

פאַרנעמען זיך גיין צום אָוונט-ברויט, לאָז איך זיך איינער אַליין מיט אַ זייטיק וועגל אין וואַלד אַריין.

פון ווייטנס דערטראָגן זיך אַלט-באַקענטע טענער. איך גיי נאָך דעם קול, און באַמערק צווישן צווייגן אַ כּתּה סאָלדאַטן. איינער שטייט ביי אַ בוים און דאַוונט מיט אַן אָנגעגעם קולכל. ס'איז שבת. די יידישע סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אַ „מנין" אין וואַלד. דער לעצטער זונענשטראַל האָט ערשט נישט לאַנג זיך באַהאַלטן אונטער דעם וואַלדיקן באַרג-שפּיץ,—עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל. „ברכו", צעזינגט זיך דער זעלנערישער חזן. איך שטעל זיך אָן אַ זייט, און באַהערשט פון דעם אורמענטשלעכן יראת-שמים—בייג איך טיף דעם קאָפּ און הייב אָן שטיל: „ברכו את"...

מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב. איך גיי צו דער גרופּע און גיב יעדן די האַנט:

—אַ גוטע וואָך, יידן!

זיי דערלאַנגען די הענט ווי איבערגעשראָקענע.

—ס'איז י. מ.—הער איך איינעם שעפּטשען.

פון וואַנען ער קאָן מיין נאָמען, ווייס איך נישט. אין דער אַרמיי גיי איך אויף מיין מאַמעס נאָמען. אָבער נאָך דעם ווערן די יידן צוגעלאָזענער, דרייען פּאַפּיראָסן פון מיין טאַבאַק און שמועסן וועגן די „שווערע צייטן"—ביינאַכט אין די וואַלדיקע קאַרפּאַטן.

—אויסן וועג, זשידעס!—מאַכט זיך פּלוצים פּלאַץ מיט ביידע הענט אַ אָנגעקומענער סאָלדאַט מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער,—און ער גייט שטאָלץ פאַרביי צווישן די צעשראָקענע יידן.

—האַלט!—שריי איך אים נאָך.

ער גייט ווייטער.

—האַלט!—רוף איך צום צווייטן מאָל.

ער קערט זיך אום און ווערט פרעך—ער דערקענט מיך נישט.

—רויק שטיין און ענטפערן—זאָג איך שטרענג—ווי באַ-

עמט איר זיך מיט קאַמעראַדן?

—ווער ביזטו?—ווערט ער מיט מיר פער „דו".

—פאַר אַזאַ פאַרהאַלטן זיך, וועל איך אייך אַרעסטירן—זאָג איך געלאַסן.

—איך וועל דיך אַרעסטירן!—שרייט ער חוצפהדיק.

איך נעם אים ביים אַרבל און פיר אים אַראָפּ פונם באַרג—צום וואַך-צימער. עס מאַכט מיר אַ ביסל פאַרגעניגן. ביים עלעקטרישן ליכט דערקענט ער מיך און ווערט אַ פאַרציטערטער.

—ענטשולדיקט, איך האָב נישט געוווּסט...—שפּילט ער זיך מיט די פינגער, קענטיק, אַז ער וויל מיר אימפּאָנירן מיט די גאָלדענע רינגען.

—ווער זייט איר אין ציוויל?—פרעג איך אים.

—שול-דירעקטאָר—ענטפערט ער שוין לייכטער, איבערצייגט, אַז דאָס איז זיין הילף.

—וואָלט איר זיין אַ פשוטער בויער—ערקלער איך אים—וואָלט איך אייך אַלץ מוחל געווען. אָבער ווייל איר זייט אַ שול-דירעקטאָר, דאַרפט איר זיך מענטשלעכער פאַרהאַלטן.

עס קומען צו צוויי פון די יידישע סאָלדאַטן.

—שענקט אים דאָס מאָל—בעטן זיי—זאָל מען נישט זאָגן, אַז דורך אַ יידן...

איך לאָז פריי דעם פוילישן „אינטעליגענט"—און ער סאַלוטירט „אונטערטעניק" און פאַרשווינדט מיט לאַנגע שריט.—

שפּעט אין דער נאַכט זיצן מיר אין אָפיצירס-קיך ביי אַ גלעזל טיי און דערציילן זיך מעשיות. פּלוצים—אַ קורצער, שאַרפער קלאַפּ אין שויב,—עס קלינגט ווי אַ דיסאָנאַנס אין אונזער פריילעכער שטימונג. נישטווילנדיק טוט מען אַ ציטער. דער קאָמענדאַנט שטייט אויף, נעמט מיך מיט, און הייסט די איבעריקע בלייבן. מען פאַרשטייט אָבער, וואָס עס איז געשען: מען האָט דערקענט אין דרויסן דעם ד"ר א.'ס שטימע—אַ כאָליערעווּיה... קיין „פרעמדער" טאָר דערביי נישט זיין. אַ חוץ די, וואָס „מאַכן דינסט".

אויף אַ פור ליגן, איינס אויף דאָס אַנדערע, דריי ווייסע,

האָבערנע טרונעס. פיר טויטנ-גרעבער גייען ביי די זייטן. דער קאָמענדאַנט, איך און דער דאָקטאָר גייען נאָכן וואָגן, און הינטער אונז טראָגן צוויי סאָלדאַטן אַ פאַס מיט קאַלך. דער טויער צום צווינטער איז אָפן,—מען טראָגט די קאַסטנס צון אַ צוגעגרייטן גרוב. איינער לייכט צו מיט אַ שטורקאַץ. דעם דריטן קאַסטן מוז מען עפענען: ביי אַ שפּאַרע שטעקט אַרויס אַ פינ-גער,—און דאָס איז „קעגן דער פאָרשריפט". איך קוק אויף דעם פאַרברענטן פנים פון דעם בר מינן און ווייס נישט: איז ער אַזוי באַוואַקסן, צי איז דאָס נאָר דער שאָטן פון די גריבער אויף דעם אויסגעמוטשעטן פנים,—ער ליגט אָנגעטון, ווי גרייט צו דער מלחמה. צורעכט געלייגט די האַנט, שלאָגט מען צו דעם קאַסטן, לאָזט אים אַראָפּ אין גרוב צוזאַמען מיט די שטרוי-זעק און לייליכער,—מען גיסט אָן קאַלך, און פאַרשיט— —

דער סאָלדאַט מיטן שטורקאַץ לייכט אונז צו ביז צום טויער,—דאָ אָבער פאַרלעשט ער תיכף דאָס צעפלאַקערטע ליכט— —זאָל חלילה קיינער נישט באַמערקן, וואָס מען האָט דאָ אָפּגעטון— — —עס מוז געטון ווערן אין „שטילן", כדי ביי דער באַפעלקערונג און ביי די אייגענע סאָלדאַטן „נישט אַרויסרופן קיין פּאַניק"...

צון אַ פרעמדער אַרמיי.

די באַלאַגערונג פון פשעמישל מאַכט ערנסט די סיטואַ-ציע. דער גרינדער פון דער פעסטונג האָט אפילו פאַרזיכערט, אַז „ביי אירע מויערן וועלן די רוסן זיך אויסברעכן די ציי-נער"... אָבער דערווייל זענען די רוסן שוין פאַרגאַנגען ביז ב. און די פאַרלוסטן, בפרט אין אָפיצירן, האָבן געמוזט זיין זייער גרויסע. דען פלוצים קומט אַ „רעזערוו-באַפעל", תיכף שיקן

פינפאונצוואַנציק אָפיצירן צו דעם וועסט-גאַליצישן פראָנט.

מיר אַליין האָבן אויך נישט איבעריק פיל אָפיצירן,—דער קאָמענדאַנט קלויבט דערום אויס קוים איינאונצוואַנציק—מיך צווישן זיי. מיר דאַרפן אַוועקגיין אין אַ טאָג צוויי, פאַרזאָרגן מיר זיך מיט נוצלעכע און אומנוצלעכע קלייניקייטן, וועלכע מען האָט פאַרלוירן אין די פריערדיקע געפעכטן,—מען מאַכט אונז פרישע איניעקציעס קעגן פאָקן, טיפוס און כאָליערע, נאָך וועלכע אַ סך פון אונז באַקומען פיבער און ווערן געשוואָלן—און מיר זענען פאַרטיק צום אָפמאַרש.

אונזערע קאַמעראַדן, וועלכע בלייבן ביי דער אייגענער אַרמיי, האָבן צוגעגרייט אַ רייכע סעודה, אונז צו געזעגענען. שוין פון זיבן דעם זייגער אין אָוונט דרייען זיך אייניקע אָפיצירן אַרום דעם באַנקעט-לאָקאַל—זיי קאָנען זיך נישט דערוואַרטן. „אוי ווען מען הייבט טרינקען!" ערשט אַרום אַכט אַ זייגער פאַרנעמט דער אָבערסט דעם „אויוון אָן" מיט דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון אַ תּקיף, און אַרום אים: דער מאַיאָר, דער בירגערמייסטער, צוויי שטאָט-דעפּוטאַטן, דער דירעקטאָר פון דער קור-אַנשטאַלט, דער דאָרפישער גלח און עטלעכע פרעמדע אָפיצירן מיט אַ זשאַנדאַרמעריע-ריטמייסטער. גלייך מיטן ערשטן קאָניאַק הייבט זיך אָן אַן אַלגעמיינער שמועס, נאָר דער גלח זיצט נעבעך ווי ביי אַ טערקישער דרשה—ער פאַרשטייט נישט קיין וואָרט דייטש. צעשטרעקט ער זיך מיט זיינע ברייטע אַרבל, דלובעט אָפּ יעדעס מאָל אַ ברויזן טרוקן ברויט, קנעט עס צווישן די ציטערנדיקע פינגער און וואַרפט עס אין מויל אַריין. דערביי קוקט ער אַ יעדן אין די אייגן און שאָקלט פריינטלעך מיטן קאָפּ. ער האָט זיך אָבער צוגעגרייט אַ הילף: פונקט ווען זיין גרויסער פליך שוויצט ביי אַ פולקעלע פון אַ פעט גענזל, קומט אַריין דער דיאַק: די גלחטע דאַרף אים „גאָר נויטיק"... טרינקט ער אויס דעם לעצטן „פראָזיט" און גייט אַוועק.

עס הייבן זיך אָן די געוויינלעכע „טאָאַסטן": היפּ—היפּ—הוראַ! לעבן זאָל דער קייזער—און דערהויפּט מיר, די „גליקלעכע העלדן, וועלכע וועלן עראָבערן לאָרבער-קראַנצן ביי פשע-

מישל״. ד״ר א. זעצט זיך צום קלאַוויר און שפּילט אַ ווינער וואַלץ. די קעפּ צעשאָקלען זיך, די פיס אונטערן טיש נעמען זיך באַוועגן. דער זשאַנדאַרמעריע־ריטמייסטער, קליין און דיק, מיט אַ קורצער, איינגעפלאַטשעטער נאָז און אַ זייער מיס פּנים, לויפט צום אָבערלייטנאַנט ר.,—אַ הויכער שטאַרקער אָפיציר מיט שווערע, זעלנערישע פיס,—ער כאַפּט אים טאַנצן! און באַלד דרייען זיך דריידלעך, די שטוב פליט אין אַ רעדל—אַלע טאַנצן! עמיצער האָט געבראַכט דעם זעלנער־כאָר: זיי שטייען אין אַ האַלב־ראָד ביי דער טיר און זינגען פּוילישע לידער.

—דאָס האָב איך ליב!—טאַנצט אונטער דער זשאַנדאַרם־ריטמייסטער.

זיי זינגען אַ מאַזורקע.

—אוי, דאָס האָב איך ליב—שטעלט זיך דער ריטמייסטער אויף די שפּיץ פינגער—נאָר קלאַסישע מוזיק, נאָר קלאַסישע!

דער כאָר נעמט זינגען אַ רוטעניש פאָלקס־לידל.

—דאָס האָב איך אויך ליב—דרייט ער מיטן קליינעם נעזל.

אַ אָפיציר־קאַנדידאַט פון כאָר קערט איבער דעם מאַנטל, טוט אָן דאָס היטל אויף דער לינקער זייט, נעמט אַ ביקס אויף די אַקסלען, און דערציילט אַ לאַנגע מעשה וועגן אַ „קאָמישן״ יידישן סאָלדאַט.

—אוי, דאָס האָב איך ליב!—קלינגט דאָס אָפיצירל פאַר פרייד מיט די שפּאָרן.

די אַנדערע אָפיצירן קוועלן אָן פאַר געלעכטער. און ווידער נעמט מען זיך צו אונז: מיר, די אויסדערוויילטע—די באַקרוינטע—און—„האָך דער קייזער״—און ווידער געטרונקען! מען מישט שוואַרצע קאַווע מיט ביר, שאַמפּאַניער מיט קאָניאַק, מען צעברעכט די גלעזער מיט די פלעשער און מען טאַנצט אויף די איבערגעקערטע טישן:

עס איז שוין גוט טאָג, ווען מיר פאָרן אַריין אין שטאָט, כדי פון דאָרט שוין דירעקט אָפּגיין אויף דעם נייעם שלאַכט־פעלד. די גאַנצע נאַכט געהוליעט,—און דאָך פאַרגעסט נישט דער מאַיאָר אַריינצוטעלן אין „באַפעל״: צוויי קאַדעטן האָבן

געכֿטן ביים באַנקעט אין געגנוואַרט פון ציוויליסטן זיך גערים-איבער אַ גולאַש „איך וועל באַשטראָפן פאַר אַזעלכע סקאַנ-דאַלן!״

מיר האָבן נאָך צו באַזאָרגן געוויסע דינסטלעכע ענינים, כמעט יעדער פון אונז דאַרף נאָך אָפּנעמען געלט ביים באַטאַ-ליאָן: ווער פאַר קליידער, ווער גאַזשע—איך פאַר רייזע-הוצאות פון רומעניע צו מיין רעגימענט. דער „טרופּן-רעכ. נונג-פירער״, הויפּטמאַן ג., איז שטאַרק ברוגז פאַרוואָס מען דערמאָנט זיך „גראָד איצט״,—ער קאָן נישט אויסצאָלן אויף אַמאָל אַזוי פיל געלד! קריגט מען אַרויס כאָטש דעם צענטן טייל, און דער רעשט ווערט „פאַרשריבן״...

אונזער מאַיאָר געזעגנט זיך „אָפיציעל״. מיר שטייען אויסגעשטעלט אין קאַנצעלאַריע, ער גיט יעדן די האַנט און האַלט אַ דרשה: ער איז אונז מקנא, וואָס מיר וועלן קעמפן אויף „אַזאַ וויכטיקן פּאָסטן״—ער וואָלט אַליין פרייוויליק גע-גאַנגען, נאָר—מען דאַרף אים דאָ „זייער נויטיק״... און— „טרייבט די רוסן ווי אַ סטאַדע שאָף—זאָלן זיי אייך געדענקען, די הינט!״— —

אַ טייל פון אונז האָבן אין די לעצטע קאַמפן פאַרלוירן די רעוואָלווערס. אין מאַגאַזין זענען נאָר פאַרהאַן אַלטע, פאַר-זשאַווערטע קאַוואַלעריע-פיסטוילן.

—צו וואָס מיטנעמען רעוואָלווערס?—טענהט דער מאַיאָר— אַ פאַטש אַ רוס,—און אַ רעוואָלווער איז דאָ!

אין שטעטל איז שטיל. די שיינינקע מיידלעך שוועבן דורך די גאַסן ווי יונגע שוואַלבן,—די מאַמעס האָבן זיי אוודאי אָנגעזאָגט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם איינגעריקטן מיליטער. די אָפיצירן צעלויפן זיך אין פאַרשידענע קראָמען: עס קומען אָן קילע טעג און קאַלטע נעכט, קויפט מען איין—ווער אַ לע-דערנעם מאַנטל, ווער שווערע געלע שיך—און עסנוואַרג גרייט מען צו אַזוי פיל, אַז די דינערס קאָנען עס קוים דערשלעפן! איינגעקויפט, איינגעפּאַקט,—גייט מען זיך „אויסלומפּן״, אויסנוצן די געלעגנהייט „כל זמן מען קאָן״...

איך גיי אין דישן מרחץ.

אָוונט. די איינזאַמע גאַסן זענען האַלב פינסטער. זעלטן ווען קומט אָקעגן אַ געשמינקט מיידל, טוט אַ פרעכן שמייכל, און פאַרשווינדט ביים נאָנטסטן עק פון הויז. אין אַ זייטנ-געסל ווערט אַ ליאַרם—עס בליצט אַ זעבל אין דער פינסטער! מען האָט אים געוואָרפן און ער פאַלט אַראָפּ אויף די שטיינער מיט אַ שטאַרקן קלינג. נישט געטראָפן אַפנים, דען איינער אַנטלויפט, און דער צווייטער לויפט נאָך. ביז איך קום צו, פירט שוין אַ פעלדוועבל צוויי סאָלדאַטן: זיי האָבן זיך צעשלאָגן.

אויפן וואָקזאַל ליגן פאַרוווּנדטע און קראַנקע אויף דער ערד—זיי וואַרטן שוין אַ גאַנצן טאָג אויף אַ דאָקטאָר. קיינער נעמט זיי נישט אַוועק. אונזער צוג האָט פאַרשפּעטיקט, זעצן זיך מיינע קאַמעראַדן „דערוויילי" טרינקען. ציווילע שיקן צו עטלעכע פלעשער ווייַן און בעטן, מיר זאָלן מיט זיי טרינקען.

—„עליען"—שרייען זיי ביז צו הייזעריק ווערן.

מען צעלאָזט זיך מיט האַלב שיכורע קולות—נאַציאָנאַלע און נישט נאַציאָנאַלע לידער. די טשעכישע אָפיצירן זינגען זייער פאָלקס-הימן. מיר שטעלן זיך אויף. אין אַ ווינקל שפּילן אין קאָרטן צוויי ציווילע הערן.

—שטייט אויף!—שרייט צו זיי אַ טשעכישער אָפיציר.

זיי מאַכן זיך נישט הערנדיק.

—שטייט אויף!—שפּרינגט ער צו און רייסט אַרויס ביי איינעם די קאָרטן פון האַנט.

די צוויי הערן ווערן בלאַס און שטעלן זיך אויף. ווען נישט דער אָנגעקומענער צוג—ווער ווייסט, ווי זיי וואָלטן אָפּ-שניידן...

צוריק אין גאַליציע.

די רייזע מאַכט זיך גאַנץ אָנגענעם. דאָס ערשטע מאָל, זייט

אָנהויב פון קריג, פאָרן מיר אַליין, אָן זעלנער, און מען דאַרף פּאַר קיינעם נישט זאָרגן, אַ חוץ פאַר זיך און די דינערס. פילן מיר זיך טאַקע ווי פרייע פייגל. לייטנאַנט פאָן ה., דער ראַ-פינירטסטער און געמיטלעכסטער ווינער, איז אונזער קאָמענ-דאַנט, און ער זאָרגט שוין, מיר זאָלן נישט פאַרהונגערן. דער־בײַ פאַרגעסט ער טאַקע נישט הויפטזעכלעך אָן זיך אַליין, אָבער—„בײַ אַ פעטן טיש קאָן מען אַליין אויך אַ ביינדל אָפּ-לעקן״, זענען מיר צופרידן.

מיר שטייגן אויס אין דער גאָר קליינער סטאַציע ג. דער ערשטער גאַנג איז צום אָרט-קאָמענדאַנט: זאָל ער ווייזן, ווו צו שלאָפן און געבן עסן. דער קאָמענדאַנט לאָזט אַ יעדן איינפּאַקן אַ פּעקל ברינזע, סאַלאַמי, טיי און צוקער, גיט אַ יעדן הונדערט פיינע פּאַפּיראָסן—נאָר ברויט האָט ער ווייניק. צופרידענע, גייען מיר זען אונזערע קוואַרטירן. דאָס שטעטל איז קליין, פול מיט מיליטער, מוז אַ גרויסער טייל פון אונז שלאָפן אין נויט-שפּיטאָל.

איצט ערשט לאָזן מיר זיך אין שטעטל אַריין—„באַלעווען״.

אָט איז אַ רעסטאָראַציע. אַ גרויס, צוויי-גאָרנדיק הויז, אַ האָטעל,—מיר וווּנדערן זיך נאָר, ווו-אַרום אַזאַ געביידע האָט פאַרבלאָנזשעט אין דעם קליינעם, בידעריק-געבויטן שטעטל. טיר און טויער זענען פאַרמאַכט, אפילו די לאָדנס בײַ די פענסטער, און דער איינציקער שומר, וואָס איז איבערגעבליבן, דער פּאָרטיער, ערקלערט אונז, אַז מען קאָן דאָ גאָרנישט קריגן, ווייל „די הערשאַפטן זענען באַלד אַוועק און אַלץ מיטגענומען, ווי זיי האָבן נאָר דערהערט, אַז די רוסען קומען״.

—„ליידער״ זענען זיי נאָך אַזוי ווייט נישט געקומען—ענדיקט דער נאַיווער מאַדיאַר.

עס גייט פאַרבײַ אַ יונג מיידל מיט אַ גרויסן בעקן ברוינע, קײַלעכדיקע קוילעטשן.

—איז אַ יום-טוב היינט?

זי פאַרשטייט נאָר אונגאַריש. איך בעט אויף „שטום-לשון״, זי זאָל מיר פאַרקויפן אַ קוילעטש. ענטפערט זי אויף

דעמזועלבן לשון, אַז — „מוטער", ד. ה. עס געהערט דער מאַמען גיי איך איר נאָך ביז אַהיים. איך טרעף דעם פּאָטער. אַ חסידישער מענטש, רעדט פּשוט יידיש.

— פּעטער, פאַרקויפט מיר אַזאַ יום-טובדיקע חלה — בעט איך ביי אים האַלב אין שפּאַס, דען איך ווייס נאָך אַלץ נישט, וואָס פאַר אַ יום-טוב עס איז.

— איר ווייסט דאָך, אַז ווען מען גרייט צו אויף אַ יום-טוב, דאַרף מען עס אַ״יין — ענטפערט דער ייד נישט שטאַרק פריינטלעך.

— טאַטע, עס ווערט שפּעט צו די „הקפות" — רופט זיך אָפּ אַן עלטערער בחור.

„הקפות"...

פאַר אַ גאַנץ שיינעם פּרייז טרעט מיר אָפּ דער ייד — „לשם מצווה" — איינעם פון זיינע געראָטענע, קיילעכדיקע קוילעטשן. איינגעקויפט נאָך אַ ביסל אויבסט ביי אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, וועלכע ווילן אין איין אָטעם וויסן, ווי לאַנג דער קריג וועט נאָך דויערן, און ווער זענען מיינע עלטערן, און וויפיל איך פאַרדין, — שיק איך די זאַכן דורך מיין דינער „אַהיים" (אין נויט-שפּיטאָל), און אַליין גיי איך מיט עטלעכע גוישע אָפיצירן צו די „הקפות".

אַ גרויסע, רויטע געביידע, אויפן שפּיץ אַ קליינער טאָוול „עשרת הדברות" — מער ענלעך צון אַ עוואַנגעלישן קלויסטער. אָבער אינעווייניק — פאַרבלענדט די פּראַכט די אויגן! כמעט אינגאַנצן מאַרמאָרנע ווענט, מיט גאָלד באַצירט, און די שוואַרצע „ויתן לך" מיט די „שלום עליכם" גיבן זיי צו אַ באַזונדערע שיינקייט. מיר זעצן זיך אין אַ געל-פּאָליטורטער באַנק. אַ העלקלינגנדיקער דאַמען-כאָר אויף דער גאַלעריע זינגט די יום-טובדיקע תפילות, אָבער די שיינע מיידלעך פאַרלירן דעם טאַקט, דען זיי קוקן מער אויף אונז ווי אויפן דיריגענט.

די „הקפות", מער ענלעך צון אַ קאַטוילישער פּראָצעסיע, ווערן באַגלייט פון ווייס-געקליידטע מיידלעך (ווידער קלויסטער-מעסיק!), און אַ גרויסע צאָל ספרים מיט די קונסטפולע קרוינען

פון זילבער, גאָלד און בריליאַנטן — אַ פולע רייכקייט!

— אַ סך יידן ביי אייך אין שטעטל? — פרעג איך ביים אַרויסגיין איינע פון די כאָר-מיידלעך.

— קוים דרייסיק פאַמיליעס. אָבער דאָס אַלץ האָט מנדר געווען דער ראש הקהל.

— אויך מיר זינגען אומזיסט — גיט זי צו מיט אַ באַשיידע-נעם שטאָלץ — אונזער לערער דיריגירט דעם כאָר.

איך באַוווּנדער נאָר די פרומקייט פון דעם האַלב אַסימי-לירטן יידישן מיידל.

צוליב מיינע קאַמעראַדן מוז איך אָפּזאָגן די איינלאַדונג פון אַ רייכן שול-באַלעבאָס, — מיר גייען עסן אין אַ יידישער רע-סטאָראַציע. די טישלעך זענען באַזעצט מיט „שמחת-תורה״-געסט, און מיינע גוישע קאַמעראַדן זענען פונקט אַזוי צופרידן מיט די געשמאַקע, געבראָטענע קאַטשקעלעך ווי מיט די צערעמאָניעס אין שול.

דער צוג האָט אין דער נאַכט נישט געבראַכט קיין פאַר-ווונדטע, מאַכן מיר זיך באַקוועם אין די וואַרעמע, ריינע שפּי-טאָל-בעטן. אַ גרויסער טייל פון אונז ווערט אַנטשלאָפן מיט דער בקשה, זאָל כאָטש דאָס זיין אַן אָפּקומעניש, קיין מאָל נישט קראַנק צו זיין, קיין מאָל נישט צו ליגן אַ פאַרווונדטער אין שפּיטאָל...

די ווייטערע רייזעס ווערט אַזוי לאַנגווייליק, אַז מיר קוקן נישט אַמאָל, וואָס פאַר אַ סטאַציעס מיר פאָרן פאַרביי. אין דער פרי בלייבן מיר שטיין אין ר.

— הוראַ! — שרייט איינער פון אונז — מיר זענען אין גאַ-ליציע!

אַלע לאָזן זיך צו די פענסטער, ווארפן די היטלען פאַר פרייד און שרייען מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ „הוראַ״. נאָך אַ לאַנ-גער צייט אַרומוואַלגערן זיך אין פרעמדע מקומות, שטייען מיר ווידער ביי דער גרענעץ פון דעם באַרימט-געוואָרענעם, גע-פּלאָגטן גאַליציע, — און דאָס האַרץ ווערט פול מיט יענער צערט-

לעכקייט, וועלכע מיר דערפילן ביים דערזען אַ ליבן קרוב—טרערן פלאָנטערן זיך אין די אויגן...

מיר גייען אַריין אין דער קליינער באַן-רעסטאָראַציע. דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ לענגערער צייט דערפילט מען ווידער, אַז אַ לשון קאָן אויך צונויץ קומען: מען קאָן מיט אַ „פרייער צונג"—אויף פוילישׁ זיך הייסן געבן אַ פּאָר הייסע ווורשט-לעך מיט אַ קאַלט גלעזל ביר. די שענקערקע, אַן אמתע, ברייט-לעכע מאַזורקע, חנפעט זיך אונטער און האַלט אין איין רעדן.

—מאַכט מען געשעפטן?—פרעג איך.

—אַך, איך וואָלט דאָס גאַנצע געשעפט מוחל זיין—קלאָגט זי זיך—וואָס האָט מען דערפון, אַז מען באַראַבעוועט.

—ווער?—וווּנדער איך זיך—דאָ זענען דאָך נאָך קיין רוסן נישט געווען.

—און די „מאַדיאַרן" זענען בעסער?—קוקט זי זיך אַרום מיט מורא—דולן אָן אַ קאָפּ מיט זייערע געזאַנגען, צעברעכן טיש און בענק, און באַצאָלן נישט.

—נעמט מען זיך אָפּ ביי אַנדערע—שמייכל איך.

—אַך, אַלע זענען איין באַנדע! אַ חוץ „אונזערע", פאַר-שטייט זיך.

זי האַלט מיך אַפּנים פאַר אַ געבראָטענעם פּאָליאַק.

—און אַז די דייטשן גנבענען ווייניקער,—וויל זי ווייטער רעדן—

עס קומט אַריין אַ הויכער, דיקער לייטנאַנט פון אַ ווינער רעגימענט.

—אַ צימער פאַר מיין הער—רעדט זיין טשעכישער דינער.

—אַלץ איז פאַרנומען—זאָגט די מאַזורקע אין איילעניש.

דער דינער זעצט עס איבער פאַר זיין לייטנאַנט.

—און דאָרט?—ווייזט דער לייטנאַנט אויף אַ קליין שטיבל.

—דאָרט שלאָפט מיין אַכציק-יאָריקע מוטער מיט מיין קליין טעכטערל—בעט זיך די גויע.

דער לייטנאַנט הייסט דעם דינער אַריינטראָגן די זאַכן אין שטיבל.

פאַרצווייפלט, פירט אַריין די שענקערקע איר מוטער—אַ טויבע, האַלב בלינדע זקנה.

—צום טייוול!—כאַפּט זי אָן דער לייטנאַנט און וואַרפט זי אַרויס מיט דער מוטער.

—תיכּף דאָ ריין מאַכן!—שרייט ער נאָך די יאָמערדיקע ווייבער—פּוילישע חזיר-ווירטשאַפט!

אונזער קאָמענדאַנט, אויך אַ ווינער, פאַרשעמט זיך פאַר זיין לאַנדסמאַן:

—נישט אַלע ווינער זענען אַזעלכע—פאַרזיכערט ער די שענקערקע.

מיר פאָרן ווייטער. אין ז. וועלן מיר נעכטיקן. צו ביידע זייטן באַן-גאַס הענגען לויטער יידישע שילדן. אָבער קוים פאָרט מען אַריבער די בריק, איז שוין נישטאָ קיין סימן פון יידישע געשעפטן. בכלל—אַ געוויינלעך גאַליציש שטעטל: נידריק, אָרעם, בלאָטיק,—נאָר אַ גרויסע, נייע רעאַל-שולע איז פאַרהאַן. אַ חוץ אָן אייזן-געוועלבל מיט אַ בוכהאַנדלונג און אַ בלומען-קלייטל,—לויטער געשעפטן פון חזיר-שלעגערס! עס איז גראָד יריד. דער מאַרק איז פול מיט כמעט ליידיקע בודקעס,—נישטאָ קיין שפּע ביי די גוישע סוחרים.—איין ייד דרייט זיך אַרום צווישן די קראָמען, אָבער טאַקע עפּעס ווי אויף אַ „פרעמדן יריד".

—ווו זענען אייערע יידן?—כאַפּ איך אים אָן.

ער בלייבט שטיין און באַטראַכט מיך פאַרוווּנדערט:

—איר ווייסט נישט, אַז אין ז. טאָרן קיין יידן נישט וווינען?

גאַנץ פאַרגעסן... דאָס איינציקע שטעטל אין עסטרייך.

—נישקשה, מיר וועלן פאַר אייך אויסקעמפן דאָס וווינ-רעכט—קלאַפּ איך אים פריינטלעך איבער דער פּלייצע.

—יאָ...—זיפצט דער ייד און שמייכלט קלוג.

מיר פאַרשטייען זיך...

דער אָרט-קאָמענדאַנט ווייזט אונז אָן קוואַרטירן. איך באַקום אַ צעטל צום שענסטן האָטעל,—אָבער איך פאַרשטאָט, אין „יידן-פערטל". בעט איך ביים קאָמענדאַנט אַ קוואַרטיר אין שטאָט.

—צו וואָס?—וווּנדערט ער זיך—די אייגנטלעכע שטאָט איז דאָרט, נישט דאָ.

—ניין, זער אַבפּדלייטנאַנט,—ערקלער איך אים,—נישט וועגן דעם גייט עס. איך בין אַ ייד, און אַזוי ווי אין ז. טאָרן קיין יידן נישט וווינען...

—אַך, אַזוי?—פאַרשטייט ער מיך ענדלעך—קום!

און ער פירט מיך צום שענסטן הויז אין מיטן מאַרק, צו ד״ר ב.

—דאָ וועסטו וווינען, ביים היגן בירגערמייסטער אַליין,—זאָגט ער מיט אַ געוויסער סאַטיספאַקציע.

די דינסט ווייזט מיר אָן אַן עלעגאַנט, ליכטיק צימער. קיינער איז נישטאָ אין הויז: ד״ר ב. איז אַלס אַרצט אין דער אַרמיי, די פאַמיליע איז אַנטלאָפן פאַרן אָנקומענדיקן שונא, בלייב איך מיט נאָך אַ יידישן קאַדעט אין דער גאַנצער רייך-מעבלירטער דירה.

איך גיי אין יידישן פערטל אויף אָוונטברויט. אין קליי-נעם שענקל זיצן עטלעכע יידן.

—האָט איר קיינמאָל נישט געפּרוווט זיך אַריינצוזיען אין שטאָט?—פאַרפיר איך אַ שמועס מיט זיי.

—שוין געווען אַזאַ חכם—ענטפערט איינער—אַ ווינער אַד-וואָקאַט, האָט מען אין דערזועלבער נאַכט געמאַכט אויף אים אַ גאַנצן פאָגראָם: ער איז קוים אַוועק מיטן לעבן.

—אָבער דער מסחר?—וווּנדער איך זיך.

—ווער דאַרף די שטאָט—שמייכלט אַ צווייטער—זיי קומען דען נישט אַלע אַהער אַריבער איינקויפן? אפילו זייער איינציקער געוועלבניק קויפט אויך ביי אונז!

—די שטאָט איז דאָך אייגנטלעך ביי אונז—וואַרפט אַריין אַ דריטער—אַז גאַז-באַלייכטונג האָבן מ י ר, און נישט זיי, פייערוועד...

—נישט מער—כאַפּט אויס אַן אַנדערער—עס איז אַ בושה: שטייערן צאָלן י אָ, און איבערנעכטיקן דאָרט טאָר מען נישט. בפרט דער רשע ד״ר ב.

—אײער בירגערמײסטער?

—יאָ, אַ רשע ־פּאָטאַקעווען אַלע.

איך דערצײל זײ, אַז איך װעל הײנט דאָרט געלטיקן.

—אױ, װען ער זאָל דאָס װיסן!—דערלעבן זײ זיך אַ נקמה.

זײט אַ שעה ליג איך אין דעם באַקװעמען בעט און קאָן נישט אַנטשלאָפן װערן: װער איז די מענטשלעכע שנאה, װאָס זומפּט אין בלוט און מילך פון נישטיקע פעלקער? און װעלכע מאַכט באַװעגט מײן פוס צו גײן פאַר זײ און מיט זײ אין קאַמף?...

איך װעק אױף די דינסט.

—איך האָב פאַר דײן הער אַ װיכטיקן בריף. געדענק, זאָלסט אים איבערגעבן באַלד װי ער װעט אַהײמקומען.

די שיקסע מאַכט אַן ערנסט פּנים און פאַרזיכערט, אַז זי װעט עס פּינקטלעך איבערגעבן. נעם איך אַ גרױס צעטל פּאַפּיר און שרײב אָן מיט גרױסע אותיות:

„פּױלישער בירגערמײסטער! הײנט אין דער נאַכט זענען אין דײן „רעזידענץ" אױף דעם ערשטן גאָרן געשלאָפן פּענריך װ. און קאַדעט װא., בײדע גאַליציש ע ײדן. שטעל זײ אין דײן געװיסן פאַר דײן קריסטלעכער גערעכטיקײט—און ערלױב זײ נישט צו קעמפן פאַר דײן פרײהײט. מיט ײדישן דאַנק פאַר דײן גאַסטפרײנטשאַפט".

די דינסט באַהאַלט דעם פאַרקלעבטן בריף אין פאַזוכע—װי אַ הײליקע צװאה און פאַרזיכערט נאָכאַמאָל, אַז זי װעט עס פּינקטלעך איבערגעבן איר באַלעבאָס תיכף װי ער װעט נאָר צוריקקומען.—

די לעצטע באַן־סטאַציע.

בײם װאָקזאַל פון שטעטל ר. דרײען זיך אָפּגעריסענע,

אָפּגעמאָגערטע יידן—מען ווייסט נישט אויף וועמען זיי וואַרטן. פונם שטעטל אַרויס קוקן רחמנותדיק צו די אַראָפּהענגנדיקע כּמאַרעס עטלעכע פּוסטע, פאַרמרה-שחורהטע קוימענס—ווי פאַרשעמטע זעגלביימער פון האַלב פאַרזונקענע, אָפּגעסמאַליעטע שיפן. וועמענס האַנט האָט דאָ די אָרעמקייט נאָך מער פאַראָרעמט און פון די אָרעמע לייט נאָך אָרעמערע געמאַכט?...

קיינער דערציילט עס נישט. און די געפּרעגטע יידן קוקן נאָר אָן מיט אַ וואַסעריק-פאַרשטאַרטן בליק, גלייבן נישט, צי מען רעדט מיט זיי ערנסט, און ווענדן זיך אָפּ ווי באַליידיקטע. דער צוג לויפט ווייטער און עס דאַכט זיך, אַז עפּעס זייער וויכטיקס האָט מען דאָ אין שטעטל פאַרגעסן——אפשר אַ טרייסט-וואָרט צו זאָגן— — —

אין ב. ס. נעכטיקן מיר. די שטאָטישע פּאָליציי האָט שוין, ווייזט אויס, פאַרגעסן די מיליטערישע מדרגות, דען לויט זייערע ענטפערס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן אונז נישט פאַר אָפיצירן—זיי „ווייסן נישט פון קיין קוואַרטירן". ענדלעך פירט אונז איינער, שיכורלעך אַ ביסל, איבער די בלאָטיקע פינסטערע גאַסן,— ביז נאָך אַ שעה צייט בלייבט ער שטיין פאַר אַ גויאיש שטיבל.

—דאָ!—זאָגט ער און מאַכט אויף די טיר מיט אַ געניטקייט פון אַ היימישן.

אַ ליידיק, פאַרדומפּן שטיבל—ביי די עלעקטרישע האַנטלעמפּלעך זעט מען אַ ביסל צעוואָרפן שטרוי,—אין די ווינקלען ליגן נאָך פּאַפּיר און שמאַטעס פון די פריער-געגעכטיקטע. די אָפיצירן צעשרייען זיך ווי ווילדע. פענריך ר., אַ טשעכישער עקאָנאָם, כאַפּט אָן דעם פּאָליציימאַן ביי דער ברוסט און טרייסלט אים מוראדיק:

—חזיר איינער, הונט! אַהער פירסטו אָפיצירן? איך וועל דיך דערשיסן!

און ער כאַפּט זיך טאַקע פאַרן רעוואָלווער.

דער דערשראָקענער פּאָליציימאַן בלייבט אָפּהענטיק, שטעלט אַרויס אַ פּאָר אויגן, און אָן טענות גיט ער זיך אונטער זיין

ביטערן גורל— —ער דערקענט שוין, אַז ער האָט צו טון מיט אָפּיצירן...

—וואָס ווילסטו פון אים?—בּאַרוּיק איך דעם פּענריך—ער קאָן דאָך נאָר געבן, וואָס ער האָט.

—וואָס בין איך שולדיק?—הייבּט אָן זיך בעטן דער פּאָ-ליציימאַן, דערמונטערט אַ ביסל דורך מיינע רייד.

—האַלט ס'מויל, הונט!—האַלט אים דער פּענריך פאַרן גאָרגל—זאָפּאָרט אַנדערע קוואַרטירן.

מיר לאָזן זיך אַרויסגיין. אין דעם פינסטערן פּאָרהויז באַווייזט זיך די בויערטע. זי ברעכט די הענט און שעפּטשעט אַ תּפילה, און אָן איהר אָנגעהאַלטן, ציטערט איר יונג טעכ-טערל,—ביידע ערשט אַראָפּ פון די געלעגערס. זייער גאַנצע שרעק, ווען איך דערנענטער זיך צו זיי, דריקט זיך אויס אין איין שווערן, שמערצלעכן „אוי", וועלכער קלינגט ווי דער קוויטש פון דעם הונט, ווען דער היצל פאַרוואַרפט אים דעם שטריק אויפן האַלז.

—שרעקט זיך נישט, מאַמעלע,—בּאַרויק איך זי,—מען וועט אייך גאָרנישט טון.

ערשט אַצונד הייבּט אָן דאָס שיקסל כליפּען, און די מו-טער צעגיסט זיך אין אַ שטראָם טרערן:

—מאַמענקע מיינע, פּאַנענקו טייערער! וואָס בין איך שול-דיק, מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט? איך וואָלט דאָך וועלן געבן דאָס בעסטע. נאָך פאַרהאַן אין שטוב אַ שטיקל ברויט,—אפשר...

—בּאַרויקט זיך, מאַמעלע, עס וועט אייך גאָרנישט געשען; איר שרעקט דאָך נאָר איבער דאָס קינד—בעט איך זיך ביי איר.

—מאַמענקע טייערע, פּאַנענקו גאָלדענער...—האַלט די גויע אין איין שטאַמלען, קושנדיק מיר די הענט.

—גייט שוין צון אַלדע רוחות!—ווער איך אויפגעבראַכט אויף מיינע קאַמעראַדן און שטופּ זיי אַרויס פונם פּאָדער-הויז די גויע קאָן זיך אַלץ נישט בּאַרויקן. איך נעם זי גלעטן

ווי אַן אייגענע מאַמע, און קוים מיט מי געלינגט מיר זי צו באַוועגן, זי זאָל צוריק אַריינגיין שלאָפן.

מיר זענען שוין פאַרבליבן אין דעם גרויסן זאַל פון דער פייערוועך אויף אַ ביסל שטרוי. גאַנץ פרי, נאָך ביים שיין פון פאַרקאָפטשעטן לעמפל, טוען מיר זיך אָן. אַ טייל פאַריכטן נאָך צעריסענע הויזן אָדער דעם פאַרשפּעטן מאַנטל,—די דינערס העלפן צו. אין מאַרק דרייען זיך שוין פאַרשידענע געשטאַלטן. ביים עק פון אַ שמאָל געסל פאַרשווינדט נאָך אפילו אַ מיידל אין אַ צעקנייטשטש היטעלע—אַ זונה מסתמא. אונטער די „פּאָד־שעניס" שטייען אויסגעשטעלט עטלעכע אָרעמע קראָמען,—פון גרויסע, בלעכענע סאַמאָוואַרן שלענגלט זיך אַ דינינטשקער רויך, אָדער אַ פּאַרע. אַ פאַרטאַלאַפּעטער, צעשויבערטער ייד ציט אונז צו מיט די אויגן:

—טיי־גיט ער אַ קוועטש דעם קאָפּ אויף אַראָפּ—אָנגיסן?

—אַנו, לאָמיר זען.

—נאָר... נאָר פאַרשטייט איר מיך... קיין צוקער איז נישטאָ-גיסט ער אָן יעדן אַ גלאָז טיי.

—ווי הייסט?

—עס שאַדט נישט. איך האָב אַ סירופּ, איז אַ כפּרה אַ גאַנץ היטל צוקער. איר'ט זען.

ער גיסט אַריין אין יעדן גלעזל אַ רויטע, געדיכטע פלי־סיקייט, און הייסט זיך באַצאָלן אַ שיינע מטבע.

—האַ, יידעלעך, געשעפט! פאַרפלוכטע הינט!—צעבייזערט זיך דער פאַרכלבטער פּאָליאַק, קאַדעט ד., און פירט אונז צון אַ גוייִשער סוחרטע.

מיר פאַרזוכן אויך איר טיי, וועלכע שמעקט מיט צוגע־לעגערטן קאָלבאַס,—און מיר באַצאָלן כמעט דאָפּלט ווי ביים יידן.

—גיי שוין צום טייוול מיט דיינע גוייִשע סוחרים!—זאָגט צו אים האַלב ערנסט לייטנאַנט ד"ר ק., אַ פּוילישער ריכ־טער פון ב.

—אַדאָס איז דאָך די יידישע קאָנקורענץ—זוכט דער קאַדעט צו פאַרענטפערן און בלייבט שטעקן אין מיטן ווי פאַרשעמט.

אויפן וואָקזאַל דערוויסן מיר זיך, אַז אונזער „ענד־ציל"

איז ווידער ווייטער. דען מיט דערזעלבער שנעלקייט, מיט וועלבער מיר זענען אַנטלאָפן פאַר דעם אָניאָגנדיקן, טויט-ברענגענדיקן, רוסשן אייז-באַרג, האָבן מיר איצט, ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט, געפּראַלט די רוסן אויף צוריק. מיט יעדן טאָג דערווייטערט זיך דאָס שלאַכטפעלד. די באַן-אָפּיצירן ווייסן נישט וווּהין אונז צו פירן. און עס קומט אויס, אַז מיר וועלן גאָר קיינמאָל נישט דערגרייכן די קאַמף-ליניע. גרייטן מיר צו אויף צוויי וואָכן פּראָוויאַנט, זעצן זיך אַריין אין צוג, און באַשליסן „אָן ראַסט” צו פאָרן ביז צו דער לעצטער סטאַציע.

נישט ווייט ליגט דאָס שטעטל ג., דער „אויסגאַנגס-פּונקט” פון אונזער גרויסער אָפנזיווע. אויף אַ הויכן, ברייטפּלייציקן באַרג שלענגלט זיך אַ לאַנג, שמאָל שנירל,—פויל ווי אַ אָנגעגעסענע שלאַנג. דאָס זענען די פּראָוויאַנט-וואָגנס פון דעם קילאָמעטער-לאַנגן „טרעין”, וועלכער שלעפּט זיך נאָך דער אַרמיי ווי אַ לאַנגער, פעטער מאָגן. די פורן דאָרט דרייען זיך אין אַ זיג-זאַג, באַווייזן זיך און פאַרשווינדן, גלייך זיי וואָלטן דאָרט אין דער הויך זיך שפּילן ביים ברעג פון אַ געפערלעכן תהום, כדי צו זען: וועלן זיי אַראָפּפאַלן אָדער נישט? נישט-ווילנדיק טוט אַ טיאָכקע אין האַרצן. און דאָך רויִקער דאָרט זיכער זייערע פּייקעס די איינגעהויקערטע בעל-עגלהס, זינגען זיך אפשר אונטער אַ פאַרבענקטן ניגון,— —און די קליינע, פאַרסאַפּעטע פערדלעך דאָרטן וווּנדערן זיך נאָך אפשר איבער אונז דאָ אונטן, וואָס מיר וואַגן זיך צו יאָגן מיט אַזאַ דרייסטער שנעלקייט, אַז „עס גייט אַזש אַ רויך”.—

דער צוג פאָרט אַריין אין אַ ברייטן, פלאַכן טאָל. די צוויי ביידע זייטן אַרויסגעוואָרפענע, ברוינע הויפנס ערד, ווייזן אָן, אַז דאָ האָט מען שוין פון לאַנג אָפּגעטון די שווערע מוילוואָרפאַרבעט: זיי שטייען שוין ליידיק, די „אויסגענוצטע” שיצן-גריבער... אויף אַ ברייטער לאָנקע ליגן צעוואָרפענע סימנים פון אַ פעלד-לאַגער,—דאָס אַש אין די אויסגעברענטע ערד-לעכער איז, דאַכט זיך, נאָך נישט אָפּגעקילט. „אויס פאָרזיכט, זאָל דאָס לאַגער יעדן סימן הינטער זיך פאַרניכטן”, האָט מען אַמאָל אין

די שטרענגע פרידנס-טעג געקנעלט אין די מיליטערישע שולן. אוודאי זייער אַ קלוגע און נויטיקע תורה. גיי אָבער פּרוו ריין מאַכן די ווייסע, באַגראָזטע לאָנקע, וועלכע ווימלט מיט קאָנסערוון-פּושקעס, קויטיקע אָניטשעס, רימענס, פּאַפּירן, מיט אָוועקגעוואָרפענע שטיקלעך ציגאַרן און אויסגעבערנטע שוועבעלעך, מיט אויסגעלאָשענע קוילן און שפּורן פון מענטשלעכע און פערדישע מיסטן—!

ביי דער קליינער סטאַציע ב. הענגען נאָך אַראָפּ די איבערגעריסענע טעלעגראַפן-דראָטן און עס וואַלגערן זיך אַרום עטלעכע פאַרברענטע סלופּעס. אַ סימן, אַז די רוסן זענען דאָ געווען.

—זיי האָבן געראַבעוועט?—פרעג איך אַ בויער, וועלכער דרייט זיך אַרום פּוסט און פּאַס.

—ניין, נאָר געפרעגט אויף אונזער מיליטער...

—און וואָס האָט איר געזאָגט?

דער בויער ווערט בלאַס:

—זיי האָבן נאָר צוגענומען דאָס היי און האָבער-וויל ער אויסמיידן מיין פראַגע—זיך געהייסן געבן שנאַפּס און באַלד אַוועק.

—באַצאָלט?

—באַצאָלט נישט, אָבער אַזוי זיך גאַנץ אָרנטלעכע מענטשן—קראַצט זיך דער בויער און ווייסט נישט, צי האָט ער גוט געענטפערט.—

דער צוג גייט אַלץ לאַנגזאַמער און בלייבט אָפּט שטיין. מיר געפינען זיך אין דעם „אויפמאַרש-תחום” פון דער אַרמיי, איז די גאַנצע שטרעקע באַלייגט מיט באַלאַדענע צוגן און עס איז נאָר אַ וווּנדער, ווי מיר דרייען זיך אַרויס פון דעם לאַבירינט וואָגנס און לאָקאָמאָטיוון. אין י. הייסט מען אונז אויסשטייגן. די נאַכט איז פינסטער, די סטאַציע ווייט פונם שטעטל, צעשטרעקט מען זיך אויף דער גאָלער בריק פון דעם ענגן וואָקזאַל, און מען „באַמיט זיך” צוקלעבן די אויגן.

ערשט אינדערפרי דערוויסן מיר זיך, אַז דאָס איז די

לעצטע באַן-סטאַציע! דאָ הייבט זיך אָן דאָס אייגנטלעכע „פעלד", און ווייטער מוזן מיר שוין גיין צו פיס. מיר בעטן ביים קאָמענדאַנט פורן פאַר אונזער באַגאַזש.

—איך דאַרף אַליין פורן—שמייכלט ער טרויריק—אויב אָבער איר וועט ערגעץ באַקומען,—נעמט!

אונזער קאָמענדאַנט פאַרשטייט דעם „ווונק". גייט ער אַרויס אין מיטן שטראָז און שטעלט אָפּ אַ ליידיקע פור.

—איך מוז פאָרן, פּאַנענקו—בעט זיך דער גוי—דער הער לייטנאַנט האָט מיך געשיקט...

—נישט לייטנאַנט—פאָרן!—קרומט אים נאָך אונזער קאָמענדאַנט, וועלכער פאַרשטייט נישט קיין פּויליש.

דער גוי מוז בלייבן.

—האַלט!—שרייט דער לייטנאַנט צון אַ צווייטן גוי מיט גרויסע, ווייסע פערד.

איך פאָר צון אַ גענעראַל—וויל דער פורמאַן זיך אַרויס-דרייען.

—דו פאָרסט מיט אונז!—שרייט אים אונזער לייטנאַנט אין פּנים אַריין.

—נישט איינגעקויפט אפילו קיין עסן—בעט זיך דער אַל-טיטשקער גוי, זוכנדיק הילף ביי אונז.

—עסן וועלן מיר דיר געבן,—זאָגט אים זאָגן דער לייט-נאַנט.

אויך דער גוי בלייבט ביי אונז. און אויף דעם אופן קריגן מיר דריי פורן, מיט וועלכע מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין.

גראַף פּאָטאָצקיס גיטער.

דער ערשטער טאָג צו פיס. עס גייט זיך נישט שלעכט

עסן איז דאָ גענוג, זעצט מען זיך אָפּט אַוועק ביי דער זייט פון שטראָז,—די דינערס דערלאַנגען פון „כּל טוב״, מען „דערקוויקט זיך״ און גייט ווייטער.

אין ק. געפינען מיר כמעט פאַר יעדן הייזל אַ בינטל „אָרעמקייט״: האַלב-צעבראָכן מעבל, אויסגעשמיר בעטגעוואַנט,— אָבער אויך טייערע זילבערנע כּלים. זשאַנדאַרן און פינאַנצוועכטערס דרייען זיך צווישן פאַרמרה-שחורהטע יידן און יידענעס און פאַרשרייבן עפּעס אין ביכלעך.

—געווען אַ שׂרפה?—פרעג איך דעם זשאַנדאַרמסקי פּאָסטנפירער.

—ניין—נעמט ער אָן אַ „דינסטלעכע״ מינע—דאָס האָבן די היימישע בויערן צוריקגעבראַכט די זאַכן, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט ביי די יידן בשעת דער רוסישער אינוואַזיע.

—ערלעכע בויערן—שמייכל איך.

—דאָס איז אַן איינפאַל פון אונזער ריכטער—שמייכלט אויך דער זשאַנדאַרם—תּיכף ווי אונזערע זענען צוריקגעקומען, האָט דער ריכטער געלאָזט וויסן, אַז ווער עס וועט אַליין צוריקברענגען דאָס צעראַבעוועטע אייגנטום, וועט נישט ווערן באַשטראָפט. האָבן די בויערן אין דער נאַכט אונטערגעוואָרפן די זאַכן.

און דערביי דערציילט דער זשאַנדאַר, ווי „ער אַליין האָט פאַרטריבן די רוסן״, און „וויפיל פאַרעטערישע בויערן ער אַליין האָט דערשאָסן״.

—האָט איר אַלץ צוריקבאַקומען?—פרעג איך דעם איינציקן גאָלדשמיד אין שטעטל, וועלכער קלויבט צוזאַמען זיין ביסל צעראַבעוועט פאַרמעגן.

—ווייס איך וואָס—זיפצט דער בלאַסער ייד—קיין פערט חלק נישט.

—מען האָט די בויערן אויך באַראַבעוועט—שמייכלט דער דער זשאַנדאַר—ווען די רוסן האָבן געזען, אַז ביי די יידן איז נישטאָ וואָס צו ראַבעווען, האָבן זיי געמאַכט אַ קליינעם פּאָגראָם אויף די בויערן.

אַ פינאַנץ-וועכטער וויל מיר פֿאַר „האַלב אומזיסט" פֿאַרקויפֿן אַ רעוואָלווער מיט אַ פּערלמוטער-הענטל, באַזעצט מיט גאָלד.

—ווו האָט איר דעם רעוואָלווער גענומען?—פֿאָרש איך בײַ אים.

—געקויפֿט בײַ אַ רוס—ענטפֿערט ער אויף שנעל און פֿאַרשווינדט.

—ער האָט עס געגנבֿעט, דער פּוילישער חזיר—וואָרטשעט בײַ דער טשעכישער זשאַנדאַר.

אַרום מיטאָג-צײַט זענען מיר אין ר. דער „שליסל" פֿון דער געגנט געהער צו גראַף פּאָטאָצקי. אַ סך הײַזער זענען אָפּגעקאַלכט, די הייף באַגאָסן מיט קאַלך-וואַסער. אויף פֿיל טירן געפֿינט זיך דער געהיימער, שרעקלעכער צייכן: אַ ווײַסער צלם—דער סימן פֿון דער בייזער מגפֿה... דאָס שטעטל איז ווי אויסגעשטאָרבן: די מורא פֿאַר דער כאָליערע לאָזט נישט אַרויסגיין אין גאַס. עס איז פֿרײַטאָג און איך וויל דווקא עסן בײַ אַ ייִדן. איך גיי אַרײַן אין גרויסן, פּוסטן אײַנפֿאָר-הויז און, נאָך לאַנגן וואַרטן, באַקום איך אַ ביסל אמת ייִדישע זופּ. אָבער דאָס איז אַלץ, וואָס מען קאָן דאָרטן קריגן.

—זייט איר נישט י. מ.?—פֿרעגט מיך ענדלעך דער יונגערמאַנטשיק, וועלכער שטייט בײַם פֿעסל ביר.

בײַ זײַנס אַ קוזינע, וועלכע איז אַהער אַנטלאָפֿן פֿאַר די רוסן, האָט ער געזען מײַנס אַ בילד, און מיך תּיכּף דערקענט. און באַלד טאַקע יאַוועט זיך דער קוזינעס אַ ברודער, וועלכער פֿירט מיך צו זיי אין הויז.

די שיינטשיקע ה. לויפֿט מיר אַקעגן. זי רויטלט זיך נאָך פּונקט ווי בײַ אונזער ערשטער באַקענטשאַפֿט אין דעם גליקלעכן מאַריענבאַד, און דריקט ציטערנדיק מײַן זעלנערישע האַנט מיט איר קליין, פֿליישיק הענטל. איר פֿאַרצויגן, רויט מיילכל גיסט אויס אַ שטראָם איבערלעבענישן פֿון די לעצטע נע ונדוואָכן, זייט זיי זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער אייגענער פּאָסעסיע.

—האָבן דאָ שטאַרק געראַבעוועט די רוסן?—פֿרעג איך איר פֿאָטער, וועלכער האָט ליב צו רעדן „פּאָליטיק".

—עס—מאַכט ער—אַ ביסל דורכגעזוכט די געוועלבן, אָבער ווייטער,—זייער גוטע אָפּיצירן געווען.

און ער דערציילט, ווי אַן אָפּיציר האָט געשלאָגן אַ קאָזאַק (ביי אַ יידן, און אויך ביים גרויסן טייל פון אונזערע זעלנער, איז יעדער רוסישער סאָלדאַט אַ „קאָזאַק"): אים געטרעטן מיט די פיס אין מיטן מאַרק, ווען ער האָט אים געכאַפּט צורויבן ביי אַ יידן אַ זייגערל. דער ייד אַליין האָט אים קוים אויסגעבעטן פון זיין אָפּיצירס הענט.

—און דאַך זייט איר צופרידן, וואָס מיר זענען ווידער דאָ?

מאַלע וואָס—פאַרגלאָצט ער די אויגן—נאָך דאָס נישט?

און ער וויל טאַקע וויסן, צי מעגן זיי שוין זיך אומקערן אַהיים.

—נאָך צוואַרטן אַ וואָך צוויי דריי—ראַט איך אים.

—סטייטש?—קאָן ער עס גאָרנישט משיג זיין.

ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן: מיט דער גאַנצער משפחה אַנטלאָפן פון פּאָלוואַרק, ווו ער האָט געהאַט אייניקע מילן און אַ טאַרטאַק. דאָס ביסל זילבערוואַרג האָט מען פאַרזעצט נאָך אויפן וועג, איצט בלייבט אים נאָר אַ קאַסטן וועקסלען אויף זיינע חובות—ווער וועט אים דערויף עפּעס געבן?...

—גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן—ענדיקט ער—גאָטס צאָרן...

און עס נעמט אָן אַ רחמנות צו קוקן אויף דעם רייכן חסיד פון דעם ר.'ער רבין. תמיד פלעג דער רבי ביי אים איינשטיין, און איצט וואַלגערט ער זיך ביים רבין מיט דער גאַנצער פאַמיליע...

איך האָב ביי זיך אַ גרעסערע סומע געלט. אין פעלד איז פּשוט נישטאָ די מעגלעכקייט אויסצוגעבן די גרויסע שכירות מיט וועלכע די רעגירונג האָט פאַרוואָרפן די אָפּיצירן. אָבער ווי אַזוי גיט מען דאָס דעם בכבודן באַלעבאָס?... איך רוף אַוועק די צוויי יונגסטע שוועסטערלעך אָן אַ זייט, און בעט ביי זיי אַ „טובה": אַזוי ווי לעמבערג איז באַזעצט און איך קאָן נישט צושיקן דאָס געלט מיינע עלטערן,—בעט איך, זיי זאָלן

געבן דעם פּאָטער באַהאַלטן מיין געלט, און ער וועט עס שוין שפּעטער אַמאָל אָפּשיקן. איך אַליין בין צופרידן מיט מיין אויסרייד, אָבער די מיידלעך קוקן עפּעס מאָדנע, ווי צעמישט. דער יינגסטער, דער קלוגער ה., שטעלן זיך טרערן אין די אויגן — זי פאַרשטייט, אפנים, מיין כוונה... און דאָך נעמען זיי צו דאָס געלט, פאַרזיכערן תיכף עס אָפּשיקן, ווען לעמבערג וועט נאָר פריי ווערן, און זיי באַגלייטן מיך טראַם אין גאַס.

אויפן וועג באַגעגנען מיר דעם לייטנאַנט פאָן ה. ער האָט שוין פאַר מיר צוגעגרייט אַ צימער אין שלאָס פון גראַף פּאָטאָצקי. נעם איך מיט די מיידלעך, זיי רייסן אָן די שענסטע בלומען, און מיר פאַרברענגען אין גראַף פּאָטאָצקיס גאָרטנס ביז שפּעט אין קָוונפּש.

דער גראַף מיט דער גרעפין זענען נאָך פון אָנהויב קריג אַוועק אין אויסלאַנד און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט איבערגעלאָזט צו דער דינערשאַפט. „באַלעבאַטעוועט מען"! די יונגע שיקסלעך האָבן צו עסק מיט די סאָלדאַטן; פריער מיט די רוסישע, היינט ווידער מיט אונזערע. און די פּאַראָבקעס, אויף וועלכע מען האָט זיי נישט פאַרנומען צום מיליטער, גייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און עסן זיך אויף פאַר אייפערזוכט. דער איינציקער, וועלכער האָט נאָך דרך ארץ פאַר דעם אַלטן, אַריסטאָקראַטישן הויז, אויף וועלכן די „שווערע צייטן" ליגן ווי אַ צענטנער, — איז דער אַלטער לאַקיי. ער מאַכט אונז, „מיט גנעדיקער ערלויבניש", טיי, דער גרויסער, מעשענער סאַמאָוואַר קאָכט מיט רגזה, דער אַלטער לאַקיי פּוצט די פּאָרצעלאַן־שעלכלעך און די זילבערנע קאַווע־לעפעלעך און האַלט אין איין מורמלען: „... ווילן דען עפּעס טון? ליובקעס אין זיבען! אַזאַ פאַרמעגן..."

— ווי קומט עס, וואָס די רוסן האָבן נאָך אייך איבערגעלאָזט די לעפעלעך?

דער אַלטער שטעלט אַרויס די עטלעכע שאָקלענדיקע ציין און בעשמייכלט זיך שטאָלץ:

—הם... געוואוסט ווי אַזוי צו באַהאַלטן, פּאַניע לאַסקאַווי...
געבוג שאָדן אָנגעמאַכט, זעט!

אין די גרויסע, עלעגאַנטע צימערן זענען נאָר געבליבן די בעטן און צוויי צעבראָכענע טישלעך מיט שטולן. אין די ווינקעלעך וואַלגערן זיך אַרום אייניקע מאַטראַצן מיט צעריסענע, צעטשעפּעטע דיוואַנעס און פאַרפלעקטע קאָלדרעס. די טירן פון די אַלטמאָדישע שאַפעס זענען אויסגעבראָכן, און אויף יעדער פּאָליצע ליגן הויפנס צעוואָרפענע דאָקומענטן און בריף. אָט איז אַ קינדישע האַנטשריפט, אַדרעסירט צום גראַף. אויף דעם בריף מיט דער „קרוין" איז דאָ די אונטערשריפט פון דער קאָמ-טעסע—: „ליבע, טייערע עלטערן! די בייזע ידיעה האָט מיך שטאַרק איבערגעשראָקן און איך בין וועגן אייך, מיינע טייערע, זייער באַאומרויִקט..."

איך וויל נישט אַריינדרינגען אין די הייליקע סודות פון פאַמיליען-לעבן, און לייג אַוועק דעם בריף.

מען גייט פשוט דורך בלאָטע און מיסט. די צעריסענע גאַרדינען זענען איינגעטונקען אין שטיוול-פּוץ—שאָלעכץ פון אייער און קערלעך פון פלוימען זענען איינגעוויקלט אין טייערע געמעלן אויס דער פוילישער געשיכטע. אויף די ווענט הענגען שטיקלעך רעמען פון בילדער. דעם גראַפס פּאָרטרעט איז פאַר-בליבן כמעט נאָך גאַנץ. נאָר קווער איבערן שטערן און איבערן מויל איז אַ דינער, פיינער שפּאַלט, ווי אַ וווּנד פון אַ שאַרפן זעבעל. און דאָס גיט צו דעם פּאָרטרעט אַ געוויסן גלאַנץ פון גרויסקייט. און עס דאַכט זיך, אַז זיינע ליפּן פאַרבייסן זיך ביים אָנבליק פון אַזויפיל רויב און צעשטערונג...

—ווער האָט דאָ געוווינט?—פרעג איך דעם אַלטן לאָקיי, וועלכער האַלט שוין אין אָנגיסן די טיי.

—אָפיצירן, פּאַניע לאַסקאַווי, רוסישע אָפיצירן מיט די דינערס.

—און אַזאַ חורבן אָנגעמאַכט?

—וואָס האָב איך געזאָלט טון?—זיפצט דער אַלטער—אַ ביסל זילבער האָב איך באַהאַלטן, אָבער דאָס קלאַוויר האָב איך

דאָך נישט געקאָנט אַראָפּלאָזן אין אַן „אומריין אָרט”. אַ פערד האָבן זיי צו דעם אייגעשפּאַנט און דערמיט אַרומגעפאָרן אין גרויסן זאַל. אַ געלעכטער געטריבן, און מיט די צעבראָכענע שטיקלעך האָבן זיי פייער געמאַכט...

ער פירט מיך אַריין אין דעם גרויסן, ליידיקן סאַלאָן. אין מיטן שטייט אַ שיינער שוואַרצער „פליגל”. די אייבערשטע דעק איז אָפּגעריסן, און פון אונטער די קורצע, דיקע מאַהאָניפיס קוקן אַפיר געשפּרונגענע, צוזאַמענגעקנוילטע סטרונעס, ווי געדערים פון אַ אויפגעשונדענער חיה. די זייטנשטיקער זענען געשפּאָלטן, און פון שוואַרצן פּאָליטור סטאַרטשען אַרויס ווייסע ווונדן.

—וואָס פאַר אַ תירוץ זאָגט מען נאָר דעם גראַף?—ברעכט דער לאָקיי די הענט, און אפילו אונזער חשוב „טרינקגעלט”, וואָס מיר לאָזן אים איבער, קאָן אים נישט אַרויסברענגען פון זיין אמתן, טיפן צער.

קריגס־נויט.

די סביבה אַרום דעם ווייטערן וועג איז אַ טרויעריקע און וויסטע: די אָפּגעברענטע הייזלעך ליגן ווי אויסגערויכערטע, אָפּגעסמאַליעטע מצבות, און נאָר אויף די צעגראָבענע פעלדער וואַלגערט זיך האַלב „לעבעדיק” אַ צעבראָכן ראָד, אַן אַוועקגעוואָרפענער, צעריסענער שוך, אַ פאַרזשאַווערט, איבערגעקערט אַקעראייזן, אָדער אַ צעשיט, קליין וויגעלע. אין אַ ריוו ליגט האַלב-זייטיק אַ פערד מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלז, די אויגנווייסלען אָפן, די אונטערשטע פיס נאָך אָנגעשטרענגט ווי צום אויפשטיין. קיין בלוט זעט מען נישט—דער קערפּער איז שוין לאַנג פאַרשטאַרט. ווער ווייסט, מיט וועלכן טויט ס׳איז געפאַלן?...

ווייט פונם שטראָז ליגט אַ אויסגעשטרעקטער, אָפּגעמאָגערטער

הונט,—צוויי וואָרנעס שטייען אויף זײַן שמאָלן, שפּיציקן קאָפּ און טון זײַן רעכט. אין מיטן וועג אַן איבערגעפּאָרענע הין מיט צעשפּרייטע פליגלען, און אַרום איר קליינע ביינדלעך, וואָס זאָגן עדות, אַז דאָ זענען יונגעטשקע יתומימלעך אויסגעגאַנגען פאַר קעלט און הונגער... אַן איינזאַם, פאַרלאָזן הייזל קוקט מיט בלינדע, אויסגעבערענטע פענסטער.—פּונקט אין ווינקל, צום דאַך צו, זענען אויסגענאָרעט צוויי קײַלעכדיק אויסגעטאָקטע לעכער—פון גראַנאַטן. איין גראַנאַט שטעקט נאָך מיט דער העלפט אין דער געמויערטער קוך,—נישט מעגלעך אים אַרויסצושלעפּן. נישט ווייט אַ שטיבל מיט אויסגעברענטע טיר און פענסטער, אָבער דער דאַך איז כמעט נישט באַרירט. און ליגט אַ גאַנצער אויף דער בריק צווישן די פיר אײַנגעפאַלענע ווענט. פון אונטער אים קוקט נאָך אַפילו אַ גאַנץ געבליבענער, איבערגעקערטער לאַדישטש, און נעבן אים שטייט זיך רויק אַ קליין גלעזערן זאַלץ-מעסטל מיט שוואַרץ זאַלץ. אין מיטן פעלד ווײַזט זיך נאָך דער קוואַדראַט פון פיר שורות צעוואָרפענע פונדאַמענט-שטיינער, דערנעבן אַן אײַנגעפאַלענע ברונע מיט דעם לאַנגן דראָנג, וואָס דערמאַנט, אַז אַמאָל האָבן אויך דאָ זיך אַרומגעדרייט לעבעדיקע נפשות... אויף די פעלדער אַרום דערקענט מען נאָך לעכער פון אויסגעריסענע ריבן, מייערן, קרויט. אַפילו דאָס גראָז איז אויסגעריסן ביז צום קאָרען. אין אַ ווינקל ביים ווערדל שטייט פאַרשעמט אַ קליין, דין צלמל,—דער איינציקער שומר פון דעם גרויסן, טיפן מאַסן-קבר פאַר פאַרשטומטע, געפאַלענע גיבורים.

„אונזערע” אָדער „זייערע”?...

שוין דורך דרײַ דערפער באַגלייטן אונז צוויי הינט און לאָזן זיך האָדעווען פון האַנט, קודם מיט שרעק, און וואָס אַמאָל אַלץ דרייסטער. פאַרלאָזענע, אויסגעהונגערטע באַשעפעניש. פון אונטער אַ הויפן זאָנגעוואָרפענע, אָפּגעברענטע צווייגן קומט אַפילו אַ ווייס-שוואַרץ געפלעקטע קאַץ. זי ראָסטעט זיך אויס, ביז זי ווערט שמאָל ווי אַ ברעטל, קוקט אונז אָן מיט צעוויסגעשטעלטע הונגעריקע אויגן, און ווײַזט אַ חשק צוצוגיין.

—קיין, קיין—לאָקט זי איינער פון אונז.

די אויסגעמאָגערטע חיה לאָזט זיך לויפן, שלעפט אָבער קוים די דאַרע פיסלעך און בלייבט שטיין. מען וואַרפט איר צו אַ שטיינדל. די קאַץ דערשרעקט זיך נישט, פאַרקערט, זי לויפט אַקעגן דעם שטיינדל, באַניוכעט עס, האַלט עס צו מיט דעם לאַפּקעלע, נאָר קוקט זיך אום צו אונז ווי מיט אַ פאָרוואורף. לייגט איינער אַוועק אין מיטן שטראָז אַ ווייס, איינגעקנוילט שטיקל פּאַפּיר. די קאַץ לאָזט איבער דאָס שטיינדל, דערנענטערט זיך פּאָרזיכטיק צו דעם ווייסן פּונקט, ניוכעט,—און נעמט גריזשען דאָס טרוקענע פּאַפּיר. ביי מיין דינער שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. איך שנייד אָפּ פון מיין פּאָרציע אַ היפּש שטיקל וורשט און באַווייז עס דער קאַץ. זי לויפט צו, קוקט מיך אָן ווי מיט אַ פראַגע און וואַגט קוים עס אָנצוכאַפּן. מיר גייען ווייטער, אָבער די קאַץ פאַרלאָזט אונז שוין נישט מער. זי גייט אונז נאָך שטיל, אונטערגעגעבן, און האָט נישט אפילו קיין מוט אַוועקצויאָגן די אַנדערע צוויי קעץ, וועלכע האָבן זיך דערווייל צוגעלאָנטשעט צו אונז. די קעץ האָבן געשלאָסן פרידן... און טרעפט זיך, ווען איינער פון די הינט גיט אויף זיי אַ הויקע, אַנטלויפן זיי נישט, נאָר קורטשען זיך צוזאַמען ביי אונזערע פיס און קוקן מיט אַזעלכע איבערגעגעבענע, רחמנותדיקע אויגן: „מעכטיקער מיינער, באַשיץ מיך...“

אמתע, געטרייע חברים געוואָרן.

ביי אַן אָפּגעבראָכנעם הייזל (די פענסטער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס) שטייט אַ הויכער, ברייטער ייד, מיט אַ געדיכטער, געל-גראָער באָרד. ער נעמט אַראָפּ דעם סאַמעטענעם קאַפּעליוש און בייגט זיך טיף.

—קאָן מען ביי אייך עפּעס קריגן, פעטער?

—וואָס זאָל מען קריגן, ליבער הער, אַז זיי האָבן אַלץ צוגענומען?

—ווער? אונזערע צי די רוסן?

—ווער ווייסט?—איבערגעלאָזן בהמות, תבואה,—אַצינד נישטאָ אפילו איבער וואָס אַ מוציא צו מאַכן...

דער ייד צעוויינט זיך שיר.

—און עפעס טרינקען?

—גנענדל!—רופט ער דאָס ווייב—די הערן וואָלטן עפעס טרינקען. ווייס איך?...

זיי ווינען אין בפירוש לייריקע פיר ווענט. דער אָפּגעבּרענטער דאַך ליגט מיט דער גאַנצער משא אויף דער סטעליע, וועלכע קאָן יעדן מאָמענט איינפאַלן. אויפן דיל וואַלגערן זיך צוויי אָנגעשטאָפּטע זעק (די „שבתדיקע בגדים", ווי דער ייד ערקלערט),—דאָס זענען זייערע געלעגערס. די אַלטעטשקע דערלאַנגט שעמעוודיק אַ קאַן, דאָס איינציקע מעבל-שטיק, וואָס זיי האָבן ערשט מיטגעבּראַכט פון זייער טאָכטער:

—זיצט—בעט זי—פאַרהאַן אַ ביסל זויערמילך, אָבער איבערגעשטאַנענע.

—זויערמילך? זייט איר דאָך רייך ווי אַ מלכּה!

—יאָ, רייך...—דערלאַנגט זי אונז די מילך אין אַ שוואַרץ טעפּל—מיטגענומען פון דער טאָכטער אַ ביסל ברויט און צוויי טעפּלעך מילך, האָט מען דאָס ברויט אויפגעגעסן און די מילך ווערט קאַליע. וואָס וועט אַצונד זיין?...

די אַלטע פאַרקוקט זיך ערגעץ אין דער ווייטקייט מיט אויסגעלאָשענע אויגן.

מיר ווילן איר באַצאָלן.

—צו וואָס?—טענהט זי—מיר וועלן דען עפּעס באַקומען פאַרן געלט?

איך הייס מיין דינער אַריינבּרענגען צוויי ברויט און אַ פול קעסטל צוויבאַק. די אַלטיטשקע רייבן די הענט פאַר פרייד און באַגלייטן אונז אַרויס מיט ברכות.

נאָך אַ שעה גאַנג בלייבן מיר שטיין פאַר אַ האַלבוועגס דערהאַלטענער קרעטשמע. אין צוויי פענסטער זענען נאָך אפילו געבליבן גאַנצע שויבן, נאָר דער דאַך איז דורכגעלעכערט פון שראַפּנעלן און גראַנאַטן. עס איז זיכער, אַז דאָ האָט אַ מענטשלעכע האַנט דירעקט זיך נישט באַטייליקט אין פאַרדאַרבן. דאָס טויטע, צעגליטע אייזן האָט פאָרט געהאַט מער יושר, דען אפילו

די האַלבערגנע סלופּעס, וועלכע האַלטן אונטער דאָס „פּאַדאַשע", זענען געבליבן כמעט נישט אָנגערירט, אַ חוץ די איינציקע פּאָר לעכלעך פון קליינע געווער-קוילן. זיי שטייען האַרט און שווייגנדיק,—זיי ווייסן נישט, וועמען צו באַשולדיקן פאַר זייערע ווונדן...

פון דעם האַלב איינגעפאַלענעם קוימען שלענגלט זיך אַ דינינקער, בלוילעכער רויך.

—מען קאָכט!—דערפרייט זיך איינער פון אונזערע.

מיר האָבן שוין לאַנג נישט געגעסן קיין געקעכטס—מיר גייען אַריין.

—נישטאָ גאָרנישט—גייט אונז אַקעגן די איבערגעשראָקענע קרעטשמערקע.

—איי, זשידאָווקע!—נאַקיוועט איר לייטנאַנט ק,—דו ווילסט נישט געבן. אָט קאָכט זיך דאָרט עפּעס.

—אַ ביסל קאַשע פאַר אַ קראַנקער—שווערט זיך די יידענע—עס איז דען עפּעס געבליבן? מיר זענען אַנטלאָפן פאַר די „מאָסקאַלן", האָט עס זיי אָנגעיאָגט אויף די קליינע פערדלעך, אונז געפּאַקט, מיר זאָלן זיך אומקערן,—האָבן מיר זיך אומגעקערט. נו, פרעגט שוין גאָרנישט...

מיר לאָזן ברענגען טיי, צוקער, רום, און זענען מכבד די באַלעבאָסטע מיט די קינדער. וורשט און קעז, ווילן זיי נישט נעמען—„טרפה"...

—אָבער אַ פּודעלע סאַרדינען?

ביי דער אַלטער טון אַ בליץ די אויגן:

—אויב די הערן ווילן אַזוי גוט זיין, טאַ... אפשר פאַר מיין קראַנקער ווענן...

—ווער איז דאָס קראַנק ביי אייך?—פרעג איך.

—גאָרנישט. אַ קינד—וויל זי מיך אָפּפטרן און שרייט אַריין אין אַלקער:—זע, מרימל, וואָס די הערן האָבן דיר געשענקט.

—מעג מען אַריינגיין?—זאָג איך גלאַט, כדי צו פרעגן, און שטיי שוין אין אַלקער.

די קראַנקע טוט זיך אַ כאַפּ און דעקט זיך איין מיטן איבערבעט ביז צום האַלז. אַ בלאַס, אויסגעצאָמט פּנימל, ד,

קאַשטאַן-ברוינע האָר צעוואָרפן אויפן קויטיקן קישעלע, די שאַר-פע אויגן זענען אויסגעשטעלט ווי צוויי פייכטע קאַרשן. אפשר אַ דרייצן, און אפשר אַ פופצן-יאָריקע.

—וואָס פעלט אייך, פריילין?—פרעג איך זי צערטלעך.

איר בלאַס פּנים ווערט אינגאַנצן בלוט-רויט. זי ענטפערט נישט, נאָר דרייט אויס דעם קאָפּ צו דער וואַנט.

—גאָרנישט—כאַפּט אונטער די מוטער—זיך צוגעקילט, ביים אַנטלויפן זיך צוגעקילט. אוי, אַז...

—איז מעגלעך, הער, אַז מענטשן זאָלן אַזוינס טון?—קלאָגט זיך אַ יונגער בחור, אַ ברודער מסתּמא, און אפשר אַ חתן—אַן אָרעם, אומשולדיק קינד...

די מוטער צעוויינט זיך.

איך פרעג שוין נישט ווייטער און גיי אַרויס פונם שטיבל. איך פאַרשטיי אַלץ: איינע פון יענע אומשולדיקע קרבנות, וואָס פאַלט אונטער די נעגל פון דער מענטשלעכער בעסטיע...

נאָך אין טיר הער איך, ווי דאָס פאַראומגליקטע קינד קרעכצט אין אַלקער:

—מאַמע, זענען זיי נאָך דאָ? איך האָב אַזוי מורא...

וואָס ווייטער זענען די וועגן אַלץ לעכעדיקער און שלעכ-טער. פון ביידע זייטן, אויס דעם וואַלד רעכטס און פון די דערפער לינקס, שטראָמען סאָלדאַטן פון פאַרשידענע פאָלקן. זיי קומען זיך צוזאַמען אויף דעם שמאָלן שטראָז, ווערן פאַרשמאָלצן אין איין קאָלאָנע, אין איין דורכאיינאַנד, און בלייבן שטעקן אין דער ענגשאַפט. נאָך זיי קריכט נאָך אַ לאַנגער צוג מילי-טערישע וואָגנס און בויערישע פורן, וועלכע ווילן זיך אויס-מיידן, איבעריאָגן,—זיי פאַרטשעפּען זיך אָבער איינס אָן דעם אַנדערן, און עס ווערט אַ געשעלטעריי, אַ געשריי און אַ טומל, אַז מען הערט נישט דאָס אייגענע וואָרט. אָט יאָגן אָן פעלד-זשאַנדאַרן אויף פערד: „די אַרטילעריע מוז פאָרויס פאָרן!" ווערט אַ געשטופּעריי, אַ געדרענג, ביז מען מאַכט פּלאַץ און דאָס אַרטילעריע-רעגימענט פאָרט פאַרביי אין „טראַפּ". איין קאַנאָן פאַרפאָרט אין אַ טיפן לאָך און טוט דערביי אַזאַ העצקע, אַז

דער קאַנאָניר, וועלכער זיצט ביים „ריער", שפּרינגט אונטער ווי א באַל און פאַלט גלייך אין ריוו אַריין. אונזערע ווייסע פערד דערשרעקן זיך, הייבן אָן „ווייזן קונצן", בלייבן שטיין פּאַפּע-רעק און צעברעכן דעם אייגענעם דישעל. ווערט דער ווירוואַר נאָך גרעסער, און עס נעמט אַ שעה „מייסטרעווען", ביז מיר קאָנען ווייטער פאָרן.

עס דערנענטערט זיך עפּעס אַ דערפל. ס'איז אפנים שבת, דען עס קומען אַקעגן יידן אין שטריימלעך און אין אויפגע-האָנגענע טליתים. זיי באַגריסן מיט דרך ארץ און באַטראַכטן אונז נייגעריק.

—„יידילע"!—גיט זיך אַ ווינצל דער לאַנגער קאַדעט ק., און גיט דעם גראָען באַלעבאָס אַ קיצל אונטער דער באָרד.

—וויפיל קאָסט אַ פּאה?—פרעגט לייטנאַנט פאָן ה., און כאַפּט אָן אַ שוואַרצן יונגנמאַן ביי דער געקרייזלטער פּאה.

—פוי!—שפּיי איך אויס אין זיין זייט מיט פאַראַכטונג.

די אָפיצירן לאָזן אַראָפּ די קעפּ און לאַכן פאַרשעמט. אָבער די אָפיציר-דינערס, וועלנדיק זיך אונטערהנפּנען ביי זייערע הערן, נעמען שלעפּן די יידן ביי די טליתים. איך פּאַק איינעם ביים קאַרק און גיב אים אַ שליידער, אַז ער פאַרקאַטשעט זיך אַזש ביז צו דער פאַרבייפאָרנדיקער פור. די אָפיציר-דינערס צעלויפן זיך און די אָפיצירן הערן אויף לאַכן.

אויף אַ ברייטן פּלאַץ שטייט אָנגעשטעלט עפּעס אַן אָרע-מער „טרעין": ליידיקע וואָגנס מיט אויסגעדאַרטע פערדלעך. די פורמאַנעס וואַרעמען קאָנסערוון ביי אַ קליין פייערל. אויך מיר פאַרפאָרן אַהין צו מיט אונזערע פורן, לייגן צו אונזערע קאָנ-סערוון צו דעם פייערל, זעצן זיך אויס אויף די „פּריזבעס" פאַר די שטיבלעך, און נעמען זיך עסן.

—דער פּראָוויאַנט האַלט אין פאַרשווינדן—ערקלערט לייט-נאַנט פאָן ה.

—ווי הייסט?!

מען פאַרלאַנגט, ער זאָל אַלץ אויסטיילן. און דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז דער קאָמענדאַנט מיט זיינע „נאָנטע" האָבן באַ-

האַלטן עטלעכע טוץ קאָנסערווען און דעם רעשט רום.
—ספּעקולאַציעס—שעפּטשען אײניקע.
—אַ פּשוטער שווינדל! שווײנערײ!—ווערן שוין בײז די אַנדערע און נעמען זידלען דעם קאָמענדאַנט מיט זײן „קליקע".
—שעמט אײך, מײנע הערן!—בעט זיך דער קאָמענדאַנט—קריגן זיך גאָר?
—נאַדיר גאָר זיך שעמען!—ווײצלט זיך אונזער שפּאַס-מאַכער, קאַדעט ל.—אויב דער קײזער שעמט זיך נישט זיך צו קריגן מיטן צאַר, מעגן פּשוטע אָפיצירן אוודאי זיך קריגן.
נישט ווײט איז אַ קרעטשמע. בײ אַן אָפן פענסטער שטײען עטלעכע ווײבלעך און דערלאַנגען ביר. סאָלדאַטן רײסן די גלעזער פון די הענט, און אַ גוי מיט אַ קלײן מײדעלע נעמען געלט אין פאָרויס. פּלוצים ברעכט אויס צווישן די סאָל-דאַטן אַ ווילד געלעכטער, אײנער אַנטלויפט, און אַ יונג ווײבל לויפט אים נאָך מיט אַ יאָמערלעכער קלאָג: „ראַבונאָק! ראַבונאָק!"
—וואָס איז געשען?—גײ איך איר אַקעגן.
זי ענטפערט נישט, נאָר לויפט גלײך צום אָפיציר פון דעם אונגאַרישן באַטאַליאָן, וועלכעס לאַגערט אַרום דער קרעטשמע. דער אָפיציר, זע איך, כאַפּט זיך פאַרן זעבל, און דאָס איבער-געשראָקענע ווײבל לויפט צוריק. איך דערוויס זיך, אַז אַן אונ-גאַרישער סאָלדאַט האָט בײ איר אויסגעכאַפּט דאָס טעפּל, אין וועלכן זי האָט געהאַלטן דאָס געלט פון אַ גאַנצן טאָג לײזונג.
—קומט מיט מיר—נעם איך זי אָן פאַר דער האַנט און פיר זי נאָכאַמאָל צום אָפיציר.
—ס'איז אומזיסט—װײנט זי—מיר קענען שוין די מאַ-דיאַרן... עס איז דאָך נאָך ערגער ווי בײ די רוסן. יענע, ווײסט מען כאָטש, זענען כלבים, פרעמדע,—אָבער אײגענע?
מיר שטײען פאַרן אָפיציר.
—קאָן זי אָנווײזן דעם סאָלדאַט?—פרעגט ער.
—דאָס וועלן מיר דאָך זען—פרוּוו איך אים צורעדן.
—און דו גלײבסט שוין דער זשידאָווקע? ווער ווײסט, וואָס פאַר אַ שווינדל זי האָט געוואָלט מאַכן.

איך זע נישט אין דעם קיין שווינדל.
—קאָן זיין—שמייכלט ער—אָבער וועסט מיר אַנטשולדיקן,
איך האָב נישט קיין צייט פאַר אַזעלכע זאַכען.
און די באַרויבטע גייט אַוועק מיט ליידיקע הענט.

מיט דער כוואַליע.

נאָך גאַנץ צייטלעך קומען מיר קיין ס. אויף די גאַסן ווימלט מיט זעלנער און וואָגנס, פאַר די האָטעלן זעט מען אָפט גענעראַלן. רייטנדיקע פעלד-זשאַנדאַרן ווילן רעגלען דעם פאַר-קער, אָבער יעדעסמאָל בלייבט שטיין אַ שרענגע פורן אויף אַ קילאָמעטער די לענג,—נישט מעגלעך זיי ווייטער צו טרייבן. מיר שטעלן זיך אָפּ אין מיטן מאַרק. צענדלינגער אויטאָמאָבילן שטייען אין אַלע פיר זייטן און וואַרטן אויף באַפעלן. אָבער נאָר זעלטן הייבן אָן אַ צווייַ, דריי זשומען—שטיל, העכער, און גאַנץ הויך—ביז זיי לאָזן פון זיך אַרויס אַ שווערן, גערדיכטן אָטעם און יאָגן ערגעץ אַוועק, אויף אומבאַקענטע פאָסטנס. באַלד אָבער קומען אָן אַנדערע, גייען וואָס אַמאָל לאַנגזאַמער, פאַרקערעווען לאַנג און פאָרזיכטיק,—ביז זיי שטעלן זיך ווידער אָפּ אויף די פרעמדע פלעצער. דאָס איז שוין אפנים אין שטעטל קיין נייעס נישט, דען אַ חוץ עטלעכע קליינע קינדער, קוקט זיך שוין קיינער נישט אום אויף זיי.

לייטנאַנט פאָן ה. גייט זוכן קוואַרטירן. מען ווייזט אים אָן דעם מאַגיסטראַט, וועלכער איז גלייך אַקעגן. דורכן אָפענעם פענסטער זעט זיך אַ ייד אין אַ שטריימל, וועלכער האַלט אין איין „קאָמאַנדעווען". אויף דער רעכטער האַנט טראָגט ער אַ ווייס-רויט בענדל. און דאָרט אויוון קאָכט. אַ נידריק, מאָגער יידל, מיט אַ געשווירן, בלאָנד בערדל, איןברילן, האַלט אין איין טאַנצן אַראָפּ און אַרויף מיט די טרעפּ: לויפט דורך פאַר-

סאַפּעט, שרייט אויס ווידעראַמאָל זיין: „זאָפּאָרט, מיינע הערן, אַלעס וועט זיין אין אָרדנונג. יעדער וועט באַקומען אַ פיינע וואוינונג"—און פאַרשווינדט.

—קומט!—נעמט ער איינעם מיט זיך און איז שוין נישטאָ.

אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט ער ווידער. כאַפּט ווי־דער איינעם אין דערזעלבער איילעניש, און פאַרשווינדט ווידער. עס קומט אונטער אַ יונג בחורל אין אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש, אויך מיט אַ ווייס־רויט בענדל אויף דעם אַרבל פון דער גראַד־לינער בעקעשע. „מיעיסקאַ סטראַזש אָביוואַטעלסקאַ", לייען איך פונם אָרמבענדל.

—אויך פונם קאָמיטעט?—פרעג איך.

—יאָ, פונם מאַגיסטראַט—ענטפערט ער פאַרשעמט, אָבער שטאָלץ, בפרט ביים וואָרט „מאַגיסטראַט"—איר דאַרפט עפּעס?

—האָבן אַלע בירגער געמאַכט אַזאַ קאָמיטעט?

—יאָ, כמעט אַלע יידן. פריער זענען אויך געווען גוים, אָבער דערנאָך זענען זיי אויסגעטרעטן.

—און פאַרוואָס זשע פּויליש בענדלעך אויפן אָרעם?

—ווייס איך? דער ראש הקהל האָט אַזוי געהייסן.

עס קומט אָן דאָס בלאָנדע, רירעוודיקע יידל.

—מיין הער, איך דאַרף אַ וואוינונג—דערמאָן איך אים.

—זאָפּאָרט, הער,—קוקט ער מיר אויפן קאָלנער.

—אַן אָפיציר, אַ ייד—רוימט אים איין דער בחור.

—איר דאַרפט נישט פיל זוכן, אַבי נאָר איבערצושלאָפן—וויל איך אים לייכטער מאַכן די אַרבעט.

—אָבער ניין, מיין הער, עס וועט זיין העכסט אַנשטענ־דיק—רעדט ער צו מיר דווקא אויף דייטש.

ער בלייבט שטיין אַ ווייל, כאַפּט די אונטערשטע ליפּ צווישן צוויי פינגער, און קלערט.

—קומט!—מאַכט ער ענדלעך, און מיר לאָזן זיך אַרויפגיין אויפן ערשטן שטאָק פון אַ שיין עק־הויז, טאַקע באַלד אין מאַרק.

—ביי די ערשטע נגידים—רוימט ער מיר איין אויף די טרעפּ.

—שנעל! אַ צימער פֿאַר אַ יידישן אָפֿיציר!—פֿאַלט ער אַריין אין שטוב.

פּונקט אָנגעטראָפֿן צום שלש סעודות. די גאַנצע משפּחה איז בייזאַמען—עס ווערט אַ רעש.

—עס וווינט שוין ביי מיר איינער, אויך אַ ייד. און אויך „אַזאַרער"... אַן אָפֿיציר, דאַכט זיך...—אַנטשולדיקט זיך די באַלעבאָסטע.

—ווער וווינט?—באַליידיקט זיך דאָס בלאָנדע יידל—אַז איך האָב נישט געשיקט, וווינט קיינער נישט.

איך שמייכל: אָן דעם ראָק, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, דערקען איך, אַז צו זיי האָט זיך אַריינגעצויגן אַ פּשוטער סאַניטעט-געפֿרייטער.

—עט, מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן—רופֿט זיך אָן דער באַלעבאָס, וועלכער האָט ביז איצט נישט געקאָנט מפּסיק זיין פֿאַר דער מוציא.

מען פֿאַרבעט מיך צום טיש, און איך מוז פֿאַר זיי אויסשפּרייטן אַ גאַנצן פּלאַן פֿון דעם קריג: ווי אַזוי עס איז געווען דאָרט, ווו איך בין געווען, ווי אַזוי עס איז אַצונד, און ווי אַזוי עס וועט זיין.

—טאַקע געווען אין סאַמע שיצנ-גרוב?

—אַוודאי געווען.

—און שפּילט מען טאַקע מיט מוזיק, ווען מען לויפֿט צום „שטורם"?—וויל וויסן דער באַלעבאָס.

—מען פֿאַרגעסט אָן שפּילן—שמייכל איך ווידער—איר האָט דאָך שוין אוודאי אויך געזען אַ שלאַכט דאָ, אַרום אייער שטעטל.

—עט—פֿאַרציט דער ייד מיט דער נאָז—אויך מיר אַ שלאַכט... ס'האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל טורם פֿון ראָטהויז. מען האָט געהערט שיסן, אָבער געזען האָט מען גאָרנישט.

איך באַטראַכט דעם „של ש סעודות": אַ שטיקל שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ, און אַ דרויבן פֿיש מיט יויך—פֿאַר אַלע. ביי די „ערשטע נגידים"... איך אַנטשולדיק זיך:

—איך וואָלט וועלן אויסרוען.

מען פירט מיך דורך פינף צימערן,—אין סאַלאָן לייג איך זיך צו אויף דער זאָפע, און ווער אַנטדרימלט.

עס חלומט מיר, אַז איך הער מיין מאַמען זאָגן „גאָט פון אברהם"... ווען איך כאַפּ זיך אויף, ברענט שוין אַ ליכט. דאָס יונגסטע טעכטערל קומט פון גאַס מיט אַ ליידיק קיישל.

—נו?—פרעגט די מוטער.

—מען האָט מיר די פיס אָפּגעטרעטן-קלאָגט זיך דאָס קינד—אַ האַלבע שטאָט איז ביים געוועלב. און ערשט אַצונד האָט דער פּאָליציייניק צעטריבן: נישטאָ קיין מעל היינט.

—געמאַכט אַ גזר: פאַסן מעל—זיפצט די מוטער—די גוים באַקומען צו צוויי קילאָ, און מיר נאָר איינע. אַצונד קריגט מען שוין דאָס אויך נישט...

—די גוים יאַקאָש פאַרקויפט מען—איז דאָס טעכטערל בייז.

—איר דאַרפט ברויט?—פרעג איך.

—אַ קשיא צי מען דאַרף?—שמייכלט זי ביטער—צום של ש סעודות געמוזט באָרגן ביי אַ שכנה אויף אַ מוציא.

מיין דינער ברענגט פאַר זיי צוויי ברויט. ער דערציילט מיר, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פרישער טראַנספּאָרט צוקער.

—דאַרפט איר צוקער?—פרעג איך מיין באַלעבאָסטע?

—אוי,—גיט זי זיך אַ כאַפּ—הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן!

איך נעם מיט מיין דינער און מיר גייען אַראָפּ איינקויפן צוקער. דאָס יונגע טעכטערל גייט מיר נאָך ביז אין פינסטערן פאָרהויז.

—וועט איר באַלד קומען שלאָפן, הער?—פרעגט זי שטיל און זוכט מיין האַנט.

פאַר אַ גרויס געוועלב שטייען פאַרלעכוויז ווייבער און מאַנסבילן, קינדער און דינסטן. זעלנער מיט געפלאַנצטע גע-ווערן האַלטן אָרדנונג. און זייער אָפיציר הערשט מיט דער רייטבייטש: ער דערמאַנט זיי אָן „דיסציפּלין"... זייט צוויי וואָכן האָט די שטאָט נישט געהאַט קיין צוקער, דעריבער רייסט מען זיך אַזוי איבער אים.

פינף קילאָ צוקער שיק איך אַרויף פאַר מיין באַלעבאָסטע. אָבער באַלד קומען אויך אַנדערע בעטען צוקער, און איך שיק אַזוי פיל מאָל דעם דינער איינקויפען, ביז יענער אָפיציר דערקענט אים, און מאַכט אַ שטילע באַמערקונג: „עפעס דאַרפט דיין הער גופיל צוקער...״

און דאָך געלינגט מיר אויך אַנדערע באַלעבאָסטעס צו באַרזאָרגן מיט דעם אַזוי טייער געוואָרענעם אַרטיקל.

אויף דער הויפטגאַס גייען פאָרוויילז אויסגעפוצטע, שיינע מיידלעך און וואַרפן אַריבער צו די פריילעכע אָפיצירן שמייכלענדיקע בליקן און צווייַדייטיקע ווערטלעך. און באַלד טאַקע פאַרלירן זיך פאָרלעך אין שמאָלן געסל, וואָס פירט צום וועלדל. ביי אַ האָטעל טענהן איין צוויי עלעגאַנטע אָפיצירן (איינער פון זיי אַ דאָקטאָר) מיט צוויי יונגע מיידלעך—אפשר דרייצען, פערצען-יאָריקע קינדער. אָן דער זייט שטייט אַ קליין יינגל מיט צעשויבערטע פאהקעלעך, אַ ברודערל, ווייזט אויס. די אָפיצירן גייען אַריין אין האָטעל,—די מיידלעך נאָך זיי. באַלד קומט איינע אַראָפ, לויפט ערגעץ ווו מיט דעם יינגעלע,—און זיי קומען צוריק מיט פלעשער ווייַן אין די הענט. דאָס אַנדערע מיידל וואַרט שוין אויף זיי.

—וועסט קומען אין צוויי שעה אַרום. נאַ!—גיט זי עפעס דעם יינגעלע, נעמט איבער זיינע פלעשער,—ביידע מיידלעך לויפן צוריק אַרויף אין האָטעל.

—וואָס האָסטו דאָ, יינגעלע?—גיי איך צו אים צו.

—אַ „צענערל״ האָבן מיר די הערן געגעבן!—שפרינגט ער אונטער פאַר פרייד און צעפּאַקט זיך ערגעץ.

אויף אַן אָפגעלייגטן פלאַץ שטייען עטלעכע זעלנער אַרום אַ באַשפּאַנטן וואָגן, פון וועלכן איין פערד ליגט אויף דער ערד און וואַרפט נערוועז מיט די פיס. מען שפּאַנט עס אויס. אַ קאַפּראַל נעמט רויק אַרויס זיין רעוואָלווער, לייגט אים צו צום פערדס שלייף, און שיסט אויס. אַ סטענגע טונקל בלוט שפּריצט אַרויס פון דער ווונד און פליסט גלייך אין קאַנאַל אַריין. זיי פאָרן אַוועק מיט איין פערד. דאָס איבערגעבליבענע

פערד כאָרכלט נאָך, ווי עס וואָלט זיך בעטן: לאָזט מיך נישט אַליין...

פון ערגעץ ווייט דערטראָגט זיך אַ קוויטש פון אַ פרוי, און פון דעם נאָענטן גאָרטן הערן זיך פערקייכטע, אויסגעלאַסע-נע געלעכטערס.

איך לאָז זיך שוין אַרויפגיין שלאָפן, ווען איך באַמערק אַן אַלטע יידענע נאָכלויפן צוויי מיידלעך: די עלטערע איז אפשר זיבעצען, אַכצען יאָר, די אַנדערע נאָך גאָר אַ קינד.

—ווּעסטו אַהיימגיין שלאָפן?—שרייט די אַלטע מיט אַ פאַר-ביסן, הייזעריק קול.

—וויל איך נישט—אַנטלויפט די עלטערע און די יונגערע לויפט מיט.

—אָרעמע מוטער—גיי איך צו צום בינטל קאַמעראַדן מיי-נע, וועלכע שטייען דערנעבן ביים עק גאַס.

—מיר זענען ערשט געווען מיט זיי אין וועלדל—שמייכלט איינער.

—פאַר אַ שטיקל טשאָקאָלאַדע!...—צעלאַכט זיך אַ צווייטער אויפן קול.

עס קומען אָן צוויי שיכורע פעלדפעבלס און שפרייטן אויס די הענט אַקעגן די מיידלעך. די מיידלעך בלייבן שטיין, צעלאַכן זיך ווילדיינגעריש—און באַלד פירט אַ יעדער פעלדפעבל אַ שוועסטערל אונטערן אָרעם. די יידענע טרעט אָפּ אָן אַ זייט, און שרייט נישט מער, און רופט נישט מער, נאָר וויקלט זיך איין טיפער אין איר ברוינער שאַל, און בלייבט שטיין אָנגע-שפּאַרט אין פינסטערן ווינקל ביי דער וואַנט...

מיר מאַכן דעם לעצטן שפּאַציר. אין דער טיר פון אַ גרויסער שניט-קראָם שטייט אַ הויכע, בלאָנדע פרוי,—אין קראָם איז קיינער נישטאָ.

—גוטן אָוונט, שיינע דאַמע—זאַטשעפּעט איינער.

—גוטן אָוונט—מאַכט זי קוים מיט די ליפּן, גלייך נישט זי מיינט מען.

—גאָר אַליין?—פרעגט אַ צווייטער.

—וואָס זאָל מען טון, ווען דער מאַן איז אין מלחמה?— שמייכלט זי טרויריק.

—אויף וועלכן פראָנט?

—ווער ווייסט, ווו ער איז...—שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן.

חברה אָפיצירן פאַרפירן אַ שמועס.

—קומט, מיינע הערן—וויל איך זיי אָפּטשעפּען פון דעם ווייבל, וועלכע איז, קענטיק, נישט צופרידן מיט זייערע צווייי־דייטיקע וויצן.

מיר לאָזן זיך גיין.

—איך קום באַלד, מיינע הערן—שיקט אונז אַוועק לייט־נאַנט ק.—איך וויל נאָר עפּעס איינקויפן.

ער גייט אַריין מיט דעם ווייבל אין געוועלב, און מיר גייען צוריק אין עק געסל און וואַרטן.

—ווער איז די פרוי?—פרעג איך די יידענע, וועלכע שטייט נאָך ווי פאַרגליווערט אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט.

זי קוקט אויף מיר מיט צעשראָקענע אויגן און קאָן נישט פועלן ביי זיך צו רעדן.

—יענע דאָרט? ר׳ מ. ש.׳ס טאָכטער—זיפצט זי ענדלעך—הלוואי אויף מיינע טעכטער געזאָגט געוואָרן! עושירים אדירים.

—און דער מאַן אירער?

—איז נעבעך אין מלחמה. זיי זענען אַלע שיר נישט אויס־געגאַנגען, מיינע שונאים, ווען מען האָט אים צוגענומען.

אפשר אַ פערטל שעה האָבן מיר געוואַרט. פלוצים באַווייזט זיך די בלאָנדע פרוי אויף דער שוועל, קוקט זיך אַרום אויף ביידע זייטן,—און די בלעכענע זשאַלוזעס פון דער טיר לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַן איינגעהאַלטענעם, הייזעריקן קרעכץ. אין דער קראָם ווערט פינסטער.

—הוראַ!—צעקייכן זיך די אָפיצירן מיט באַוווּנדערונג.—

מיט מאָדנע געדאַנקען גיי איך אַרויף שלאָפן: איז עס דער קריג?... אָדער איז דאָס נאָר דער תּירוץ פאַר דער טיפער

תאווה, וואָס ליגט אין אונז באַהאַלטן?... די לייצעס זענען לויז געוואָרן—אַלע לויפן מיט דער „בוואַליע"...

הינטער דער פּאָזיציע

קוים אַרויס פון שטעטל, און מיר געפינען זיך שוין אין גאַנצן רעש פון „הינטער דער פּאָזיציע":

אויטאָמאָבילן מיט שטאַבּס-אָפיצירן און פעלד-אָפיצירן מיט באַגאַזש קומען אָן און יאָגן אַוועק איבער דעם פלאַכן פעלד. אויף די נידעריקע בערגלעך, ווייט ביים האָריזאָנט, באַווייזן זיך און פאַרשווינדן שמאָלע, באַוועגלעכע שנירלעך—מסתמא דער „טרעין". פון ערגעץ ווו טראָגט זיך אַ קלאַפּן פון ברעטער אָדער שטיינער. און אונזערע קאַמעראַדן בלייבן שטיין, שפּיצן די אויערן—„אַרטילעריע, דאַכט זיך!"—מען לאַכט זיך אויס. דאָרט ווייט גייען איבער אינפאַנטעריסטן פון איין וואַלד אין אַנדערן—יאָגן צו זיי מעלדע-רייטערס פון דעם פאַרכיקן שטראָז און קורצן זיך אָפּ דעם וועג איבער די אויפגעווייכטע לאָנקעס. אַ פעלד-באַן האָט זיך צעפייפט הייזעריק און שוואַך. אַ גרעסערע אָפּטיילונג רייטערס באַווייזט זיך פלוצים פון אונטערן וואַלד, און גאַלאָפּירט, דאַכט זיך, גלייך צו אונז.

—קאָזאַקן!—שרייט אונזער קאָמענדאַנט

אַלע אָפיצירן כאַפּן זיך פאַר די רעוואָלווערס, די דינערס כאַפּן פון די פורן די קליינע געווערלעך,—און מען איז גרייט צום קאַמף. לייטנאַנט פאָן ה. שטעלט אָפּ אַ פאַרבייפאָרנדיקן אויטאָמאָביל מיט צוויי עלטערע אָפיצירן, און ווייזט זיי די געפאַר. נעמט מען אַרויס פעלד-גלעזער—מען קוקט, פאָרשט,—און מען דערקענט „אייגענע". עס איז אַן אָפּטיילונג פעלד-זשאַנדאַרן, וועלכע רייטן פאַרביי, אויספאָרשנדיק די געגנט. פאָרט דער אויטאָמאָביל זיין וועג און מיר גייען ווייטער.

אָט שטייען מיר פֿאַר די הויכע דריי בערג מיט די באַרימטע זיבן „סערפּענטינען". אונזערע מידע פֿערדלעך קאָנען קוים זיך אַן עצה געבן. מיר ווילן קורצער מאַכן דעם וועג, קריכן מיר „אויף די גלייכע ווענט", און קומען-אָן אויף אַ שפּיץ באַרג טויט-מידע, באַגאָסן מיט שווייס. אָבער וואָס פֿאַר אַ פּייזאַזש! די פֿעלדער און שטראָזן, וואַסערלעך און שטיבלעך, מענטשן און וועגן—אַלץ איז, דאַכט זיך, אויף איין מאָל פֿאַרשוווּנדן, און מיר שוועבן איבער אַ ווייכער, ליבער פּלאַך פֿון ברוין-געל-שוואַרצע וועלדער. ווי ווייט דאָס אויג קאָן גרייכן—נאָר הימל און וועלדער! אייגנטלעך נאָר איין גרויסער, ברייטער וואַלד, וואָס צעגיסט זיך מיט זיינע סאַמעטענע קרוינען ווי אַ פֿוילקער ים. דער בלויער הימל נעמט אַלץ אַרום ווי אַ זומער-שירם, און די מעכטיקע, געדיכטע ביימער-שפּיצן שפּילן זיך אין די שטראַלן פֿון דער ערגעץ-ווו פֿאַרבאַהאַלטענער זון מיט טונקעלע, מאַראַנצענע, העלגרינע און וויאָלעטע פֿאַרבן.

איינע פֿון אונזערע פֿורן דערגרייכט באַלד דעם שפּיץ. אָבער פֿון דער צווייטער זייט דערהערט זיך אַ וואָרטשען און סאָפּען, וואָס קומט, דאַכט זיך, יעדעסמאָל נענטער,—און דאָך נעמט גאָר לאַנג, ביז עס באַווייזט זיך אַן אויטאָמאָביל. ער איז אַרויף שוין אָן אָטעם, דען אָט שטייט ער שטיל, באַלד אָבער—אַ דרוק ביים „הענטל",—און ער לאָזט זיך אַראָפּ פֿון באַרג מיט אַ פֿרישן געקרעכץ. אונזערע פֿערד דערשרעקן זיך. דער בעל-עגלה וויל גראָד פֿאַרקערעווען, גיט זיך דער וואָגן אַ דריי און—קוים נאָך באַצייטנס שטעלן אונטער צוויי אָפּיצירס-דינערס די פּלייצעס און ראַטעווען פֿערד און וואָגן פֿון צעשמעטערט ווערן אין דעם וואַלדיקן תהום.

אויף די געדרייטע שטראָזן אַרבעטן אַלטע גוים, בויערטעס און שיקסלעך,—כמעט לויטער אונגאַרן, קוים עטלעכע יידן צווישן זיי. פֿון ווייט, ווייט טראָגט זיך אַ טעמפּער, לאַנג געצויגענער אָטעם, וועלכן מען הערט קוים—גיכער זעט מען אים—דאָס ווידערקול פֿון דער גאַנץ ווייטער אַרטילעריע.

ביי אַ שיידוועג אין ט. ו. איז אויפֿגעשלאָגן אַ נייע

בודקע, אונטער וועלכער עס זידן עטלעכע קעסלען טיי. אַרום דעם פייכטן, נישט זייער ריינעם בלעך-געשיר ליגן עטלעכע זעקלעך צוויבאַק, און עס פילט זיך אַ ספּעציעלער ריח, וועל־כער קריכט אין די אברים מיט אַ פוילקייט, וואָס מאַכט געניצן. לאַנדשטורם-זעלנער מיט רויטער-קרייץ-צייכנס אויף די אַרבל, באַ־דינען. אַ „לאַבשטעלע״. אונזערע פורן זענען געבליבן נאָך ער־געץ אין די בערג, זעצן מיר זיך אויס אויף דעם פריש אָנגע־לייגטן האָלץ און וואַרעמען קאָנסערוון. פון דער אַנדערער זייט קומען אָן צו איינציקע און גרופּנווייז זעלנער,—דערהויפּט לייכט פאַרוואונדעטע, וואָס גייען אין שפּיטאָל. יעדער באַקומט אַ טעפּל טיי מיט אַ זשמעניע צוויבאַק.

—שטאַרק פאַרוואונדט?—פרעג איך אַ סאָלדאַט מיט אַן אויס־געמוטשעט, אָפּגעברענט פּנים.

—צוויי פינגער אָפּגעשאָסן—ווייזט ער מיר זיין רעכטע האַנט, מיט אַ רחמנות אויף זיך אַליין.

—שוין געווען אין שפּיטאָל?

—זייט דריי טעג זוכן מיר דאָס פעלד-שפּיטאָל, און קיי־נער ווייסט נישט ווו—ווײַנט שיר נישט דער סאָלדאַט.

דער קיכן-אָפיציר פאַרבעט אונז אויף טיי, לאָזט אונז אָבער נישט טרינקען פון די בלעכענע טעפּלעך, מיט וועלכע עס טרינקען די פאַרוואונדעטע.

—„אינפעקציע״—וואָרנט ער ערנסט.

מיר לאָזן זיך גיין אין דעם שטעטל, וואָס איז מער ענ־לעך צו אַ לאַנג, שמאָל דאָרף.

—וואָס טוט איר דאָ?—האַלט אונז אויף אַ פעלדזשאַנדאַר־לייטנאַנט, און מוסרט אונז, פאַרוואָס מיר מאַרשירן אַזוי באַ־וואָליע.

—דאָרט איז דער קאָמענדאַנט—ווייזט אָן קאַדעט א.—ער וועט אַלץ פאַרענטפערן.

דער זשאַנדאַר-לייטנאַנט שטעלט זיך פאַר און גיט איבער דעם באַפעל פון זיין מאַיאָר, אַז מיר מוזן נאָך היינט ווייטער מאַרשירן.

—איך בין דאָ קאָמענדאַנט—פילט זיך באַליידיקט אונזער לייטנאַנט פאָן ה.—און מיר וועלן מאַרשירן, ווען איך וועל באַשטימען!

—וועל איך מאַכן די „אַנצייגע"—גאַלאָפּירט אַוועק דער זשאַנדאַר-לייטנאַנט.

—קאָמענדאַנט!—הערן מיר שרייען צען מינוט שפּעטער. דער מאַיאָר אַליין איז געקומען צורייטן.

—זייט ווען מאַרשירט איר?

אונזער קאָמענדאַנט מעלדט געניו יעדע איינצלהייט—דער מאַיאָר באַטירט.

—שיין מאַרשירט!—איראָניזירט ער—זאָפאָרט אַוועקמאַרשירן!

—הער מאַיאָר, איך מעלד געהאָרזאַמסט, אַז מיר זענען מיד, און מיר וועלן היינט דאָ נעכטיקן—וואַגט דער לייטנאַנט.

—די לעגיטימאַציע!—צעשרייט זיך דער מאַיאָר—איך וועל אייך פאַרקלאָגן, אַז איר דרייט זיך אַרויס פון קאַמף!

ער פאַרשרייבט די נעמען, רייט אַוועק, און מיר בלייבן ווי שטומע.

—קינדער—ערקלערט קאַטעגאָריש לייטנאַנט פאָן ה.—זוכט קוואַרטירן; היינט נעכטיקן מיר דאָ.

—זאָל ער...—פאַלט אַן אָפּיצערסקע ווערטל, און מען צעגייט זיך מיט אַ געלעכטער.

נישט ווייט איז אַ גרויס איינפאָרהויז מיט אַ וועראַנדע,—זיכער דאָס גרעסטע הויז אין שטעטל.

—קאָן איך קריגן אַ פּלאַץ צום שלאָפן?—פרעג איך דעם דיקן, בכבודן ייד מיט דער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, וואָס זיצט פאַרן הויז.

—הערצנסגערן. שרהלע!—רופט ער זיין שיין, בלאָנד טעכ-טערל—וייז דעם הער אַ פּלאַץ צום שלאָפן.

דאָס מיידל לאָזט אַראָפּ פאַרשעמט די בלאָע אויגן און פירט מיך אריין.

—נישקשה, איר מעגט מיט איר אַ רייד טון דייטש—שמייכלט דער פאָטער מיט שטאָלץ און גייט מיט אונז.

—אַלץ איז שוין פאַרנומען,—סיידן אַ ווינקל אין שענק־שטוב. דער ייד זעט, אַז איך בין נישט שטאַרק צופרידן און האָט צער דערפון.

—אויב איר וואָלט וועלן שלאָפן מיט אונז אין שטיבל...

—חלילה—באַרויק איך אים און גיי אַרויס—איך וועל שוין עפּעס געפינען.

—ליבינקער, גוטער הער—בעט זיך אַ ווייבל מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט—שענקט אַ ביסל צוקער פאַר מיין זייגנדיק קינד. שוין צוויי וואָכן קיין ביסל צוקער נישט געזען.

איך לאָז איר געבן די העלפט פון מיין האַלבן קילאָ צוקער. אָבער באַלד קומען מיט דערזעלבער בקשה נאָך עטלעכע ווייבלעך און איך פאַרטייל זיי דעם רעשט.

דאָס רעדל יידן וואַקסט אַרום מיר, און יעדער בעט, איך זאָל ביי אים בלייבן אויף קוואַרטיר.

—איך האָב שוין אַ קוואַרטיר, מיינע ליבע יידן, אַ דאַנק־דריי איך זיך קוים אַרויס פון זיי.

ערגעץ אין אַ אונטערגעסל שטייען עטלעכע ווייבער און „סודען" זיך אויפן קול.

—קאָן איך דאָ ערגעץ שלאָפן?

—אָך איז מיר נישט געשען—גיט זיך יעדע פון זיי אַ כאַפּ—ביי מיר.

איך קלויב אויס דאָס עלטערע, בלאַסע ווייבל, און לאָז זיך פירן אין איר שטוב. אויסגעקערט אפילו, אָבער ענג און דושנע. אין אַ באַנקבעטל ליגט האַלב אָנגעטון אַן עלטערער ייד מיט איינגעפאַלענע באַקן, דורך דעם צעקנעפלטן העמד זען זיך די קאַלטע קאָמפּרעסן אַרום די זייטן.

—וואָס איז, פעטערלעבן? קראַנק חלילה?

—אוי, אַז אַ מפּלה אויף פאָניען!...—צעהוסט ער זיך און קאָן קוים כאַפּן דעם אָטעם.

ער האָט געוואָלט באַשיצן אַ שכנה אַקעגן זעקס רוסישע סאָלדאַטן, האָבן זיי דאָס אים אַזוי צעקלאַפּט.

—און די שכנה...?

—וואָס פרעגט איר... מילא „מיינע"—ווייזט ער אויפן ווייב—איז אַראָפּ אין קעלער. אָבער איך מיט די קינדער האָבן געמוזט צוזען... פאָטער אין הימל!...

דעם יידן שטעלן זיך טרערן אין די אויגן.

איך באַמערק ביי אים אַ פּאָר גוטע, הויכע שטיוול.

—נישט רוסישע?—פרעג איך.

—יאָ, געקויפט ביי אַ מאָסקאַל, פאַר אַ טרונק בראָנפן.

אין שטוב איז נישטאָ קיין סימן פון לעבנס-מיטל.

—אַליין אַ קצב—קלאָגט זיך דער ייד—און אַצונד איז קיין פּיצל ברויט נישטאָ.

מיין דינער ברענגט פון קיך-אָפיציר אַ היפּש ביסל צוויבאַק, קאַווע-קאָנסערווען און זעקס שטיקלעך צוקער,—מאַכט די באַלעבאָסטע קאַווע און מיר פּראַווען אַ גאַנצע סעודה.

עס קומט אַריין אַ בלאָנדער ייד, אַ חשוב אין שטאָט, ווייזט אויס,—דען מיינע באַלעבאַטים גיבן אים אָפּ גרויס כבוד. ער ווייזט מיר אַ ביכל, וואָס זיין זון ליינט: אַ קאָמענטאַר צו קאַנטס „קריטיק דער ריינען פערנונפט". איך באַוואונדער באמת די קליינשטעטלדיקע תמימות.

—וואָס דען בלייבט אין אַזעלכע שווערע צייטן?—זיפצט דער ייד מיט אַ שטילן שטאָלץ.

—שלעכט געווען מיט די רוסן?—פרעג איך.

—„הכל תלוי במזל"—הויבט אָן דער ייד—אַלץ האָט זיך געוואָנדן אָן קאָמענדאַנט: געווען אַ גוטער,—האָט ער נישט געלאָזט רויבן. איז געקומען אַ שלעכטער,—האָבן זיי „געבאַליעוועט". הלמאי די רוסישע יידן אַליין...

—וועלכע יידן?—שלאָג איך איבער.

—די סאָלדאַטן מיין איך: איין יידישער סאָלדאַט האָט געראַבעוועט גלייך מיט די קאַצאַפּעס. ווידער אַנדערע צוויי יידישע סאָלדאַטן האָבן צו „כל-נדרי" צוזאַמענגענומען אַלע ווייבלעך און מיידלעך פון שטעטל, און מיט ביקסן אין די הענט האָבן זיי אָפּגעראַטעוועט די יידישע טעכטער פון אַ זיכערן אומגליק.

—איך האָב עס אַליין געזען—מישט זיך אַריין מיין באַלעבאָס.

—אָבער אפשר דאַרפט איר עפּעס?—איז דער ייד עפּעס נישט צופרידן, וואָס דער קצב גיט זיין הסכמה—דען איך בין געקומען... מיר ווייסן, ווער איר זייט...

—מיר פעלט חלילה גאָרנישט—דאַנק איך דעם יידן—ווען עס זאָל נאָר זיין אַ מרחץ...

—אַך!—גיט זיך דער ייד אַ כאַפּ—היינט איז אפילו נישטאָ, אָבער פאַר אייערטוועגן וועט מען אייגענס הייצן.

און ער נעמט מיך שוין מיט.

אויפן וועג באַגעגן איך נאָך עטלעכע אָפיצירן, און מיר גייען צוזאַמען. דער בעדער איז גאָר דערפרייט. ער נעמט זיך תיכף צו דער אַרבעט, דריי אַנדערע יידן העלפן אים צו.

—די פּאָניעס, אַ קרענק זיי אין די ביינער, האָבן אויך ביי מיר זיך געבאָדן—איז ער שטאָלץ—די גאַנצע שטאָט יידן האָט געמוזט ברענגען האָלץ פאַר זיי.

—וואָס קומט אייך, פעטער?—פרעג איך דעם יידן נאָך דעם ווי מיר זענען פאַרטיק.

—וואָס זאָל מיר קומען?—איז ער אין פאַרלעגנהייט—געלט? קריגט מען דען היינט עפּעס פאַר געלט? אָט האָבן מיר געשיקט נאָך פאַר דריי טעג איינקויפן קיין ס., ווייסט מען גאָרנישט, וואָס מיט זיי איז געשען. ווען איר זאָלט אונז קאָנען געבן אַ ביסל טאַבאַק...

מיר לאָזן זיי איבער אַ היפּשע מטבע און עטלעכע הונדערט פּאַפּיראָסלעך,—און ביידע צדדים זענען צופרידן.

ס'איז שפּעט אין דער נאַכט, אין מיין באַנקבעטל איז זייער הייס און „לעבעדיק", אַנטשלאָפן ווערן איז נישט מעגלעך, גיי איך אַרויס שפּאַצירן אין די פינסטערע געסלעך. ביי אַ הייזל עפנט זיך די טיר, און אַ פרויען-געשטאַלט גייט אַרויס אין גאָרטן. איך בלייב שטיין,—עס ווערט שטיל. פּלוצים גיט די געשטאַלט אַ שפּרונג צווישן די ביימלעך—און ווידער איז שטיל. ווידער דערזעלבער שפּרונג—און די פרויען-געשטאַלט פאַלט אַריין

אין הייזל פֿון אַן אָטעם.—און איך פֿיל, ווי איך וואָלט זען פֿאַר זיך אַ געהעצט פֿייגעלע, וועלכעס שפּירט אין מינדסטן גערויש די קאַטאַפּולקע פֿון בייזע, צעלאָזענע יינגען...

אויף דער שוועל פֿון געפּעכט.

די פּאָזיציע האָט דערווייל ווידער זיך דערוויטערט. אויפֿן שטראָז צו פּשעמישל באַגעגענען מיר דריי אויטאָמאָבילן, און הינטער זיי אַ בינטל מערקווירדיקע לייט: אין טוריסטן- און „לאָון-טעניס"-אַנצוגן, אין פֿרעק און אין האַלב-מיליטערישע קאָסטיומען, און אַלע זענען זיי אָנגעגורט מיט בלייפֿעדער, פּאַפּיר און פֿעלד-גלעזער. אויפֿן אָרעם אַ ברייטער באַנד:—„פּרעסע". פֿאָרויס שפּאַנט דער דיקער ר. ר., דער באַרימטער קריגס-קאָרעספּאָנדענט פֿון דער „נ. פ. פּ.".

—וואָס איז, מיינע הערן? פֿאַרוואָס גייט איר צוריק?

—אַך! דער קאַמף איז דאָך שוין דאָ נישט ווייט. מיר זענען דאָסמאָל צו ווייט פֿאַרגאַנגען.

מיר וווּנדערן זיך: אַז דער קאַמף איז שוין אַזוי נאָענט, האָבן מיר נישט געוווּסט.

—געוויס—פֿאַרזיכערט אונז ר. ר.—נישט ווייט פֿון דאַנען שטייט אונזער אַרטילעריע.

די גאַנצע חברה כאַפּט זיך וואָס שנעלער אַרויף אויף די אויטאָמאָבילן און פֿאַרשווינדט.

אין וואַלד טרעפֿן מיר יידן, יידענעס, קינדערלעך. בלאַסע, אויסגעהונגערטע, דרימלען זיי פֿאַר שוואַכקייט, און אַרום זיי דרימלען אויך זייערע פּעקלעך אָרעמקייט.

—פֿון וואַנען, ר' ייד?—פֿרעג איך איינעם.

ער האָט מורא צו ענטפֿערן און קוקט נאָר מיט גרויסע, אַרויסגעשטעלטע אויגן,—די ווייבער נעמען ברעכן די הענט.

—שרעקט זיך נישט—בעט איך זיך ביי זיי—איך פרעג נאָר גלאַט אַזוי.

דער ייד דערציילט מיר, ווי זיי זענען אַנטלאָפן פון דער געגנט אין פּ. פאַר עטלעכע טעג האָט מען זיי געהייסן זיך אומקערן אַהיים און איצט לאָזט מען נישט ווייטער, אַנטלויפן זיי ווידער. דער זון האָט געוואָלט „אַריבער”, האָט מען אים געכאַפּט און אַוועקגעפירט.

—ווי מיינט איר—פרעגט ער טיף געבויגן—וועט אים עפּעס געשען?

איך באַרויק אים, דער ייד זיפצט אָפּ, נעמט דעם שווערן זאַק פאַר איין זייט, דאָס ווייב מיט די אָפּגעריסענע, בלאַסע קינדערלעך נעמען אָן פאַר דער אַנדערער זייט, און זיי לאָזן זיך ווייטער אין דער נסיעה אויף צוריק. אַ שוואַרץ מיידל מיט אַ קינד אויף דער האַנט און מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס, לויפט נאָך און בעט זיך: „ר' ייד! ר' ייד! נעמט מיך מיט!”

די אָפיצירן לאַכן, און די דינערס זאַטשעפּען...

אונזערע וואָגנס, וועלכע פאָרן דאָסמאָל פּאָרויס, האַלטן גראָד אין פאַרקערעווען אויף אַ שמאָלן וואַלד־וועג, ווען עס דערהערט זיך פּלוצים אַ געשריי און כמעט אין דערזעלבער צייט אַ שאָס פון אַ געווער. מיר לויפן צו—: אַ פערד ליגט אין בלוט,— עמיצער אַנטלויפט, און אונזערע דינערס יאָגן אים נאָך. מען כאַפּט אים. עס איז אַ רוסישער דראַגאָנער, וועלכער האָט זיך ווו־אַרום אַהער פאַרבלאָנזשעט. נישט ווייט שטייט אַ ציטערנדי־קער גוי מיט פערד און וואָגן; ער איז געפאָרן פּאַסן היי, איז אים דער דראַגאָנער באַפאַלן: „דיענגי!”. איצט פירן אונזערע דינערס דעם דראַגאָנער מיט טריומף. דער ערשטער געפאַנגענער, וואָס זיי האָבן „געכאַפּט”.

פון דעם נאָענטן דאָרף קומט אַרויס אונזערס אַ פּאַטרול. גיבן מיר זיי איבער דעם דראַגאָנער אַלס אַ „פּרעזענט”, און גייען ווייטער אין אַ פרייליכער שטימונג. פון ווייטנס דער־טראָגט זיך דאָס דומפּע ווידערקול פון קאַנאָנען. און מיר ווערן באַלד געוווינט מיט דעם לאַנגן ברום, אַז ער ווערט כמעט דאָס

טעמפּאָ פון אונזער מאַרש. בײַ יעדן קראַך לאָזן אַלע מיטאַמ אַרויס אַ פריידיקן „בום!״ און די אָפיציר־דינערס שפּרינגען אונטער מיט אַ געלעכטער, גלייך ווי אַ קול וואָלט שוין זיך צעפּלאָנטערט אונטער זייערע פיס. אונזערע פורמאַנעס צלמען זיך דערבײַ, סמאָטשקען די ציגאַרעטלעך, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן און קײַען פאַרקלערט דאָס ביסל צו האַרטע קאָמיסברויט.

מיר קומען אַרויס פון די וואַלדיקע בערגלעך, און פאַר אונז שפּרייט זיך אויס אַ ברייטער, פלאַכער טאָל. דאָס, וואָס מיר האָבן פריער נאָר קוים געהערט, שטייט אַצונד פאַר אונזערע אויגן: אויף דער אַנדערער זייט האָריזאָנט, דאָרט ווו עס ציט זיך אַ שנירל נידריקע, באַוואַקסענע בערגלעך, הערשט, דאַכט זיך, עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך לעבן, כאָטש ווער און וואָס—זעט מען נישט. עס באַווייזן זיך נאָר גאָר דינטשינקע, שמאָלע הייטלעך,—רויך, דאַכט זיך, און פאַרשווינדן שנעל ווי אַ הויך. אויף דער אַנדערער זייט ווידער, ווייט, ווייט אויפן הימל, באַווייזן זיך כמעט אין דערזעלבער צייט פונקט אַזויפיל טונקל־ווייסע, געשוואָלענע וואָלקנדלעך, וואָס צערינען און צערינען ביז גאָר. און ווי אויף אַן ענטפער, שוועבט אַרויף אויך פון אַקעגן אַ מחנה וואָלקנדלעך, אָבער אַ סך ווייסער און העכער. זיי טוען פּלוצים אַ ציטער, ווערן געדיכט און צעגייען זיך, צעשווימען,—גלייך אַ מאַסע פאַרזאַמלטע מענטשן, וואָס האָט שוין „אירס אָפּגעטון״ און גייט אַהיים. אַ געפּעכט פון שראַפּנעלן: דאָרט אונזערע, דאָ די פײַנטלעכע... אַ שטומער קאַמף, אַ מימיק פון רויכן און וואָלקנס.

אָבער די „שטומקייט״ איז אַ קורצע. דען קוים קומען מיר אַרויף אויף דעם זייטיקן בערגל, הערט זיך שוין דאָס „קלאַפּן״ און ברומען וואָס־אַמאָל דייטלעכער—עס איז אַן אָפענער אַרטילעריע־דועל. אויף דריי פאַרשידענע זייטן באַווייזן זיך מעכטיקע זײַלן רויך, שוואַרץ און דיק, וועלכע טראָגן זיך גאָר הויך אין הימל אַרײַן. די זון האָט זיך נאָך נישט געזעצט, זונסט וואָלטן מיר זיכער זען, אַז די שוואַרצע סלופּעס רויך קומען אוודאי

פון פלאַמענדיקע הייזלעך אָדער שייערן. און קאָן גאָר זיין, אַז דאָס האָט אַ וועדל זיך אָנגעצונדן פון די פייער-שפייענדיקע, בייזע שראַפּנעלן און גראַנאַטן. עס דערפילט זיך יענער רויש פון „לאָזן זיך אין וואַסער אַריין", וואָס באַהערשט אויף אַ רגע יעדן שווימער, איידער ער לייגט זיינע הענט אויף דער טיפ-קייט פון תהום—אַ שיכּרות באַפאַלט די גלידער, זיך אַריינצו-וואַרפן אין יענעם גיהנום-קעסל, וואָס רופט זיך קאַמף— —

עס איז קיין ספק נישט, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון אַ שלאַכט, און וועלכער מיר וועלן באַלד זיך באַטייליקן.

צווישן הייזער די פורן האָט עמיצער געפונען צוויי פולע פלעשער רום.

—„יוכהעי"!—קאָמאַנדעוועט לייטנאַנט פאָן ה.-אויסטרינקען ביזן לעצטען טראָפּן!

מען דאַרף אונז לאַנג נישט בעטן: די פלעשער רום גייען פון האַנט צו האַנט, נישט אויסלאָזנדיק די דינערס און די פורמאַנעס,—ביז זיי ווערן ליידיק און אין קאָפּ הייבט אָן זשו-מען. די פיס ווערן מיר שווער און קאָנען נאָך קוים פאָלגן—מען וויל מיך אַרויפזעצן אויף אַ וואָגן. גראָד פאַרט אָן אַ באַ-טעריע פרישע, גלאַנצנדיקע קאַנאָנען, וואָס דאַרפן פאַרשטאַרקן אונזער פּאָזיציע.

—אויף אַ קאַנאָן, אויף אַ קאַנאָן—בעט איך זיך ביי מיינע קאַמעראַדן.

הברה טוט מיר צוליב—פאַר שפּאַס וועגן מכּתמא. זעץ איך זיך רייטנדיק אויף דעם מעשענעם רייר און פיל אַ העצקען ווי אויף אַ פערדל. דער קאָפּ וועגט אַ צענטן, אין די אויערן טומלט-איך שטרעק זיך אויס אונטערוויילעכץ, מיט ביידע הענט אונטערן נאַקן. די זון זעצט זיך וואָס אַמאָל טיפער, און די ווייסע וואָלקנדלעך אויפן האָריזאָנט ווערן אַלץ מער רויזיק גע-פאַרבט, גלאַנצנדיקער און מלא חן. פאַר די אויגן וועבט זיך אַ דין, גרוי הייטל, אין האַרצן ווערט אַזוי ווייך-ווייטאָגדיק, אַזוי בענקנדיק-גוט...

—אוי, אַ גראַנאַט! אַ גראַנאַט אַהער!... זאָל ער קומען און דורכשניידן די ברוסט,—אויף צוויי העלפטן... עס וועט אַזוי גוט זיין... אַזוי גוט...

איך פיל אַליין, ווי איך האָב זיך צעשריגן. מיין קול ווערט וואָס-אַמאָל שוואַכער און שוואַכער... די אויגן ווערן שווערער... ס'איז שטיל.— — —

איך (אַ) זיך אויף שפּעט אין אָוונט, אין אַ פּאַרלאָזענעם פאָלוואַרק, און איך דערוויס זיך, אַז מיר זענען שוין איבער דרייסיק קילאָמעטער ווייט פון יענעם אָרט, וווּ מיר האָבן באַגעגנט די „פרעסע״,—און די קאַמף-ליניע איז אַלץ נאָך ווייטער. נו, וועט שוין דער גענעראַלשטאַב זיי דיקטירן די „אמתן״, מיט וועלכע זיי שילדערן דערנאָך אַזוי „העלדיש״ יעדע איינצלהייט פון קאַמף אין די אָקאָפּעס. געבענשטע, נאַיווע „עפנטלעכקייט״...

—וועט מען קאָנען באַקומען אַ ביסל מילך?—פרעג איך דעם אַלטן „פּאַראָבעק״, דעם איינציקן, וועלכער איז דאָ פאַרבליבן מיט זיין פאַמיליע.

—יאָ, פּאַניע—ענטפערט ער ווי אַ באַטויבטער.

ס'איז נאָך דאָ איין קו, וועלכע דאָס מיליטער האָט נאָך נישט פאַרנומען. באַלד וועט מען זי אויסמעלקן. ליג איך אין גאָרטן און וואַרט. ווו מיר האָבן בייטאָג געזען די וואָלקנדלעך, הערן זיך גאַנץ דייטלעך דונערס, צוערשט איינציקווייז, זעלטן—דערנאָך אַלץ אָפטער, צוזאַמען—עס האָט ווידער אָנגעהויבן דאָס אַרטילעריע-געפעכט. זען קאָן מען גאָרנישט. די שטערן אויפן הימל פינקלען רויק מיט דער געוויינלעכער, גאַנצער לויטערקייט. פון דער שטאַל דערהערט זיך אַ שטיל וויינען: אַ פּאַטרול נעמט אַוועק די לעצטע קו, געזעגנט זיך דאָס די בויערטע מיט איר „בת יחידה״. האָבן מיר שוין קיין מילך אויך נישט. דער נידריקער קאַפּראַל, וואָס פירט דורך די רעקווויזיציע, הייסט זיך פירן אין חזיר-שטאַל: ער וויל קויפן חזירים. די גויע בעט זיך: „איין שטיקל נאָר געבליבן״...

—רעקווירירן!—קאָמאַנדעוועט דער קאַפּראַל זיינע סאָלדאַטן

—וואָס וועלן טון די קליינע אָן דער מוטער?—וויינט ד' גויע.

—דערפאַר לאָז איך זיי איבער—וויצלט זיך דער קאַפּראַל— זיי וועלן גרויס ווערן! וויפיל ווילט איר?

די גויע זאָגט אַ פּרייז.

—ביזט משוגע געוואָרן, „באַבאַ"?—צעלאַכט ער זיך און שטעקט איר אַריין אַ „קוויטונג" אין האַנט.

צוויי סאָלדאַטן זענען דערווייל פאַרשווינדן מיטן חזיר.

קיין ליכט טאָר מען נישט צינדן. לייגט מען זיך אָנגע-טונערהייט אויף די הוילע שטרויזעק. און די קאַנאָנען הערן אַלץ נישט אויף דונערן. מען שיסט איצט אפנים „צוגווייז", דען יע-דער שאָס חזרט זיך איבער צוויי מאָל,—און דער רעגלמעסיקער „בום-בום, בום-בום" שלעפערט אונז איין, ווי דער טאַקט פון אַ קלאַפּנדיק וויגל...

פאַר דער אַנטשיידונג.

אַרום מיטאָג-צייט שטייען מיר פאַר דעם „קאָרפּס-קאָמאַנ-דאָ". מיר ווילן אַריינגיין זיך מעלדן, אָבער עס איז נישט מעגלעך צוצוטרעטן: אויטאָמאָבילן פאַרפאָרן און יאָגן אַוועק, שליחים ברענגען יעדעסמאָל מעלדונגען און וואַרטן אויף פרישע באַפעלן. סאָלדאַטן פון דער טעלעפאָן-אָפּטיילונג קריכן אויף די שטאַנגען און פאַריכטן די דראָטן, וועלכע האָבן זיך וווּ-אַרום איבערגעריסן. מיר וואַרטן אַ היפּשע צייט, ביז עס קומט אַרויס אַ „גענעראַלשטעבלער" און לאָזט אונז וויסן, אַז—„אייגנטלעך ווייסט מען וועגן אונז גאָרנישט". ער נעמט ערשט אויף אַ פרישן פּראָטאָקאָל און פאַרבעט אונז דערווייל אויף מיטאָג. מיר גייען אַרויף אין אַ שטיבל אויפן ערשטן שטאָק. אַ הויך אַ פּראָסטן טיש מיט אַ האָלצערנער באַנק, שטייט נאָך אין אַ זייט

פשוטער סחורה-קאַסטן מיט אַקטן. דער דיל איז אויסגעשפּריי־ט מיט צוגעלעגערט שטרוי,—עס דערקענט זיך, אַז זייער אָפט רוען דאָ אַזעלכע געסט ווי מיר. אָרדאָנאַנסן ברענגען אויף בלעכענע טעלערלעך אויפגעוואַרעמט „האַשע" מיט ברויט און בעכערס טיי מיט ווייַן. מיר לייגן זיך אַריין אין שטרוי און פּראַווען אַזוי אונזער סעודה האַלב ליגנדיק. דער הויפּטמאַן פון גענעראַלשטאַב זעצט זיך אַוועק ביים טיש און נעמט זיך אַר־בעטן איבער פּלענער. קאָן זיין, אַז עס איז דאָ פיל צו טון, און מעגלעך אויך, אַז ער וויל נאָר אונז ווייזן, ווי פלייסיק ער איז. ענדלעך קומט די מעלדונג, אַז „אויף דערווייל" ווערן מיר צוגעטיילט צו דער נאָנטסטער קאַמפּ-גרופּע, וועלכע האָט פאַרלוירן כמעט די העלפט פון אירע אָפיצירן. עס ווערט אפילו בריקרע צו וויסן, אַז גישט מיטן אייגענעם רעגימענט גייט מען אין קאַמף, אָבער מען ווייזט אונז שוין די אָפּטיילונגען, און יעדער פון אונז גייט אין זיין ריכטונג.

אונזערע אָפּטיילונגען שטייען אין קאַמף. זייט אַ צוויי וואָכן האָבן מיר אָנגעהויבן די אָפענזיווע, וועלכע טראָגט זיך ווי אַ שניי-לאַווינע, ווען זי קאַטשעט זיך פון אַ הויכן באַרג: וואָס ווייטער, אַלץ שנעלער, גרעסער און מעכטיקער. מיר מוזן באַפרייען פּשעמישל פון דעם אייזערנעם רינג, מיט וועלכן די רוסן האָבן עס אַרומגערינגלט. און דעריבער טרייבן מיר די רוסן אַלץ נענטער צו דער פעסטינג, כדי זיי צו נעמען אונטער צוויי פייערן, און אויף דעם אופן פריי מאַכן די איינגעשלאָ־סענע אַרמיי. מען מוז נישט זיין אַ נאַפּאָלעאָן, צו דערקענען תיכף אונזער פּלאַן. ווערן זיך טאַקע די רוסן מיט אַלע כוחות: דער רינג, מיט וועלכן זיי קלאַמערן אַרום דעם ערשטן פעסטונג־גאַרטל, ציט זיך אַלץ צוזאַמען ווי אַ שלאַנג אַרום איר קרבן, אָבער באַלד פאַרלאָזן אים די כוחות, און נאָך יעדן איינקאַר־טשען זיך צעגייט ער זיך נאָך ווייטער און ברייטער. און דאָך געפינען נאָך די רוסן אַזוי פיל כוח, אונז אַקעגנצושטעלן אַ וואַל פון מענטשן און קאַנאָנען, כדי אונז נישט דערלאָזן אַטאַקירן

דעם רינג אין ריקן, און אַזוי-אַרום זיך איינבייסן אין זייער מאַרך.

דער קאַמף האַלט אָן אויף איין אָרט. מיר גייען דערום איבער צום ‏'אַ נייער אַטאַקע. אונזער ליניע איז אַרויס פון וואַלד, דורכגעלאָפן אַ צוויי-הונדערט שריט אויפן פרייען פעלד, און ווידער באַקומען דעם באַפעל: „נידער! שיסן!”. שוין בליצן די גראַב-אייזנס אין די שווערע, פאַרבלאָטיקטע הענט פון די זעלנער—יעדער טראַכט אויסצוגראָבן אַ שטיקל גריבל, באַדיי דעם קאָפּ דערווייל שיצן. דאָס גראָבן פאַרנעמט אויף אַמאָל אַלע סאָלדאַטן, און אויף אַ רגע ווערט אין אונזער „שוואַרם-ליניע” גאַנץ שטיל, גלייך אַלע געווערן וואָלטן אויף איין מאָל אויסשטאַרבן. ערגעץ ווייט, רעכטס און לינקס, הויבן-אָן קנאַקן מאַשינ-געווערן. מיר מוזן באַשטימען, ווער פון די סאָלדאַטן זאָל גראָבן און ווער זאָל שיסן, כדי נישט אויף אַ מינוט לאָזן דעם שונא פרייע הענט. און דאָס איינגראָבן זיך גייט דאָס מאָל גאָרנישט שווער, דען די ערד איז ווייך, די לאָפּעטע פאַרזינקט כמעט פון זיך אַליין, און דער פיינט שיקט זיינע קוילן ערגעץ אומעטום: פאַר אונז, הינטער אונז,—נאָר נישט אין אונזער ליניע אַריין. די פיינטלעכע אַרטילעריע, וועלכע ווייזט אויס צו זיין אין דער געגנט גאָר שוואַך, איז אפנים באַשעפטיקט מיט אונזערע „באַטעריעס”, אָדער מיט די רעזערוון, דען כאָטש מען הערט זי שיסן, ברומען,—טרעפט זי דאָך קיינעם נישט. אונזערע „פאַרלוסטן” זענען דערום גאָר קליינע.—זעלטן נאָר אַ פאַרווונדטער אָדער אַ טויטער.

קוים האָט מען זיך איינגעגראָבן, קומט ווידער אַ באַפעל: „פאָרווערטס!”. די יונגע סאָלדאַטן גיבן זיך אַ כאַפּ ווי די רוחות—עס איז שווער זיי איינצוהאַלטן, זיי זאָלן נישט לויפן צו ווייט. אויך דאָ נעמט מען באַלד זיך איינגראָבן, אָבער פיל צייט בלייבט נישט. מען באַמערקט ביי די רוסן אַ געוויסע באַוועגונג, וואָס קאָן האָבן צוויי צילן: אָדער זיך צוריקציִען, אָדער גאָר פלוצים אונז איבעראַשן און אַטאַקירן. ווילן מיר זיי איבעראַשן.

—„פאָרווערטס!“—ווערט אַן אַלגעמיין געשריי אין אונזער ליניע.

די אָפּטיילונגען שפּרינגען אונטער, לויפן אַ שטיק וועגס, אָבער באַלד מוז מען ווידער אַנידערוואַרפן זיך אויף דער ערד, די רוסן האָבן אָנגעהויבן אַ מערדעריש פייער, און דאָס מאָל מיט אַ געוויסן ערפאָלג: עס מערן זיך די געפאַלענע, דאָס געשריי פון די פאַרווונדעטע ווערט וואָס אַמאָל אָפטער. מען פּרווט גיין אייניצקוויין—נישט מעגלעך! די רוסישע מאַשין-געווערן האָבן אונז אַריינ באַקומען אין זייער ציל, און ווילן אונז, ווייזט אויס, אָפּקאָסען פונם פעלד. אויך פון דער פלאַנקע לינקס נעמען פּלייסיק פייפן קוילן, און מאַכן נערוועז—נישט צום איינליגן! מיר זענען אפנים אַריין אין דער באַרימטער, פון די יאַפּאַנער אָפּגעלערנטער, „שאַך-שטעלונג“, אין וועלכער די רוסן פאַרלאָקן אַזוי גערן דעם געגנער. מען מוז בלייבן אויפן פּלאַץ און זיך וערן ווי עס איז.

פּלוצים נעמען לויפן אַ זעקס אָדער אַכט מאַן—גלייך אַקעגן דעם שונא. און דאָרט ווייטער לויפן ווידער אַ דריי, פיר מאַן. אומזיסט שרייען מיר, זיי זאָלן עס נישט וואַגן,—זיי האַלטן אין איין לויפן, נישט פאַרווונדיק אפילו זיך אַנידערלייגן. איינער פאַלט, אָבער די איבעריקע לויפן ווייטער, ביז זיי הויבן אויף די געווערן אין דער הויך און גיבן צייכנס צו די רוסן. צו שפּעט האָבן מיר באַמערקט, אַז דאָס זענען דעזערטערן: זיי פאַרשווינדן באַלד הינטער די רוסישע שאַנצן.

רעכטס, צווישן דעם וואַלד און אַ דערפל, באַווייזט זיך קאַוואַלעריע. אייניצקוויינ ווילן די רייטער זיך דורכגנבענען פון דערפל אין וואַלד אַריין. דאָרט גרייט מען זיך אפנים צו אַן אַטאַקע אויף אונזער רעכטער פלאַנקע. אונזערס אַ צוג שיסט „סאַלוון“ אויף יענעם פונקט, אָבער דאָס שטערט נישט, אַז יעדעס מאָל זאָלן זיך דורכרייסן אַ צווי, דריי רייטער און פאַרשווינדן אין וואַלד. עס גרייט זיך אַן ערנסטע סיטואַציע. אויך די רוסישע אַרטילעריע האָט אפנים אונז אַנטדעקט, דען שוין צו אָפט פּלאַצן שראַפּנעלן איבער אונזערע קעפּ. דער מאַן

לינקס פון מיר גיט פלוצים אַ שווערן „סאָפּ", און בלייבט ליגן שטיל, מיטן פּנים אַראָפּ. אין אונטערשטן טייל פון זיין קאָפּ שטעקט אַ „שראַפּנעל-צינדער", די געהירן רינען אַרויס. נישטאָ אָבער קיין צייט צו שוידערן ביי אַזאַ בילד, דען דאָס פייער ווערט שטאַרקער און לאָזט נישט אויפהויבן דעם קאָפּ. עס אַטאַקירן עטלעכע רוסישע אָפּטיילונגען.

—„שנעלפייער"!—איז אונזער קאָמאַנדע.

אויך די מאַשין-געווערן הויבן אָן קנאַקן אין אַ ריזיק-שנעלן טעמפּאָ. די פיינטלעכע אָפּטיילונגען פאַלן, הויבן זיך אויף און לויפן צוריק,—אָבער באַלד קערן זיי זיך אום מיט פאַרשטאַרקטע רעזערוון. מיר נעמען זיי אויפן ציל. עס מוזן זיין ביי זיי שטאַרקע פאַרלוסטן, דען וואָס נענטער, ווערן זיי אַלץ שיטערער,—און דאָך לויפן אונטער פרישע ליניעס, פרישע רעזערוון, און זיי קומען וואָס אַמאָל נענטער און נענטער.

—צוג-וויַיז צוריק!—שמעטערט אַ שטימע, אָן וועלכער מיר דערקענען אונזער קאָמענדאַנט.

—פייער אָפּשטעלן! צוריק!—שרייען מיר צו אונזערע סאָלדאַטן, און מיר מוזן זיי קלאַפּן מיט די זעבלען איבער די פלייצעס, זיי זאָלן אונז דערהערן.

אָבער נאָר אַ קליינער טייל הערט אונז. זיי לויפן אַ ביסל צוריק, וואַרפן זיך ווידער אויף דר'ערד, און שיסן ווייטער. די איבעריקע באַמערקן, אַז זייערע שכנים פעלן, הערן זיי אויך אויף שיסן, ווערן צעטומלט און לויפן אויך צוריק. און אַזוי „שפּרונג-וויַיז" געפינען מיר זיך צווישן עטלעכע האַלב-איינגע-פאַלענע הייזלעך און שייערן. דער קאָמענדאַנט שיקט אַ פּאַטרול, מען זאָל דאָס אַלץ אונטערצינדן—אויס צוויי טעמים: דער רויך וועט אונז פאַרדעקן, און עס וועלן טאַקע פאַר די רוסן נישט בלייבן קיין קוואַרטירן. די אונטערצינדער טוען עס אפילו נישט איבעריק גערן, אָבער באַלד זעצט אַרויס אַ דיקער רויך, און אונטערן שוץ פון אונזערע מאַשין-געווערן און די שוואַרץ-רויטלעכע פלאַמען, ציִען מיר זיך צוריק.

ביים וואַלד יאָגט אָן אַ פעלד-באַן און שיט פון זיך אַרויס

אַ פרישן באַטאַליאָן, וואָס איז געקומען אונז צו הילף. טיראַליער קייזער-יעגער, דאַכט זיך. אָבער זיי האָבן נישט צומאָל צייט צו פאָרמירן זיך, דען שוין רעגנט מיט קוילן איבער זייערע קעפ און עס ווערט אַ חורבן צווישן זייערע רייען. זייער מאַיאָר, וועלכער שטייט נאָך אויף די טרעפלעך פון וואַגאָן, טוט פלוצים אַ שטרעק אויס ביידע הענט, וויל כאַפּן אָטעם,—און קאַטשעט זיך אַרונטער צווישן די רעדער. אַ קויל האָט אים געטראָפן אין ברוסט.

ס'איז גאָרנישט צו דענקען אפילו, דער באַטאַליאָן זאָל זיך האַלטן. אָן אַ איינציקן שאָס אפילו גייען זיי צוריק מיט אונז, איבערלאָזנדיק ביי דער באַן אַ גרויסן הויפן טויטע און פאַרוווּנדטע.

מיר האָבן פאַרשפּילט. דאָס פיינטלעכע פייער ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, אויך אונזערע מאַשין-געווערן פאַרשטומען, און מיר מיט דעם פרישן באַטאַליאָן פאַרלירן זיך אין דעם גרויסן, שיצנדיקן וואַלד, ווו מיר הויבן אָן אויף דאָס ניי פאָרמירן אונזערע אָפּטיילונגען.

פאַרשידן איז דאָס גליק.

גרויס זענען געווען אונזערע פאַרלוסטן, אָבער נאָך גרעסער די פאַרלוסטן פון דעם אָנגעקומענעם באַטאַליאָן. די פאַרוווּנדטע, וועלכע זענען אַוועק מיט אונז אין וואַלד אַריין, וויינען פאַר שמערץ און ערגערניש: נישט אפילו איין שאָס געגעבן, נישט אַמאָל געזען די רוסן, און אַזויפיל קרבנות... אין ציוויל זענען זיי כמעט אַלע יעגערס—וואָס וואָלטן זיי נישט אויפגעטון אין קאַמף! עס הערן זיך דערום שטילע תּרעומות צו די פירער און בייזע ווערטער קעגן די העכסטע קאָמענדאַנטן: מען האָט באַדאַרפט זיין מער פאָרזיכטיק...

פון אונזער אָפּטיילונג איז געבליבן קוים צוויי דריטל

מיר מוזן אויף דאָס ניי פֿאַרשטאַרקט ווערן, פֿאַרנעמען די פּאָ-זיציעס אַנדערע רעגימענטן, און מיר ציִען זיך צוריק ביזן צווייטן דאָרף, הינטער אונזער אַרטילעריע-ליניע. אויפֿן וועג באַגעגענען מיר אַ קליינע אָפּטיילונג, געפֿירט דורך אַן אָפֿיציר. אין מיטן צוויי אַרעסטירטע אַרטילעריסטן מיט געבויגענע קעפּ. זיי שלעפּן קוים די פֿיס: נאָך פּאַר טעלעכע טעג האָבן זיי אין דעמזעלבן דאָרף מאנס געווען אַ בויערטע און נאָכדעם זי גע-הרגעט. דאָס פֿעלד-געריכט האָט זיי פֿאַרמשפּט, און זיי „באַ-גנאַדיקט” צום „ערב-טויט”: שיסן-איצט פֿירט מען זיי „טון זייער רעכט”.

נאָך איידער מיר דערגרייכן דאָס דאָרף, דערהערט זיך אַ „סאַלווע”, און באַלד אַ צווייטע,—עס איז געשען: צוויי יונגע מענטשן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר אַ מינוט ווילטאַג...

אויסגעשטעלט וואַכן אַרום דאָרף, צוגעגרייט אַ קאָמפּאַניע צאַלס „בערייטשאַפֿט”, גייען מיר, אַ גאַנצע מחנה אָפֿיצירן מיט די דינערס, זוכן עפּעס צום איבערטון זיך. מיר האָבן ווידער פֿאַרלוירן אונזער באַגאַזש, נאָך וועלכן עס טוט אַזוי באַנג! „געשטאָרבן—באַגראָבן”. עס פֿאַרגעסט זיך, ווען עס פֿאַלט אַ מענטש אין פֿעלד. מעג עס זיין דער נאָנטסטער חבר. פֿאַרלירט מען אָבער דאָס העמד און מען האָט נישט וואָס איבערצוטון— — איז עס דאָך אַזוי נאָנט צום אייגענעם לייב... און אייניקע אָפֿיצירן, וועלכע קעמפֿן דאָ די גאַנצע צייט, האָבן שוין זייט וואָכן נישט געביטן די וועש...

—ווו איז לייטנאַנט ק.?—באַמערקט פּלוצים איינער.

—נאָך אין דער פֿרי אַוועק אין שפּיטאָל—שמייכלט פּענ-ריך ע.

—פֿאַרוווּנדעט?

—יאָ, נאָך אין ס., ביי יענער בלאָנדער דאַמע, ווו ער איז געבליבן איבער נאַכט.

—ביי דער „אינטעליגענטער” יידישקע?

—יאָ, און האָט פֿון איר אַהיימגעבראַכט אַ טר...—וואַרפֿט ער אַריין ציניש.

אַלע צעלאַכן זיך, און זייער געלעכטער קלינגט ווי אַ מין נקמה.

מען גייט אַזוי פון שטוב צו שטוב, אָבער כמעט אומעטום איז ליידיק. די איבערגעשראָקענע גויעס קוקן נאָר מיט טעמפּע, אויסגעלאָשענע אויגן, און פאַרשטייען נישט: וואָס זוכט מען ביי זיי אייגנטלעך?

אָפּגעזונדערט, הינטער אַ בריקל, שטייט אַ שיין, עלעגאַנט הויז, אָבער אויך ליידיק. ס'איז אַ יידיש הויז—אויף דער אויסגעבראָכענער טיר הענגט נאָך די מזוזה. אין אַ ווינקל פון דער צווייטער שטוב שטייט נאָר אַ צעבראָכענע, אויסגעליידיקטע שאַפע. אַ דינער האָט אויסגעפונען אַ האַלב פאַרמויערטע טיר, וואָס פירט פון קיך אין קעלער אַריין. אָבער אויך דאָ איז ליידיק—עמיצער איז שוין געווען פאַר אונז... די דינערס שלעפּן אַרויף עפּעס אַ קאַסטן. עס איז אַ פאַרשלאָסענער קופערט—ווי דורך אַ נס געבליבן גאַנץ.

—אונטערזוכן!—ווילט זיך איינער.

מען פרוווט שליסלען—עס גייט נישט. האַקט מען אָפּ דעם שלאָס—און עס באַווייזט זיך אַ גאַנצער אוצר: פול מיט ריינער, נייער וועש. אָבער נאָר פון אויוון איז די וועש מענערשע. דער גאַנצער קופערט באַלאַנגט אפשר צו אַ פרוי: אוודאי „אויסשטייער" פאַר אַ כלה, און אפשר גאָר דאָס איינציקע פאַרמעגן פון אַ יונג פאָר-פאָלק. מען הויבט אָן קלויבן, און יעדער נעמט זיך, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אָבער איניקע באַגניגן זיך נישט מיט די פרעמדע מענער-זאַכן,—זיי נעמען זיך צו דער דאַמענוועש. אָט לויפט אַרום באָרוועס אַ לאַנגער, דינער לייטנאַנט און פרייט זיך מיט די קורצע, געשטיקטע דאַמען-הויזן, וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפגעשלעפּט. אַ ווילד געלעכטער באַגלייט זיין „חכמה"—און מען טוט אים נאָך... דעם רעשט פּאַקן איין די אָפיציר-דינערס. נאָר די ווייסע אונטערוועק צעוורייסט מען אויף אָניטשעס. אַ משוגעים-הויז!

עס קומט אונז אַקעגן אַ לייכן-צוג. אַ זעלנער איז געשטאָרבן, נוצט מען אויס דאָס דאָרף אים „מענטשלעך" צו באַ-

האַלטן, זעקס סאָלדאַטן טראָגן אויף דריי דרענגלעך אַ נישט-געהובעלטן קאַסטן, אַ באַוואָפנטער האַלב-צוג גייט פאָרויס. איין זעלנער טראָגט אַ צלמ׳ל, און נאָך דער טרומנע גייען נאָך נישט איינגעטיילטע אָפיצירן און סאָלדאַטן. ביים טויטן-שטיבל בלייבט מען שטיין,—מען וואַרט אויפן גלח. די גויעס פון דאָרף האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן מת, האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם דיאַק און אָנגעהויבן זינגען תפילות. נאָך לאַנגן וואַרטן פאָרט אָן דער גלח, באַקראָפּעט דעם קאַסטן, מורמעלט אונטער דער נאָז עטלעכע ווערטער, און באַקראָפּעט ווידער. אַן אונטעראָפיציר קאָמאַנדירט דעם „סאַלוט״, די גויעס ווערן ערנסט. נאָך אַמאָל פּרייפלט דער גלח אַ לאַטיינישע תפילה, די בויערטעס קוקן אים גלייך אין מויל אַריין, נעמען די פאַרטיכלער צו די אויגן און פרוּוון וויינען. איצט ליינט ער אַראָפּ אַ פּוילישׁ געבעט, און דאָ ווערט אַ געוויין און אַ יאָמער, אַז עס רייסט דאָס האַרץ. דאָס באַוויינען בויערטעס-מאַמעס אייגענע קינדער אין דעם פרעמדן זון...

מען טראָגט דעם טויטן צום קבר. דורך די שפּאַרעס פון טרומנע טריפט אַ קויטיק-ברודיקע פליסיקייט—אפשר שוואַרץ, פאַרקילט בלוט... טראָפּנווייז פאַלט עס אויף דעם שטויביקן וועג און צייכנט מיט קינ׳ס זיגל די האַרטע ערד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע בייזע, בלוט-דאָרשטיקע קינדער...

דער גרוב שטייט פאַרטיק. נאָכאַמאָל אַ געבעט, נאָכאַמאָל קאָמאַנדירט דער אונטעראָפיציר „רעכטס שויט״—די „לעצטע ערע״—און מען לאָזט אַראָפּ דעם קאַסטן. שיקסלעך טראָגן אונטער בוקעטן פעלד-בלומען, און מיר, די אָפיצירן, נעמען די לאָפּעטעס און וואַרפן אַריין די ערשטע גרודעס ערד. אַן אַלטע גויע ברענגט אַ שוואַרצן צלם, אויף וועלכן אַ יונג שיקסל האָט אויפגעהאָנגען אַ גרינעם קראַנץ. דער זעלנער איז זיי פרעמד, אָבער דער טויט איז נאָנט. זיי קאָנען נישט נאָכזאָגן זיין דייטשן נאָמען, אָבער זייערע טרערן זענען פונקט אַזוי האַרציק ווי די טרערן פון זיין אייגענער מוטער...

אויפן צלם איז אויפגעשריבן אין א פרעמדער שפּראַך:

„אונזער ליבן זעלנער, וואָס איז געפאַלן". ווער האָט דאָס פאַרפאַסט? פון וועמען געמאַכט?

קיינער זאָגט נישט, קיינער פרעגט נישט.

דעם צלם איינגעשטעקט, גייען מיר אַוועק.

—פאַרשידן איז דאָס גליק—זאָגט צו מיר דער קאָמענדאַנט—פאַלן אין פעלד אָפיצירן, און קיינער ווייסט נישט, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען,—און דאָ, אַ געוויינלעכער זעלנער, און אַזאַ שיינע לויה אויף אַ צווינטער!...

יאָ,—„פאַרשידן איז דאָס גליק"... איינער פוילט ערגעץ הינטער אַ פּלויט, און דער צווייטער ליגט „רויק" אין קבר...

און עס שפּינען אין מיינע געדאַנקען די צוויי דערשאָסענע אַרטילעריסטן—און מיינע קאַמעראַדן אין דער דאַמענוועש—דער לייטנאַנט ק. מיט דער בלאָנדער מיוחס פון ט.—און דער בידנער שייגעץ אין פעלד, וועלכער פלעג אַלץ גאָט בעטן פאַר זיין אַלטער מוטער אין דער היים—און וואָס פוילט אַצונד אין דער פרעמדער ערד— — —

יאָ, פאַרשידן איז דאָס גליק...

פאַר דער אַנטשיידונג.

אונזער לעצטער דורכפאַל איז איינגנטלעך נאָר אַ לאָקאַלער און אַ צייטווייליקער. דען ווי נאָר מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דעם שמאָלן שטיקל פעלד, האָט דער געגנער געמוזט „צוריקנעמען" זיין רעכטן פליגל, און במילא שוין אויך די גאַנצע קאַמפּאַניע. אונזער פּאָזיציע האָט זיך אַ רוק געטון פאָרויס, און אַזוי אַרום איינגעדריקט דעם רינג אַרום דער פעסטונג. שוין דאַרפן מיר פאַרמאַרשירן אַלס פאַרשטאַרקונג, ווען עס קומט דער באַפעל, אַז איך מיט מיינע פריערע אָפיציר-קאַמעראַדן זענען ווידער איינגעטיילט צום אייגענעם רעגימענט,

וועלכעס שטייט אין די פאָדערשטע ליניעס. עס ווערט אַ ביסל לייכטער: ביים אייגענעם רעגימענט ווער מען זיך פאָרט פילן „היימישער". און אַזוי ווי צום רעגימענט איז אַ היפש ביסל וועג, זעצן מיר זיך אַריין אין פאַרבייפאָרנדיקע, ליידיקע סאַניטעט־וואָגנס, און האָפן אַזוי אַרום שנעלער קומען צום ציל.

אין אָנהויב גייט עס גאַנץ גלאַט, מיר קומען יעדעס מאָל נענטער. אפילו דרימלענדיק הערן מיר, ווי די קאַמפּליניע דערנענטערט זיך. דען דאָס קאַנאָנען־פייער, וואָס האָט פריער זיך געהערט נאָר גאַנץ שוואַך, אַזוי ווי פאַרדומפּן, ווערט וואָס אַמאָל בולטער און שטאַרקער—מען דערקענט שוין באַלד דעם פּלאַץ פון יעדער באַטעריע, פון יעדן קאַנאָן באַזונדער. אָבער צו גלייכער צייט נעמען אונזערע וואָגנס גיין לאַנגזאַמער: די וועגן דאָ זענען פאַרפולט מיט ריזיק־לאַנגע קאָלאָנעס פון פּראָוויאַנט און מוניציע—מען מוז זיי מאַכן פּלאַץ. קוים שפּאַן ביי שפּאַן רירן מיר זיך ווייטער, ביז די סאַניטעט־וואָגנס פאַרפאָרן צום „פאַרבאַנד־פּלאַץ", און מיר מוזן גיין ווייטער צו־פוס.

הינטער אַ קליינעם בערגל לאַגערט אַ גאַנצע מחנה טרעין, דער „מוניציע־פּאַרק" מיט זיינע שווערע, געקאָוועקע וואָגנס, מיט זעקס פערד ביי יעדן, טראָגט אין די אייזערנע קאַסטנס דאָס בליי און פולווער, וואָס דאַרף זיין די שפּייז פאַר די הונגעריקע מיילער פון די קאַנאָנען. די טרעין־סאָלדאַטן האָבן אָנגעלייגט פייערלעך. יעדער קאָכט באַזונדער זיין ליבלינגס־שפּייז, אָבער דעם בעסטן חלק קריגן די גליקלעכע רעכנונג־אונטעראָפיצירן און די פּראָוויאַנט־סאָלדאַטן. זייער קאָמענדאַנט פאַרבעט אונז צו אַ קליינער סעודה: אַ פרישן גולאַש מיט אַ פלעשל געשמאַקן, רויטן וויין.

—ווי שטייט עס אין „דרויסן"?

—גלענצענד!—פאַרזיכערט ער אונז—מען זאָגט, אַז נאָך היינט וועלן מיר זיין אין פּשעמישל".

די פריילעכע בשורה גיט צו קוראַזש.

באַרג אַראָפּ,—און ווידער אַנטפּלעקט זיך אַ נייע וועלט פאַר אונזערע אויגן! אַרום די אויערן טאַנצט עפּעס אַ פאַרדומפּ־

טער רעש, וועלכער קומט ווי דורך אַ הויכער, דיקער וואַנט, און נאָר דער דונער פון קאַנאָנען רייסט זיך דורך מיט זיין גאַנצער קראַפט. אָט שטייט זי דאָרט אויפן האָריזאָנט יענע נעבלדיקע מויער,—אָדער איז עס אַ רויכיג-אָטעמדיק וועלדל, וועלכעס לאָגערט אַראָפ מיט זיין שווערקייט? די מאַפע זאָגט, אַז דאָרט ליגט די באַרימטע פעסטונג, דער גוואַלטיקער ריז, ביי וועלכן די רוסן פאַרבלוטן אין די לעצטע טעג. אין דער לופטן טראָגן זיך אַרום ווייסע און שווארצע, גראָע און העל-געלע וואָלקנס, רויכן אפנים,—און אויף אַ ווייַלע איז שווער זיך צו אָריענטירן: פון וועמען שטאַמט דאָס אַלץ? און וועמען מיינט מען דאָס מיט דעם? עס איז שווער אַרויסצושיילן דאָס געזעענע פון דעם געהערטן, קלאַנג און פאַרב האָבן זיך פאַרשמאָלצן אין איין טאַנצנדיקן מיראַזש—מען שטייט פשוט ווי מטושטש. אָבער באַלד געוויינט מען זיך צו די גוואַלטיקע קאָלירן און די שרעק-לעכע טענער: אָט יענע שוואַרצע זיילן רויך, ווי טויטע שאָטנס איבער שטומע קברים, קומען פון דעם ווייטסטן פונקט אויפן האָריזאָנט, די געל-גראָע נעפלען זענען די נאָענטסטע צו אונז צו,—און אין מיטן צווישן די צוויי רויכיקע ליניעס שוועבן יענע ווייסע, קיילעכדיקע וואָלקנדלעך, וועלכע גאַפן דאַכט זיך ווי ציקאַווע קינדער איבער דעם בליצנדיקן שפיל, וואָס רופט זיך שלאַכטן.

מען קאָן שוין גענוי זען דריי פאַרשידענע ליניעס: די ערשטע, אונזער שטורם-ליניע, ווייט אַקעגן איר דער ברייטער פאַס פון דער פעסטונג, וואָס פאַרטיידיקט זיך,—און אָט דיביידע ליניעס גיסן זיך צוזאַמען מיט זייערע פייער-שטראָמען אויף דער דריטער, דער מיטעלער ליניע, ווו עס געפינט זיך די רוסישע פאָזיציע. אַזוי אַרום זענען די רוסן באַדרענגט פון צוויי זייטן און ראַנגלען זיך מיט אַלע כוחות זיך אַרויסצורייסן פון שווערן קלעם, אין וועלכער די אָנגרייפער און פאַרטיידיקער האַלטן זיי ווי מיט צייגער פון אַ ריזיקער צוואַנג. דאָך ווער קאָן ביי אַזאַ גרויסקייט אין זין האָבן „פאַרטיידיקער“ אָדער „אָנגרייפער“, פאָזיציע אָדער סיטואַציע? אַז די פאַרבן שפילן

מיט גרויסע, מעכטיקע אותיות, און אַ ווולקאַנישע מוזיק שמעטערט איבער פעלדער און וועלדער! אָט זעצן פון איין זייט פאַרטויבנדיקע דונערן, און שוין ענטפערן פון דער אַנדערער זייט בייזע, שאַרפע קנאַלן — ווי אַ טיף ווידערקול פון מעכטיקע פעלזן! אַ לאַנגע, געצויגענע שיסעריי קנאַקט אַ מאָנאָטאָן געווייַן און מאַשינ-געווערן קלאַפן צום טאַקט ווי בייזע, ווילדע פייגל מיט גרויסע, הילצערנע פליגלען. און ביידע זייטן באַווייזן זיך אויף איין מאָל קיילעכדיקע קנוילן רויך, וועלכע גיבן נאָר אַ בלאָז דאָס שטורמדיקע „זשזש...!" — און אַנטפּלעקן זיך געשווינד און פלוצים אין מיטן הימל, אָדער לייגן זיך ערגעץ טיף ביי דער ערד, אונטערשפּרינגנדיק ווי אַ באַל — די שווערע, אייזערנע פיילן, די זיכערע שליחים פון בלייַ-שנעלן טויט...

די ווייסע וואָלקנדלעך פאַרבן זיך און ווערן פאַנטאַסטיש ווי די בלאָנדע מלאַכימלעך אויף קריסטלעכע הייליגע-בילדער, — און איבער זיי ציִען זיך די לאַנגע פאַסן שוואַרצער רויך, געפלאָכטן מיט פייער-טונקעלע, דיקע פלאַמען — אַ משונהדיקער רעגנבויגן, דער „זוכר הברית" מיט די שוואַרץ-טונקעלע, ערדישע כוחות... און אַלץ האָט, דאַכט זיך, נאָר איין צוועק, איין ציל: באַגראָבן די מיטעלע, פיינטלעכע ליניע אונטערן רעגן פון פייער און אייזן, זי צעקרישלען און צעשמעלצן און זי אינגאַנצן דערטרינקען אין דער זידנדיקער ליאַווע פון די אייגענע וואָפן.

אָט זעצט אַרויס פלוצים פון יענעם פלעק אַ שוואַרץ-געדיכטע מאַסע. די גאַנצע לופט אַרום טוט אַ ריזיקן ציטער — און שוין איז דער הימל פאַרפינסטערט מיט אַ ברייטער, טונקעלער פלאַכטע כמאַרעס, וועלכע ציִען זיך און וואַקסן און פלעכטן זיך צוזאַמען מיט דעם רויטן און גרויען, מיט דעם קנאַקן און דרינזשען — — איין מעכטיק-גרויס געוויטער, איין ריזן-ווילדער שטורעם פון אַ ווולקאַן, וואָס אָטעמט און סאַפּעט און שרייט און געוואַלטעוועט מיט פייער און פלאַם, מיט בליצן און דונערן! אָט אין דער מאַכט האָבן אונזערע אָבות געקאָנט דערזען די „איינציקע האַנט" — און פאַלן אויפן פּנים און זיך וועלצן אין שטויב פאַר יענעם מעכטיקן, גרויזאַמען וועזן, וואָס קאָן מאַכן

ציטערן די פֿונדאַמענטן פֿון דער ערד און קאָן וואַרפֿן אויף איר לײַב די צעהיצטע שאַרבנס פֿון אײַנגעבראָכענע הימלען!...

דען נאָר אַ מעכטיק-פֿײַזער הערשער קאָן שפּײַען מיט אַזויפֿיל פֿײַער, און נאָר ז ײַ נ ע גערייצטע נאָזלעכער קאָנען שמעטערן אַזעלכע אומהיימלעכע, נישט-מענטשלעכע קולות.— —

דאָס פֿײַער דערווײַטערט זיך און ווערט שוואַכער. די מיטעלע ליניע האָט אָנגעהויבן שמעלצן,—ביז זי איז אינגאַנצן פֿאַרשווונדן געוואָרן. אויפֿן אָרט, ווו נאָר-וואָס האָבן געפּלאַצט גראַנאַטן און שראַפּנעלן, ווו ביקסן און מאַשין-געווערן האָבן צעטראָגן די פֿינסטערע כּינות, הערשט איצט אַ נערוועזע און צוגעאײַלטע בעוועגונג: דאָס יאָגט מען אַוודאי נאָך דעם צוריק-גייענדיקן פֿײַנט—און אפֿשר מאַרשירט מען שוין נאָר אַרײַן אין דער באַפֿרײַטער פֿעסטונג!

אונזער רעגימענט פֿאַרקירעוועט לינקס, אין וואַלד אַרײַן, און אַלץ פֿאַרשווינדט מיט אַמאָל פֿאַר די אויגן.

נאָך דער שלאַכט.

אויפֿן וואַלד-וועג האַלטן אונגאַרישע סאָלדאַטן אין אַוועק-פֿירן אַ גרעסערע אָפּטיילונג רוסישע געפֿאַנגענע, גענומען נאָך פֿון נעכטן. אויף צווײ בריטשקעס זיצן זעקס געפֿאַנגענע אָפֿי-צירן, צווישן זיי אַ פּאָלקאָווניק. מיר גיבן זיך אָפּ דעם קעגנזײַ-טיקן „סאַלוט", און כאָטש רעדן מיט זיי טאָר מען נישט, וואַרפֿט מען דאָך אַרײַן אַ וואָרט:

—שווער געגאַנגען, מײַנע הערן?

איינער פֿון זיי רעדט נישט שלעכט דײַטש:

—אַ טײַוולישע אַרבעט געווען—זאָגט ער—מיר האָבן רעס-פּעקט פֿאַר אײַך!

—אַ סך געפֿאַלן?—פֿרעג איך בײַ אַ פּשוטן סאָלדאַט

—אוי געפאַלן, געפאַלן, וואַשע בלאַגאָראָדיע,—זיפצט דער רוס—ווי די מוראַשקעס!

—איך האָב נישט קיין טאַבאַק—צעשמייכלט ער זיך פלוצים תמעוואַטע.

מיר פאַרטיילן צו ביסלעך פאַפּיראָסן און גייען ווייטער.

די פאַרלאָזטע רוסישע פּאָזיציע איז פשוט אַ פעסטונג אין מיטן פרייען פעלד. נאָך שטייען גאַנצע בעטאָנירטע געביידן, פאַרמויערטע ערד-שטיבלעך און גוט פאַרשאַנצטע שיצנ-גריבער, פול מיט איבערגעלאָזטע מלבושים, מוניציע, עסנוואַרג און אַוועקגעוואָרפענע געווערן. זעלטן נאָר ליגט אין זיי אַ טויטער, מער שוין וואַלגערן זיך פאַרוואונדעטע, מיט טויט-שרעק אין די פאַרנעפּלטע אויגן. מיר שיקן זיי אין שפּיטאָל. אָבער דאָס רוב פון די שאַנצן זענען נאָר צעשטיקלטע חורבות! גאַנצע בעטאָן-פּליטעס זענען צעשפּרונגען אין צענער שטיקלעך און טיף איינגעגראָבן אין דר׳ערד. און אונטער די חורבות, אונטער דעם מישמאַש פון שטיינער, האָלץ און ערד, ליגן צעקאַליעטשעטע, צעקוילטע געשטאַלטן מיט פויסטן אין קראַמף צוזאַמענגעדריקטע. מער מונדור ווי קערפּער!... פון אונטער די שווערע משאות ערד און בעטאָן שטעקן אַפּיר געשוואָלענע פיס און פאַרשטאַרטע, טונקל-ברוינע הענט.

אַ ברייטער, טיפער גרוב, אַ גאַנצער טאָל אין מיטן פלאַכן פעלד, זאָגט עדות אויף דעם חורבן, וואָס עס האָט דאָ אָנגעמאַכט איינער פון אונזערע באַרימטע „דרייסיק אַ האַלב”-מערזער! דאָ האָט געמוזט שטיין אַ גאַנצער רוסישער באַטאַליאָן, אָדער גאָר אַ גרויסער „שטאַב”, דען—וויפיל שטיינער, אַזויפיל מענטשלעכע גלידער און פאַרקוילטע, צעפיצלטע שמאַטעס! עס איז אַ פחד צו קוקן אויף דעם קנויל פון טויטער מאַטעריע און אָפּגעשטאָרבענע געהירן,—דאָס האַרץ פלאַטערט, זיך נישט צו טרעפן מיט אַ פּאָר אַרויסגעשטעלטע, פאַרשטאַרטע אויגנ-ווייסלען...

מיר שטייען פאַר דעם „פעסטונג-גאַרטל”. אַלטע לאַנדשטורם-לייט זענען באַשעפטיקט ביים באַגראָבן די טויטע. מען האָט צוגענומען די פאַרוואונדעטע און ערשט אַצונד זעט מען ווי-

רייך דער טויט האָט דאָ געזייעט: פֿאַר די דיק און הויך געצויגענע שטעכֿעדיקע דראָטן ליגן אויסגעלייגט די יונגסטע און מוטיקסטע פֿון די רוסן—אין די טויזנטער ממש! ווער עס האָט זיך צוגעוואַגט, האָט געפֿונען דעם זיכֿערן טויט!... אַזויפֿיל מוט... דאָך וויפֿיל פֿון זיי זענען געטריבן געוואָרן צו דער שרעקלעכֿער שחיטה דורך אייגענע מאַשין-געווערן און רעוואָלווערן... אין די דראָטן שטעקן נאָך צו דריי, פֿיר געפֿאַלענע אויף איין פּלאַץ. איינער האַלט נאָך אין דער האַנט די גרויסע, שטאָלענע שער, ווי ער וואָלט נאָך נאָכֿן טויט וועלן דורכשניידן די אייזערנע שראַנקען—ביי אַט דער אַרבעט האָט אים דער טויט פֿאַרגליווערט... נישט ווייט איז אויסגעריסן די ערד פֿון זעכֿציק ביז אַכציק מעטער אין קרייז—אַ „געוויינלעכֿע״ עקספּלאָזיע פֿון אַ „איינפֿאַכֿער טרעטמינע״... די אַנדערע מינעס זענען באַוואַקסט פֿון פּאָסטנס. דען איין אומפֿאָרזיכֿטיקער טריט, איין שטיינדל פֿאַלט אַרויף,—און די גאַנצע סביבה גייט אין דער לופֿטן!

עס ווילט זיך מער נישט זען אַזויפֿיל טויט און פֿאַרניכֿטונג. אַמליבסטן וואָלט איך איינגראָבן דאָס פּנים אין די ציטערנדיקע הענט.

—שוין פֿיל באַגראָבן?—פֿרעג איך אַ לאַנדשטורמיסט, וועלכֿער איז באַשעפֿטיקט מיט גראָבן אַ „מאַסן-גרוב״.

—מיר גראָבן פֿון אין דער פֿרי—קלאָגט ער זיך—און נאָך קיין דריטל פֿון זיי נישט באַהאַלטן.

און באמת: עס איז אפֿשר פּונקט אַזאַ שווערער קאַמף אָפּצורוימען די טויזנטער און טויזנטער טויטע, ווי דאָס געראַנגל אין יענעם שרעקלעכֿן שטורם, וואָס האָט אין זיי דעם טויט אַרייַנגעאָטעמט...

עס שטייט אָפֿן אַ מעכֿטיקער טויער פֿון געוויינלעכֿן, שטעכֿעדיקן דראָט און שפּיציקע קאָלקעס. מיר גייען אַריין אין דעם ערשטן „פֿעסטונג-גאַרטל״, די שטאַרקע וואַך ביים אַרייַנגאַנג רעווידירט אפֿילו נישט אונזערע לעגיטימאַציעס. די וועגן און שטעגן, וואָס פֿירן צו די באַזונדערע „ווערק״ אין דער

פעסטונג, זענען גענוי באַצייכנט דורך אויפגעהאָנגענע, האָלצערנע טעוועלעך מיט שוואַרץ-אויסגעצאַצקעטע אותיות און ציפערן. ווי פשוט און אומבאַדייטנד מוז דאָס אויסזען פאַר אַ נישט געניטן ציוויליסט—כמעט נישט צום גלויבן, אַז מען איז אין אַ „פעסטונג"! נאָר דעם מלחמה-זעלנערס אויג קאָן אָפּשאַצן די גרויסקייט: ווי שווער דער צוגאַנג, ווי גרויזאַם דאָס איבערגיין, ווי מוראדיק געעפנט די מיילער פון די אַרויסקוקנדיקע, שווערע קאַנאָנען,—און ווי טייוולעש-איינגעשפּאַרט עס שטעמט זיך דער שוואַרצער שטאָל פון די פאַנצער-טורמס!... און דאָך האָט מען גערעדט וועגן אַן עראָבערונג: דורך פייער און פאַרניכטונג, דורך וואַגניש און ריזיקע מענטשן-מאַסן האָבן די רוסן כלומרשט שוין גענומען איין „ווערק", און דאָס צווייטע האָט געהאַלטן ביים פאַלן.

—איז עס אמת?—פרעגן מיר ביי דעם אונגאַרישן הויפּטמאַן, וועלכער האָט מיטגעמאַכט די גאַנצע באַלאַגערונג און פאַריכט אצונד מיט זיין אָפּטיילונג די צעשטערטע שאַנצן.

—אַ „ווערק" נ י ש ט—איז ער כמעט באַליידיקט—אַ קליינעם „שטיץ-פונקט" האָבן זיי גענומען, און נאָר דריי מיט אַ האַלבע שעה האָבן זיי עס געהאַלטן. אָבער אויך דאָס האָבן זיי נישט עראָבערט. די פאַרפלוכטע פאָליאַקן זענען פון דאָרט אייבפאַך אַנטלאָפן!

פון אַלע קראָמען און „קאַנטינען" אין דעם אינעווייניקסטן „גאַרטל", איז אָפן נאָר אַן איינציק געוועלבל, וווּ מען באַקומט וואַרעם זאָדע-וואַסער און עפּעס אַ מין אַלטמאָדישע ציגאַרן. די איינציקע „ספּעציאַליטעט" איז „דער לעצטער בעקן" ווייסע בילקעלעך אויף בוימל, מיט וועלכע מיר צאַצקען זיך ביז אין שטאָט אַריין.

דער סאַן שווימט זיך זיין רויק זיין וועג אין מיט פון ביידע העלפטן שטאָט,—גלייך גאָרנישט וואָלט געשען ביי זיינע פלאַכע, האַלב-זאַמדיקע ברעגעס. נישט אים האָט מען דאָס געמיינט מיט דעם ריזיקן באָמבאַרדירן—נישט אין זיין שלאַנג-אַרטיקער ברוסט איז געפלאָסן דאָס פאַרגאָסענע בלוט. און האָבן וועלכע טראָפּנס

יך אויסגעמישט מיט זייגע רויקע, גלעזערנע וועלן, האָט אויף זיין גרונט גערוט וועלכעס טייערע אָנדענקען און שטיל האַרץ,— וואָס רירט דאָס דעם שטאָלצן יונגן „פּאַן“, וואָס פירט זיין לויף אויף פעסטע, זיכערע רעלזן?... „בּלוט איז נישט קיין וואַסער“—„נאַטור האָט אירע געזעצן“—און „יעדער פירט זיך אויף זיין שטייגער“... איז וואָס אַרט אים, ווער עס איז דאָ הערשער?...

די גרויסע, אייזערנע בּריקן זענען שטאַרק בּאַוואַכט פון פיל מיליטער. שוין די ערשטע געסלעך זענען כמעט אינגאַנצן פאַרהאַמעוועט: אַלע פּראָוויאַנטן און מוניציע-קאָלאָנעס, אַלע רעזערוון און בּאַגאַזשן זענען אַצונד פאַרזאַמלט אין מיטן די גאַסן.

ווי דורך אַ נס בּאַגעגנען מיר אָבערלייטנאַנט פּ., דעם טרעין-קאָמענדאַנט פון אונזער רעגימענט. אַ פרייליכע ווידערזען און אַן אומגעדולדיק אויספרעגן אויף בּאַקענטע: דער לעבּט און דער איז קראַנק, דער פאַרווונדט און יענער איז טויט... מיר דערוויסן זיך, אַז אונזער רעגימענט וועט היינט דאָ האָבּן „ראַסט“, און ערשט מאָרגן גייען מיר אין קאַמף. ווערט פריילעכער: כאָטש אַ שטיקל צייט וועט מען קאָנען פאַרבּרענגען אין דער ערשט בּאַפרייטער פעסטונג!

אין דער פּעסטונג.

אין שטאָט קאָכט און אַרבּעט ווי אין אַ בּינענשטאָק. עס מאַרשירן פאַרבּיי פרישע טרופּן און פאַרלירן זיך אין די „גאַרטלען“ אויף דער אַנדערער זייט,—מען שיקט אַרויס קאַוואַלעריע אויסשפּיאָנירן און פאַרפאָלגן דעם פיינט. די זון גלאַנצט אַראָפּ פול פרייד אויף די בּאַוועגטע טראָטואַרן און שיינע פענסטער-אויסלאַגן, און ווען נישט די מאַסע פורן, וואָס ציען זיך „זעל-

געריש״ ׳איינע הינטער דער אַנדערער, ווען נישט דער דיקער שטויב, אויסגעמישט מיט צעוואָרפן שטרוי אויף די גאַסן, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז די שטאָט איז געווען אַ צייט לאַנג אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. אַז אויסער עטלעכע לופט־פליער און רוסישע געפאַנגענע, איז קיין מענטש נישט אַרויס און נישט אַריין אין שטח פון אירע גרענעצן, — אַ מלוכה פאַר זיך, אַ באַשעפעניש, אין וועלכן דאָס האַרץ, דער צענטר פון שטאָט, איז באַשעפטיקט נאָר מיט זיך אַליין, און דענקט אפשר נישט אפילו אַליין וועגן זיינע אויסגעשפרייטע גלידער, די באַרימטע „גאַרטלען, ווערק און שאַנצן״, וועלכע ראַנגלען זיך אין טויטב־שטרייט פאַר זיין קיום... די שטאָט האָט אין דער גאַנצער צייט פון דער באַלאַגערונג זיך געפירט איר האַנדל ווי אין די גוטע, רויקע צייטן. ווי קאָמיש־פרעמד קלינגען די גרויסע, פעטע אויפשריפטן אויף דעם קליינעם האַלב־בויגן פון לאָקאַל־בלעטל: „פּשעמישל ווידער פריי!״. עס גלויבט זיך נישט, אַז אָט די מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די גאַנצע באַלאַגערונג, וואָס איבער זייערע קעפּ האָבן געעכצט און געפּלאַצט די שווערסטע און שאַרפסטע טויט־אינסטרומענטן, — אַז אָט זיי דאַרף מען ערשט דערציילן פון „אָנהויב ביזן סוף״ — פון „באַלאַגערונג״ ביז „באַפרייונג״, — דען זיי אַליין ווייסן נישט וואָס אַרום זיי האָט זיך אָפּגעטון.

נאָך איצט ברומען די קאַנאָנען אויף דער צווייטער זייט פעסטונג. דאָס קראַכן הערט זיך נאָך גאַנץ דייטלעך אפילו דורך דעם ליאַרם פון אויטאָמאָבילן, טרעינס און פאַרביירייטנדיקער קאַוואַלעריע. אָבער וואָס באַטייט דאָס פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין צוגעוויינט אַנטשלאָפן צו ווערן ביים העלישן קאָנצערט פון קאַנאָנען? ס׳איז פאַר זיי נאָר אַן אָפּקלאַנג פון אַ געוויטער, וואָס לייגט זיך — אַ שטיל, זאַנפטעכאָ פון אַ פאַרבייגעצויגן, פאַרקלונגן ליד.

אין אָט דעם כאַאָטישן ליאַרם באַגעגן איך מיין געוועזענעם חדר־חבר, דעם צוגספירער ש. פאַר איבעראַשונג קאָן ער קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

—וואָס מאַכט דער באַטאַליאָן?

די גאַנצע באַלאַגערונג מיטגעמאַכט, און גאָר קליינע פאַר-לוסטן געהאַט: דרייצען, אָדער פערצען טויט, ביי אַ דרייסיק פאַרווונדט, אַלץ מענטשן פעלן,—אפשר געפאַנגען—דער רעשט איז געזונט.

—איז דאָך גוט.

—יאָ—שמייכלט ער—נאָר...

—נאָר...?

—עס וואָלט זיך שוין וועלן זיין ביים ווייב און קינ-דערלעך...

—איך פאַרשטיי—נאַקיווע איך מיטן פינגער—נו, עס וועט שוין נישט לאַנג דויערן.

—הלוואי—זיפצט ער—מען זאָגט, אַז מיר וועלן באַלד זיין אין לעמבערג. אמת?

—מעגלעך—וויל איך אים נישט רויבן די האָפנונג.

אָן דער זייט שטייט אַ זעלנער, וועלכער באַטראַכט מיך מיט פול פרייד אין די אויגן. יאָ! עס איז דער קעכער, וועל-כער איז נאָך פון אָנהויב מלחמה געווען ביי מיין קאָמפּאַניע און איז ווו-אַרום אַהער פאַרשלאָגן געוואָרן.

איך דערלאַנג אים די האַנט. דער גוי ווערט גאַנץ רויט, הויבט אָן ציטערן, ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט זיך, און זיין גאַנץ גליק גיסט ער אויס אין די ווערטער:

—גאָט צו דאַנקען, וואָס מען זעט הער פענריך געזונט! אַלטע, געטרייע חברים...

די שטאָט-פּאָליציי פאַרטיילט אונז קוואַרטירן. פאַר דער באַלאַגערונג האָבן אַ סך איינוווינער פאַרלאָזט די שטאָט, זענען דאָ גענוג ליידיקע צימערן,—אפילו מיט פרישן בעטגעוואַנט. איך בין מיד, אָבער די נאָנטקייט פון אַ באַלעבעטער, מענטשן-פולער שטאָט לאָזט נישט רוען, און איך גיי אַראָפּ אין קאַפע-הויז.

גרויס און עלעגאַנט איז דאָס „אָפיציר-לאָקאַל", אין וועלכן דער תמיד גרויסער גאַרניזאָן ליידיקט אויס אין פריידנס-צייטן הונ-דערטער און טויזנטער שאַמפּאַניער-פלעשער. איבער די ווייסע

מאַרמאָר-טישלעך הענגען נאָך פאַרשידנאַרטיקע וואָפן, און די קאַריקאַטורן פון פּלערליי אָפיציר-בראַנזשען און ראַנגען שמייכלען נאָך אַראָפּ פון די ווענט. די לופט איז פול מיט רויך און מיט שמועסן וועגן דער לעצטער באַלאַגערונג.

—דריי און אַ האַלבע שעה געווען אין „שטיצפונקט"!—איז איינער ברוגז אויף די רוסן און אויף די פאַרטיידיקער.

—מיר האָבן געהאַלטן—פאַרענטפערט זיך אַ פוילישער אָפיציר—אָבער די פּשאַקרעוווסקע מאַדיאַרן זענען אַנטלאָפן!

ווער קאָן דערגיין דעם אמת: פונקט דעם היפוך האָט דערציילט דער אונגאַרישער אָפיציר. די גאַנצע פאַרטיידיקונג, דערציילט מען, איז באַשטאַנען פון דרייסיק ביז פערציק טויזנט מאַן פון דעם עלטסטן לאַנדשטורם-מאַטעריאַל. כמעט נישט צום גלויבן. עסן איז אויך געווען קנאַפּ. האָט מען, הייסט עס, די גאַנצע פאַרטיידיקונג צו פאַרדאַנקען נאָר דער נאַטירלעכער שטאַרקייט פון דער פעסטונג, וועלכע די אַמאָליקע קאָמענדאַנטן האָבן אויסגעבויט ביז צו אומגלויבלעכער גרויסקייט?

דער קעלנער דערלאַנגט ביטערע טיי מיט עפּעס אַ סיראָפּ. פאַרהאַנען נאָך שוואַרצע קאַווע, אָבער אָן צוקער. מיין פּאַפּיראָס מוז איך פאַרויכערן ביי אַ צווייטן, דען קיין שוועבעלע איז נישטאָ. דאָס האָט געפעלט נאָך אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג.

—גיי אין אָפיציר-קיך—לאַכט פון מיר מיין שכן—דאָרט וועסטו אַלץ קריגן, אפילו וויין און ביר.

פאָלג איך זיין עצה, און איך קום באַלד צוריק מיט אַ פולער פעלד-פלאַש אמתע „זשיטניאָווקע".

דאָס געדרענג אויף די גאַסן ווערט אַלץ גרעסער. ווו נעמען זיך נאָר אַזויפיל מענטשן, וואָגנס און פערד?! אַ האַלבע וועלט, דאַכט זיך, האָט היינט דאָ דורכגעמאַרשירט. און עס נעמט נישט קיין סוף! די פּאָליציי קאָן זיך קיין עצה נישט געבן אויפצוהאַלטן אַן אָרדנונג—די זשאַנדאַרן אויף די פערד שרייען זיך אויס דאָס האַרץ. מיין דינער פאַרלויפט מיר דעם וועג: אָט איז דער קאָמענדאַנט פון אונזער „טרעין", ער וויל

נישט איבערגענומען מיינע צוויי קופערטן. דער קאָמענדאַנט איז שטאַרק פאַרזאָרגט: הויפּטמאַן פּ. און לייטנאַנט ב. זענען געפאַלן, ער מוז אָפּשיקן דעם באַגאַזש צו זייערע פאַמיליעס, און אַצונד ווייסט ער נישט אפילו, וווּ דער געפעלטס-טרעין געפינט זיך. דאָס איז אַ רמז אויף מיין ביסל זאָרעמקייט: קוים גיב איך עס איבער, וועל איך עס מער קיינמאָל נישט זען. און דאָך לאָז איך ביי אים איין קופערט, און דעם צווייטן טראָגט מיין דינער: מיר גייען זוכן אַ פּלאַץ, וווּ אים איבערצולאָזן. אפשר וועל איך אים פאָרט אַמאָל אָפּנעמען,—אָדער וועט מען אים כאָטש איבערשיקן צו מיינע עלטערן...

איך דערמאָן זיך, אַז אין פּשעמישל זיצט דער באַקאַנטער ציוניסט, הרב גדליה ש. צו וועמען דען זאָל איך גיין, אויב נישט צום רבֿ? צי איז ער אָבער געבליבן אין שטאָט אין אַזעלכע אומרויִקע צייטן?

דער ערשטער יונגערמאַן, ביי וועלכן איך פרעג אָן, פירט מיך צו ביזן טויער: איך קלינג אָן.

—איז דער רבֿ אין דער היים?—פרעג איך דעם אַ ביסל פאַרוווּנדערטן, עלטערן בחור, וועלכער עפנט די טיר.

—ביטע זייער—מאַכט ער מיר פּלאַץ מיט שטאַרק דרך ארץ—איך בין דעם רבס זון,

—אויב אַזוי, קאָן איך אפשר ביי אייך אַליין דאָס בעטן.

איך זאָג אים מיין בקשה. זיין דרך ארץ פאַרשווינדט באַלד, ווי ער הערט נאָר מיינע ערשטע ווערטער אויף יידיש. בכלל קומט אים פאָר די גאַנצע זאַך אַ ביסל פאַרדעכטיק: אַן אָפיציר רעדט יידיש—, וויל איבערלאָזן זאַכן— —

—אפשר האָט איר מורא?—וויל איך שוין זיך אָפּגעזעגענען.

—ניין—שטאַמלט ער—אָבער איר ווייסט... אין אַזעלכע צייטן... עס איז פאַרבאָטן...

—נישט פאַרהאַנען ביי מיר קיין שום פאַרדעכטיקע זאַכן—עפן איך פאַר אים דעם קופערט.

—און וואָס זענען דאָס פאַר פּאַפּירן?—ווייזט ער אָן אויף מיינע מאַנוסקריפּטן.

דער יונגערער ברודער (אַ מינכנער מעדיצינער) נעמט בײַ אים אַוועק דאָס קופּערטל, קענטיק שוין אויפגערעגט איבער זײַנע פראַגן.

—זאָל מען עס אײַך נאָכשיקן?—פרעגט ער פרײַנטלעך.

—ניין, ערשט ווען איך וועל שרײַבן וועגן דעם. זאָל איך אָבער פאַלן...

—איר וועט בשלום אַהיימקומען—לאָזט ער מיך נישט אויסרעדן.

—יאָ, יאָ,—שמייכל איך—די ברכה פון אַ רבס אַ זון איז אוודאי זייער חשוב, מען קאָן אָבער פאָרט נישט וויסן... איז, אויב לעמבערג וועט זײַן פרײַ, שיקט עס אָפּ צו מײַנע עלטערן.

איך פאַרשרײַב אים דעם אַדרעס. דערזען מײַן נאָמען, לאָזט ער מיך שוין נישט אַוועק, און איך מוז אַרײַנגיין באַזוכן דעם רב.

אויפן ערשטן בליק דערקענט מען דעם אײראָפּעאישן ייד: ער איז גאַנץ פאַרקאָכט אין די פּאָליטישע געשעענישן און וויל וויסן יעדע איינצלהייט. איך דערמאָן דעם גוטן אײַנדרוק, וועלכן ער האָט געמאַכט בשעת זײַן קאַנדידאַטור אין גאַליציע. זײַנע אויגן הייבן אָן פינקלען,—ער איז שטאָלץ אויף זײַן פּאָליטישער „קאַריערע". ער איז מיך מכבד מיט געשמאַקע, געלע ציגאַרן. איך באַוווּנדער די קוואַליטעט.

—אַ קרוב—שמייכלט ער—האָט אַליין אַ טראַפיק, האָט ער באַך באַהאַלטן פון די אַמאָליקע, גוטע צײַטן...

—און איר האָט גאָרנישט געפּרוווט אַרויספאָרן, רבי?

—די פעסטונג-קאָמאַנדע האָט געגעבן אָנצוהערן, מען זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. איך בין אָבער פאַרבליבן. זאָל מען נישט זאָגן, אַז די יידישע ראַבינערס שרעקן זיך מער, ווי די גוישע „זעל-זאָרגערס". און צוריקגעשמועסט—ענדיקט ער—ווו דען איז מײַן פּלאַץ, אויב נישט דאָרט, ווו מײַן קהילה געפינט זיך?

—איך פיל, אַז זײַן שטילער פּאַטאָס איז נישט קיין גע-מאַכטער: דער פרומער רב און דער שטאָלצער ייד איז פאַר-

בליבן צוזאַמען מיט זיינע באַדרענגטע ברידער-אויף לייד און נריל, אויף נויט און טרייסט.

עס איז צייט צו גיין. איך געזעגן זיך, און דער רב גיט מיר זיין ברכה. די רביצין, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און נאָר געשמייכלט מיט אירע יונגע אויגן, שטעלט זיך אויף און, אָנגעשפּאַרט אָן דעם שרייבטיש, מאַכט זי אַ שפּילע באַמערקונג:

—דאָס ערשטע מאָל הער איך אַן אָפּיציר רעדן יידיש.

מיר לאַכן אַלע: די רביצין, דער רב, די קינדער און איך אַמייסטן: גאָר אַ ווײַלע שעה פאַרבראַכט!

דעם רבס יונגערער זון פירט מיך, מיר אויסווייזן די שטאָט. כמעט גאָר קיין שאָדן נישט געווען פון דעם גאַנצן רוסישן באָמבאַרדירן. נאָר אין איין הויז האָבן צוויי גראַנאַטן אַוועקגעריסן דעם ווינקל ביים דאַך. מער געליטן האָט שוין דער מיליטערישער מאַגאַזין-קאָמפּלעקס: געוויסע טיילן זענען כמעט חורבות. עס האָט, ווייזט אויס, זיך באַצאָלט די רוסישע שפּיאָנאַזש-אַרבעט—זיי האָבן אכּנים געהאַט גענויע פּלענער פון דער פעסטונג. און כאָטש אין שטאָט האָבן זיי פאַרהעלטניסמעסיק „גאָרנישט אויפגעטון״,—איז אָבער דער בית-עולם אויפן באַרימטן „טאָטערן-בערגל״ אויסגעוואַקסן אין זיין לענג און ברייט—: עס זענען צוגעקומען הונדערטער פרישע קברים פון געפאַלענע, אָדער פון כאָליערע געשטאָרבענע סאָלדאַטן...

דעם רבס זון איילט זיך צו מעריב אין פאָטערס בית-מדרש,—גיי איך צוריק דורך די אַ ביסל טרויריק געוואָרענע גאַסן, אויף וועלכע די גאַז-לאָמפּן זענען עפּיס אַזוי ווי איינגעצויגן ביז גאָר.

אין די שענקען קריגט מען נאָך אַ גאַנץ פיין געבראָטנס, אפילו אַ „געשפּריצטן״ צו פאַרטרינקען,—אָבער יידן קלאָגן זיך נאָך אַלץ אויף די שלעכטע געשעפטן און אויפן פעסטונג-קאָמענדאַנט, וועלכער גיט אַוועק אַלע ליפערונגען צו די גוים. שנעל כאַפּ איך אָפּ דאָס אָוונט-ברויט—מיך ציט אַלץ צו יענער זייט, פון וואַנען עס הערן זיך נאָך גאָר שטאַרק די קאַנאָנען.

מיטן ברייטן וועג ציען נאָך אַלץ צו דער פּאָזיציע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, און זיי אַקעגן קומען אָן פאַרבלאָטיקטע, צעבלוטיקטע קאַליקעס,—טרויעריק, אָבער שטיל, אָן אַ וואָרט, גלייך „אַהין דאָרט" וואָלטן מענטשן געגאַנגען טאַקע נאָר צוליב די וווּנדן... שוין, זיי האָבן שוין „זייערס" אָפּגעטון...

אַ יונג ווייבל (און אפשר איז עס אַן עלטער בלאַס מיידל) פאַרטיילט אַ יעדן פאַרווונדטן הייסע טיי פון אַ קאָלנדיקן סאַמאָוואַר, און דווקא מיט שטיקלעך צוקער. זי האָט אָפּגעשפּאָרט נאָך פון די „זאַטע" טעג. קיין געלט וויל זי נישט נעמען.

—איר באַצאָלט אונז גענוג מיט אייער בלוט—טענהט זי צו מיר און זיפצט מיט דעם אמתן יידישן זיפץ.

נעבן אַ טונקעלער, האָלצערנער בודקע ווערט אַ צאַנקערייַ צווישן אַ סאָלדאַט און דער אויסגעמוטשעטער יידענע, וועלכע האַלט צום פאַרקויפן עטלעכע מאָגערע עפּל מיט צוויי טוץ האַרטע ציבעלע-פּלעצלעך.

—צען גרייצער האָב איך געגעבן!—שרייט דער סאָלדאַט.

—נאָר פינף—טענהט די יידענע.

איך קען מיינע סאָלדאַטן... אָבער אפשר איז פאָרט געווען אַ טעות אין דער פינסטער?

איך קער אום דער יידענע די עטלעכע גראָשן, און דער סאָלדאַט גייט אַוועק אַ צופרידענער.

—וואָלט איך זיך געשטעלט וועגן די פּאָר גראָשן?—וויינט דאָס ווייבל—אַז איך בין אָבער אַליין געבליבן מיט קליינע עופעלעך. דעם מאַן האָט מען מיר אַוועקגענומען אין מלחמה— —איך האָב געהאָפט: אונזערע וועלן אַריין, וועל איך אים זען...

—איר וועט אים אם ירצה השם זען—פאַרזיכער איך זי, הייס איר איינפּאַקן עטלעכע פּלעצלעך און לאָז איר איבער אַ צען קרוינענשטיק.

—חנה קרוין, לויף שנעל אויסבייטן—גיט זי דאָס צענערל איר מיידל.

—אַ גוטע נאַכט, מומע. איך וועל שוין מאָרגן נעמען רעשט—גיי איך אַוועק.

—אָבער...—בלייבט די יידענע אַ צעטומלטע.

אין דער נאַכט האָט זיך איר זיכער געחלומט „אליהו הנביא".

אין אַ זייטנ-געסל באַמערק איך אַ קינאָ. שוין לאַנג קיין פאָרשטעלונג נישט געזען. „זאָל איך נאָך פאַרן טויט זיצן אין קינאָ!", פאַלט מיר איין,—און מיינע געהירן צעלאַכן זיך ביי אָט דעם נאַרישן געדאַנק.

איך גיי אַריין. מען ווייזט עפּעס אַ וואַסערדיקע ליבעס-דראַמע מיט נאַרישע „קריגס-אויפנאַמען". מען דערקענט די צו-געקלעפּטע וואָנטשעס אויף די „זעלנערישע" פּנימער פון די סטאַ-טיסטן. עס גייט מיר נישט אין קאָפּ אַריין און איך גיי אַרויס אין מיטן דער פאָרשטעלונג.

די גאַסן זענען שוין כמעט ליידיק, נאָר אויפן הויפּט-מאַרק ציִען נאָך פאַרביי מיליטער און טרעין. די איינוווינער האָבן אַזוי ווי געררימט דעם פּלאַץ, זיך באַהאַלטן אין די היי-זער, און אַזוי אַרום געלאָזט דעם מיליטער „פרייע האַנט"—זאָל זיי לייכטער זיין זיך צו באַוועגן...

מען פירט פאַרביי אַ גרויסן טראַנספּאָרט געפאַנגענע. צו פיר אין אַ שורה גייען זיי, גאָר נישט שלעכט אָנגעטון—אָנגע-געסענע, ווייזט אויס. כמעט אויף יעדנס פּנים אַ שטילע פרייד. דען—ווער באַנעמט דאָס געפיל, וואָס טאַנצט אין אַ האַרץ נאָך וואָכן-לאַנגע סכנות און מינוטנ-ציילנדיקן טויט-שרעק— —ווען ענדלעך קאָן דאָס באַפרייטע אויג אַרויסשרייען: איך בין ניצול געוואָרן— —?... אין יעדנס שמייכל—אַ שטום געזאַנג, אין יעדנס בליק—דער גרויסער הפקר-ניצחון: איך הער די וועלט ווי דעם קאָטער—איך וועל לעבן!..

אַ טייל לויפט כאַפּן די ציגאַרעטלעך, וואָס פאַרבייגייער שענקען זיי. דער אונגאַרישער וואַך-סאָלדאַט גיט זיי דאַן אַ שלעפּ פאַרן אַרבל און ווידער אַ דריי אַריין אין דער „דאָפּל-ריי", אויסגיסנדיק דאַביי אַ גאַנצן ים אמתע, אונגאַרישע קללות, אָבער אויך דאָס קאָן ביי זיי נישט אָוועקרויבן דעם פאַרעקשנטן

צופרידענעם שמייכל, וועלכער שרייט און זינגט: איך הער די גאַנצע וועלט... איך וועל לעבן! איך וועל לעבן!

פון אַ זייטיקן „ווערק“ פירט מען אַרויס צוויי גרויסע, שווערע קאַנאָנען. עס באַגלייטן זיי שווייגנדיקע סאָלדאַטן, פול זאָרג און מרה-שחורה. זיי גייען צו דער פּאָזיציע... הינטער עטלעכע פורן, צו צוויי שוואַרצע טרומנעס אויף יעדער פור, גייען זעלנער מיט לאָפּעטעס—עס איז דער גלייכער וועג צום צווינטער...

נישט ווייט פון מיין טויער שטייט אַ מיידל איינגעוויקלט אין אַ שאַל און ווינקט פאַרשעמט מיט אירע צוויי שוואַרצע, אויסגעלאָשענע אויגן...

איך גיי אַרויף שלאָפן. און, אין דעם ווייכן בעט מיט די ווייסע קישעלעך, דרייט זיך פאַר מיינע אָפענע אויגן דאָס גאַנצע פאַבריקל פון אונזער נאַריש, אָרעם וועלטל: קינדער-שולן—ליי-בעס—געיעגן אויף פרנסה—אייזערנע מאַשינען—צעקאַליעטשעטע ביינער—געטרוקנטע טרערן און באַמאָלענע פּאָנעם... און ווידער קינדער און ווידער סאָלדאַטן... און איבער אַלע שוועבט און לויערט מיט ברייטע שוואַרצע פליגלען דער קאָליקער, געלער טויט— —דער אומרחמנותדיקער, אייביקער און פון אַלע אָפּ-שפּעטנדיקער טויט.—

אַ געראַנגל.

גאָר פרי פאַרלאָזן מיר די פעסטונג—מיר גייען אויספירן דעם לעצטן שטויס אַקעגן דעם געגנער פון מזרח-זייט. מיר ווייסן וואָס עס וואַרט אונז: אָדער מיר וועלן פאַריאָגן דעם פיינט פון זיינע שטעלונגען, קאָנען מיר דאַן פרייער אויפאָטעמען, אָדער—פאַרלירן מיר—מוזן מיר צוריק אין די אייגענע פעסטונג-גאַרטלען, און דעמאָלט ווערט פּשעמישל צוריק אַרומגע-

ייגלט. אַ שווערער און אפשר גאָר אַ לאַנגער קאַמף... באַפּאַקט מען די סאָלדאַטן מיט פרישן פּראָוויאַנט און מיט דאָפּלטע פּאָר־ציעס, און מען גייט צו דעם „פראָנט".

באַלד ווי מיר זענען אַריין אין פּ., האָט קאַדעט איי. „אויסגעפינען", אַז ער „זעט שלעכט", און האָט זיך געמאָלדן אין שפּיטאָל. איצט ווידער ווערט „קראַנק" פּענריך ס.: די קאַ־באָנען „וואַרעמען" אַ ביסל די סביבה, דערפילט ער פּלוצים „רעומאַטיזם" און גייט זוכן אַ דאָקטאָר. ס'איז נישט זיכער, צי וועט ער בלייבן אין שפּיטאָל— —אָבער דערווייל קאָן מען פּאַטש זיך אַרויסדרייען פון איין געפּעכט...

אין אונזער אַרטילעריע־שטעלונג זעט מען, דאַכט זיך, נאָר איין „באַטעריע". זי שיסט אויס רעגלמעסיק, כמעט יעדע מינוט, אירע דריי קוילן. נאָך יעדן בליץ און דונער גיבן די קאַנאָנירן זיך אַ וואָרף צו דר'ערד, דער קאַנאָן טוט אַ שפּרונג הינטערווייליכץ און קערט באַלד אַליין צוריק אויף דעמזעלבן פּלאַץ. דערנאָך: אַ דריי—אַ קוק—אַ שרויף— —און ווידער די־זעלבע סצענע. אויף אַ פופציק ביז אַכציק שריט רעכטס פאָרנט העפינען זיך נאָכגעמאַכטע קאַנאָנען פון ברעטער און בלעך. דאָס זענען „שיינ־באַטעריעס",—אַ בלענדעניש פאַר דעם שונא, ער זאָל שלעכט צילן. די באַטעריע שטייט הינטער קליינע בערג־לעך, זעט אייגנטלעך גאָרנישט, און שיסט, דאַכט זיך, גלאַט ערגעץ אין דער וועלט אַריין,—אָבער דער קאָמענדאַנט, וועלכער זיצט אָן אַ זייט אין טיפן גרוב, גיט גענויע און זיכערע באַ־פעלן, דען דער טעלעפאָן, וואָס ציט זיך פון זיין אויער ערגעץ אין אַ ווייטער אומבאַקאַנטער ריכטונג, איז צוגלייך זיין אויג און זיין מאַפּע. יעדער שאָס איז אויסגערעכנט און יעדער דריי ביים קאַנאָן דיריגירט די קויל אַלץ נעענטער צום שונאס האַרץ...

די אַנדערע באַטעריעס זעט מען נישט: זיי זענען קונציק אַריינגעמויערט אין די שאַנצן און פאַרמאַסקירט מיט גראָז און ביימלעך, אָבער דאָס יעדעסמאָליקע אויפבליצן און די רויך־וואָלקנדלעך פון פאַרשידענע זייטן זאָגן אונז, אַז מיר זענען „נישט אַליין"—: מיר גייען אַריבער די קליינע בערגלעך, און

איבער אונזערע קעפּ טראָגט זיך אַ מעכטיק „זשומען“ און אַ קריציק „פּייפן“—דאָס פליען אונזערע לויפערס, די קוילן—אָנזאָגן אונזער בייז אָנקומען.

די סיטואַציע ווערט אַ ביסל שווער. באַלד ווי מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון די בערגלעך, הערן מיר שיסן „סאַלוון“,—און שוין זענען אונז די רוסן מכבד מיט אַ פּאָרציע שראַפּנעלן. די גוט באַקענטע וואָלקנדלעך נעמען שוועבן איבערן הימל, מיר הערן געננוי זייער פּלאַצן אין דער לופטן,—אָבער קיין פאַרלוסטן האָבן מיר נאָך דערוויילּ נישט. נאָר די צווייגן פון די נאָנטע ביימער קנאַקן און ברעכן זיך,—און מיר קאָנען זיין זיכער, אַז באַלד וועט דערזעלבער רעגן פון אייזערנע קיילעכלעך זיך אַ לאָז טון איבער אונזערע קעפּ. מיר מוזן אַריין אין וואַלד. די שראַפּנעלן פּלאַצן טאַקע ווייטער, ווידער קנאַקן די טרוקענע צווייגן, אָבער דאָסמאָל שוין גאָר ווייט, הינטער אונז—: מיר זענען אַרויס פון דער פייער-סביבה און ווערן פאַרשווונדן דעם פיינט פון פאַר די אויגן—מיר קאָנען „רויק“ גיין ווייטער.

עס דערגענטערט זיך דער זוים פון וואַלד. דאָרט פּאָרנט קנאַקט שוין אונזער „שוואַרם-ליניע“ דאָס טויטלעכע ליד, בייטנדיק יעדעסמאָל דעם ריטם און טאָן: באַלד לאַנגזאַמער און שטילער, כמעט אַ שאָס נאָך אַ שאָס, און באַלד ווידער שנעל און געדיכט, מיט אַ בייז, הויך קול,—די מאַשין-געווערן קלאַפּן העכער מיט גרילצנדיקע טענער,—און אַלץ צוזאַמען שלאָגט זיך אָפּ אין וואַלד מיט אַ יאָמערלעך ווידערקול, גלייך אייביקע אָרקאַנען און טייוולעשע מחנות וואָלטן דאָרט אַרומטאַנצן פון וואָרצל צו שפּיצן און פון צווייג צו צווייג און וואָלטן צעטראָגן אַ ווייטע יללה אויף פאַרלוירענע וועלטן און קאָכעדיקע ימים...

באַלד אפּנים וועלן אויך מיר אַריין אין דעם קעסל. עס יאָגט אָן דער אַדיוטאַנט אויפן פאַרסאַפּעטן פערד:

—פאַרשטאַרקן די „אומפּאַסונגס-גרופּע“ אויף דעם פיינטלעכן לינקן פליגל, דאָרט רעכטס, אויסער דעם וואַלד!

דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט באַשטימט אַ דריטל פון אונז

מלס רעזערווע. מיר פאַרקערעווען אויף רעכטס, צעציען זיך אין דער לענג, צוערשט צו צווײ, דערנאָך צו אײנציקע, כּדי אַזוי אַרום אויפן קורצסטן וועג צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון אונזער ליניע. אַ ברייטע לאָנקע טיילט דעם וואַלד אויף צוויי העלפטן, און אויף דעם פּלאַץ פאַלן קוילן ווי געדיכטער מאָן. אַ צענדליק פאַרוואונדעטע קריכט שוין אויף אַלע פיר, עטלעכע ליגן שוין מיט אויסגעשטרעקטע הענט און שלאָפן דעם אייביקן שלאָף. אונזער ליניע בלייבט שטיין. און דאַן וואַגט זיך יעדעס מאָל אַן אַנדערער: טוט זיך אַ לאָז לויפן, געטראָגן פון ווילדן שרעק, ביז ער דערגרייכט דעם צווייטן עק וואַלד און פאַלט אַ פאַרסאַפּעטער, אַ פאַרדושעטער אויף דעם פייכטן, קילן גראָז.

—מאַטקאָ באָסקאָ!—האַלט אײנער דאָס דורכגעשאָסענע היטל און האַנט—די קויל האָט עס מיר אַראָפּגעריסן פון קאָפּ און איך בין געבליבן גאַנץ! איז עס נישט אַ נס?

דער סאָלדאַט צלמט זיך און האָט טרערן אין די אויגן.

—בויג זיך אָן, וועסט דערשאָסן ווערן!—שרייט צו אים דער לייטנאַנט, וועלכער קניט נישט ווייט הינטער אַ דיקן בוים.

דער סאָלדאַט טוט זיך אַ בויג, און פּלוצים—:

—מאַטקאָ באָס...

אַ שווערער זיפץ—און ער לייגט זיך שטיל אַנידער.

ער האָט נישט פאַרענדיקט: אַ קויל האָט אים געטראָפן פונקט אין האַרץ...

מיר זענען אַריבער.

אַצונד גייען מיר מיט דעם פראָנט אויף לינקס, און אין אַ ברייטער, שיטערער ליניע דערנענטערן מיר זיך פאָרזיכטיק צום זוים פון וואַלד.

—פייער אײנשטעלן! פאָרווערטס!—צעלאָזט זיך מיט איין מאָל אונזער גאַנצע קאַמפּ-ליניע.

לויפנדיק, רייסן מיר מיט די פאָדערשטע ליניע און גרייטן זיך צום „שטורם". מיר זענען שוין אפשר אַ פיר הונדערט שריט פאַרן פיינט. אָבער אַ טייוולעש פייער שפּרינגט אונז אַקעגן. די קוילן סווישטשען אַרום די אויערן ווי צעיוושעטע,

גיפטיקע פליגן, און כאַטש מען קאָן נישט ציילן די געפאַלענע, ווייסן מיר, אַז אונזערע פאַרלוסטן זענען זייער גרויס. עס צע-לאָזן זיך די רוסישע מאַשינ-געווערן: פויל, אָבער נאָך גענוג שאַרף, אונז אויפצוהאַלטן,—ביז אונזער גאַנצע ליניע פאַלט אויף די פנימער: עס הייבט זיך אָן די נערוועזע אַרבעט פון שיסן און איינגראָבן זיך.

—נישט בעסער צו ליגן אין אַ ווייך, ווינער בעט?—וויצלט זיך לייטנאַנט פאָן ה., וועלכער ליגט דאַנעבן שוין גאַנץ טיף איינגעגראָבן—איך וועל זיי אָבער ווייזן, די חזירים!

ער כאַפּט די ביקס פון אַן אינפאַנטעריסט, הייבט אויף דעם קאָפּ, צילט—און שיסט אויס. אין זעלבן מאָמענט באַווייזט זיך אַ שנורל בלוט אויף זיין שטערן! דאָס געווער פאַלט אַרויס פון זיין האַנט, און ער קאַטשעט זיך אַריין צוריק אין גרוב.

—לייטנאַנט פאָן ה. איז געפאַלן—מעלדט דער פעלדוועבל.

—טויט?

—טויט.

—ער האָט אונז נאָך נישט אָפּגעגעבן דאָס רייזע-געלט—וואָרטשעט אומצופרידן אַן אָפיציר, וועלכער ליגט טיף איינגע-גראָבן, מיטן פנים צו דער ערד.—

אונזער אַרטילעריע באַשיסט שטאַרק די רוסישע שטעלונ-גען. דאָס גיט צו קוראַזש, ווערט אויך אונזער געווער-פייער שטאַרקער, און דאָס רוסישע וואָסאַמאָל שוואַכער.

—„פייער-איבערלעגענהייט"!—קאָמאַנדעוועט אונזער באַטאַ-ליאָן-קאָמענדאַנט.

מיר „אַרבעטן" זיך צו גענטער צום פיינט. אונזער אַרטי-לעריע מוז אויפהערן שיסן, דען זי קאָן שוין טרעפן די איי-גענע טרופּן— —עס קומט די צייט פון „שטורם"! נאָר דאָס וואַסערל פאַר אונז האַלט אויף דאָס טעמפּאָ. דאָס איינציקע האָלצערן בריקל פליט אין דער לופטן. דרייסט שפּרינגען אַריין די אָפּטיילונגען אין דער קאַלאַמוטנע באַיורע, דען דער צווי-טער ברעג איז הויך און שיצט אויסגעצייכנט פאַר דעם פיינט-לעכן פייער. אָבער ווי שווער איז ביי זיי צו פועלן, זיי זאָלן

אַרויף אויף דעם צווייטן ברעג! הויפטמאַן ס. לויפט אַר'ום ווי אַ ווילדער, צעקאַליטשעט מיטן זעבל די אייגענע זעלנער, טרייבנדיק זיי פונם וואַסער אויפן הויכן ברעג. נאָר פלוצים גיט ער זיך אַ כאַפ פאַרן קאָפ און פאַלט הינטערווייַלעכץ אין וואַסער אַריין: זיין רעכט אויג איז גאַנץ אויסגערינען,—די קויל איז געבליבן שטעקן אין די געהירן.

—פון אַן אייגענעם—ווינקט צווידייטיק אונזער פעלד-וועבל—מען האָט אים פיינט געהאַט...

—שטורם!—קומט פלוצים אַ באַפעל.

מיר שטייען אויפן צווייטן ברעג,—און אַ מאַסע קוילן שפריצט אונז גלייך אין פנים אַריין! מיר האָבן זיך גאָרנישט געריכט צו זיין אַזוי נאָנט פנים אל פנים מיטן פיינט.

—שטורם! הוראַ!

—הוראַ!!—רייסט זיך אַרויס אַ מעכטיק געשריי פון טויזנטער ברוסטן,—און די טראָמפייטערס הייבן אָן בלאָזן אין פאַרשידענע לאַגעס דאָס באַקענטע, העלדיש-יונגע, אומ-רחמנותדיקע „טאַ-טאַטאַ! טאַ-טאַטאַ!"—צום שטורם!

עס איז געוואָרן טונקל. די רוסן לויפן צוריק, מיר פאַר-פאָלגן זיי מיט פייער, ביז זיי פאַרשווינדן ערגעץ אין דער ווייטער פינסטערניש. עס דערהערן זיך ווייטע עקספּלאָזיעס,—דאָס פאַרניכטן זיי די בריקן אויף דעם צווייטן טייכל. מיר אָטעמען לייכטער.

דער באַפעל איז: נישט ווייטער גיין,—אונזער גאַנצע גרו-פע בלייבט אַלס רעזערווע אויפן פלאַץ. שטעלן מיר אויס פעלד-וואַכן, פאָרמירן די אָפּטיילונגען און מיר גייען אַריין אין נאָענטן וואַלד אויף נאַכטלעגער.

עס פאָרן אָן אונזערע פעלדקיכן, פייערלעך צעצינדן זיך ווי גאָלדווערמלעך, און „צוג-וויינז" גייען מיר אויף וועטשערע.

קיין שום געבראָטנס האָט נאָך אין לעבן אַזוי נישט גע-שמעקט, ווי די פראָסטע, זעלנערישע גולאַש-זופ אין דער טונ-קעלער, דושנער וואַלד-נאַכט.

בײַ העכערע קאָמאַנדעס.

ערשט אין דער פֿרײַ זעט מען, וויפֿיל עס האָט אונז גע-קאָסט דער נעכטיקער ניצחון. מיר האָבן געוואַלדיקע פֿאַרלוסטן. אָבער די אמתע צאָל פֿון די געפֿאַלענע בלײַבט שטעקן בײַ די „העכערע קאָמאַנדעס" — אַזעלכע „סודות" וועט די געשיכטע קיינמאָל נישט געוואָר ווערן... פֿון באַקענטע אָפֿיצירן זענען געפֿאַלן אינגאַנצן דרײַ, און צוויי זענען גלאַט פֿאַרלוירן געגאַנ-גען, אָדער זיי זענען געפֿאַנגען, אָדער טויט. עטלעכע זענען אַוועק אין שפּיטאָל, צווישן זיי זעקס פֿאַרוווּנדעטע.

די אַרמיי-קאָמאַנדע זעט אײַן, אַז מיר זענען דערווײַל צו שוואַך פֿאַר אַ צווייטן קאַמף און באַשטימט אונז אַלס אַרמיי-רעזערווע. אונזער ליניע האָט אפּנים אין דער נאַכט זיך פֿאַר-גערוקט מיט אַ היפּש שטיק וועגס, דען מיר מאַרשירן שוין אַ לאַנגע צײַט און זענען נאָך אַלץ נישט אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ. בײַ דער באַן-שטרעקע, וועלכע ליגט נאָך אין פֿרישן שאָטער ווי אַן ערשט אָפּערירטער קראַנקער אין די קלאָרע באַנדאַזשן, באַגעגנען מיר ווידער אַ היפּשן טראַנספּאָרט געפֿאַנגענע רוסן. די בלאָטע פֿון די אָקאָפּעס ליגט נאָך אויף זייערע קליידער. אונזערע סאָלדאַטן ווערן שטאָלץ, שפּאָטן ניבע פֿון די געפֿאַנ-גענע,—אָבער זיי שענקען זיי אַוועק ברויט, פּאַפּיראָסן, קאָנ-סערוון—וואָס נאָר איינער פֿאַרמאָגט. בײַם וואַסער, אויף וועלכן די רוסן האָבן אַזוי פֿלײַסיק צעשטערט די בריקן, ווערט איצט צוגעגרייט אַ נײַע, פֿאַרגרעסערטע בריק. דערווײַל האָט מען געמאַכט אָן דער זײַט אַ פּראָוויזאָרישן איבערגאַנג, אָבער די פֿריש צוגעקומענע אַרטילעריע מוז וואַרטן—דאָס הילצערנע בריקל איז צו שוואַך פֿאַר אַזעלכע משאות.

אויפֿן אַנדערן ברעג, נישט ווײַט פֿון דער בריק, שטייט אַ דיקער, שוואַרצער סלופּ, און אויף אים אַ גרויסע, גרויזאַמע אויפֿשריפֿט אין די דרײַ לאַנד-שפּראַכן: „שפּיאָן". דאָ איז ער

געהאָנגען אַ גאַנצן טאָג, כדי אַ יעדער זאָל קאָנען זען זיי־ שאַנד און שטראָף. ערשט איצט האָט מען אונטערן סלופּ אויס־ געגראָבן אַ לאָך און אים אַהין אַריינגעוואָרפן.

פאַרנאַכט שטייען מיר ביים קאָרפּס־קאָמאַנדאָ. מען ווייזט אונדז אָן אַ פּלאַץ, וווּ איינקוואַרטירן די מאַנשאַפט. יונגע אַרטי־ לעריסטן גייען צוריק פון דער פּאָזיציע, פייפנדיק עפּעס אַ טשעכיש־דייטש לידל. אַנדערע האָבן פאַרנומען וייער פּלאַץ אויף דער פּאָזיציע. זיי בייטן זיך אַזוי יעדע צוועלף שעה.

—ווי שטייט עס פאָרנט?—פרעגט מען נאָך ביי זיי.

—מען שיסט.

—גייט מען פאָרווערטס?

—אַ ביסל.

—אַ סך פאַרלוסטן היינט?

—אפילו קיין איין פאַרווונדעטער נישט געווען.

זיי איילן זיך אוודאי צו דער הייסער זופּ, וואָס וואַרט אויף זיי אין דאָרף.

נישט ווייט שיסן קאַנאָנען אויסגערעכנט און פּאַוואָליע. וואָס טונקעלער עס ווערט, אַלץ רויטער, פייערדיקער ווערט זייער בליצן, גלייך זיי וואָלטן יעדעסמאָל טיפער און בייזער געעפנט די צערייצטע העלזער, וועלכע שפּייען מיט פייער און פונקען ווי די פייערנאָטערס אין די אַלטע מעשיות. און ביי יעדן שאָס דרינזשעט די לופט, אין די אויערן הייבט אָן קלינ־ גען ווי פון אייזערנע האַמערס—די ווייניקער נערוון־שטאַרקע ציטערן מיטן גאַנצן לייב. מיר זיצן אין פייכטן גראָז און באַ־ טראַכטן די לאַנגזאַמע, פאַרניכטנדיקע אַרבעט, וועלכע ווערט מיט אַמאָל אַ סך נערוועזער און שנעלער: דאָרט פאָרנט האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן, דען עס יאָגן אָן רייטערס אויף פאַר־ בלאָטיקטע פערד, ברענגען מעלדונגען, גאַלאָפּירן צוריק,—ביז דער גאַנצער „שטאַב” מיט די דינערשאַפטן שפּרינגען אַרויף אויף די גרייט־געזאָטלטע פערד און רייטן צוריק מיט דער קאַלטבלוטיקייט פון שפּילער, וואָס האַלטן זייער קאָן פאַר פאַר־ לוירן.

פון דעם שמאָלן פעלד-וועג הייבן אָן זיך אַרויסשיטן איינציקע זעלנער און גאַנצע אָפּטיילונגען, וועלכע וואָלטן לויפן אין פּאַניק, ווען נישט דער געמאַכטער קוראַזש: „וואָס אַנטלויפסטו? עס איז גאָרנישט".—נאָר די פּילע פאַרוווּנדעטע פרעגן שוין נישט ביי קיינעם—זיי גייען אפּאַטיש זייער גלייכן וועג אין דער פינסטערער נאַכט אַריין...

—מיין קאָפּ!...—אויקעט אַ „איין-יעריקער".

—פאַרוווּנדעט?

—נאָר אַ פינגער אָפּגעשאָסן. אָבער מיין קאָפּ... מיט די קאָלבעס איבערן קאָפּ האָבן זיי געשלאָגן...

צעמישט לויפט ער ווייטער.

איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב אים נישט דערלאַנגט מיין ביסל שנאַפּס פון דער פעלד-פלאַש. זיין קרעכצן האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָנשטעל—און אפשר פון שיגעון...

עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער קאָרפּס-קאָמענדאַנט מיטן שטאַב זענען אומזיסט אַנטלאָפן. די סיטואַציע אויפן פראָנט האָט אפנים פלוצים זיך געבעסערט, דען די אַרטילעריע שיסט שוין פיל לאַנגזאַמער. דאָס געווער-פייער ווערט שוואַכער, און פון דעם וועג, מיט וועלכן אונזערע זענען ערשט אַנטלאָפן, פירט מען אַצונד אַרויס גאַנצע טראַנספּאָרטן געפאַנגענע רוסן. באַלד באַווייזן זיך אויך פון צווישן דער פינסטערניש פאַרשידענע אָפּטיילונגען, וועלכע גייען זוכן זייערע קיכן. קיין וועג זעט מען נישט, גייט איינער בלינד נאָכן אַנדערן. ביים שייד-וועג ווערט אַ געדרענג—די קאָלאָנעס מישן זיך אויס: אַ זעלנער פון איין רעגימענט גייט פונקט נאָך דער קאָלאָנע פונם צווייטן רעגימענט, און אַזוי אַרום ווערט אַן אמתע „פאַרבּרידערונג".

—לאָז גיין!—גיט איינער דעם צווייטן אַ שטויס מיט דער האַנט.

—האַלט דאָס מויל, כאָם, איך דערשיס דיך!

ביידע כאַפּן זיך פאַר די רעוואָלווערס.

—וואָס איז?—מישט זיך אַריין אַ דריטער און גיט אַ בליק מיטן עלעקטרישן לעמפל.

—אַנטשולדיקט! — פֿאַרנייגן זיך בײדע צעקריגטע אויף אַמאָל.

זיי האָבן זיך דערקענט: בײדע זענען אָפֿיצירן. צעשמײכלט מען זיך, מען גיט זיך די הענט, און יעדער גייט זיין וועג.

עס ווערט קיל. מיר גייען אַריין אין די פֿריי געוואָרענע קוואַרטירן פֿון שטאַב און שטרעקן זיך אויס אויף דעם פֿרישן שטרוי. די דאָרטיקע אַרטילעריע־אָפֿיצירן פֿרייען זיך שטאַרק מיט אונזערע קלײנע, דיקע שטיקלעך פּאַפּיראָסן—שוין אפשר אַ וואָך צייט קיין ציגאַרעטל נישט געהאַט.

ביים שיין פֿון אַ חלבן ליכטל דערציילט מען זיך געשע־ענישן פֿון דער פּאָזיציע. די אַריסטאָקראַטישע אַרטילעריע־אָפֿי־צירן קוקן דורך זייער וועש— —זייט וואָכן קיין העמד נישט געביטן...

אַרום מיטערנאַכט רופֿט מען מיך מיט נאָך עטלעכע אָפֿי־צירן צום דיוויזיאָנער. אָבער צו וואָס הייסט מען אונז מיטנע־מען אונזער באַגאַזש?

דער וועג איז פֿינסטער און אומבאַקענט. גייען מיר נאָך דעם שליח, וועלכער פֿירט אונז.

אין אַ נישט גרויסן, נאַסלעכן הויף פֿון אַ שיין, געמויערט שטיבל מיט אַ פֿאָדערהייזל (אוודאי דעם גלחס דירה, אָדער די דאָרפֿישע שולע) זעט מען דורך די באַלויכטענע פֿענסטער פֿיל שטאַב־אָפֿיצירן, געבויגן איבער מאַפּעס און פּאַפּירן. ענג צונויפֿ־מענגעדריקטע, מעסטן אונטעראָפֿיצירן מיט צירקלען און ווירעס, און צייכענען „סקיצן" פֿאַר די פֿאָרמאַציעס. מיר זענען אין די־וויזיע־שטאַב. עס באַווייזט זיך דער אַדיוטאַנט, און באַלד שטייט פֿאַר אונז „זיינע עקסצעלענץ", פֿעלדמאַרשאַל־לייטנאַנט ס., דער דיוויזיאָנער. דער אַדיוטאַנט שטעלט אונז פֿאָר. דער דיוויזיאָ־נער נעמט אָן אַ מיליטערישע פּאָזע און ערקלערט אונז, וועגן וואָס ער האָט אונז גערופֿן. ער „נעמט זיך די ערע" אונז איינ־צוטיילן צום „טאַפּפֿערן" רעגימענט נומער 80, ביי וועלכן עס פֿעלן אַ סך אָפֿיצירן.

—איר האָט דאָך אַלע, מיינע הערן, זיך באַטייליקט אין

דער לעצטער „אומפאַסונג-באַוועגונג?—פרעגט ער פלוצים.

—יאָ, עקסצעלענץ—ענטפערט פאַר אונז דער אַדיוטאַנט.

—איז גוט—ענדיקט דער דיוויזיאָנער זיין דרשה—פאַר גאָר א ווילטיקן און שווערן קאַמף שטייט אַצונד דאָס רעגימענט טוט דאָס בעסטע, און איך בין איבערצייגט, אַז גאָט וועט אונז געבן אַ פולן זיג. מיט גליק, מיינע הערן!

ער סאַלוטירט צום צייכן, אַז מיר זענען פּאַרטיק. איין באַוועגונג פון אַלע, דער גלייכצייטיקער קלאַפּ מיט די קנאַפל ביים „סאַלוט” באַווייזט, אַז זיינע קורצע ווערטער האָבן געפונען דעם געוואונשטן אָפּקלאַנג: אויף אַ מינוט באַהערשט אַ געפיל פון שטאָלצן, פליכט-געטרייעם „באַפעלן” און „געהאָרכן”, און איבער-צייגונג, אַז נישט „באַצוואונגער” און „באַצווינגענע”, נאָר פרייע מענטשן פון איין גרויסער פאַמיליע זענען גרייט צו זיגן אָדער שטאַרבן פאַר איין גרויסער זאַך— —פאַר וועלכער זאַך?—ווער ווייסט?—ווער פרעגט אין יענעם מאָמענט?... עס איז די הייליקייט פון דעם פאַפירענעם קעניג אין דער פאַנטאַזיע פון אַ פאַרגאַפט קינד.

איצט דאַרפן מיר זיך מעלדן ביים בריגאַדיער. אַן אולאַנען-וואַכמייסטער גייט פאָרויס און לייכט „פאַרבאָרגן” מיט אַ קליין עלעקטריש לעמפל: דאָ איז געפערלעך צו מאַכן ליכט, קריכן מיר פון איין בלאָטע אין דער אַנדערער.

—האַלט! ווער דאָ?—רופט פלוצים אַ שטימע ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן.

צוגלייך הערן מיר דייטלעך דאָס כאַפּן זיך פאַר דער ביקס. מיר בלייבן שטיין.

—דיוויזיע-אָרדאָנאַנס!—שרייט צוריק דער וואַכמייסטער.

—דיוויזיע-אָרדאָנאַנס פאָר!—ענטפערט די שטימע.

עס איז דער וואַך-פאָסטן. דער וואַכמייסטער גייט צו און זאָגט אים דעם „פעלד-רוף” און „פאַראָלע”.

—„פאָסירן”—זאָגט פלעגמאַטיש דער סאָלדאַט.

די בריגאַדע-קאָמאַנדע געפינט זיך אויף אַ שטאָרצאָם-שטייענדיקן באַרג, צו וועלכן עס פירן באַקוועמע, זאַמדיקע

טרעפּלעך. אָבער וואָס העכער מיר קומען, אַלץ טיפער פאַרלירן זיך די טרעפּלעך אין אַ גאַנצן לאַבירינט פון שיפּע און קווערע, זיגזאַג-און רעדער-אַרטיקע „לויף- און פאַרבינדונג-גריבער",—מיר טרענקען זיך אין אַ שטיינערנעם ים ביז איבערן האַלז. אין דער מיט געפינט זיך אַ גרויסע, טיף אין דער ערד איינגעגראָבענע הייל, געדעקט מיט באַלקנס און מיט דאָפּלטער געצעלט-לייוונט. דורך די שוואַך באַלויכטענע שפּאַרעס זעט מען דעם בריגאַדיר, גענעראַל-מאַיאָר ה.—ער שטייט ביים פעלד-טעלעפאָן.

—נאָר איין מאָמענט צוואַרטן—בעט אונז זיין אַדיוטאַנט.

שוין אַרויפשטייגנדיק אויפן באַרג, האָבן מיר געהערט אַ שאָס נאָך אַ שאָס, וואָס אַמאָל אַלץ מער און שטאַרקער—דאָס פאָרשפּיל צון אַ נייעם קאַמף. אַצונד ערשט האָט דאָס שיסן זיך צעוואַקסן און אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ ווילד קלאַפּן,—אַ געקלאַנג פון אַלטע, שווערע גלעקער. פאַרלאָקט פון דעם שפּיל, קלעטערן מיר אַרויף אויף דעם הויכן ברעג פון די אָקאָ-פּעס טון באַוואונדערן דאָס הערלעכע בילד, וועלכעס וויזט אויס צו זיין גאָרנישט ווייט. אין אַ זיגזאַג פון גאָרנישט רעגלמעסיקע ליניעס בליצן אויף ווייס-בלאָלעכע פלעמלעך, וועלכע צעשטראַלן זיך ליקע-אַרטיק מיט דעם „דנאָי" צום פיינטס פראָנט. און ווערט שטאַרקער דאָס געקלאַפּעריי פון די געווערן, דאַן צע-רויטלען זיך מערער די קורץ-דיקע פלעמלעך און הייבן אָן סיטשען און שפּייען מיט פונקען— —אַ פייערדיקע שלאַנג איז, דאַכט זיך, דאָרט אַריין צווישן ברענענדיקע שפּיזן, און קאָר-טשעט זיך און גוואַלדעוועט אין שיגעון, זיך אַרויסצורייסן פון דער פאַרשאָלטענער קוואַל,—פאַרלירנדיק אין דעם געראַנגל אירע זילבער-בלאָע שטעכנדיקע שופּן.

אויף איניקע ערטער האַלט עס אין איין בליצן, גלייך דאָרט וואָלטן צוזאַמענגעקומען עלעקטרישע שטראָמען און גע-פּרוווט איינער דעם אַנדערן אויסלעשן זיין נשמה—די ווייסע, ברענענדיקע פונקען.

—איר וועט האָבן אַ שווערן פּאָסטן—ווענדט זיך צו אונז דער אַדיוטאַנט—דאָס שטייען דאָרט אין קאַמף איירע „אַכציקער"

דער קאַמף מוז ווירקלעך זיין אַ שווערער, דען דער ליאַרם וואַקסט, שטאַרקט זיך,—די געהירן הייבן אַזש אָן ציטערן אין די אויגן צינדן זיך מיט פייער!

—גייט אַראָפּ, ה׳ פענריך, עס קאָן ווערן געפערלעך— הער איך פּלוצים אַ ווייכע שטימע.

עס איז דער גענעראַל. נישט איך האָב געהערט, ווען ער איז אַרויסגעקומען, און נישט אפילו באַמערקט, ווען מיינע קאַ-מעראַדן זענען צוריק אַריין אין „שיצן-גרוב".

—דאָרט שטייט די גרופּע נ., דאָרט ב., דאָס דיקע קנאַלן דאָרט אין ווינקל איז פון דער גרופּע ס.—ערקלערט דער אַדיו-טאַנט דעם גענעראַל.

—אַצונד וועט נישט מעגלעך זיין צו קומען צו דער פייער-ליניע—זאָגט דער בריגאַדיר—מאָרגן, הער אָבערלייטנאַנט, וועט איר פירן די הערן אויף זייערע פּאָסטנס. דערווייל, מיינע הערן, אויסרוען.

מיר גייען אַראָפּ צום „געפעכט-טרעין".

—קאָן מען עפּעס איבערכאַפּן?—איז די ערשטע פראַגע ביים טרעין-קאָמענדאַנט.

—מיכאַילאָ!—רופט ער דעם קוכער—איז נאָך דאָ עפּעס פאַר די הערן?

—אָט דאָס איז איבערגעבליבן—קלאָגט דער קוכער מיט אַ הייזעריקן קול פון אַ פאַרקילטן הונט.

ער ברענגט אַ פאַן קאַלטע זופּ, וועלכע מיר פאַרצערן גאַנץ גיריק. איצט נעמט מען אַרויסטרייבן פון די שיצן-גריבער פאַרשלאָפענע סאָלדאַטן, זיי זאָלן מאַכן פּלאַץ פאַר אונז. מיר איז אַ שאָד צו וועקן דעם אָרימען זעלנער, וועלכער שנאָרכט ווי מען וואָלט זעגן גאַנצע קלעצער האָלץ. געפין איך אַ פּלאַץ צווישן פיר רעדער פון אַ באַשפּאַנטן וואָגן און לייג זיך אַנידער אויף דער הוילער ערד, מיט דער האַנט צוקאָפּנס.

—האַלט, ווער דאָ?—הער איך נאָך ווייט ערגעץ אַ שוואַכע שטימע.

איך ווער אַנטשלאָפן.

אין לאַבירינט פֿון ערד און קוילן.

דער קריג „בייט אויס די ווערטן”—און אויך די געפילן, און די נערוון: כמעט גאָרנישט געשלאָפֿן, און דאָך זענען מיר נישט שלעפעריק. עס זשריעט קוים, און שוין פֿאָרען זיך די סאָלדאַטן ביים איינשפּאַנען די פערד און אָנלייגן פייער. מען קריכט אַרויס פון די לעכער, זיך צו דערוואַרעמען אונטער די שוואַכע זונשטראַלן—יעדער נעמט זיך צו זיין באַשעפטיקונג: מען ברענגט מוניציע און פּראָוויאַנט, מען קאָכט אָנבייסן, און מען טוט אָפּ די אַרבעט אַזוי בשלום, גלייך יעדער וואָלט שטיין אויף זיין אייגענער גאָספּאָדאַרסטווע און וואָלט באַלעבאַטעווען איבער זיין אייגן פאַרמעגן. נאָר די נאַכט-וועכטערס, וועלכע בייטן זיך אַצונד, ראָסטן אויס די ביינער, צעהיטן זיך פאַרטרוקנט און געניצן—זיי זענען אפניםביידע נישט אויסגעשלאָפֿן. די אַרטילעריע, וועלכע האָט ביז אַצונד געשוויגן, כאַפּט זיך פּלוצים שיכן מיטן אימפּעט פון אַ דונער, וואָס האָט פאַרשלאָפֿן זיין אַרבעט—מיט טיפע, פאַרשלאָפענע טענער ענטפערט איר די אַרטילעריע פון דער רוסישער פּאָזיציע.

ביים פוס פון באַרג געפינט זיך דאָס „גרענד האָטעל” און די „ווילאַ זשאָרש”,—ביידע גאַנץ ריינע, פּירעקיקע היילן, איבערגעאַרבעט פון די רוסישע אָקאָפּעס. דער באַלעבאָס פון „ווילא זשאָרש” (אַ רעכנונג-הויפּטמאַן) פאַרבעט מיך צו זיך „אין די דעפּאַרטאַמענטס”—ווי ער זאָגט, בשעת די אַנדערע אָפיצירן ווערן אויפגענומען אין די „סאַלאָנען” פון „גרענד”. אַחוץ דעם הויפּטמאַן, געפינען זיך אין „זשאָרש” נאָך צוויי אָפיצירן. אויף „אַלע פיר”, אַ ביסל געבויגן און צוזאַמענגעדריקט, געפינען מיר „גאַנץ באַקוועם” פּלאַץ. דער הויפּטמאַן טיילט אונז צוויבאַק, און אַ סאָלדאַט ברענגט צו הייסע, שוואַרצע קאַווע—די געטלעכע משקה, וואָס ניכטערט אויס דעם שלעפעריקן און לעשט דעם גערייצטן דאָרשט,—דער געטרייער באַגלייטער פון אַלע סעודות,

פון פרישטיק ביז מיטערנאַכט—אויב די הערן רוסן זענען נאָר אויף אַזוי פיל „העפלעך" און לאָזן אים אָפּקאָכן...

צוליב די געסט האָט דער קוכער אַ ביסל איבערגעצו־קערט, און דאָך שמעקט דער „שוואַרצער" פּונקט ווי מיט ווינער „שלאַגאָבערס". קוויקן מיר זיך אין די היילן פּונקט ווי באַ־גליקטע אורמענטשן און באַטראַכטן דורך די לעכער די רירעווי־דיקע סאָלדאַטן, וועלכע טרינקען קאַווע, פייפן און זינגען זיך אונטער—דאָס באַוועגטע, פאַרשידנפאַרביקע לאַגער-בילד, וואָס האָט אַצונד איינגאַנצן זיך באַגאָסן מיט בלישטשנדיקע שטראַלן פון דער געלער זון.

די אינפאַנטעריע שווייגט, אָבער דערפאַר הערט מען נאָך אַ סך בולטער דאָס אַרטילעריע-פייער, וועלכעס דערגרייכט שוין אונזער לאַגער. אַרום שפּריצט אויף די ערד ווי מיט „וואַסער-אויגן" ווען עס רעגנט—דאָס זענען די בלייענע קוילן פון שראַפּ-נעלן. אָבער אויך אַ גראַנאַט רייסט אויף אַ זייל ערד—ביז דריי, פיר מעטער די הויך. די טרעין-סאָלדאַטן צעלויפן זיך, בלייבן אָבער באַלד שטיין און קוקן זיך איין אין יענעם פּונקט מיט דער נייגעריקייט און שרעק, מיט וועלכער מען ווייכט אויס אַ צוזאַמענגעקנוילטע שלאַנג. פּלוצים צעלאַכן זיך אַלע: דער גראַ-נאַט האָט איינגאַנצן צעשלאָגן איין פערד און צעשמעטערט אַ ראָד ביים וואָגן—אָבער אַליין האָט ער נישט עקספּלאָדירט. נאָענט פון אונזער ווילע פאַלט עפּעס אַראָפּ ווי געוואָרפן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט,—ס'שפּרינגט אונטער און קאַטשעט זיך גלייך צום הויפטמאַנס פיס.

—פאַרפלוכטער טייוול!—כאַפּט עס ביי דער הויפטמאַן און גיט עס תיכף אַ שמיץ צו דר'ערד—קרוציפיקס! די גאַנצע האַנט זיך אָפּגעבריט!

עס איז אַ „צינדער" פון אַ צעשמעטערטן שראַפּנעל, וועל-כער איז נאָך גאַנץ הייס פון דער עקספּלאָזיע.

און דאָך איז מען רויק: מען ווייסט, אַז דאָס שיסן גילט אייגנטלעך דער אַרטילעריע, און די טרעפערס אין אונזער לאַ-גער זענען נאָר צופעליקע. באַלד ווערט אויך גאַנץ שטיל, און

נאָר פון גאָר ווייט דערטראָגט זיך קוים דאָס שוואַכע עכאָ פֿון אַרטילעריע-פייער. אין אונזער הייל הייבט אָן ווערן אַ ביסל דושנע, די געלע זונ-שטראַלן לאָקן,—קריכן מיר פּאַוואָליע אַרויס פון אונזערע איינגעזעסענע פּלעצער, ציען אַ ביסל אויס די צוזאַמענגעשרומפּענע גלידער און צעזייען זיך אין פאַרשידענע ווינקלען פון לאַגער.

דער באַטעריע לינקס פון אונז ווערט אפנים נמאס דאָס צו לאַנגע שווייגן, הייבט זי ווידער אָן מעכאַניש אָפּגעבן איין שאָס נאָכן צווייטן—גלייך די מענטשן דאָרט וואָלטן קיין שום אַנדערן געדאַנק נישט געהאַט, ווי נאָר לאָדן און פייערן, און ווידער לאָדן און פייערן. אַ וווּנדער נאָר: די באַטעריע שטייט אַזוי פריי אויפן בערגל—קאָן זי דאָך דער פיינט לייכט באַמערקן! וואָלט נישט גלייכער זיין זי אַוועקשטעלן הינטערן בערגל,—דאָרט, ווו עס זעט זיך קוים די שוואַרצע מאַסע—פערד דאַכט זיך—? עס פאַרדריסט אַזש אַזאַ דרייסטקייט. די פיינטלעכע אַרטילעריע שוויגט טאַקע נישט, און אירע גראַנאַטן פּלאַצן שוין טאַקע גאָר נאָענט פון דער אויפגעשטעלטער באַטעריע. נאָך יעדן טרעפער רינגלען זי אַרום זיילן ערד—אַלץ ענגער און ענגער—אָבער אונזער באַטעריע האַלט אין איין שיסן, ווי גאָרנישט וואָלט זי צאַרן. פּלוצים—דריי עקספּלאָזיעס, איינע נאָך דער אַנדערער!—דריי פיינטלעכע גראַנאַטן זעצן אַריין פונקט אין מיטן צווישן בערגל און יענער פאַרבאָרגענער, שוואַרצער מאַסע. אַ געוואַלטיקער קראַך צערייסט די לופט און זעצט אַרויס מיט אַ וואָלקאַן רויך און פייער. צווישן דעם קנויל און פּלאַכטעס שוואַרצע וואָלקנס זעט מען נאָך עפּעס דורכשוועבן אַ שאָטן אָדער צוויי,—עס פאַרשווינדט— —און ווידער איז אַלץ שטיל, רויק, אָן אַ קלאַנג און אָן אַ ריר. נאָר די שוואַרצע וואָלקנס ווערן גראָבער, דינער און הייבן זיך אויף, צו פאַרשווינדן ערגעץ אין דער לופטן.

אונזער באַטעריע שיסט נישט מער.

—אַלץ קאַפּוט—זאָגט טרויריק דער הויפּטמאַן.

—אָבער ניין, הער הויפּטמאַן, אָט שטייט דאָך די באַטעריע אויפן בערגל גאַנץ ווי פריער.

—ליידער איז דאָס נאָר אונזער „שיינבאַטעריע", מיין קינד—זיפצט דער הויפּטמאַן—דאָרט שטייט נאָר די „מאַסקע". זיי האָבן ריכטיק געטראָפן...

עס קומט דער אַדיוטאַנט, אונז פירן אין דער פּאָזיציע. עס טוט אַ טיאָכקע אין האַרצן: מוז מען ווידער אַריין אין דעם קאָכ-קעסל פון בלוט און פייער—ווער קאָן זאָגן אויף באַשטימט, אַז ער וועט פון דאָרט אַרויסקומען?... אָבער די געוווינהייטן פון שקלאַפישן „געהאָרכן" און די קליינלעכע אַמביציע פון „נישט זיין קיין פחדן" גיט אַ טראָג אונטער. און באַלד שטייען מיר פאַרטיק צום גיין. ביין פאַרשווין צוזאַמען מיטן אַדיוטאַנט. די אָפיציר-דינערס בלייבן ביים טרעין. עס איז געפערלעך צו גיין מיטן גלייכן וועג אין דער פייער-ליניע. פאַרגנבענען מיר זיך „געדעקט" הינטערן בערגל לינקס, דאָרט, ווו אונזער באַטעריע האָט ערשט נישט לאַנג געפייערט, און ענדלעך געהאַט אַזאַ טראַגישן סוף. אַ בליק נאָר—און מיט מורא מוז מען אָפּווענדן די אויגן פון יענעם ווינקל: צווישן שטויב און שפּענער ליגן אויסגעצויגענע, דיקע פערד, ווי פון שטיין געהאַקטע. אפשר נאָך וואַרעמע, און דאָך איז אין ערגעץ אויף זייערע לייבער נישט צו זען קיין שפּור פון בלוט. דאַנעבן צוזאַמענגעוואָרפענע, האַלב-פאַרברענטע שמאַטעס, מוגדורן און שיך,—אַ צוזאַמענגעפאַלענער הויפן פּופּעס, פון וועלכע עס פעלן די אויסגעשטאָפּטע געדערים... מיר איילן פאַרביי דעם שרעקלעכן פּלאַץ. אין אַ גרוב ליגט אַ ברוינע, באַקעטע האַנט, און כאָטש דער אויסגעריסענער אַקסל איז רויט, רינט פאָרט נישט קיין בלוט. פאַרשטאַרטע לעבנס—פאַרשטיינערטע גלידער...

די אויגן זענען אַזוי ווי פאַרנעבלט, און עפּעס פאַרטונקלט-געל זען זיך עטלעכע הייזלעך, ווו סאַניטעט-סאָלדאַטן טראָגן אַרום קראַנקן-בעטלעך—מיט לעבעדיקע? טויטע?... מען טראָגט אַרויס אַלטע, מען ברענגט פרישע—ווו אַהין? צו וואָס?...

אַזוי האָב איך אַמאָל געזען אַרויסטראָגן בראָנפֿן-פֿעסער פֿון אַ גראַלניע.

אָט איז אויף אַ קראַנקן-בעט אַ קאַדעט, ביזן האַלז איינגעדעקט מיטן מאַנטל. דער בלאַסער מענטש בייסט די ליפּן פֿאַר ווייטיק, וואַרפֿט זיך פֿאַר שמערצן און פֿאַלט אַראָפּ מיט אַ בייז פֿאַרצויגן „ס—ז—ש...״, פֿון ברוסט און בויך גיסן זיך שטראָמען בלוט—ער איז געטראָפֿן פֿון צוויי שראַפּנעל-קוילן. מען לייגט אים צוריק אויפֿן בעטל און מען טראָגט אים ווייטער.

פֿון רעכטס רופֿן עפּעס שטימען, נאָר מיר ווייסן נישט, וואָס זיי ווילן. דאָרט ליגט אונזער רעגימענט-רעזערווע. זיי שטעקן אַרויס די קעפּ פֿון די שיצן-גריבער, ווינקען,—באַגריסן אפֿנים. אַן אָפֿיציר שמייכלט, גריסט מיט דער האַנט—אוודאי אַ באַקענטער.

קוועראיבערן שטראָז, אין דער לינקער זייט, שטייט אַ שטיבל אין פֿלאַמען. אַ מערקווירדיקע שׂרפֿה: פֿון איין העלפֿט איז מער גאָרנישט געבליבן ווי נאָר גליִענדיקע באַלקנס אויף דר׳ערד, און די אַנדערע העלפֿט שטייט נאָך מיטן גאַנצענעם דאַך, כּמעט נישט אָנגערירט. נאָר אינעווייניק ליגט עפּעס אַן אָנגעוואָרפֿענער הויפֿן און ברענט אין גליִענדיקע פֿלאַמען. און אין מיטן פֿון דעם העלישן פֿייער שטייען שיף, ווי אומגעוואָפּן, צוויי שוואַרצע שאָטנס, אָפּגעצוימט ווי דורך אַ וואונדער-שפּרונג: די פֿלאַמען מיידן זיי אויס. דאָס מוזן פֿאָרט זיין צוויי פֿאַרקוילטע סאָלדאַטן! און אפֿשר גאָר דער פֿאַרדושעטער בויער מיטן ווייב?...

אַרום ליגן פֿאַרוואונדעטע, וואָס קאָרטשען זיך ווי שלאַנגען און שרייען פֿאַר ווייטיק ווי מיט נאָדלען געשטאָכן! עס ליגן טויטע מיט פֿאַרביסענע ליפּן, גלייך אַ קללה וואָלט זיי בלייבן שטעקן אין דעם צוזאַמענגעשנירטן האַלז. און אַנדערע מיט אָפֿענע מיילער אין גרויסע, געלע ציינער, וואָס קלאָגן זיך ביים אָנבליק: זעט, וואָס מען מאַכט פֿון אונדז...

איז דאָ געווען אַ נאָענטער קאַמף? צי האָט די פֿיינטלעכע אַרטילעריע אָנגעמאַכט אַזאַ שחיטה?

אָט ליגט אין ריִו אַ טיראָלער „לאַנד-יעגער”, דעם לינקן פוס אויסגעשטרעקט, דעם רעכטן איינגעבויגן און געשטיצט אויף דעם עלעגאַנטן „בערג-שטייגער-שוך”,—ווי ער וואָלט מיט די לעצטע כּוחות וועלן אויפשטיין. די גראָע זאָקן זענען זיכער אַ האַנט-אַרבעט פון ווייב אָדער פון טעכטערל... אַ ריזן-מענטש מיט אַ ברייטער ברוסט, וועלכע קלאָרט זיך אַפיר פון דער אויפגעקנעפּלטער בלוזע. מיטן רעכטן עלנבויגן געשטיצט אויף דער הינטערוואַנט פון גרוב, ליגט ער האַלב זיצנדיק, מיטן גרויסן, בלאָנדן קאָפּ נאָכגעהאָנגען אויף אַ זייט—אויף דער שלייף אַ פּאַרקילט, רויטלעך-ברוין שנורל בלוט, וועלכעס האָט זיך צע-שפּריצט מיט דיקע טראָפּנס אויף זיינע געלע, פולע באַקן. די געדיכטע, קורצע באָרד רינגלט אַרום די פלישיקע ליפּן, אין וועלכע דאָס לעבן רויטלט זיך נאָך, נאָר דאָס רעכטע אויג איז האַלב אָפן, פאַרשטאַרצט,—דאָס לינקע איז אָנגעשוואָלן און אַזוי שמערצלעך-בייז פאַרקנייטשט, גליין אַ יעדער פאַלד און יעדעס האָרל פון די וויִעס וואָלטן פרעגן און זיך בייזערן:—„פאַר-וואָס?”... אָט ליגט ער אין פרעמדן פעלד, דער ריזן-גוף מיט דער מאַכטלאָזער האַנט, אויף וועלכערס פינגער עס גלאַנצט נאָך דער גאָלדענער חתונה-רינג... געהעצט פון דעם זון-געבענטשטן טיראָל אַקעגן אַ קאַצאַפּ פון סיבירישן דאָרף...

—פאַרוואָס נעמט מען אים נישט אַוועק?—פרעג איך אַ סאַניטעט-מאַן מיט אַ ליידיקן קראַנקן-בעטל.

—ער איז ערשט געפאַלן—ענטפערט ער פאַרעסקט—אַליין זיך שולדיק: געקראָכן אין דאָרף אַריין, אוודאי עפּעס קויפן—

און ער לויפט ווייטער. אפשר צו אַ פאַרוווּנדטן, וועלכן מען קאָן נאָך אָפּראַטעווען...

מיר פאַרנעמען זיך אויף דער געפערלעכער, שמאָלער סטעזשקע, פאַר וועלכער מען האָט אונז שוין פריער געוואָרנט: די רוסן האַלטן דאָ אין איין שיסן און לאָזן נישט דורך קיין לעבעדיק באַשעפעניש. דער אַדיוטאַנט ראָט אונז צו גיין איינ-ציקווייז, איינער הינטערן אַנדערן.—„טשאַך”!—דערהערט זיך מיט אַמאָל אַ סאַלווע—און אַ גאַנצע סטאַדע קוילן פליען אונז אַקעגן

ווי פייגל. מיר נעמען לויפן, און קוילן יאָגן נאָך און זשומען אַרום די אויערן. מיר בויגן זיך איין אין צווייען, די קעפּ כמעט ביז צו דר'ערד, און מיר לויפן—אַז די געדערים ציטערן אין לייב! אַלץ נאָך סוויסטשן און סיטשן די קוילן. אומזיסט זוכט מען מיט די אויגן אַ באַהעלטעניש—אַ פריי פעלד אַרום און אַרום! דער אַדיוטאַנט פאַרשווינדט ערגעץ ביז צום האַלז,—נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער—איך נאָך זיי! מיר זיצן אין אַ שמאָלן, לאַנגן גרוב, ביז איבערן פּאַס אין וואַסער.

—איינבויגן זיך!—אָטעמט שווער דער אַדיוטאַנט.

איך טוליע דעם קאָפּ צו דעם פייכטן, שליימיקן ברעג און דערפיל זיך מיט אַמאָל אויסגערוט. דאָס וואַסער, כאָטש וואַרעם, האָט פאָרט אַ ביסל אויפגעפרישט. אויך די טעלעפאָנ-אָפּטיילונג, וואָס האָט געאַרבעט אין פרייען פעלד, איז אַריין אין דעם וואַסערדיקן גרוב.

—וואָס אַנטלויפט איר פון די „בינען”?—וויצלט זיך אַ לעמבערגער שייגעץ צווישן זיי, און ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ.

—אַנו, כאַפּ זיי—ציט אים אָן אַ צווייטער

דער יונג פילט זיך נישט, שטעלט זיך אויף, כאַפּט אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ און הייבט אָן פאָכן ווי מיט אַ שאַטקע, וואָס מען כאַפּט זומער-פייגעלעך. מיר מוזן לאַכן. באַקומט ער נאָך מער „קוראַזש”, שפּרינגט אַרויס פון גרוב און לויפט נאָך די קוילן. מיט געוואַלט מוז אים דער אַדיוטאַנט אַריינטרייבן צוריק אין גרוב.

—אויב ביזט אַ שטאַרקער—וויצלט זיך אַן אַנדערער לעמ-בערגער—טאָ האַלט איין אַ גראַנאַט מיט אַ בלאָז?

עס איז שטילער געוואָרן, און מיר נעמען זיך גיין ווייַ-טער. איך פיל אָבער, אַז אַ צווייטן לויף אַזעלכן וועל איך זי-כער נישט אויסהאַלטן,—לאָז איך איבער דעם טאָרניסטער מיט דער שענסטער וועש, וואָס די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן (אָרעמע מאַמע מיינע!...), פּאַק איין דאָס נויטיקסטע אין מיין „ברויט-זאַק”,—און לאָז זיך לויפן נאָך די אַנדערע.

ווי נאָר מיר באַווייזן זיך,—ווידער אַ סאַלווע, און ווידער

פ יאָגן נאָך רוסישע קוילן! דאָס בלוט זעצט אין די שלייפן, עס הייבט אָן שווינדלען פאַר די אויגן,—מען קאָן נישט ווייטער. אָבער דאָס סוויסטשנדיקע „טס...” טרייבט און יאָגט וואָס שנעלער און שנעלער, און די געפאַלענע סאָלדאַטן צוביידע זייטן שווינדן פאַרן בליק, ווי איבערגעקערטע טעלעגראַפן-סלופּעס פאַרן פענסטער פון שנעל-צוג.

—אוי, אוי...—צעביטערט זיך אויפן קול דער דיקער פענריך ר., וועלכער לויפט נעבן מיר און פאַלט פלוצים אין גראָז אַריין.

—וואָס איז דיר? פאַרוואונדעט?—וואַרף איך זיך צו אים אויף דער ערד.

—ניין... אָטעם... קיין אָטעם נישט... איך... קאָן נישט מער...

—קום, דאָ איז געפערלעך!—כאַפּ איך אים פאַר דער האַנט און שלעפּ אים מיט.

ער דערגרייכט מיין אַקסל, ראַטשקעוועט זיך—מיר לויפן ווייטער.

פּאָפּערעק אויפן וועג—אַ טויטער! צו שפּעט דערזען! איך פאַל, און שלעפּ מיט דעם פענריך.

—וואָס איז?—מיינט ער, אַז איך בין געטראָפן.

—אַכטונג געבן אויפן טעלעפאָן-דראָט!—שרייט דער אַדיוטאַנט, שוין אין וואַלד.

פאַלנדיק, האָב איך מיטן זעבל פאַרטשעפּעט דעם טעלעפאָן. מיר פּלאָנטערן זיך אַרויס, און אָט, אָט דערגרייכן מיר דעם זוים פון וואַלד. אויך דאָס שיסן ווערט, דאַכט זיך, זעלטענער.

—אַהער, אַהער!—רופן קאַמעראַדן, וועלכע האָבן דערוויל זיך באַהאַלטן אין פאַרלאָזענע רוסישע „דעקונגען”.

אָבער מיר קאָנען נישט ווייטער. „זאָל זיך טון, וואָס עס וויל!”, לויפט דורך אַ געדאַנק. איך מאַך צו די אויגן, און אַ פאַרהלי טער פאַל איך הינטער אַ בוים אין וואַלד.

שפּילן מיט לעבנס.

פון וואַלד טראָגט זיך דער אָפּקלאַנג פון אַ געפעכט. דער אַדיוטאַנט ווייזט אונז אָן די „דעקונג" פון אונזער נייעם אָבערסט און גייט צוריק צו דער בריגאַדע. פּאַרנט שטייט אונזער „שוואַרם-ליניע" אין קאַמף. דאָס בערגל, אויף וועלכן עס ליגט דער רעגימענט-שטאַב, ווערט באַשיט מיט קוילן. שטיין בלייבן איז פּונקט אַזוי געפערלעך ווי גיין ווייטער. לויף איך אונטער, פאַל אויף די קני און שטעק אַריין דעם קאָפּ אין דעם שיצן-גרוב:

—הער אָבערסט, פענריך וו. מ. פון רעגימענט 35 מעלדט געהאָרזאַמסט זיין איינריקן צום רעגימענט 80.

ער הערט מיך קוים.

—בלייבט דערווייל דאָ, הער פענריך—זאָגט ער שנעל—דערנאָך וועט מען אייך איינטיילן.

ער טוט זיך אַ רוק, גלייך ער וואָלט וועלן מאַכן פּלאַץ פאַר מיר. איך זע אָבער, ס'איז אומזיסט: מיט אים דושען זיך אין גרוב נאָך דריי אָפיצירן. שטרעק איך נאָר אויס דעם האַלז, ניגע—אָט בין איך אַריין"—און שמייכל, דאַכט זיך, זייער תמעוואַטע: דער קאָפּ איז „געדעקט". דאָס באַרויקט ווי דאָס פינטלען מיטן אויג, ווען מיר זענען אין געפאַר. דער קאָפּ איז געוואָרן די נשמה פון פּאַרזיכטיקייט...

דער אָבערסט נעמט אַפיר אַ שמאָלע, לאַנגע פלאַש ויין, גיסט אָן אַ גלעזל, און ליידיקט עס אויס. ער כמאַטשקעט מיט די ליפּן און טרינקט אַ צווייט גלאָז. ערשט דערנאָך דערלאַנגט ער די פלאַש צו די אַנדערע.

דער טומל פון קאַמף ווערט שטאַרקער. די אַרטילעריע שווייגט, אָבער די ביקסן און מאַשין-געווערן הילכן געוואַלטיקער. „הוראַ!", הערט זיך פון ערגעץ ווייט אַ געשריי, אויסגעמישט מיט טראָמפּייטן-קלאַנג. נאָך געדיכטער פאַלן די קוילן איבער אונזערע „דעקונגען".

—שטורמען אונז די רוסן?—ווערט בלאַס דער אָבערסט.

—איך מיין... אַז נישט... הער אָבערסט—ווייסט נישט דער אַדיוטאַנט, וואָס צו ענטפערן.

עס לויפט אָן אַ הויפטמאַן פון אַן אַנדער רעגימענט און בלייבט ליגן פאַר דער דעקונג כמעט אָן אָטעם.

—וואָס איז?! גייען אונזערע צוריק?—טוט זיך אַ כאַפּ דער אָבערסט.

—ניין...—סאַפּעט קוים דער הויפטמאַן אוןווישט זיך דעם שווייס-די רוסן... זענען... אַנטלאָפן ווי די האָזן... אָבער... מיר שיסן אַצונד אויף אייגענע טרופן...!

—אָבער נישט מעגלעך—איז דער אָבערסט באַליידיקט.

—עס איז יאָ מעגלעך, הער אָבערסט—מיר שיסן אויף אייגענע...—וויינט שיר נישט דער הויפטמאַן.

—אַ ביסל ווײַן אפשר? טרינקט—דערלאַנגט אים אַ צווייטער אָפיציר דאָס גלאָז.

דער הויפטמאַן ליידיקט עס אויס מיט איין צי.

—אַ דאַנק!—פאַרגעסט ער נישט צו זיין העפלעך—איך בעט, הער אָבערסט, לאָזט איינשטעלן דאָס פייער, דען מיר מאַכן אַ תּל פון אַן אייגן רעגימענט.

—רעד נישט קיין אומזין—בייזערט זיך דער אָבערסט—איך ווייס דאָך, וועמען מיר האָבן פאַר זיך.

—איר ווייסט נ י ש ט, הער אָבערסט! הייסט אויפהערן שיסן, וואָרום איך ווער משוגע!

דער מענטש רייסט זיך די האָר פאַר אויפרעגונג. פּלוצים טוט ער זיך אַ כאַפּ און נעמט ווילד לויפן:

—האָרניסט! האָרניסט! פייער איינשטעלן! האָרניסט!

עס דערהערט זיך אַ סיגנאַל, וועלכן אַנדערע טראָמפּייטן חזרן איבער, און עס נעמט אפשר אַ פערטל שעה, ביז עס ווערט שטיל. די רוסן זענען פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק פאַר אונזער פראָנט הונדערטער טויטע און פאַרוווּנדטע. אָבער צווישן די ברוינ-געלע שינעלן פון די רוסן, האָבן זייער געדיכט אַרויס-געגרויט די מאַנטלען פון אייגענע סאָלדאַטן, וועלכע זענען גע-

פאַלן נישט בלויז פון רוסישע הענט.

דער אָבערסט שיקט מיך צום נאָנטסטן באַטאַליאָן, ביי־וועלכן עס זענען געבליבן אינגאַנצן פיר אָפיצירן.

—אַ ביסל שנאַפּס?—באַווייז איך זיי מיין פלעשל.

—שנאַפּס?!—דערפרייט זיך מיין שכן—הערסטו, זאָגט ער גאָרנישט. וויוואַט!

ער טוט אַ טיפן צי. דערלאַנגט עס די איבעריקע. און ביז עס קומט צו מיר, איז שוין קיין טראָפּן נישטאָ. אָבער איך בין צופרידן, וואָס איך קאָן כאָטש מיט עפּעס זיי דינען. לייטנאַנט ק. ווערט לוסטיק, נעמט אַרויס פון דער ברוסט-טאַש אַ בילד און קושט עס ווי אַ לעבעדיקע זאַך:

—מיינע אוצרות, מיין וועלט!—שעפּטשעט ער און ווייזט אונז דאָס בילד: אַ יונגע פרוי מיט אַ געטלעך-שיין קינד.

—פון ל.?—פרעג איך אים, הערנדיק זיין שמועס מיט די קאַמעראַדן.

—פון ל.!—דערפרייט ער זיך און שיט אויס זיין האַרץ: דאָס קינד האָט ער נאָך אפילו נישט געזען: ער איז שוין געווען דריי טעג אין קריג, ווען עס איז געבוירן געוואָרן. אָבער—ער פילט, אַז עס איז „געשמאַק ווי אַלע וועלטן”! און פאַרזאָרגט איז ער, ווי אַן אמתער יידישער טאַטע:

—איך האָב אין אַ זעקעלע אויף דער ברוסט אַכט טויזנט קרוינען, מאָרגן מוז איך גיין צו דער דיוויזיע-קאָמאַנדע, מען זאָל דאָס געלט איבערשיקן צו מיין פרוי.

—איך דאַרף אויך גיין—זיפצט אַ צווייטער אָפיציר.

אין דער פּאָזיציע ווערט אַ באַוועגונג: מען גרייט זיך צון אַ נייער אַטאַקע. דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט איז נאָך נעכטן געפאַלן, נעמט איבער די קאָמאַנדע אַ גענעראַלשטאַב-הויפּטמאַן.

נאָך איידער ער גיט די נויטיקע דירעקטיוון, שיקט ער אונז שוין אין קאַמף. מען טרעט איבער טויטע און שווער־פאַרוואונדעטע (די לייכט-פאַרוואונדעטע האָבן זיך שוין פריער אַוועקגעשלעפּט: ווער צו אונז און ווער צו די רוסן—), אָבער נישט מען זעט דעם פיינט, נישט מען הערט שיסן. אויף אַמאָל—אַ

שאָס,—און נאָך אים געמען זעצן טויזנטער ביקסן און מאַשינ-געווערן. מיר האָבן באַלד גרויסע פאַרלוסטן און מוזן בלייבן שטיין.

—פייער עפענען! — קאָמאַנדעוועט דער גענעראַלשטאַב-הויפּטמאַן.

מיר הייבן אָן שיסן, האַלטן זיך אפשר אַ האַלבע שעה, — עס איז אָבער פּאַרט נישט מעגלעך צו בלייבן: די זעלנער שיצן זיך הינטערביימער, לויפן וואָס מער צוריק—די ליניע ברעכט זיך. די אַטאַקע איז נישט צוגעגרייט דורך אַרטילעריע, אונזער ליניע איז צו שיטער—עס איז פאַרשפּילט.

—אין אָרדנונג צוריק!—באַפעלט דער הויפּטמאַן.

דאָסמאָל איז גראָד לייכט איינצושטעלן דאָס שיסן. אָבער „אין אָרדנונג" צוריקגיין? אַז די קוילן פליִען געדיכט ווי היי-שעריקן! דאָך ברענגען מיר ענדלעך די אָפּטיילונגען צוריק אויפן אַלטן פּלאַץ.

דער שטאַב-הויפּטמאַן לויפט אַרום ווי משוגע:

—לומפּיק געזינדל! פייגלינגע!

דאָס שרייט פון אים אַרויס מער דער פאַרלוירענער מע-דאַל, ווי די פאַרלוירענע שלאַכט.

דער לעצטער מיט זיין קאָמפּאַניע איז לייטנאַנט ק. ער איז אוודאי צו ווייט פאַרגאַנגען.

—אָרדנונג, הער לייטנאַנט!—לאָזט דער הויפּטמאַן אויס דעם כּעס צו אים.—איך האָב באַפוילן „אין אָרדנונג". צוריק מיט דער טשערעדע שאָף!

לייטנאַנט ק., אָן וועלכנס נאָז און נאָמען מען דערקענט תּיכּף דעם ייִד, פירט צוריק זיין קאָמפּאַניע אין וואַלד אַריין. נאָך צען מינוט קומט ער מיט זיי צוריק.

—נאָכאַמאָל צוריק!—שרייט דער הויפּטמאַן—אָרדנונג וויל איך האָבן!

לייטנאַנט ק. ענטפערט נישט קיין וואָרט, גיט נאָר אַ צייכן מיטן שטעקעלע, פייפט בייזלעך, און פירט ווידער צוריק זיינע סאָלדאַטן. און באַלד קומען זיי אַרויס פון וואַלד—שוין אָן

דעם לייטנאַנט. אַ געוויינלעכער צוגספירער פירט די קאָמפּאַניע.

—ווו איז דער הער לייטנאַנט?- בייזערט זיך דער הויפּט-מאַן.

—הער לייטנאַנט ק. איז געפאַלן—מעלדט דער בלאַסער צוגפירער.

דער גענעראַלשטעבלער דרייט זיך אַוועק. מען ברענגט דעם לייטנאַנט ק. און מען לייגט אים אונטער אַ בוים: אַ שאָס אין ברוסט...

—מען דאַרף דאָס געלט אַוועקשיקן צו זיין פרוי—זאָגט זיין פריערדיקער שכן און גייט צו נעמען דאָס געלט.

אומזיסט קערט מען איבער אַלע קעשענעס און די אָפּי-ציר-טאַש-דאָס געלט האָט שוין עמיצער פריער אין זין געהאַט...

בלייבט אפשר זיין יונגע אלמנה מיטן יתומל אָן שטיצע— —

אָבער די קאָמפּאַניע איז צוריקגעגאַנגען אין „אָרדנונג"...

נאַכט־אַטאַקע.

אַלע אָפיצירן פאַרזאַמלען זיך הינטער אַ בערגל. דער גענעראַל ערקלערט ווי וויכטיק עס איז, מיר „זאָלן אַוועקרייסן ביים פיינט" יענעם „הויכן פונקט", די „מאַגיראַ": פון דעם באַרג באַהערשט מען די גאַנצע געגנט. און דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אונזער בריגאַדע.

—איך האָף, מיינע העררן—ענדיקט דער גענעראַל—אַז איר וועט מיך אונטערשטיצן!

איצט רעכנט ער אויס איינצלהייטן: ווער עס וועט זיין אויפן רעכטן פליגל, ווער אין „צענטרום", ווי אַזוי די אַטאַקע וועט ווערן דורכגעפירט— —

אַ חוץ דעם אַדיוטאַנט, האָבן מיר קיינס קיין מאַפּע נישט. בעמען מיר אַרויס די פעלד-גלעזער און באַטראַכטן אויף „אויסנ-

וויניק" יעדן אָנגעוויזענעם פּונקט, יעדעס בערגל און שטעגל. צוויי גראַנאַטן פאַלן פלוצים אפשר אויף צוואַנציק שריט ווייט פון אונז. די גאַנצע „פאַרזאַמלונג" צעלויפט זיך—ווער אין אַ גרוב, ווער אין וואַלד אַריין.

—ז'האָבן אונז אויסגעפונען!—בייזערט זיך איינער.

—„דעם אַלטן"—לאַכט צופרידן דער אַדיוטאַנט—וועט זיך שוין אָפּגלוסטן „באַשפּרעכונגען".

—האָט איהר מיך פאַרשטאַנען, מיינע הערן?—שרייט דער גענעראַל שוין פון הינטער אַ בוים.

קיינער ענטפערט אים נישט. רופט ער דעם אַדיוטאַנט און גייט זייער פאָרזיכטיק צוריק אין זיין „רו" אַריין—מיר גייען יעדער אויף זיין אָרט.

אַ וויכטיקע זאַך האָט דער גענעראַל פאַרגעסן: אָנזאָגן ווען די אַטאַקע וועט זיך אָנהייבן. וואַרטן מיר געשפּאַנט און דענערווירט. די סאָלדאַטן ווידער, וועלכע מען זאָגט קיינמאָל נישט דעם אמת, האָבן מיר דערווייל געמאַכט „מאַרשבאַרייט",—זענען זיי שוין מיד האַלטנדיק די פּעקלעך און די ביקסן אין האַנט—זיכער, אַז באַלד וועט מען זיי פירן אין די קוואַרטירן יאַריסרוען.

קעגן נאַכט-צו הייבט אָן „אויפשפּילן" אונזער אַרטילעריע און באַשיט די „מאַגיעראַ" מיט שראַפּנעלן און גראַנאַטן. דורך די פעלד-גלעזער זעט מען כמעט יעדן טרעפער.

—נאַ—דערלאַנג איך אַן אינפאַנטעריסט די גלעזער, ער זאָל אַ קוק טון.

יעדעסמאָל, ווען ביים פיינט שפּריצט אויף אַ זייל ערד, שפּרינגט אונטער דער אינפאַנטעריסט פאַר פרייד. די פיינטלעכע אַרטילעריע ענטפערט,—אָבער אונז לאָזט זי צורו. עס איז גאָר אַן אַרטילעריע-דועל.

ערשט שפּעט אין אָוונט קומט דער באַפעל צום אַטאַקירן. די צוויי גראַנאַטן ביי דער „באַשפּרעכונג" האָבן אפנים איבער-געצייגט דעם גענעראַל, אַז ביי טאָג-ליכט דאַרף מען זיך היטן—מיר מאַכן דערום אַ נאַכט-אַטאַקע. מיר גייען שטיל, אָן ליאַרם,

אָן קאָמענדעס—און עס דאַכט זיך, אַז אָט אַזוי שטילערהייט וועלן מיר שוין קומען ביז צום געגנער. אונזער אַרטילעריע קראַכט מוראדיק און אַזוי אַרום פאַרבאַהאַלט זי נאָך מער אונזער באַוועגונג. אויך פון פיינט הערט מען גאָרנישט. און ווען נישט די אַרטילעריע, וועלכע ענטפערט פון צייט צו צייט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער שונא האָט שטילערהייט געררומט פאַר אונז דאָס פעלד.

וועט אויך די „מאַגירעאַ" זיין פריי?

עס גיט פלוצים אַ בליאַסק אין די אויגן ווי אַ געוואַלטיק גרויסע, ווייס-בלאָלעכע לבנה,—אַ שטראָם ליכט פאַלט איבער אונזערע רייען! אַ פיינטלעכער רעפלעקטאָר.

—„נידער"—הערט מען אַ שטילע קאָמאַנדע.

אַלע לייגן זיך אויף דער ערד,—עס איז שטיל. דער ליכט-שטראָם ניוכעט אַרום דאָס גאַנצע פעלד, ער פאַלט אָבער ווייט הינטער אונז,—מיר קאָנען דערום גיין ווייטער. ווידער דערזעלבער ליכטשטראַל! דאָסמאָל שוין פונקט אין אונזער מיט—מיר זענען אינגאַנצן איינגעטונקען אין ליכט. מיר לייגן זיך ווידער. דער רעפלעקטאָר פאַלט ווידער הינטער אונז, דערנאָך פאַר אונז, ביז ער דעקט אונז גאַנץ איין מיט זיין ווייסן שיין. דער פיינט איז אפנים נישט אין קלאָרן, ווי שטאַרק מיר זענען—ער זוכט אונזער צאָל. מיר טאָרן נישט בלייבן אויפן פלאַץ.

—אויף, פאָרוועריס—הערט זיך אַ שטילע קאָמאַנדע.

דער שטראָם פון ליכט באַגלייט אונז. און מיטאַמאָל באַקומען מיר פייער פון דעם גאַנצן פראָנט. מען האָט אונז אויסגעפונען!

—פאָרוועריס!—רופט נאָכאַמאָל דיזעלבע קאָמאַנדע, מורא האָבנדיק, מיר זאָלן נישט בלייבן שטיין.

מיר גייען און דער רעפלעקטאָר גייט אונז נאָך. די פאַרלוסטן ווערן שטאַרקער, פון פאַרשידענע זייטן הערט זיך שוין דאָס קרעכצן און וויינען פון פאַרוווּנדעטע—די סאָלדאַטן לאָזן זיך מער נישט טרייבן.

—פֿייער עפֿענען! אַכֿט הונדערט!—שרייט שוין הויך דיזעלבע שטימע.

—שיסן, געגנער אויף דעם בערגל מיטן רעפֿלעקטאָר! אַכֿט הונדערט!—חזרן מיר איבער.

אָבער דער איינציקער ציל-פּונקט, דער רעפֿלעקטאָר, ווערט באַלד אויסגעלאָשן—מיר זעען גאָרנישט.

—פֿייער איינשטעלן! פֿאָרווערטס!

מיר זענען קוים אויפֿגעשטאַנען, כאַפּט אונז ווידער דער רעפֿלעקטאָר און שניידט אין די אויגן מיט די שפּיציקע שטראַלן, אַז אַ מורא מאַכט ציטערן די גלידער.

מיר זענען פֿאַרבלענדט! נישט מעגלעך צו זען אויף אַ שריט נעבן זיך—כאָטש מיר זענען גאַנץ געבאָדן אין דעם שרייענדיקן ליכט,—מען קאָן אונז אָפּציילן ווי די שעפּסן פֿאַר דער שלאַכט-באַנק— —און דאָס שרעקלעכע קנאַלן פֿון די פֿאַרבאָרגענע פֿייערן וואַרפֿט אָן אַן אַנגסט, אַ ציטערניש—אָט, אָט באַווייזט זיך פֿון פֿאָרנט, פֿון הינטן,—פֿון אַלע זייטן—דער טויטלעכער צאָן פֿון דעם פֿײַנטלעכן באַיאָנעט— —אַ באַהעלטעניש אַהער צום פֿאַרגראָבן זיך!—דעם קאָפּ פֿאַרבאַהאַלטן—צוטוליען די אויגן— —עס איז צום משוגע ווערן! די סאָלדאַטן וואַרפֿן זיך אויף דר׳ערד און נעמען שיסן אָן אַ שום קאָמאַנדע. אומזיסט שרייט דער קאָמענדאַנט, מען זאָל גיין ווייטער—עס איז נישט מעגלעך זיי צו רירן פֿון אָרט!

—איינגראָבן זיך!—האָט דער קאָמענדאַנט קיין אַנדערע ברירה נישט.

מען גראָבט זיך איין,—דאָס פֿייער האַלט אָן ווייטער.

נאָך אַ שעה צייט פּרוּוון מיר ווידער אַטאַקירן. אָבער דער רעפֿלעקטאָר מיטן מוראדיקן שיסן, וועלכעס קומט ווי פֿון עפּעס אַ פֿאַרשטעלטן תהום, יאָגן אונז צוריק,—און עס געלינגט אונז קוים אויפֿצוהאַלטן די מאַנשאַפֿט דאָרט, וווּ מיר האָבן פֿריער זיך איינגעגראָבן. דאָ עפֿענען מיר ווידער דאָס פֿייער, און מיר פֿאַרפֿירן אַ געפֿעכט, וועלכעס האַלט אָן עטלעכע שעה.

ערשט ביי מאָרגנגראָען באַמערקן מיר, אַז מיר זענען שוין

גאָר נישט ווייט פון דער פיינטלעכער פּאָזיציע—אונזער פּראָווי־ זאָרישע באַפעסטיקונג געפינט זיך אייגנטלעך שוין אויפן סאַמע באַרג. דאָך זענען מיר נאָך אויף אַזוי ווייט, אַז אונזער אַר־ טילעריע קאָן נאָך שיסן איבער אונזערע קעפּ. מען זעט גענוי ווי נאָך יעדן שאָס פליען די אָקאָפּעס אין לופטן און די רוסן צעלויפן זיך. עס דערוועקט זיך אַ קוראַזש, אַ געפיל פון „ענדלעך איבערקומען און רו האָבן"—מען וויל אַטאַקירן. און עס קומט!

—לעצטע אַטאַקע! אויף קורצן דיסטאַנץ—שטורם!

מיט שנעלע שריט לויפן מיר אַקעגן דעם שונא. אונזער אַרטילעריע הערט אויף שיסן. עס איז אָבער פּאָרט שווער צו דערגרייכן דעם באַרג אין „איין לויף".

—פייער־איבערלעגנהייט!—קלינגט דער באַפעל.

מען וואַרפט זיך אויף דר'ערד און מען נעמט שיסן ווי ווילדע.

—הוראַ!—הערן מיר לינקס פון אונז, ערגעץ שוין אויפן סאַמע שפּיץ באַרג.

—שטורם! הוראַ!—ציען מיר די זעבלען און לויפן פאָרויס.

—הוראַ!—שרייט די גאַנצע ליניע און וואַרפט זיך אויף דער פיינטלעכער פּאָזיציע.

די ערשטע אָקאָפּעס זענען ליידיק. גענוג? אָדער מוז מען נאָך ווייטער? די קוילן פליען געדיכט אַרום די אויערן—

—הוראַ!—קלינגט דער צווייטער באַפעל.

—הוראַ! הוראַ!—דונערט עס פון אַלע זייטן,—און מיר שטייען פּנים אל פּנים מיטן פיינט.

פונקען באַווייזן זיך אין די אויגן. אויף אַ רגע וואַקסט אויס אַ טונקל נעבל צווישן אונז און זיי, די פּיס ציטערן ווי פאַר שוואַכקייט—און שוין ווערט אַ געמיש פון געשרייען און קרעכצן, פון בייזקייט און וויינען—עס ברעכט זיך עפּעס און קלאַפּט, אין די אויערן זשומעט — „וועל איך שיסן? וועל איך שיסן?",—ענטפערט עס אין מח—און, דעם רעוואָלווער אין דער לינקער פּאָך איך נאָר מעכאַניש מיטן זעבל אין דער רעכטער

האַנט און פאַרפיר אַרום זיך אַ האַלב-ראָד, ווילנדיק זיך באַשיצן עס גיט אַ בליץ פאַר מיינע אויגן אַ רוסישער באַיאָנעט—אין ברוסט, דאַכט זיך, צילט ער! שנעלער ווי דער רעוואָלווער טוט זיך אַ הייב מיין זעבל, און איך „פּאַריר" מיטן שפּיץ אַראָפּ. געטראָפן אין ביקס,—און דער רוסישער באַיאָנעט גיט זיך אַ בייג צו דר'ערד. צוגלייך אָבער שטויס איך אָפּ דאָס געווער פון מיין אייגענעם סאָלדאַט, וועלכער וויל מיך ראַטעווען—ער טרעפט נאָר מיין קעגנער אין ליטקע,—דער רוס פאַלט.— —

ערשט דאָס שיסן וועקט אויף, ספּאַמיענטעט: די רוסן אַנטלויפן, און מיר שיסן זיי נאָך—אונזער טייל באַרג איז גענומען.

און אַזוי שטייען מיר אַלס זיגער נאָך דער ערשטער שלאַכט ביי דער באַרימטגעוואָרענער „מאַגיעראַ"—די בלוטיקסטע און שרעקלעכסטע שלאַכט, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט. און וועט מען אַמאָל, נאָך צייטן, באַאַקערן יענעם באַרג, אָדער וועט מען גראָבן אויף אים פונדאַמענטן פאַר אַ פירשטנ-שלאָס,—וועט זיך וואונדערן דער נאַיווער טעכניקער פון דרייסיקסטן יאָרהונ-דערט:—דער גרעסטער בית-עולם, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל אויסגעבויט— —אָבער דאָס אייזן און בליי, די פאַרזשאַווערטע קלינגען—? כמעט אַזויפיל ווי די פאַרזונקענע ביינער און איינ-געדאַרטע מוחות...

פּנים אל פּנים מיטן פיינט.

ביסלעכווייז מאַכן מיר זיך באַקוועמער: די פאַרהאַנענע רוסישע „דעקונג", טעכניש אידעאַל אויסגעפירט, אַרבעט מען איבער אויף אייגענע שוצנ-גריבער, מיט אַ „פאַרקערטן פראָנט",— די איינצלנע ליניעס פאַרבינדט מען מיט „לויפגריבער"—מיר האַלטן זיך שוין פאַר זיכערע באַלעבאַטים פון דער „מאַגיעראַ".

די עטלעכע אַטאַקעס, וואָס די רוסן האָבן געפּרוווט מאַכן ביז נאָך מיטאָג, האָט מען מיט לײַכטקייט אָפּגעשלאָגן. בײַ דער לעצטער אַטאַקע האָבן שוין די זעלנער אפילו געלאַכט: מיט פּאַפּיראָסן אין מויל, אָדער קײַענדיק אַ האַרט שטיק צוויבאַק, האָבן זיי פלעגמאַטיש צוריקגעשאָסן.

ערנסטער ווערט עס ערשט פאַרנאַכט: נאָכדעם, ווי זייער אַרטילעריע האָט פלײַסיק אין אונז „אַרײַנגעפּעפּערט", נעמט אַטאַקירן די גאַנצע רוסישע ליניע. מיר „באַגריסן" זיי מיט שנעל-פײַער, אָבער זייערע דרײַ- און פיר-פאַכע ליניעס קומען יעדעסמאָל נענטער,—כאָטש זייערע פאַרלוסטן זענען גרויס. זיי ווילן שוין איבערגיי'ן צום שטורם,—אָבער אונזערע צוויי צוגעקומענע מאַשין-געווערן „שנײַדן זיי אונטער"—זיי הייבן אָן צוריקלויפן. פרישע אָפּטיילונגען פּרוּוון זיי אויפהאַלטן—אָבער אויך דאָס העלפט נישט—זיי מוזן צוריק. דאָס גיט אונז מוט: אונזערע סאָלדאַטן שיסן—אַז דער שוויס רינט זיי איבער די אויגן! נאָר רעכטס האָט אַ רוסישע אָפּטיילונג גאַנץ אומבאַמערקט זיך אונטערגערוקט אויף די בײַכער און איז שוין גאָר נאָענט. אין די פויסטן האַלטן זיי עפּעס דיקע, אײַזערנע ליכט, גרייט צו וואַרפן. האַנט-גראַנאַטן!

—רעכטס אַ פײַנטלעכע אָפּטיילונג!—שריי איך אַריבער צום באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט.

עס נעמט אַ ווײַלע,—און יענע אָפּטיילונג ווערט אַטאַקירט פון דער לינקער פלאַנקע. פאַר שרעק, נעמען זיי צו פרי וואַרפן די גראַנאַטן, וועלכע עקספּלאָדירן ווייט פאַר אונזער פראָנט און באַשיטן אונז קוים מיט אַ ביסל ערד. זיי זעען איין, אַז דאָס וואַגעניש איז פאַרשפּילט און ווילן זיך צוריקציען,—אָבער צו שפּעט: אונזערע רינגלען זיי שוין אַרום.

—„זשאַרי"!—פּרוּווט זיי נאָך אויפמונטערן זייער אָפיציר. אומזיסט. דער גרעסטער טייל ליגט שוין מיטן פּנים צו דר'ערד און האַלט די געווערן אין דער הויך: אַ סימן פון אונטערגעבן זיך. אויך דער אָפיציר זעט אײַן, אַז יעדע פאַר-

טיידיקונג איז אומזיסט, לייגט ער אַרויף זיין היטל אויפן זעבל—זיי גיבן זיך אונטער.

—פייער איינשטעלן!—צעגריזצן זיך אונזערע סיגנאַל-פייפערלעך.

דער רוסישער אָפיציר נעמט צוזאַמען זיין אָפטיילונג, פירט זי צו אונז, דערלאַנגט אונזער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט זיין זעבל, און מעלדט גאַנץ קאָרעקט אויף דייטש:

—„הער הויפטמאַן, איך מעלד די איבערגאַבע פון פופציק קריגסגעפאַנגענע, „אָן דעם קאָמענדאַנט".

האַסטיק כאַפּט ער אַרויס אַ רעוואָלווער און דערשיסט זיך.

אַן ערנהאַפטער טאַט פון אַן איבערגעטריבענער אַמביציע.

דער געגנער איז פאַרטריבן. אַ סך טויטע האָבן די רוסן איבערגעלאָזן פאַר אונזער פראָנט—אָבער אויך אונז האָט עס אָפּגעקאָסט געגנוג קרבנות. פון די שיצן-גריבער האַלט מען אין איין אַרויסטראָגן שווער פאַרוווּנדעטע, וועלכע פּולן אָן די לופט מיט יאָמערלעכע קולות. די לייכט-פאַרוווּנדעטע זענען גאָרנישט צום ציילן. ווייניק טויטע, דאַכט זיך. סאָלדאַטן ליגן מיט די ביקסן אין האַנט אָדער אָנגעשפּאַרט מיט דער פויסט אָן דער ערד,—ווי שלאָפנדיקע, און ערשט ווען מען וויל זיי וועקן, דערפילט מען דעם אייז-קאַלטן טויט, וועלכער האָט זיי פאַרגליווערט מיט אַ רויט שנורל בלוט אויפן קאָפּ אָדער אויף דער ברוסט...

די מידע זעלנער ווישן זיך דעם שווייס, קנאַקן אויס די אָנגעשטרענגטע הענט און זוכן ווי אַמבאַקוועמסטן זיך אַוועקצולייגן. פענריך ד. הייבט אויף די פיס פון דעם געפאַלענעם שטאַב-פעלדוועבל, לייגט אים צוזאַמען כמעט אין צווייען, און מאַכט פאַר זיך אַ שטיקל פלאַץ.

—אים וועט דאָך שוין גאָרנישט שאַטן—לאַכט ער גראָבזאָל איך כאָטש ליגן באַקוועם.

—האָסטו געזען, שוין פאַרגליווערט!—ציטערט אַ פאַרוווּנדטער אין פיבער, און שלעפּט זיין טויטן חבר פון איין אָרט אויפן צווייטן ווי אַ נישט-באַקוועם קישן.

ער וויל שלאָפן, זוכט ער אַ ווייכן פלאַץ, ווו דעם קאָפּ

אַנידערצולייגן. און ער געפינט: דעם טויטנס בויך איז נאָך ווייניק אָנגעבלאָזן,—לייגט ער אויף אים אַוועק דעם קאָפּ—און ער וועט מסתמא באַלד גאַנץ רויק אַנטשלאָפן ווערן...

מען ליגט מיט אָפענע אויגן און מען קוקט אויף דעם געלן הימל, ווו די זון הייבט שוין אָן פאַרגיין.

—וואָלט כאָטש זיין עפעס צו עסן—זיפצט איינער.

דער געדאַנק באַהערשט אַצינד אַלעמען.

נישט לאַנג לאָזן אונז די רוסן אַזוי ליגן. עס דערהערן זיך קאַנאָנען—צוערשט ווייט, לינקס און רעכטס, דערנאָך נענטער, ביז אונזער גאַנצער פראָנט ווערט פאַרפלייצט מיט גראַנאַטן. כמעט יעדער שאָס איז אַ טרעפער, דען מיר ליגן אין די פריערדיקע רוסישע אָקאָפּעס, ווייסן זיי גענוי די דיסטאַנץ. די פאַרלוסטן זענען גרויס. עס איז קיין ספק נישט, אַז זיי גרייטן זיך צו אַ קעגן-אַטאַקע. צוויי מאָל טעלעפאָנירט אונזער באַ-טאַליאָן-קאָמענדאַנט, אַז מיר קאָנען נישט לענגער האַלטן די שטעלונג.

—„מען מוז האַלטן"—איז די שטרענגע תשובה פון דער בריגאַדע.

ערשט קעגן מיטערנאַכט קומט דער באַפעל צום „ריקצוג". שטיל און טרויעריק קריכט מען אַרויס פון די גריבער—און טאַקע באַלד הערן מיר ווי די רוסן שטורמען דעם באַרג.

אַ לייכטע אַרבעט האָבן זיי געהאַט: קיינעם פון אונז נישט געטראָפן,—אַ חוץ יענע, וועלכע בלייבן איבער אין דער פינסטער, כדי זיך איבערצוגעבן דעם פיינט און אויף דעם אופן ענדלעך פטור ווערן פון טויט-שרעק און מאַטערנישן.

ליגן מיר אין דער נייער שטעלונג הינטערן באַרג און קוקן נערוועז אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין. אונזער אַרטי-לעריע ברומט מיט רוגזה—גרייטן מיר זיך צון אַ נייער אַטאַקע? פון דער לינקער זייט קומט אָן עפעס אַן אָפּטיילונג—אַ הונדערט ביז הונדערט פופציק מאַן. אוודאי צו שפעט זיך צוריקגעצויגן—אָדער האָבן זיי געהאַט אַ ספעציעלע אויפגאַבע? זיי לייגן זיך אַריין אין די צוגעגרייטע גריבער. מען פאַרווּכערט פאַפּיראָסלעך

און מען הייבט אָן שמועסן–ערשט, עס ווערט אַ גערודער און אַ צאַנקעריי—; די שפּעט אָנגעקומענע אָפּטיילונג איז אַ רוסישע, און נאָר על פּי טעות האָבן זיי זיך אַריינגעלייגט אין אונזערע שיצן-גריבער! זיי האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דער נאַכט.

—מיר האָבן די נאַכט געזיגט, מוזט איר זיך אונטערגעבן—טענהט דער רוסישער פעלדוועבל.

—פיין אַריינגעפאַלן—לאַכט אונזער לייטנאַנט און הייסט צונעמען בײַ זיי די געווערן.

די רוסן האָבן קיין ברירה נישט און גיבן זיך אונטער. מען פירט זיי אַוועק.

בײַ מאָרגנגראָען שיקט מען אונז צו-הילף אַ פרישן באַטאַליאָן און מען טרייבט אונז ווידער צו אַן אַטאַקע. דאָס מאָל אָבער שוין נישט „פראָנטאַל", דען די רוסן זענען צו שטאַרק. מיר לאָזן אויף אונזער פלאַץ נאָר אַ שוואַכע אָפּטיילונג, וועלכע דאַרף „נאַרן" דעם געגנער דורך שטאַרק שיסן, און מיט דער הויפּטמאַכט פאַרשיבן מיר זיך רעכטס הינטערן באַרג, אין וואַלד אַריין: מיר ווילן אַטאַקירן די רוסן פון דער פלאַנקע. אָבער זיי דערקענען אפנים באַלד אונזער כּוונה, דען נישט נאָר זיי פאַרטיידיקן זיך, נאָר זיי פירן נאָך אויס אַ „רעקאָגנאָטער"—זיי אַטאַקירן א ו נ ז. און עס צעשפּילט זיך אַ קורץ, אָבער אַ שרעקלעך וואַלד-געפעכט: ביידע פאַרטייען רוקן זיך אויף די בייכער ווי די שלאַנגען-וואָס אַמאָל נעענטער און נעענטער,—מען גרייט זיך צון אַ שטורם מיט „האַנט-וואָפן". און באַלד טאַקע שפּרינגט מען זיך אַקייגן מיט אַ ווילד געשריי. די רוסן גיבן צייכנס מיט די געווערן. ווילן זיי זיך אונטערגעבן? מיר פרווון איינשטילן דאָס פייער,—אָבער נישט אונזערע געשרייען און נישט די זאַלושנדיקע סיגנאַל-פייפערלעך העלפן: מען מוז קלאַפּן יעדן סאָלדאַט אין קאַרק אָדער איבער דער פּלייצע, ער זאָל אויפהערן שיסן. ענדלעך ווערט שטיל. מיר שטייען אפשר אויף פופציק שריט אַקייגן דעם שונא.

ביידע קאָמענדאַנטן פאַרלאַנגען, די געגנ-פּאַרטיי זאָל זיך איבערגעבן. אויך די סאָלדאַטן טענהן זיך אויס:

—קום צו אונז—שרייט אַריבער אַ רוסישער זעלנער—ווערסט האָבן וואָס צו עסן, אַ סך ברויט ביי אונז פאַרהאַנען.

—איך דאַרף נישט, מען זאָל מיך שלאָגן מיט דער נאַגאַיקע—איז אונזערער שטאָלץ.

—און ביי אייך שלאָגט מען נישט?—לאָזט יך נישט דער רוס—דערצו נאָך דאָס עסן...

און די „פיינטלעכע" יונגען פאַראַרגומענטירן זיך אַזוי, אַז מען הייבט אָן זיך שפּילן אין „כאַפּערלעך" ווי קינדער—ווער וועמען ביים קארק, ביי דער ברוסט: איינער וויל דעם צווייטן אַריבערשלעפּן אויף זיין זייט.

די אָפיצירן פאַרזאַמלען זיך דערווייל פאַר דעם פראָנט און קוקן צו, ווי די צוויי קאָמענדאַנטן פאַרהאַנדלען. פלוצים—ערגעץ ווייט אויפן פליגל, דערהערט זיך אַ שאָס. האָבן צוויי געגנערישע סאָלדאַטן זיך צעקריגט, צי איז נאָר צופעליק געפאַלן דער שאָס—וואָס עס זאָל דאָרט נישט האָבן געשען—דער שאָס ווערט אַ סיגנאַל פאַר דער גאַנצער רוסישער ליניע, וועלכע ברעכט באַלד אויס אין אַ מערדעריש פייער. מיר זענען צעטומלט. שוין איז אַ לייטנאַנט פאַרווונדט, מיט דעם אָבער־לייטנאַנט פ. טוט עס אַ וואָרף הינטערווייַלעכץ צון אַ בוים—און ער בלייבט ליגן מיט אַ קויל אין קאָפּ. דאָס באַקענטע געיאָמער פון פאַרווונדעטע צעטראָגט זיך איבערן וואַלד. מיר צעלויפן זיך אויף אונזערע פלעצער און ווייסן נישט וואָס צו טון—אַלץ איז, דאַכט זיך, פאַרשפּילט!

—שטורם! הוראַ!—וואַרפט זיך פלוצים אונזער הויפּטמאַן אויף די רוסן.

—הוראַ!—כאַפּן מיר תיכף אונטער, און מיט דער גאַנצער בייזקייט פון צעשראָקענע און אָפּגענאַרטע, לויפן מיר גלייך אויף די רוסישע באַיאָנעטן.

מיר זענען געראַטעוועט: דער רוסישער סאָלדאַט האַלט אַלץ אויס, נאָר פאַר „שטורם" האָט ער שטאַרק מורא. קוים דערהערט „הוראַ", זענען זיי שוין אַנטלאָפן. מיר האַלטן קוים אויף אונזערע סאָלדאַטן, זיי זאָלן נישט נאָכלויפן.

ברייטלעך פאַרנעמען מיר די רוסישע אָקאָפּעס, און דער באַרג איז אפשר שוין צום אַכטן אָדער צום צענטן מאָל „אונזערער".

אויף דער „מאַגיערא".

עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד האָט זיך געביטן דאָס „קריגס-מזל": באַלד מיר אויפן שפּיץ און די רוסן אונטן, און באַלד פאַרקערט. דאָס אַרומרייסן זיך האָט אָפּגעקאָסט הונדערטער מענטשן דאָס לעבן, טויזנטער דאָס געזונט און צענער-טויזנטער די נערוון—ביז מיר זענען געבליבן „אויבן" און געמיינט: אָט קומט שוין די ישועה—מען מאַכט שלום, און אַ סוף!

ווידער ווער איך צוגעטיילט צון אַ נייער אָפּטיילונג: צום ערשטן באַטאַליאָן פון אַכציקסטן רעגימענט. פּונקט ווען איך לאָז זיך גיין צו דער באַטאַליאָן-קאָמאַנדע, הייבט אָן דונערן אַ פיינטלעכע אַטאַקע און קוילן, ווי אַ געדיכטער האָגל, פאַרשיטן דאָס בערגל. איך שפּריגג אַריין אין דעם נאָענטסטן שיצנ-גרוב און פאַל אויף עפּעס שפּיציקע קאַסטנס: עס איז דער טעלעפאָן-אַפּאַראַט. נאָר מיין ראַנג האָב איך צו פאַרדאַנקען, וואָס דער טעלעפאָניסט וואַרפט מיך נישט אַרויס.

—„דאָ איז I/80—שרייט ער בייזלעך אין פאַרבלאָטיקטן רעד-אַפּאַראַט—קאָמענדאַנט הויפּטמאַן צ.?—יאָ, אַ רוסישע אַטאַקע,—עס ווערט אָפּגעוועהרט—"

די קוילן מערן זיך מיט נאָך אַ געדיכטערער כוואַליע און רייסן אַוועק גאַנצע שטיקער פון דער „דעקונג". מיר טוליען זיך אַלע צו דער פאָדערשטער וואַנט—אפשר וועלן מיר זיך אויסהיטן...

—זאָפאָרט!—גיט דער טעלעפאָניסט זיך אַ דריי אַוועק פונם אַפּאַראַט—פ.! פרעג שנעל ביי הער הויפּטמאַן, צי מ'דאַרף אַמוניציע און פאַרשטאַרקונג.

אין דעם מאָמענט בין איך זיכער, אַז דער יידישער אינפאַנטעריסט פ., וועלכער האָט באַקומען דעם באַפעל פון דעם יידישן טעלעפאָניסט, וועט זיך נישט רירן פון אָרט. איז דאָך נישט מעגלעך אויפצוהייבן דעם קאָפּ! איך שטוין: אינפאַנטעריסט פ. שפּרינגט שוין אַרויס פון שיצן-גרוב און פאַרשווינדט אין אַ צווייטער דעקונג. אַ רגע—און שוין שפּרינגט ער צוריק ווי אַ האָז:

—שיקן אמוניציע, פאַרשטאַרקונג נאָך נישט נויטיק.

דער טעלעפאָניסט גיט איבער זיין שליחות דורכן דראָט.

- ווי אַלט, בחור?—קלאַפּ איך דעם יונגן פ. איבער דער פּלייצע.

—געוואָרן צוואָנציק, הער פענריך—וויל ער כמעט אויפשטיין פאַר דרך-ארץ.

איך דערלאַנג אים אַ ציגאַרעטל, איינס פון מיינע לעצטע, און דער בחור רויטלט זיך ווי אַ קינד.

דאָס שיסן האָט דערווייל צו ביסלעך נאָכגעלאָזט. קריך איך אַרויס און מעלד זיך ביים באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט. ער וויל מיך באַשטימען אַלס זיין אַדיוטאַנט, אָבער ער דערמאָנט זיך, אַז דער קאָמענדאַנט פון דער צווייטער קאָמפּאַניע איז געפאַלן, מוז איך פאַרנעמען זיין שטעלע און טאַקע מיט זיך מיטנעמען דאָס געלט פון דער קאָמפּאַניע-קאַסע.

די פּאָזיציע פון מיין קאָמפּאַניע איז פונקט אויפן שפּיץ פון דער „מאַגיעראַ". אַ דרייסיק שריט הינטער אונז שטייט די באַרימט-געוואָרענע „וואונדער-קאַפּעלע", — אַ קליין קלויסטערל, וועלכעס איז שוין זייט צוויי טעג דער איינציקער ציל-פונקט פאַר די רוסן. דער דאַך און ווענט, דורכגעלעכערט פון גראַנאַטן, זענען דורכזיכטיק ווי אַ זיפּ, און דער דיל איז אַזוי טיף אויסגעגראָבט און אויפגעריסן, גלייך אָט אין אים איז פאַרזונקען קורח מיט זיין עדה—עס איז אַ פּחד אַ בליק צו טון! און צווישן אָט די לעכערדיקע ווענט, אונטער דעם דעכל, דער חורבה, און אויף דעם אויפגעריסענעם געמויזעכץ פון ערד און אייזן—איז געבליבן שטיין די מאַטקע באָסקע, דאָס שטיינערנע בילד פון דער „הייליקער מאַריע מיטן קינד אויף די הענט"—

כמעט נישט אָנגעריִרט, נאָר ווי דורך אַ נס באַשיצט! וויפל מעשות האָבן שוין די סאָלדאַטן באַשאַפן וועגן דעם בילד!... אין חלום ראַטעוועט זיי דאָס בילד פון טויט, באַשיצט זייער פאַמיליע אין דער היים פאַר הונגער, וואָרנט ווי אַזוי צו גיין און ווו צו ליגן—גאַנצע לעגענדעס... נישט אומזיסט האָט די צערייצטע פאַנטאַזיע פון די סאָלדאַטן געקרוינט דאָס קלויסטערל מיטן נאָמען „וווּנדער-קאַפּעלע".

אונזער שטעלונג איז אויסגעבויט ווי אַ קליינע פעסטונג: טיפע, פעסט-געבויטע שיצן-גריבער, געדעקט מיט באַלקנס און מיט ערד—אַ טייל אויך אויסגעהאָנגען מיט געצעלט-לייוונט. אַזוי ציִען זיך דריי ליניעס הינטעראײנאַנד, פאַרבונדן מיט טיפע „לויפגריבער", וועלכע פירן צוריק אפילו ביז צום רעגימענט-קאָמענדאַנט. מיין שיצנגרוב איז איבערגעצויגן מיט אַ טאָפּלטער לייוונט. נעבן מיר ליגט מיין שטעל-פאַרטרעטער, קאַדעט ע. און דער קאָמענדאַנט פון דער דריטער קאָמפּאַניע, לייטנאַנט ט.

—איז דאָ עפּעס צו עסן?—איז כמעט מיין ערשטע פראַגע, דען דאָס ביסל עסן, וואָס איך האָב מיטגענומען אין מיין ברויט-זאַק, איז שוין פון לאַנג פאַרצערט, און מיט די איבריקע זאַכן איז מיין דינער פאַרבליבן ביים אַלטן רעגימענט. איז ער גע-פאַלן? פאַרוואונדעט געוואָרן? מער האָב איך אים נישט געזען.

די ביידע אָפיצירן קוקן זיך איבער, און יעדער פון זיי נעמט אַרויס צו צוויי קליינע שטיקלעך צוויבאַק—זייער לעצט פאַרמעגן.

—מיר קאָנען זיך טיילן—איז מילד דער לייטנאַנט—אָבער ווו נעמט מען עפּעס צו דעם?

איך קער איבער אַלע קעשענעס, אפשר וועט זיך געפינען אַ שטיקל שאָקאָלאַד-אומזיסט. דאָך—איך געפין פאָרט עפּעס: צווישן די פאַפּירן אין דער בוזעם-קעשענע פאַרוואַלגערט זיך אַ קנאָבל, נישט אַ גאַנץ הייפּטל, ניין,—אַן אײנציקער צאָן קנאָבל. ווי קומט ער אין קעשענע? איך וווּנדער זיך אַליין, וואָס איך האָב אים ביז היינט נאָך נישט אויפגעגעסן. איך ווייז אים מיינע קאַמעראַדן.

—זע, אַן אוצר!- דערפרייט זיך דער לייטנאַנט.

מיר נעמען זיך צו דער סעודה: פון די פיר שטיקלעך צוויבאַק נעמען מיר נאָר צוויי (די אַנדערע צוויי דאַרף מען באַהאַלטן אויף מאָרגן!) און מיר טיילן זיי אין דריי גלייכע חלקים. איך נעם אויך אַזוי איינטיילן דעם קנאָבל.

—ניטע!—גיט זיך אַ כאַפּ דער לייטנאַנט אויף צוויי העלפטן צעטייל. איין העלפט מוז בלייבן אויף מאָרגן.

איך צעלאַך זיך, מיינע ביידע קאַמעראַדן לאַכן מיט, [illegible] מיר צעטיילן פּאָרט דעם קנאָבל אין צוויי העלפטן, און יעדער נעמט אַ דריטל פון איין העלפט. דעם רעשט פּאַק איך איין פּאָרזיכטיק אין פּאַפּיר און באַהאַלט אים צוריק אין קעשענע.

—אַצינד נאָך אַ טרינק טון—סמאַטשקעט דער קאַדעט מיט דער צונג, נאָכדעם ווי מיר האָבן פאַרשלונגען דאָס ביסל צוויבאַק מיטן קנאָבל.

—טרינקען?—וויצלט זיך דער לייטנאַנט—אָך, אין ווין איז דאָ אַ סך שאַמפּאַניער.

איך טראַקטיר דערווייל מיינע נייע חברים מיט די לעצטע פּאַפּיראָסן און וויל אָנרייבן אַ שוועבעלע:

—ניטע,—גיט זיך ווידער אַ כאַפּ דער „עקאָנאָמישער" לייטנאַנט—באַהאַלט, טאָמער וועט אַמאָל נישט זיין.

אַ זעלנער, וועלכער סמאָטשקעט נאָך דאָס לעצטע פּיצל פּאַפּיראָס, גיט אונז פייער.

—פעלדוועבל—שפּאַס איך מיט מיין אונטעראָפיציר—ברענגט אַ טרינק, אָדער איך דערטרענק אייך אין אַ ים קאַלט וואַסער!

דער פעלדוועבל צעלאַכט זיך, דאַכט זיך מער אויס „רעס-פּעקט" ווי פון מיין וויץ.

—ס'איז דאָ וואַסער—זאָגט ער ערנסט אָבער זייער ווייט... די רוסן שיסן... נאָר ווען הער פענריך באַפעלן, וועל איך שיקן אַ מאַן...

—לאָזט געמאַך!—שרעק איך זיך פאַר זיין ערנסטקייט—אָבער וואָס טרינקט די מאַנשאַפט?

—זיי האָבן אַרויסגעשטעלט די עס-שאָלן אויפן רעגן.

זייט אַ האַלבער שעה גייט באמת אַ דינער הערבסט-רעגן.

—און ווען מיר האָבן נישט קיין עס-שאָלן?

—לעקט מען די סטעליע—כאַפּט אונטער דער לייטנאַנט.

און זיין וויץ איז גאָרנישט אַזוי נאַריש: פון דער אייבערשטער געצעלט-לייוונט הייבן אָן אַראָפּקאַפּען טראָפּנס רעגן.

—אַ—אַ...—קוויקן מיר זיך, שטעלן אויף די מיילער און קוויקן זיך מיט די פרישע טראָפּנס, וועלכע קריצן אַ ביסל אונטער די ציין.

עס איז שוין פאַרנאַכט, און מיר וווּנדערן זיך נאָר, פאַרוואָס די רוסן שיקן נאָך נישט זייער געוויינלעכע פּאָרציע גראַנאַטן. מיר וויסן שוין די צייט: פריער פלעגן זיי שיסן רעגלמעסיק פיר מאָל א טאָג, איצט האָבן זיי אפּנים צו ווייניק מוניציע, שיסן זיי נאָר דריי מאָל: באַגינען, דערנאָך אַרום צוויי ביי טאָג, און פאַרנאַכט. האָבן זיי אפּנים דאָסמאָל פאַרשפּעטיקט. אָבער מיר וואַרטן נישט מער לאַנג. „דזשין-דזשין-דזשין"..., קלאַפּט עס ווי פון אַן אַלטן, גרויסן, פאַרזשאַווערט-געשפּרונגענעם גלאָק. „זש..זש..", פליט עס הייזעריק און—„טראַך! טראַך! טראַך!", פאַלט עס פאַרדומפּן אין דער ערד אַריין,—דאָס זענען די רוסישע גראַנאַטן. „טשאַך—סז... טשאַך סז... טשאַך—סז... סז... סז... באָם! באָם! באָם!", קלינגט עס אַ ביסל טיפער, אייגנטלעך שטאַרקער, מיט אַ באַריטאָן-שטימע פון פעסטע, מעטאַלענע ריירן. עס פליט מיט אַ יונגן, בייזן סיטשען, צעוויינט זיך אַמאָל אין דער לופטן ווי אַ הונט אין דער נאַכט, און פאַלט ערגעץ ווייט מיט אַ ווידערקול פון שטאָלענע האַמערס אויף קרעמענע פעלזן—דאָס זענען אונזערע. מיר דערקענען שוין דעם „טאָן".

גאַנץ פאַרשידן באַטראַכט מען אויך דעם „פּראָצעס" פונם שיסן. אָט הערט זיך אַ רוסישער קנאַל. מיר קוקן אויף דער ערד, זוכן דעם פלאַץ ווו „ער" (דער גראַנאַט) וועט אַריין, און גיבן אַ בייג דעם קאָפּ, ווען ער האָט שוין פון לאַנג עקספּלאָדירט און אונטערגעוואָרפן אַ הויפן ערד אין לופטן. מיר וואַרטן נאָר אומגעדולדיק, עס זאָל שוין קומען דער צווייטער גראַנאַט

און מיר זאָלן קאָנען זען, אַז ער פֿאַלט אַ ביסל ווייטער. נאָך דעם דריטן שאָס איז מען שוין גאַנץ באַרויקט: געוויינלעך פֿאַלן נישט מער ווי דריי גראַנאַטן אויף איין פּלאַץ. בפֿרט ווען די רוסן האָבן דאָ נישט איבעריק פֿיל אַרטילעריע און מוזן מיט די פּאָר „קאַנאָנדלעך", ווי מען רופֿט זיי שפּעטיש, שיסן אויף דעם גאַנצן פֿראָנט. און אָט ענטפֿערט אונזער אַרטילעריע. באַלד נאָכן קנאַלן קוקט מען נאָך דעם „פֿלי" לויטן אויער, און מען איז איבערצייגט, אַז אָט זעט מען עס. נאָך יעדן „באָם, באָם, באָם!" כאַפּט מען אונטער דעם „טאָן" און מען דערזינגט זיך ריטמיש דעם רעשט פֿונם לידל: „טי-טאַראַ-ריטאַ-טאַטאַ-טאַ!".

—„זיבן אַ האַלבס"—באַצייכנט אַ „פֿאַכמאַן" דעם קאַליבר פֿון קאַנאָן לויט זיין קלאַנג.

—„צוועלוער"—באַרעכנט ער די ווייטערדיקע קאַנאָנען-קוילן—„זיבעצען אַ האַלב"—„אַכטאונצוואָנציק"— —

און אַזוי פֿאַרגייט די צייט אויף ציילן, רעכענען, קוקן און הערן.

אָפּגעשאָסן, ווערט „לעבעדיק" אין שיצן-גרוב. אַ גאַנצן טאָג איז געפֿערלעך אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ: נישט וויט, פֿאַר-באַהאַלטן צווישן די געדיכטע צווייגן, זיצן די בעסטע רוסישע שיסערס. זיי קריגן אַ „האַלבן רובל פֿאַר אַ קאָפּ", דערציילן זיך אונזערע סאָלדאַטן... אָבער אין בין-השמשות קאָן אויך דער בעסטער שיסער וויניק וואָס אויפֿטון. קריכט מען אַרויס פֿונם שיצן-גרוב, שטרעקט אויס אַ ביסל די ביינער, און מען שמועסט זיך שנעל דורך מיט אַ חבֿר, וועלכן מען האָט שוין צוויי טעג נישט געזען, כאָטש ער ליגט אפֿשר דרייסיק שריט דאַנעבן. מיט דעם אָנגעזאַמלטן רעגנוואַסער וואַשט מען דאָס מויל, אַנדערע וואַשן אפֿילו מיט דעם „געטלעכן שאַמפּאַניער" די קוי-טיקע, פֿאַרבלאָטיקטע הענט. אָבער דערהויפּט באַנוצט מען די צייט אויף צו באַזאָרגן נאַטירלעכע באַדערפֿענישן, כּדי—אויף וויפֿיל מעגלעך—צו האַלטן ריין דעם שיצן-גרוב.

און אין מיטן פֿון אָט דער „באַקוועמלעכקייט" פֿאַלן אַריין אומגעריכטערהייט עטלעכע געווער-קוילן. איינער ווערט פֿאַר-

וונדט, אַ צווייטער פּאַלט מיט צעשמעטערטע געהירן, און דער רעשט צעלויפט זיך ווי די צעפּלאָשעטע הינדעלעך. און באַלד דערהערן זיך אויך קאַנאָנען. זיי קלינגען שטאַרק מאָדנע אין דער אויפּערגעווינלעכער צייט. עטלעכע „דרייסטע" זענען נאָך געבליבן אין „דרויסן". נישט ווייט אַקעגן אונז טוט איינער אויס די אויבערקליידער. אָבער ער שעמט זיך מסתּמא, לאָזט ער ליגן די זאַכן אויפן פּלאַץ און אַליין פאַרשווינדט ער הינטער אַ „לויפגרוב". אין זעלבן מאָמענט גיבן אַ זעץ פאַר די אויגן ברייטע פלאַמען,—אַלע צעלויפן זיך. דער רויך און שטויב לייגן זיך,—און אויפן אָרט, וווּ עס זענען געלעגן די אויבערקליידער, איז אויסגעגראָבן אַ טיפער גרוב, נאָר אַ שטיקל פונם מאַנטל ווייזט אָן, אַז אויף דעם אָרט זענען געלעגן קליידער.

—וואָס פאַר אַ מזל פון אַ מענטשן—צלמט זיך דער קאַפּראַל נעבן מיר—עס וואָלט אים געווען צעריסן אויף שטיקלעך...

אַ ווײַלע איז שטיל. אָבער באַלד לאָזט זיך הערן אונזערס אַ שאָס,—אַן איינציקער. ער פליט לאַנג, פּאַוואָליע, און פאַלט ערגעץ אַריין מיט אַ דומפּן קראַך.

—זאָל „אים" דער שלאַג...!—איז ערגעץ בייז אַ סאָלדאַט—ווען די רוסן טשעפּען נישט, טאָ וואָס טשעפּען אונזערע?

און ער איז גערעכט, כאָטש ער ווייסט אַליין נישט, וועמען ער שעלט, דען באַלד רופט זיך אָפּ אַ קרענקלעכער קאַנאָן-שאָס—אַ רוסישער. אונזערע ענטפערן ווידער און אַזוי צעפלאַקערט זיך אַ רעגלמעסיקער אַרטילעריע-קאַמף.

—מיר גרייטן זיך צו אַ פרישער אַטאַקע—וואָרן איך די צוג-קאָמענדאַנטן און גיי אַרויס אָנזאָגן מיינע מענטשן, מען זאָל זיין אויף דער וואַך.

פון יעדן שיצנ-גרוב, ווו איך בלייב שטיין, שטעקט אַרויס דער „שוואַרמקאָמענדאַנט" דעם קאָפּ און מעלדט, וויפיל מוניציע עס האָט יעדער מאַן. אָבער ווער קאָן דאָס זיין די באַקענטע שטימע?... גאָכאַמאָל רוף איך אַרוס דעמזעלבן אונטעראָפיציר. זיין לאַנגע, געבויגענע נאָז, וועלכע שטעקט אַרויס פון דער „דעקונג", דערמאָנט מיך אָן עפּעס לאַנג פאַרגאַנגענעס...

—קאפראל, זייט איר נישט...?
—קאפראל וו. פון ז.—מעלדט ער אַ גליקלעכער.
—בערל! וואס מאכסטו? האסט מיך נישט דערקענט?
כמעט אין טרערן האלז איך מיין געוועזענעם שול-חבר.
ער האט מיך דערקענט נאך אין דער פרי, אבער—„ווי וועט ער וואגן צון אַ פענריך"...
מיר נעמען זיך איינטענהן, און פארגעסן גאר, אַז מיר שטייען אין אַ שטורמישער סיטואציע. ביז, אין ליארם און שי-סעריי, צעקראכט נאנט פון אונז אַ בוים, אַ ריז,—און נייגט זיך מיט זיינע צווייגן העלפטן איבער אונזערע קעפ. איך קאן שוין מער נישט צוריקלויפן און מוז אריינשפרינגען צו מיין חבר אין שיצנ-גרוב. מיט אַ שטומען קראך פאלט פלוצים אריין צו אונז אַ גראנאט.
—הער פענריך—שרייט אַ סאלדאט—דאס איז פון אונזער אייגענער ארטילעריע!
—אבער גיי!—וויל איך נישט גלייבן.
נאך עטלעכע מינוטן פלאצט ווידער אַ גראנאט אויף דעמ-זעלבן ארט.
—אייגענע!—בייזערט זיך ווידער עמיצער, און שוין צע-טראגן זיך געשרייען פון פארוואונדעטע.
איך באטראכט דעם „אריינפאל-ווינקל" פון די גראנאטן, און דערזע דעם ביטערן אמת: עס זענען קוילן פון אייגענע קאנאנען... צום גליק—נאר צוויי מאן פארוואונדעט.
עס איז געווארן פינסטער. דער פלאם פון די עקספלא-דירנדיקע גראנאטן פארבלענדט די אויגן, מען זעט נישט קיין וועג, און דאך שפרינג איך ארויס פון דער דעקונג און לויף גלייך צום באטאליאנ-טעלעפאן:
—האלא! אייגענע ארטילעריע שיסט צו קורץ! צוויי מאן פארוואונדעט!
—„אויפגענומען" איז די קורצע תשובה.
מיין מעלדונג האט געהאלפן: ביז איך קום צוריק, פאלן שוין די זעלבע גראנאטן ווייט, ווייט פון אונז, צו די רוסן צו.

אָבער מײנע סאָלדאַטן האָבן פאַרלאָזט יענעם „אומגליקלעכן" שיצנ-גרוב, האָבן זיך אריבערגעטראָגן צו אַנדערע חברים—און ווילן בשום אופן מער נישט צוריקגײן. און איך צווינג זײ נישט: קײן שום קלאַפּ טוט דאָך נישט אַזוי װײ, װי אַן אײגענער.

אין נאַכטיקן געטומל.

אומזיסט ערוואַרט איך ווײטערע דיספּאָזיציעס. די אַרטי-לעריע האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט שיסן,—דאָס גאַנצע לעבן אַרום איז װי אָפּגעשטאָרבן. די העלפט פון מײן מאַנשאַפט, מיד און צעבראָכן, איז אנטשלאָפן געװאָרן נאָך אין גרעסטן אַרטילעריע-פײער. איצט טוליען זיך אײן די איבעריקע, װער אין אַ דעקע, װער אין זײן לײכטן מאַנטל, קאָרטשען זײ זיך אײן אין פּירן, און אויסציענדיק דאָס לעצטע ציגאַרעטל, װערן זײ פאַװאָליע אַנדרימלט. נאָר די „האָרכפּאָסטנס" זיצן מיט אויס-געשטרעקטע העלזער און כמעט צוגעפאַלענע אויגן, און מיט די אויפגעפלאנצטע געװערן אין האנט, קלערן זײ זײערע טרויריקע געדאַנקען.

װאָס װעט זײן?...

איך זע פאַר זיך דאָס אויפגערעגטע בילד פון מײנע פאַרשלאָפענע סאָלדאטן. װען דער פײנט זאָל זײ איצט פּלוצים איבעראַשן מיט אַן אַטאַקע... און דאָ קומט גאָר פ. מיט אַ באַ-פעל פון באַטאַליאָנ-קאָמענדאַנט: נישט ענטפערן אויף קײן פײנט-לעכער אַטאַקע, װײל פאַר אונז געפינען זיך אײגענע טרופּן—! דאָס הײסט: ביז איצט האָט מען עס נישט געװוסט—? איז דאָך אונזער גאַנצע ליניע גרײט געװען צו ענטפערן מיט פײער— — װאָלטן װידער „אײגענע" אַרײנגעפאלן צװישן צװײ פײערן...

איך גיב איבער דעם באַפעל צו מײנע צוג-קאָמענדאנטן, רוק דערנאָך אונטער מײן פּעקל אונטערן קאָפּ, דעק זיך אײן

מיט אַ טאָפּלטער דעק און ווער געשמאַק אַנטשלאָפֿן.

עס וועקט מיך אַ נערוועז שיסן. ס'איז נישט ווייט פֿון אונזער פראָנט, דאַכט זיך, אָבער מען זעט נישט קיין פֿייערלעך. אונזערע פֿאָדערשטע ליניעס שטייען אפֿנים אין אַ קאַמף.

— נישט שיסן! — דערמאָן איך מיינע צוג-קאָמענדאַנטן.

איך הער זיך איין אַ ווײַלע אין דער אויסטערלישער, נאַכטיקער מוזיק, קלער נאָך, וויפֿל טויטע און פֿאַרוווּנדעטע קאָ-נען אַצינד דאָרט זײַן, — און באַלד דעק איך זיך ווידער איין און ווער ווידער אַנטשלאָפֿן. אָבער „די מילנערקע קאָן נישט אַנט-שלאָפֿן ווערן, ווען די מיל מאָלט נישט”... דאָס שיסן האָט אויפֿ-געהערט, כאַפּ איך זיך ווידער אויף. אין די אויערן קלינגט נאָך דער לעצטער קנאַל — פֿון אַ ביקס? אָדער אַ קאַנאָן? בײַן, דאָס דאַכט זיך מיר נאָר אויס — עס איז שוין פֿון לאַנג שטיל. איך קוק צום אויסגעשטערנטן הימל, וועלכער ווייזט זיך גאַנץ קאַרג דורך די לאַנגע צווײַגן, און פּונקט אַקעגן שווײַגט די אומהיים-לעכע, פֿינסטערע „ווונדער-קאַפּעלע”. איך שטעל זיך אויף, קוק אַריבער צום פֿײַנט — מען זעט גאָרנישט: אַ פֿינסטערע נאַכט ליגט אין וואַלד.

שטיל. פּלוצים הערט זיך אַ ווײַטער שאָס. נאָך איינער. און ווי פֿאַרשלאָפֿענע הינט אין דאָרף — וועקט זיך איינער מיט אַ הויק, אַ צווייטער — אַ פֿיפֿטער — אַ צענטער — ביז אַלע צעוויִען זיך פֿון פֿולע, אָנגעשטרענגטע העלזער, — אַזוי רופֿן זיך אָפּ צו-ערשט איינציקע ביקסן, באַלד גאַנצע כּתּות — מחנות —, ביז עס ווערט אַן אַלגעמיינע קנאַלערײַ — צום טויב ווערן!

דאָס שיסן קומט יעדעסמאָל נענטער. צווישן די ביימער פֿליִען זיי פֿאַרבײַ, אָט די קליינע קוילעכלעך, ווי די פֿייגע-לעך, — שלאָגן זיך אָפּ אָן דעם שטאַם מיט אַ דינטשיק צוויש-טשערײַ — „דזיק!” — און פֿאַלן ערגעץ אין גראָז אַרײַן. צומאָל נאָר רײַסט דורך אַ קויל די פֿײַכטע ערד פֿון די שאַנצן, פֿאַלט אַרײַן צווישן די שלאָפֿנדיקע — אַ קורצער „אוי!” — אַ שטילער זיפֿץ אויסן שלאָף — און אַלץ איז ווידער שטיל, — מען שלאָפֿט ווײַטער.

—נישט שיסן!—שריי איך נאָכאַמאָל אַריין אין דעם ליאַרם פון דער נאַכט.

—נישט שיסן—חזרן איבער אַ ביסל שטילער און נישט זיכער די „האָרכפּאָסטנס״.

די צוג-קאָמענדאַנטן שלאָפן שוין אוודאי. דעק איך זיך ווידער איין און ווער ווידער אַנטשלאָפן.

ווי דורכן חלום הער איך, מען וועקט מיך. דאָס ווייטע שיסן שלאָגט זיך אָפּ אין געהירן מיט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג—עס גלוסט זיך נישט אפילו עפענען די אויגן.

—הער פענריך—שטאָרקעט מען מיך פאָרזיכטיק.

עס איז דער באַטאַליאָן-אָרדאָנאַנס פּ.

—הער הויפּטמאַן האָט באַפוילן אָנהייבן דאָס פייער.

—עס ליגט דאָך פאַר אונז אַן א ײ ג ע נ ע ל י נ י ע—ווער איך בייז.

—הער הויפּטמאַן האָט אויך אַזוי געמיינט. אָבער דער הער בריגאַדיר האָט געהייסן שיסן.

איך הער פאָרט ווי אונזערע שיסן פאַר אונזער פראָנט: מען דערקענט גענוי דעם חילוק צווישן דעם „אַלט״ פון אונזערע ביקסן און דעם רוסישן „מעצאָסאָפּראַנדל״. אָבער אַקעגן באַפעלן איז נישטאָ וואָס צו פילאָזאָפירן:

—זיכער שיסן?—פרעג איך איבער.

—יאָ, הער פענריך.

איך שטעל זיך אויף די קני:

—שיסן! פיינט פאַר אונז! פינפהונדערט!—מעסט איך די דיסטאַנץ לויטן געהער.

—שיסן. פיינט פאַר אונז. פינפהונדערט!—חזרן איבער די צוג-קאָמענדאַנטן, דערנאָך די „שוואַרם-קאָמענדאַנטן״.

—אַ שאָס, צוויי,—און באַלד הילכן הונדערטער געווערן: איין אָפּטיילונג צינדט אָן די אַנדערע, און עס צעבליצן זיך גרויזאַם-שיינע, בלאָלעך-רויטלעכע פלאַמען, וועלכע לאַכן אַריין אין דעם פינסטערן וואַלד מיט אַ טויטלעכער נקמה. אַלע שיסן. דאָס אויער גרייכט ווייט, ווייט,—אויך דאָרט דאָס זעלבע קנאַלן,

דערזעלבער ליאַרם,—נאָר דינער, פֿיינער, וואָס אַמאָל ווייטער און ווייטער. לינקס באַווייזט זיך דער בלאָלעכער שיין פֿון אַ רעפֿלעקטאָר. עס טראָגט זיך אַריבער עפּעס אַ ליאַרם, וואָס מישט זיך צוזאַמען מיט דעם שיסן און קראַכן פֿון מאַשין-געווערן—גייט מען דאָרט אויף „שטורם"?

—גענוג מוניציע?—שריי איך אין דער נאַכט אַריין, נישט וויסנדיק אַליין וועמען איך פֿרעג.

—איך האָב שוין זייער ווייניק—שרייט שיסנדיק אַ הייזעריקע שטימע.

—פּ., מוניציע!—רוף איך אונזער אָרדאָנאַנס.

פֿון אונטער דער „וואונדער-קאַפּעלע" ברענגט מען אַרויס גאַנצע פּלאַכטעס מוניציע און מען שיט זיי אין די דעקונגען. די מוניציע וואַלגערט זיך אונטער די פֿיס און צעקאַלעטשעט די קני. איך קלויב אַרום מיר די צעשיטע „מאַגאַזינען" און דערלאַנג זיי מיין שכן. ער פֿייערט אַזוי האַסטיק, שנעל,—אַז קוים בייג איך זיך נאָך אַ פֿרישן „מאַגאַזין", האָט ער שוין דערוויל די פֿריערדיקע פֿינף „פּאַטראָנען" אויסגעשאָסן. אַ שאָד נאָר צו פֿאַרשווענדן אַזוי פֿיל מוניציע.

—לאַנגזאַם שיסן!—שטרענג איך אָן די ברוסט אין דעם ליאַרם.

דאָס געווער-פֿייער ווערט שיטערער, שוואַכער,—אויך ביים פֿיינט האָט דאָס שיסן זיך אָפּגעשוואַכט.

—אויפֿהערן שיסן!—קומט פּלוצים צולויפֿן פּ.

—פֿייער איינשטעלן! פֿייער איינשטעלן!—מערן זיך קולות.

דאָס שיסן ווערט נאָך שוואַכער: נאָר עטלעכע מאָל נאָך אַ שאָס ביים פֿיינט, אונזערע ענטפֿערן,—ווידער אַ שאָס, ווידער אַן ענטפֿער—עס שטאַרבט אָפּ, עס איז ווידער שטיל.

ביי מאָרגנגראָען קומען אַרויס פֿון וואַלד עטלעכע סאָלדאַטן פֿון די לעמבערגער „דרייסיקער", „די אייזערנע בריגאַדע", ווי מען רופֿט זיי. מיר שטוינען: די גאַנצע נאַכט זענען זיי געשטאַנען אין קאַמף פֿאַר אונזער פֿראָנט, האָבן געשטורעמט צוויי

ײנטלעכע שאַנצן—נאָר פּלוצים האָבן זײ באַקומען פײער פון צװײ זײטן! פון פאָרנט און פון ריקן— —

מיר פאַרשטײען שױן אַלץ...

—אַ סך געפאַלן?

—װי די פליגן—זיפצט אײנער—דעם רעשט האָט מען געפאַנגען. נאָר מיר זענען אַנטלאָפן.

אַלע שװײגן. דאָס האָבן מיר אַזױ אין דער נאַכט „אַרײַנגעפײערט" אין די אײגענע פאָדערשטע ליניעס. און מיר אַלײן האָבן אַ תל געמאַכט פון אונזער אײגענער „אײזערנער בריגאַדע".

קראַנקן־װיזיט.

איך שטעל אױס מײַן „פרי-ראַפּאָרט". גאָר אַ „גליקלעכע" נאַכט געװען: אײנגאַנצן זענען דרײַצען פאַרװוּנדעט, צװײ געפאַלן און אײנער געשטאָרבן. פינף זענען אַװעק אױף פּאַטרול, און מער נישט צוריקגעקומען. אפשר געפאַנגען, און אפשר ליגן זײ גלאַט אין װאַלד באַהאַלטן. זײ װעלן שױן קומען—זאָל נאָר אױסגײן בײַ זײ דאָס עסן.

די סאָלדאַטן האָבן אַפּנים פאַרשטאַנען, אַז מיר שטײען פאַר אַ נײַ געפעכט, דען מער װי די העלפט מעלדט זיך קראַנק. װען אַלע „קראַנקע" זאָלן אַראָפּגײן צום הילף-פּלאַץ, װאָלט די פּאָזיציע געבליבן לײדיק. דער אָבערסט הײסט דערפאַר דעם דאָקטאָר אַרױסקומען אין דער פּאָזיציע. נאָך נעכטן איז אין לעצטן געפעכט דער אַסיסטענט-שטעל-פאַרטרעטער פאַרװוּנדט געװאָרן, קומט דער אַסיסטענט-דאָקטאָר אַלײן.

כדי זיכער זײַן פאַרן פײַנט, שטעלן מיר אױס אַלע קראַנקע הינטער אַ בערגל. ס׳רוב זענען מאָגן-קראַנק. קײן װוּנדער: נישט דערעסן און נישט דערטרונקען בײַ אַזױפיל שלאָפ-

לאָזע נעכט. דער דאָקטאָר גייט פון איינעם צום צווייטן און באַנוצט ביי אַלע זיינע צוויי מעטאָדעס: הייסט ווייזן די צונג און מעסט צומאָל די טעמפּעראַטור. און אויך דאָס קאָן אים נישט גאַנץ איבערצייגן פון זייער קראַנקהייט, דען די נאַרישע בויערן (עס איז מערקווירדיק, ווי ווייניק יידן עס געפינען זיך צווישן זיי!)—האָבן שוין געפונען אַ מיטל: מען וואַשט די צונג מיט קרייד-וואַסער, ווערט זי ווייס—„באַלייגט". אַנדערע ווייסן שוין אפילו, ווי אַזוי צו יעדער צייט זיך מאַכן „היץ"—עס איז באמת שווער צו דערגיין אַ טאָלק. דערפאַר אפנים זענען אַזוי פרימיטיוו די רפואות:

—וואָס טוט וויי?—פרעגט דער דאָקטאָר?

—דער קאָפּ.

—אַ פּראָשיק.

—עס שטעכט אין זייט.

—אַ פּראָשיק.

—דער מאָגן.

—נישט עסן קיין „מענאַזש".

—מיר האָבן שוין סיי ווי דריי טעג קיין „מענאַזש" נישט באַקומען—קלאָגט זיך דער קראַנקער.

—דריי טעג איז ווייניק. עטלעכע טעג קיין שום פלייש נישט עסן.

—קיין פלייש באַקומען מיר נישט שוין די צווייטע וואָך.

—זאָלסטו נישט עסן, ווען דו וועסט באַקומען—איז דער דאָקטאָר שוין בייז—ווייטער!

דער זעלבער ווערט אין כעס און גייט אַוועק שעלטנדיק.

אויך מיין צוגפירער באַקלאָגט זיך אויפן מאָגן און קאָפּ-שווינדל.

—אַ פּראָשיק!—זאָגט דער דאָקטאָר מעכאַניש.

—ערשט נעכטן גענומען אַ פּראָשיק—מעלדט דער צוג-פירער.

—נאָך איינעם!

—איך האָב שוין דריי מאָל גענומען און עס העלפט נישט.

—„אָפּווייכן“?—פרעגט איבער דער דאָקטאָר.

—יאָ, הער אַסיסטענט-אַרצט.

—דאַן גיי אַהין—ווייזט דער דאָקטאָר אויף אַ נישט ווייטן טאָל.

—ניין! אויב שטאַרבן, איז שוין ליבער דאָ, פון אַ קויל—ווערט זיך דער צוגפירער.

איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס ער שרעקט זיך אַזוי פאַר יענעם טאָל. אָבער פּלוצים ווערט אַ שיסעריי (די רוסן גיבן אונז אוודאי אָפּ אונזער „אַרטילעריע-פרישטיק“),—שפּרינגט אַריין דער דאָקטאָר אין נאָענטן שיצנ-גרוב, די קראַנקע צעלויפן זיך און אויס „קראַנקן-וויזיט“. מיר וואַרטן נאָר, עס זאָל ווערן שטיל און יעדער זאָל קאָנען צוריקגיין אויף זיין אָרט.

ערשט איצט באַמערק איך דעם גרויסן, טיפן טאָל. צווישן זיינע בלאָטעס און נאַסן גראָז ליגט אַ גאַנצער הויפן צאַפּלדיקע מענטשנ-געשטאַלטן!

—פאַרוואונדעטע?

—לויטער כאָליערע-קראַנקע—ערקלערט מיר אַ חבר—אָט אַזוי וואַרפט מען זיי דאָ אָן ווי די געשאָכטענע הינער...

אָט דאָ זאַמלט מען זיי, די כאָליערע-קראַנקע, וועלכע מערן זיך דאָ זייט צוויי וואָכן אין די הונדערטער און טויזנטער. אַרומגעשטעלט מיט וואַכן, זיי זאָלן דעם פלאַץ נישט פאַרלאָזן, כדי נישט פאַרשלעפּן די עפּידעמיע צווישן אַנדערע,—בלייבן זיי דאָרט, ביז—אָדער זיי שטאַרבן, אָדער— —ניין: קיין לעבעדיקער קומט פון דאָרט נישט אַרויס... ליגן זיי, קופּעס לעבעדיקע מענטשן, און שמאַכטן נאָך אַ טראָפּן וואַסער. ליגן מיט אַרויסגעשטעלטע אויגן און געלע ציין, מיט פאַרברענטע ליפּן און שוואַרצע לייבער, קאָרטשען זיך אין קרעמפּן און רייסן פאַר ווייטיק דאָס גראָז אונטער זיך,—גראָבן מיט די פינגער די ערד, וואַרפן מיט די הענט און פיס און קלאַפּן מיט די קעפּ אָן בלאָטיקע זומפּן,— —אויקען און קרעכצן ביז דער זיבעטער ריפּ—הויך, געוואַלדיק—דאַן שוואַכער און שטילער, ביז זיי קאָ-

ען נאָר זיפֿצן און זיך שטיקן מיטן לעצטן אָטעם,—הייבן אָן צאַפּלען אין גסיסה מיט פֿאַרשטאַרצטע נעזער און געוואַלטיק אויסגעקרומטע מײַלער—דער לעצטער ציטער פֿון דער ברוסט, ווען דער קאָפּ און גלידער זענען שוין פֿון לאַנג אָפּגעשטאָרבן. זיי בלײַבן שטילע, מיט זעלטענער ווייטיק אין פּנים, פֿאַרבאָרגנדיק אויף אייביק זייערע אומענדלעכע עוולות...

—פֿאַרוואָס טוט מען נישט עפּעס, דאָקטאָר?

—אָבער הער קאָלעגאַ—זאָגט דער דאָקטאָר מיט דער אויסגעזולטסטער העפֿלעכקייט פֿון אַן אייראָפּעער—וואָס קאָן מען העלפֿן? זיי זענען סײַ ווי פֿאַרלוירענע. איך וואָלט זיי גערן אַרײַנגענומען אין מײַן עפּידעמיע-שטאַל,—איז זי אָבער תּמיד איבערפֿולט. אַז זיי ווילן גאָרנישט שטאַרבן, צום טײַוול!

און איך זע ערשט, אַז מײַן צוגפֿירער האָט רעכט געהאַט... נישט „געשאָכטענע הינער", נאָר אַ קנויל פֿאַרוואָרלאָזטע, פֿוילנדיקע ווערם ווימלען זיך און ראָיען דאָרט, אין יענעם בלאָטיק-נאַסן, טויט-ברענגנדיקן כאָלירע-טאָל, און ווער עס פֿאַלט אַרײַן אין דעם פּרעג ת, דער קאָן שוין נישט מער צוריק. עס איז די שאול תּחתּיה פֿונם קריג!

מיט אַ פֿאַרהאַלטענעם אָטעם גיי איך דורך דעם טאָל און לייג זיך ווידער אַרײַן אין מײַן „דעקונג". מײַן שכן, דער לייטנאַנט, איז הונגעריק. די רוסן האַלטן אונטער פֿײַער אַלע וועגן הינטער אונדז און לאָזן נישט צו קיין רעזערוון און קיין פּראָוויאַנט. ליידיקט מען אויס די קעשענעס און מען באָרגט אפֿילו בײַם אייגענעם דינער אַ שטיקל ברויט, וואָס איז האַרטער פֿון אַ שטיין.

—שוין די לעצטע רעזערוון אויסגעגאַנגען—באַלעקט זיך דער לייטנאַנט פֿון לעצטן ביסל שוואַרצן זאַלץ, וואָס איז געבליבן אויף זײַנע ליפּן—אַצינד, אָדער עס וועט אָנהייבן רעגענען מיט פֿרישע קוילעטשן, אָדער מיר זענען קאַפּוט!

—הער הויפּטמאַן בעט אַ שוועבעלע—קומט אַ שליח.

איידער נאָך דער לייטנאַנט קאָן פֿאַרכאַפּן, דערלאַנג איך דעם סאָלדאַט מײַן פֿודעלע שוועבעלעך.

—צוריקברענגען!—שרייט נאָך דער לייטנאַנט און ברוגזט

זיך אויף מיר—לײַכטזין, פֿאַרשווענדער.

און ווי נאָר מען ברענגט צוריק די שוועבעלעך, פֿאַר־בינדט ער זיי מיט אַ שטריקל אין מײַן אייגענער קעשענע, איך זאָל נישט קאָנען אַזוי לײַכט צוקומען צו זיי, דען מיר זענען די איינציקע אויפֿן בערגל, וועלכע פֿאַרמאָגן נאָך אַזאַ אוצר פֿון פֿײַער.

קאַפּראַל וו., וועלכער איז אין דער נאַכט לײַכט פֿאַר־וווּנדט געוואָרן, קומט צוריק מיט אַ ראָזעווע פּלאַסטער אויף דער שפּיץ נאָז.

—שוין אויסגעהיילט פֿון די ווונדן?—לאַך איך.

—קוים דורך פּראָטעקציע פֿון מײַן שוועסטערקינד—איז ער בייז—האָט דער דאָקטאָר מיר ערלויבט דאָרט צו בלײַבן איבער נאַכט. קומט שוין יאָ אַ קויל, האָט מען ערשט נישט קיין מזל: לעכערט זי דורך דאָס מאַנטל אויפֿן אַקסל און פֿאַרטשעפּעט זיך קוים אויפֿן שפּיץ נאָז. נאַי וואָלט זי כאָטש געוועזן אַוועקגעריסן אַ האַלבע נאָז! איך האָב סײַ ווי אַ צו לאַנגע.

ער לאַכט גנביש, אָבער איך פֿיל, אַז ער מיינט עס ערנסט.

—האָסט שטאַרק מורא?—פֿרעג איך אים שטיל.

—מורא נישט. וואָלט מען זײַן זיכער, אַז מען ווערט נאָר פֿאַרוווּנדט,—נו, דערויף איז מען דאָך אַ זעלנער, מילא בלײַבט מען אַ קאַליקע. אָבער פֿאַלן... איך בין דאָך נאָך אַ יונגער ייִנג.

—עס ווילט זיך נישט שטאַרבן, וואָס?—מאַך איך צו די אויגן.

—נו, אוודאי—הייבט ער אָן מיט מיר פֿילאָזאָפֿירן—איך זאָג: שטאַרבן. גוט... אָבער עפּעס אַזוי... אין מיסט, אונטער אַ בוים... און וואָס טאַקע בין איך שולדיק, וואָס דאָרט עפּעס... איך האָב מיט זיי אַ משא מתן, צי וואָס?

מיר ווערן ביידע אַנטשוויגן.

—נו—זאָג איך פּלוצים—פֿון הײַנט אָן וועסטו שוין ליגן נעבן מיר, צו מײַן „פּערזענלעכער דיספּאָזיציע”, פֿאַרשטייסטו?...

—יאָ, אָבער... ווייסט מען נישט...?

—צו מײַן פּערזענלעכער דיספּאָזיציע—חזר איך איבער—דו האָסט צו זײַן דאָרט, ווו איך וועל דיך הײסן.

—ער קוקט מיר גלײַך אין די אויגן, מיט אַ סך דאַנקבאַרקײט. אין דעם מאָמענט איז ער מיר זיכער מוחל די אַלע פּעטש, וואָס איך פּלעג אים אַמאָל דערלאַנגען אין חדר.

—איז אמת, אַז מיר וועלן באַלד האָבן פרידן?—איז ער שוין גאַנץ פרײלעך.

איך קוק אים אָן פאַרוווּנדערט.

—מען זאָגט, עס איז געקומען אַן אַרמײ-באַפעל...

און באַלד טאַקע ברענגט פ. אַ באַפעל אין די דרײ לאַנדשפּראַכן, „צו וויסן צו טון דער גאַנצער מאַנשאַפט": „שוין רוקט אָן די צײַט ווען מיר וועלן נעמען נקמה אָן דעם שונא און אים צעשמעטערן! האַלט דאַרום אויס, טאַפּפערע סאָלדאַטן, פאַרטאָפּלט אײַער מוט און אויסדויער,—נאָך צוויי וואָכן, און איר וועט קאָנען צוריק זיך אומקערן צו אײַער ווײַב און קינד, צו אײַערע טײַערסטע און ליבסטע, צו אײַער זיגרײַכער הײם".

—איז דאָס אמת?—פרעגט זיך מײַן חבר.

—איר ווײסט דאָך תּמיד פריער ווי מיר—וויל איך אים נישט אַוועקנעמען די האָפענונג.

און מײַן חבר הײבט שוין אָן צײלן:

—פינף טעג ביז לעמבערג, דערנאָך אין ז...

צום שלוס פונם „באַפעל" אַ קלײנע באַמערקונג! „איך וועל שטרענג באַשטראָפן פאַר לײענען די רוסישע פּראָקלאַמאַציעס וועגן איבערגעבן זיך".

האָבן טאַקע אונזערע סאָלדאַטן אָנגעהויבן שטאַרק נאָכנישטערן און פלײסיק לײענען אָט יענע פּראָקלאַמאַציעס, וואָס דערצײלן, ווי אַזוי מען קאָן איבערגײן צום שונא.

אַ פֿריילעכער נאָכמיטאָג.

דאָסמאָל שיסן די רוסן ווי געוויינלעך צו דער „וווּנדער-קאַפּעלע״—זייערע גראַנאַטן פֿאַלן גאָר געדיכט ביי אונזערע דע-קונגען און האָבן שוין פֿאַרווונדט עטלעכע סאָלדאַטן. איינער ליגט טויט, אפילו אָן שפּורן פֿון בלוט, מסתמא דערהרגעט גע-וואָרן פֿון „לופֿט-דרוק״. זעלנער טראָגן זיך איבער פֿון איין גרוב אין אַנדערן,—זיי זוכן „גליק״. מיט אַמאָל—אַ בליץ! מען נעמט אַרויסלויפֿן פֿון אַ שיצנ-גרוב. אַ גראַנאַט איז צו זיי אַריין גלייך אין דער דעקונג.

—אוי, מיין האַנט!—לויפֿט אַ זעלנער מיט אַן אָפּגעריסענעם אַרבל אין האַנט—אָרימע קאַליקע וואָס איך בין!...

—וואָס איז?

—אַ האַנט אַוועקגעשאָסן!—פּאָכעט ער מיט דעם ליידיקן אַרבל.

—ס׳איז דאָך אַ ליידיקער אַרבל, וואָס ווילסטו?

—האַ? אַ ליי...—לאָזט ער פֿאַלן דעם טאָן, באַטראַכט דעם אַרבל, דערנאָך ביידע הענט, און צעלאַכט זיך דורך טרערן ווי אַ קינד—איך האָב געמיינט...

אויך מיר צעלאַכן זיך, אָבער מיר פֿאַרשטייען וואָס ער האָט „געמיינט״: אַ גראַנאַט האָט אים אַוועקגעריסן דעם אַרבל און מיטן קלאַפּ נאָר פֿאַרטערפּנעט זיין האַנט; צעטומלט, האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין צעריסענעם אַרבל, אויף זיכער איבער-צייגט, אַז ער טראָגט זיין אייגענע האַנט.

—גיי, האָסט נאָך צייט צו ברעכן ריקן און לענד—שיקט אים דער לייטנאַנט צוריק אין זיין דעקונג.

—זעט, הער פֿענריך!—דערלאַנגט מיר אַ סאָלדאַט אַ קיי-לעכדיק שטיקל בליי, וואָס איז געפֿאַלן קנאַפּ ביי מיינע פֿיס.

אַ שראַפּנעל-קוגל—נאָך וואַרעם. און נאָך איר רייסט זיך אַריין דורך דער געצעלט-לייוונט אַ פֿאַרבלאָטיקט שטיק צוזאַ-מענגעשמאָלצן בליי, קופּער און אייזן. עס פֿאַלט צווישן מיר

און דעם סאָלדאַט. מען מוז עס גוט אָפּקילן, ביז מען קאָן עס נעמען אין האַנט אַריין.

—אפשר אַ פּערטל קילאָ—וועגט עס דער קאַדעט—ווען דאָס פאַלט אין קאָפּ אַריין— —

—דאָס בעסטע איז, מען שטעלט אונטער דאָס מויל. קאָן מען זיך ווייניקסטנס אָנעסן פאַרן טויט—וויצלט זיך דער לייטנאַנט.

אָבער מיר רוקן זיך אַריין טיפער אין דער דעקונג. די צו אָפטע טרעפערס ווערן פאַרדעכטיק: איך בין כמעט זיכער, אַז נישט ווייט געפינט זיך אַ פיינטלעכער „אויפפּאַסער", וועלכער ווייזט אָן ווו אַהין צו שיסן.

—איין אונטעראָפיציר, זעקס מאַן!--שריי איך צום „דינסט-פירענדן", ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַ פּאַטרול.

זיי קומען מיט טרויריקע פנימער. איך ווייס, אַז זיי גייען נישט גערן. איז דאָך דאָס פּאַטרולירן דער געפערלעכסטער דינסט...

איך ערקלער זיי די אויפגאַבע: אויספאָרשן דאָס „פאָר-פעלד", צי ליגן נישט ערגעץ באַהאַלטן פיינטלעכע מרגלים.

זיי מאַרשירן אַוועק, און באַלד קומט צוריק אַ סאָלדאַט מיט דער מעלדונג: „צווייהונדערט שריט פאַר אונזער שטע-לונגען—גאָרנישט כּמעט קט".

—גאָרנישט?—פרעג איך איבער.

—גאָרנישט. נאָר אַ דראָט איז געווען אויף אַ בוים, זאָגט געפרייטער הריצעק, אַז דאָס קאָן זיין אַ פיינטלעכער טעלעפאָן.

—ווו?-לויף איך אַרויס פון דער דעקונג. כאַפּ די פעלד-גלעזער און הייס זיך ווייזן די ריכטונג.

עס פאַלט אַ שאָס. די קייל זשומעט פאַרביי קנאַפּ ביי מיין אויער. אינסטינקטיוו וואַרף איך זיך אויף דר'ערד. עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס איז געווען דירעקט אויף מיר געצילט. פון יענעם פונקט, דאַכט זיך,—איך דערקען ממש דעם בוים.

—זאָפאָרט איבערשניידן דעם דראָט. לויף שריט!-טרייב איך דעם סאָלדאַט און שיק באַלד אַרויס אַ צווייטע פּאַטרול אין יענער ריכטונג.

אַליין האַלט איך די גלעזער ביי די אויגן, כדי נישט צו פאַרלירן דעם פונקט.

מיט אַמאָל בלייבט די פּאַטרול שטיין—ס'איז דאָ! צווישן די צווייגן באַמערק איך אַ רוס, וועלכער זיצט ברייטלעך אויפן בוים,—אַרום זיין קאָפּ איז צוגעבונדן אַ טעלעפאָן-אַפּאַראַט.

—נישט שיסן!—שריי איך צו מיין פּאַטרול.

דער רוס קוקט צו זיי מיט אַ שמייכל און קריכט אַראָפּ פון בוים.

מען ברענגט אים: עס איז אַ רוסישער פּאָרוטשיק. גאַנץ באַקוועמלעך טוט ער אויס דעם רעוואָלווער, גיט אים מיר אי-בער, און ווידער מיט אַ שמייכל, וואָס רעדט: נו, האָב איך נישט געטראָפן—פרעגט ער גלייכגילטיק, וווּהין ער דאַרף גיין.

—לאָזט מיך צורו!—דערהערן מיר אַ פישטשנדיק אויפגע-רעגט קול.

אַלע שטעקן אַרויס די קעפּ פון די גריבער. ווען צען גראַנאַטן וואָלטן אויף איינמאָל עקספּלאָדירט, וואָלט עס נישט געקלונגען אַזוי זעלטן, ווי יענע פליישיק-פאַרכריפּעטע שטימע, וואָס דערמאָנט עפּעס אָן „פאַרגאַנגענע צייטן".

—איך מוז צום קאָמענדאַנט!—בייזערט זיך דיזעלבע שטי-מע,—און מיר דערזען פאַר זיך פּלוצים אַ ל ע ב ע ד י ק ע, ש ר י י-ע נ ד י ק ע ע ל ט ע ר ע ב ו י ע ר ט ע!

די סאָלדאַטן גלאָצן אויף איר מיט אויגן פון באַוווּנדע-רונג און זשעדנעקייט—: נאָך אַ לאַנגער צייט פון ביקסן, קאַנ-סערוון, צוויבאַק און ערד,—דערזען פּלוצים אַ לעבעדיק פרויען-צימער!... זי האָט זיך דורכגעריסן דורך די וואַכן און געקומען פאַרקלאָגן אַ זעלנער, וועלכער האָט ביי איר אָוועקגענומען אַ ביסל שטרוי. ג ע ל ט וויל זי—און צוליב דעם געטראָגן איר לעבן איבער דער גרענעץ פון פייער...

אונזער לייטנאַנט שפּרינגט אַרויס פון דער דעקונג און כאַפּט זי טאַנצן.

—גיב נאָר אַכטונג, זי זאָל דיך נישט פאַרפירן!—וויצלט זיך דער קאָמענדאַנט.

מען גיט איר עטלעכע קראָנען, און זי גייט זיך איר וועג.—

דער הונגער דערקוטשעט און די סאָלדאַטן בונטעווען זיך פּשוט: מיט אַ ליידיקן מאָגן זיך שלאָגן?

—וואָס איז דאָרט?—פרעג איך גיבע אַמטליך אויפגערעגט—וואָס זייט איר נישט צופרידן?

—גאָרנישט... מיר זענען הונגעריק, פּאַניע פּענריך—זאָגט זיך איינער פון זיי.

אָבער די אַנדערע קאָרטשען זיך איין נאָך מער און מיט מורא רוקן זיי זיך טיף אַריין אין די דעקונגען. אַזוי האָב איך אַמאָל געזען זיך קאָרטשען אַ בער פאַרן בערן-טרייבער...

איך ווער אַ ביסל ווייכער:

—אָבער קינדער, וואָס קאָן איך אייך העלפן? האָב איך דען יאָ געגעסן? דערויף איז דאָך קריג...

—מיר ווייסן, אַז הער פּענריך איז נישט שולדיק—וואָגן זיך שוין אַנדערע—אָבער דאָרט „אויוון", יענע הערן...

עס קומט צולויפן דער פעלדוועבל מיט אַ צעשטראָלטן פּנים:

—מען טראָגט!

—וואָס?

—אָט, מענאַזש!

עטלעכע זעלנער מיט זעק האָבן געבראַכט קאָנסערוון, שטיקלעך אָנגעשניטן ברויט, אַ האַלב זעקל טיי מיט צוקער און אַ גאַנץ היפּש זעקל טאַבאַק. איינער גיט מיר איבער באַזונדער אַ פּעקל טאַבאַק מיט פּאַפּירלעך, אַ פּודעלע סאַרדינען, אַ ביסל צוויבאַק און אַ האַלבע פלאַש רום:

—פאַר די הערן אָפיצירן.

איך לאָז תיכף פאַרטיילן די אַלע גוטע זאַכן, און די זעלנער ווערט לוסטיקער אויפן האַרצן. איך מיט מיינע צוויי חברים האָבן געעפנט די סאַרדינען און נעמען זיך אינאיינעם „טונקען". אָבער קודם כל נעמען מיר צוויי מאָל צו קאַפּעטש-קעלעך רום.

—הער פּענריך—בעט זיך אַ זעלנער—מיר טוען אַזוי ווי די צײן...

איך גיב אים אַ ביסל רום.

—איך ווייס נישט, וואָס צו טון מיט מײנע קרעמפּן—קלאָגט אַן אַנדערער.

—אַ ביסל רום?—שמייכל איך.

אָבער באַלד מעלדן זיך אַזויפיל „קראַנקע", אַז דאָס האַלבע פלעשל רום ווערט שנעל ליידיק. דער לייטנאַנט קאָן דאָס מיר גאָרנישט מוחל זײַן.

איצט דרייען מיר לאַנגע, דיקע פּאַפּיראָסן און פּאַרוויכּערן זיי ביים צעזשאַרעטן עק פון עפּעס אַן אַלט העמד, וועלכעס די זעלנער האָבן פּעסט איינגעדרייט אין אַ לאַנגער, דינער בייטש. דאָס קאָן אַזוי זיך זשאַרען גאַנצע טעג און נישט אויסגיין. מען באַהאַלט עס אין אַ ווינקל פון דער דעקונג. עס רויכערט אפילו און מאַכט אַ טשאַד, מען איז אָבער צופרידן צו האָבן פייער און נישט דאַרפן פּאַרנוצן קיין שוועבעלע.

—פּאַרוואָס האָט איר נישט געבראַכט קיין ביסל זופּ?—פרעג איך מיט אַן אַפּעטיט פון אַ קבצן.

—געווען שוואַרצע קאַווע—פּאַרענטפערט איינער.—צוויי מאַן האָבן געטראָגן אַ גאַנצן באַניאַק. נו, לאָזט „ער" דען (די רוסן מיינט ער), דער „סוקי סין", עפּעס אַריבערטראָגן? ס'האָט באַלד איינעם געטראָפן אַ קויל אין פּוס, און דער גאַנצער באַניאַק האָט זיך איבערגעקערט.

—וואַלט נאָר זײַן וואַסער—קראַצט זיך דער פעלדוועבל.

—וואַסער נעמען מיר דאָרט, וווּ די רוסן נעמען. פון איירישקעלע—ענטפערט דער סאָלדאַט גלייך גאָרנישט, און ווייזט ערגעץ אַראָפּ אין טאָל.

איך זע דורך די פעלד-גלעזער, ווי געשטאַלטן מיט כּוּלע עמערס גייען אין פאַרשידענע ריכטונגען.

—יענע דאָרט זענען רוסן, און די דאָ זענען אונזעריקע—ערקלערט דער סאָלדאַט—מיר טשעפּען זיך נישט, מיר נעמען נאָר וואַסער און צעגייען זיך.

—קינדער, מיר מאַכן טיי!—צעשריי איך זיך פאַר פרייד.

מען דערלאַנגט קאָכגעשירן, כעפּלעך—אַכט מאַן לויפן ברענגען וואַסער, און אַנדערע פיר מיטן פעלדוועבל מאַכן דערווייל פייער אונטערן בערגל.

שטערן שטייען שוין אויפן הימל, און מיר קוויקן זיך מיט דעם געדיכטן, שוואַרץ-ברוינעם געטראַנק, אין וועלכן עס שווימען אַרום גאַנצע בלעטער ווי דעמבעס. נאָך אַ לאַנגער, דורשטיקער צייט, טרינקען מיר ווידער די אַליין געמאַכטע, ברודיקע פעלד-טיי.

צווישן פיינטלעכע פּאָזיציעס.

היינעס „בוך דער לידער" און דעם ערשטן טייל „פאוסט", וועלכע איך טראָג שטענדיק ביי זיך אין אַ גאַנץ קליינער אויסגאַבע, האָב איך שוין זיבער צום צוואַנציקסטן מאָל דורכגעקוקט. די מעשהלעך ווידער, וואָס מען דערציילט זיך יעדן טאָג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, האָבן זיך שוין דערעסן,—ליגן מיר אין שיצנ-גרוב און לייענען די פּאָר צעוואָרפענע בלעטלעך פון עפּעס אַ ראָמאַן, וועלכן אונזער קאַדעט האָט מיטגענומען פון ערגעץ אַ שלאָס און פון וועלכן עס ווערט יעדן טאָג ווייניקער בלעטלעך. עס שלעפּט זיך עפּעס אַ פוילע, געגנעצדיקע צייט. אַ מין דערלייכטערונג דערפילט זיך, ווען עס קומט דער באַפעל, איך זאָל קאָנטראָלירן די דראָט-צוימען פאַר אונזער פראָנט און אויספאָרשן די פיינטלעכע פּאָזיציע אַקעגן אונז. מיר גרייטן זיך אַפּנים צון אַ נייער צמאַקע.

איך נעם צונויפשטעלן אַן אָפּטיילונג פאַר דעם צוועק.

—ווייסט מיטגיין?—פרעג איך אין שפּאַס מיין קאַפּראַלן.

—ווען הער פענריך באַפעלן—איז זיין שטילער ענטפער, אין וועלכן עס קלינגט אַ נישט זיכערע איבערצייגונג, אַז איך וועל דאָס נישט טון.

—בלייב דאָ—ווינק איך צו אים און קריך אַריבער מיט מיין אָפּטיילונג איבערן „דאַך" פון אונזער דעקונג.

אויף אַ פערציק שריט פאַר אונזערע אָקאָפּעס ציען זיך די פאַרפלאָכטענע און געבונדענע שטעכעדיקע דראָטן, וועלכע זענען די אייגנטלעכע שטערונג אויף דורכצורייסן זיך. זעקס, אַכט און צוועלף-שורהדיקע זענען זיי פאַרפלאָנטערט אויף קווערן און שיפּען, און נאָר מיר, וועלכע קאָנען גענוי די געהיימע דורכגענג, זענען אימשטאַנד זיך דורכצושלענגלען.

אויף עטלעכע שריט ווייטער ליגן די „האָלץ-שטערונגען"—איבערגעקערטע, אָנגעוואָרפענע ביימער, מיט די צווייגן צום פיינט. אויף עטלעכע ערטער זענען די דראָטן איבערגעריסן. עס דערקענט זיך אָבער, אַז נישט דעם פיינטס האַנט, נאָר זיינע קוילן האָבן דאָס געטון. לאָז איך ביי יעדן צעשטערטן אָרט עטלעכע סאָלדאַטן און גיב זיי אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אויסצובעסערן די שאָדנס.

פלוצים ווערט אַ שיסעריי, און כאָטש מיר זענען זיכער, אַז דאָס וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן, מוזן מיר פאָרט זיך צוריקציען אין די דעקונגען. ערשט שפּעט נאָכמיטאָג קאָנען מיר ווידער זיך לאָזן אין אונזער „מרגלים-וועג".

ביים זוים פון וואַלד בלייבן מיר ליגן. פאַר אונז שפּרייט זיך אַ גרינער טאָל, נאָך גאָר ווינציק דורכגעשניטן פון דער מענטשלעכער מוילוואָרפ-אַרבעט,—די אָקאָפּעס. אין מיט: כמעט אַ נישט-באַרירטער, קליינער קוואַדראַט ערד, אַ קאַרטאָפל-פעלד, הויך צעבליט—ווי אַ פאַרגעסענער בלומען-טאָפּ אין אַן אויסגעראַמטער דירה. מיינע סאָלדאַטן קוקן מיט דורשטיקע אויגן אויף יענע פאַרבאָרגענע קאַרטאָפליעס, וועלכע לאָקן, דאַכט זיך, פון אונטער דער ערד אַרויס. נאָר ווער וועט וואַגן אויסשטרעקן אַ האַנט, אז דאָס גאַנצע פעלד איז פלאַך ווי אַ טעלער און ליגט אָפן פאַרן פיינטס קוילן—? און פאָרט—

אייניקע סאָלדאַטן פאַרגנבענען זיך, קריכנדיק אויפן בויך,—בלייבן ליגן, הייבן אויף די קעפּ, זיך צו איבערצייגן, צי קיינער פאַרפאָלגט זיי נישט—באַהאַלטן זיך ווידער און קריכן ווייטער.

און אויף אַכט הונדערט שריט אַקעגן טוען דאָסזעלבע די רוסי-
שע סאָלדאַטן: אויך זייער ציל איז דאָס קאַרטאָפל-פעלד. ביידע
פּאַרטייען בלייבן ענדלעך ליגן אויף די אַקעגנאיבערדיקע זייטן
פון פעלד און הייבן אָן מיט די קליינע לאָפּעטקעלעך פלייסיק
גראָבן די קאַרטאָפליעס. אַ טייל האָט שוין אָנגעשטאָפּט פולע
קעשענעס, אָנגעפילט די מיטגעבראַכטע טאָרבעלעך, און זיי ציען
זיך צוריק—אַנדערע אָבער זענען אַזוי ווייט פאַרקראָכן אין די
קאַרטאָפליעס, אַז זיי טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיטן „געגנער".
קוקן זיי זיך אָן, צעלאַכן זיך, און פאַרפירן אַ שמועס. אַ שאָד
נאָר, וואָס ס'איז ווייט און מ'קאָן נישט דערהערן קיין ווער-
טער,—אָבער אָן דעם מאַכן מיט די הענט קאָן מען פאַרשטיין,
אַז—„אַלץ איינס: דו ביזט מיר אַזאַ פיינט ווי איך דיר"...

על פּי געזעץ איז אפילו נישט ערלויבט אַזאַ „פאַרברו-
דערן זיך",—נאָר גיי שטער אומשולדיקע פאָלקסמענטשן, וועלכע
ווילן גאָרנישט וויסן פון „פיינטלעכע באַציונגען"— —אָבער
ערגעץ ווייט הייבט מען אָן שיסן, און ביידע פּאַרטייען צע-
לויפן זיך.

עס צאַנקען שוין די לעצטע שטראַלן, ווען מיר דערנענ-
טערן זיך צו דער רוסישער פּאָזיציע. פון דער צווייטער זייט
וואַלד טראָגן זיך ווייטע, שוואַכע שטימען—באַפעלן, דאַכט זיך.
מיר גייען עטלעכע הונדערט שריט ווייטער—ס'איז שטיל. נאָר
דער כאַראַקטעריסטישער מתים-גערוך שלאָגט אין נאָז אַריין און
צעטראָגט זיך ווייט אין דער דושנער נאַכט. זייער אָפּט פּלאָנ-
טערן מיר זיך איבער טויטע. צוויי סאָלדאַטן זענען אַריין אין
אַ גרוב און פאַר שרעק שיר נישט אָנגעמאַכט אַ ליאַרם. עס
שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר זענען אין פאַרלאָזענע רוסישע אָקאָ-
פּעס. נעבן מיר גיט אַ בליץ אַ באַיאָנעט—איך דערפיל די האַרטע
האָר פון אַ באָרד—: עס איז אַ טויטער רוס, וועלכער איז גע-
בליבן פאַרשטאַרט, זיצנדיק מיט דער ביקס אין האַנט. נישט
ווייט דערהערן זיך טריט. מיר האַלטן איין דעם אָטעם. אָבער
דאָס גערויש פאַרשווינדט ערגעץ, נעמען מיר זיך פאַר די הענט,

כּדי זיך נישט פאַרלירן אין דער פינסטערניש פון וואַלד, און מיר גייען ווייטער.

פּלוצים שטייט פאַר אונז אַ סאָלדאַט! גלייך ליגן מיר אויף דר'ערד און וואַרטן. קיין ספק נישט: עס איז אַ רוסישע וואַך. דער סאָלדאַט דרייט זיך אום, קוקט אין דער שוואַרצקייט אַריין—נישט זיכער אפנים, צי האָט ער עפּעס געהערט. קאַפּראַל ל. שאַרט זיך אונטער ביז צו אים, טוט פּלוצים אַ שפּרונג ווי אַ קאַץ, און כאַפּט אים אָן פאַרן מויל. דער סאָלדאַט שאַמאָטעט זיך, דער קאַפּראַל אָבער שעפּטשעט אים אַריין אין אויער: „קיין וואָרט, זונסטן שיס איך...” דער סאָלדאַט ווערט אַנטשוויגן.

—ווו איז דער צווייטער וואַך-פּאָסטן?—שעפּטשעט דער קאַפּראַל.

דער רוס ווייזט אָן מיט דער האַנט. אויף דעם צווייטן סאָלדאַט נעמט דער קאַפּראַל אויף דעם אופן. איצט איז דער וועג פריי. די צוויי געפאַנגענע רוסן ווייזן גענוי דעם פּלאַץ פון זייער פּאָזיציע, לאָז איך זיי איבער מיטן קאַפּראַל און נאָך דריי מאַן, און אַליין מיטן רעשט סאָלדאַטן דערנענטער איך זיך צו דער רוסישער ליניע.

אַלץ איז שטיל, פינסטער. די אָפּגעמוטשעטע רוסן געניצן אפשר זייער רויקן שלאָף, זיכער, אַז די וואַכן פאַרנט וועלן זיי שוין וואָרנען, ווען דער שונא וועט זיך דערנענטערן. ווי לייכט וואָלט איצט זיין מאַכן אַן איבערפאַל... איך צייכן אין דער פינסטער עטלעכע ליניעס אין מיין נאָטיץ-בוך, כּדי גענוי צו דערקענען די „לאַגע”. ערגעץ טיף, שורות הינטער שורות, ברע-נען שוואַכע פייערלעך און פאַראָטן, אַז די פּאָזיציע זייערע איז דאָ גאָר אַ שטאַרקע,—אפשר אַ זעקס- אַכט-פאַכיקע.

איך בין שוין גאַנץ נאָנט צום דראָט-צוים. שלאָפן זיי? ניין: זיי שטייען, דאַכט זיך, און געניצן פאַר מידקייט.

הינטער אונז דערהערן זיך שריט. מיר ציען זיך צוריק. מיין קאַפּראַל שטייט פּלוצים נעבן מיר און שעפּטשעט אין אויער:

—די געפאַנגענע זאָגן, אַז זיי גרייטן זיך צו אַן אַטאַקע.

—ווען?—גיב איך שיר נישט אַ געשריי.

—שוין, אפשר אין אַ שעה אַרום.

—מיר גייען שוין צוריק!

—וואָס שיסט איר אַזוי אין דער נאַכט?—פרעג איך אויפן וועג איינעם פון די געפאַנגענע.

—מיר שיסן אויס מורא, וואָשע בלאַגאָראָדיע—ציטערט ער.

—די וואַך שיסט אויס שרעק-ערקלערט דער אַנדערער—מיינען מיר, אַז אָט קומען שוין די אויסטריצעס, נעמען מיר אַלע שיסן.

איך גיב איבער מיין קאָמענדאַנט אַלע נויטיקע אינפאָר-מאַציעס און דערוויס זיך, אַז קיין אַטאַקע וועלן מיר שוין נישט מאַכן: קיין מוניציע נישט אָנגעקומען. וואָס אָבער, ווען די רוסן וועלן אונז אַטאַקירן? מיר שיקן אַ מעלדונג צו דער אַרמיי, און לאָזן דערווייל אַפירנעמען די גאַנצע מוניציע, וואָס געפינט זיך נאָך הינטער דער באַרימטער קאַפּעלע. מען באַשליסט צו שיסן נאָר אין נויטיקסטן פאַל: צולאָזן דעם געגנער אויף גאָר אַ נאָנטער דיסטאַנץ, דערנאָך אים באַפאַלן מיט פייער.

די מאַנשאַפט, וועלכע האָט נאָך בייטאָג באַקומען דעם באַפעל אויסצובעסערן די שיצן-גריבער, נעמט זיך אַצינד פליי-סיק צו דער אַרבעט. זיי ווייסן שוין, וואָס עס באַטייט אַ פיינטלעכע אטאקע... מיין באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט וויל „זיך פילן היימיש", פאַרבעט ער מיך צו זיך אין דער דעקונג מיט דעם אויסרייד, איך זאָל אים גענוי ערקלערן די פיינטלעכע פּאָזיציע.

שטייט יעדער אויף זיין פּאָסטן און ערוואַרט דעם פיינט—כמעט מיט אומגעדולד. עס הייבט אָן קראָפּען, און די רעגנ-טראָפּנס מישן זיך מאָדנע אין די לאַנג-געצויגענע מעשהלעך פון די וואַלדיקע זעלנער.—אַרטילעריע שיסט. אייגענע, צי פיינט-לעכע? אין רעגן קאָן מען מער נישט דערקענען. עס רעגנט און בליצט, און ס'איז בכלל שווער צו זאָגן: איז עס דער שטורם פון וועטער אָדער פונם שונא? אין די ביימער „טשיקען" נאָר די רוסישע געווער-קוילן. זיי ווערן וואָס אַמאָל געדיכטער,—דער פיינט, דאַכט זיך, קומט אַלץ נענטער. מיר שווייגן. ערגעץ אַ סאָלדאַט קאָן נישט איבערוועלטיקן די צערייצטע נערוון און

גיט אַ שאָס. באַלד הערט זיך אַ צווייטער— —און מיט אַמאָל הייבט אָן שיסן אונזער גאַנצער פראָנט. די רויטלעך-בלאָלעכע פלעמלעך פון די ביקסן פאַרברידערן זיך מאָדנע מיט די גרויסע, זיגזאַקעוואַטע בליצן צווישן דיביימער—עס קאָכט אַ העליש פייער— —אַ גיהנום!

—לאַנגזאַם שיסן!—שרייען מיר מיט אַלע כוחות, וואָס גייען אין ווינט אַריין.

עס נעמט לאַנג, ביז מיר קאָנען באַוועגן אונזערע צע-היצטע יעגערס, זיי זאָלן אויפהערן שיסן. דער פחד איז אַ נערוועזער, פרוווט דער סאָלדאַט זיך פאַרטומלען מיט זיין איי-גענער ביקס.

ענדלעך איז ווידער געוואָרן שטיל. אויך דער רעגן הערט אויף, און מיר זענען שוין זיכער, אַז מיר האָבן צוריקגעטריבן דעם פיינט.

און אפשר האָבן נאָך די רוסן נישט אַטאַקירט...?

עס הייבט אָן טאָגן, און איך דערוויס זיך, אַז אין שיצנ-גרוב, וועלכן איך האָב פאַרלאָזט אין דער נאַכט, איבערגייענדיק צום קאָמענדאַנט,—זענען אַריין צוויי גראַנאַטן און אים מיט אַלע סאָלדאַטן צעטראָגן אין לופט.

—אַ מזל—צלמט זיך מיין באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט.

אפשר טאַקע אַ מזל...

אַרום דער סודותפולער „ווונדער־קאַפּעלע".

דער קאַמף איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט. אַן אמתער פּאָזיציע-קריג, וועלכער נעמט גאָרנישט קיין סוף. מיט יעדן טאָג פאַרשאַנצן מיר זיך שטאַרקער, דאָסזעלבע טוען אויך די רוסן, און עס דאַכט זיך אויס, אַז חדשים-לאַנג וועלן מיר אַזוי ליגן פּאָזיציע אַקעגן פּאָזיציע, און איינע וועט די אַנדערע נישט

בייקומען. נאָר דאָס „מענטשן-מאַטעריאַל” ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער. דען די „מאָראַלישע” קראַפט ביי דער אַרמיי איז מער אַ געזעץ פון פיזישע כוחות: זיגט מען, לויפן אַלע מיט אַ יובל אויף די ליפן,—מוז מען זיך צוריקציען, שיטן זיך קללות אויפן גורל און אויף די פירער. איז עס נאָר די „אייזערנע דיסציפלין” פון געלאָדענע רעוואָלווערס און שאַרפע שווערדן, מיט וועלכער מען פירט די אָפטיילונגען: מען שלעפט זיי, און זיי גייען—מען טרייבט זיי, און זיי „זיגן”. אָבער קוים שווינדן די פיזישע כוחות, העלפט שוין נישט אפילו די אייזערנע פויסט פון די קאָמענדאַנטן. און אונזערע אָפטיילונגען צעפאַלן זיך—מיר ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער. די פייגטלעכע קוילן, אָבער נאָך מער די פאַרשידענע קראַנקהייטן, דעצימירן אונזער אַרמיי. פון מיין קאָמפּאַניע איז געבליבן קוים די העלפט: אַ סך געפאַלן, קראַנק געוואָרן, אויסגעשטאָרבן.

דער ריח פון די טויטע אין וואַלד דערטראָגט זיך ביז צו אונזער שיצן-גרוב און מאַכט נאָך פרולטבאַרער די לופט פאַר דער צעבושעוועטער כאָליערע. מיר שיקן אַרויס אָפטיילונגען צו באַגראָבן די געפאַלענע. דורך די פעלד-גלעזער קאָן מען גענוי אָפציילן, וויפיל זיי באַגראָבן פון אונזערע און וויפיל פון די רוסן. און ערשט אַצינד אַנטפּלעקט זיך מיר דער סוד, פאַרוואָס אונזערע זעלנער האָבן אַזוי גערן זיך געכאַפּט צו דער נישט איבעריק אָנגענעמער אַרבעט: זיי באַזוכן יעדן טויטן און ליידיקן אים אויס זיינע קעשענעס! די מענטשלעכע בעסטיע שטעלט זיך נישט אָפּ אפילו פאַר אַזאַ מעכטיקן פאַקטאָר ווי דער טויט. און כמעט מיט אַ שטילער הנאה קוק איך צו, ווי די רוסן נעמען שיסן אויף זיי און איינער פאַלט. דער רעשט צעלויפט זיך.

—פינף רובל.

—אינגאַנצן צוויי.

—אַ גאָלדן רינגל. האַ? איז עס גאָלד?

—דאָס ציילט מען דעם זאַק-רויב. איך בין צו אַפּאַטיש, זיי צו באַשטראָפן און צוצונעמען דעם רויב.

איינער האָט מיטגעבראַכט אַ רעוואָלווער און אַ פעלד-גלאָז, געפונען ביי אַ טויטן רוסישן אָפיציר. די זאַכן זענען פון אַ לעמבערגער פירמע, און זיכער האָט יענער אָפיציר אויך זיי „געפונען" ביי אַ לעמבערגער סוחר...

—פאַרקויף עס מיר—זאָגט קאַדעט ע.

—איך וויל עס באַהאַלטן צום אָנדענקען—וויגערט זיך דער סאָלדאַט—אַהיימברענגען...

דער „טויטנגרעבער-קאָמענדאַנט" דערציילט מיר, אַז אין וואַלד האָבן זיי געטראָפן פיר רוסישע פאַרוואונדעטע.

—פאַרוואָס האָסטו זיי נישט מיטגענומען?—בין איך ברוגז.

—זיי האָבן נישט געוואָלט גיין—פּרוווט ער זיך פאַרענט-פערן—זיי זאָגן, אַז „זייערע" ברענגען זיי שפּייז אין דער נאַכט. איך האָב זיי אויך געגעבן צו ביסלעך ברויט און וואַסער.

און אָט די קליינע מתנה זיינע קויפט אים אויס פון אַלע זיינע זינד: דען נאָך יענעם „פריילעכן נאָכמיטאָג", ווען מען האָט אונז באַשערט אַזוי פיל גוטע זאַכן, האָבן מיר מער נישט געזען קיין סימן פון פּראָוויאַנט. זייט דעמאָלט איז די איינציקע שפּייז פון מיינע זעלנער נאָר די בלאָטיק-געדיכטע טיי, וואָס מען קאָכט אָפּ דריי, פיר מאָל אַ טאָג. אָבער אויך דאָס מוז מען שוין שפּאָרן, דען עס פעלט צוקער. קאַפּראַל וו. פאַרזאָרגט מיך יעדן טאָג מיט אַ האַלבער קאַלטער פליישׁ-קאָנסערווע, טאַקע פון יענע, וואָס איך אַליין האָב אים געגעבן צו באַהאַלטן. אָבער אויך די קאָנסערוון גייען אויס. נאָך אין דער נאַכט האָבן מיר געענדיקט אונזער איינציק פעקל טאַבאַק און אין דער פרי האָבן מיר צוליב שפּאָרעוודיקייט צעריבן אונזערע ציגאַרן, געמאַכט דערפון אַ בלעטריק-פּאָרכיקן טאַבאַק און אַזוי געדרייט האַלבע ציגאַרעטלעך. איצט נעמט מען זיך שוין צום דיקן, שוואַרצן מאַנשאַפטס-טאַבאַק, פון וועלכן איך האָב נאָך אַ היפּש ביסל. אָבער ציגאַר-פּאַפּירלעך פעלן... זעלנער קלויבן אויף בלעטער, אָדער געפינען אויס אין די קעשענעס צעקנייטשט, ברוין פּאַ-פּיר, רייבן זיי עס אין די הענט, עס זאָל ווערן ווייכער, און דרייען אין דעם זייער טאַבאַק. עס צעטראָגט זיך פון דעם אַ

מיאוסער ריח, און דאָך איז מען צופרידן, וואָס כאָטש דאָס קאָן אַ ביסל אויפמונטערן.

אַ סאָלדאַט, אַן עלטערער גוי, הייבט אָן באַווייזן גאַנצע פעקלעך ציגאַר-פּאַפּירלעך, וועלכע ער טראָגט מיט זיך נאָך פון פשעמישל. געקאָסט האָבן זיי אים טייער: צו זעקס העלער אַ פעקל,—איצט פאַרקויפט ער זיי צו פערציק און פופציק העלער, און קוקט נאָך אַלץ מיט גיריקע אויגן אויף דעם פאַרקויפטן, צי „האָט ער זיך דאָ נישט אָפּגענאַרט”. ער האָט שוין פון דעם צוזאַמענגעקליבן אַ פולע רויטע פאַטשיילע מינץ.

—אָט האָסטו צוואַנציק העלער, גיב אַ פעקל—בעט זיך ביי אים אַ חבר.

—איך וויל נישט—דרייט ער זיך אַוועק.

—אָט האָסטו נאָך צוויי גרייצער.

יענער ענטפערט שוין אפילו נישט, נאָר קוקט אין דער לופט אַריין מיט דער פאַרביסענער מינע פון אַ גביר,—ווי איי-נער רעדט: האָסטו געזען אַן אָנשיקעניש!

—און דרייסיק העלער ווילסטו?—בעט זיך דער סאָלדאַט.

—לאָז מיך צו רו!—ווערט דער גוי בייז.

—וואַרט, דו נאַר, וואַרט. מיינסט ביזט שוין זיכער מיט דיין פאַטשיילע געלט? אָט וועט קומען אַ קויל, וועסטו פגרן און עס וועט זיין נאָך אַלעמען, חזר, וואָס דו ביזט!

דער אַלטער גוי הייבט אָן ציטערן ווי אין מורא, רוקט זיך אַריין טיף אין שיצן-גרוב, נעמט אַרויס פון דער פאַזוכע די פאַטשיילע און הייבט אָן ציילן דאָס געלט.

עס קומט אַ געהיימער באַפעל, פערזענלעך דורכקאָנטראָ-לירן יעדן סאָלדאַט, דען אין אונזער „שוואַרם-ליניע” זאָל זיך געפונען אַ רוסישער אָפיציר, איבערגעטון אין אַן אוניפאָרם פון אַן עסטרייכישן סאָלדאַט. איך מיט מיינע שוואַרם-קאָמענדאַנטן נעמען דורכקוקן יעדן סאָלדאַט באַזונדער—: לויטער אייגענע. איינער אַ פרעמדער! זיין קורץ נעזל און די זעזאָוואַטע אויגן ווילן אפילו נישט מאַכן גלייבן, אַז דאָס איז אַן איבערגעטוענער אָפיציר, אָבער—ער באַלאַנגט פאָרט נישט צו אונז.

—ווער ביזטו?—נעם איך אים אויפן פאַרהער.

ער שווייגט אַ ווײַלע, אָבער באַלד דערציילט ער, אַז ער געהערט צו דער דריטער קאָמפּאַניע.

—וואָס-זשע טוסטו דאָ?

—איך בין געגאַנגען אַהער, ווײַל דאָרט גיט מען נישט קיין עסן?

—און דאָ האָסטו שוין אַזויפֿיל געגעסן?

—דאָ, זאָגט מען, איז אַ בעסערער קאָמענדאַנט...

איך פֿאַרליר מײַן גאַנצע שטרענגקייט, צעשמייכל זיך, און לאָז אים אָפּפֿירן צו דער דריטער קאָמפּאַניע. דער דאָרטיקער פֿעלדוועבל דערקענט אים און נעמט אים אויף מיט אַ פּאָר „גע-היימע" סטוסאַקעס.

האָבן מיר ווידער נישט קיין „פּרעמדע". נאָר ווערן מיר פֿאַרדעכטיק יענע רוסישע פֿאַרוואונדעטע אין וואַלד: אפֿשר זענען זיי שפּיאָנען? איך שיק דאָרטן אַ שטאַרקע פּאַטרול, מען זאָל זיי תּיכּף ברענגען. אָבער די פּאַטרול קומט צוריק נאָר מיט איין פֿאַרוואונדעטן: אַנדערע צוויי זענען מער נישטאָ, זענען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן,—דער פֿערטער ווידער איז געשטאָרבן טאַקע אויפֿן זעלבן אָרט אין וואַלד.

דער געבראַכטער איז אַן אונטערפֿעלדוועבל. אַ טויטלעך, פֿאַרמעטן פּנים, פֿונם מויל זעצט אַ קלעפּעדיקע סלינע,—די ווייס-לעך פֿון די אויגן, וואָס באַווײַזן זיך נאָר רגעווייז און פֿאַר-שווינדן אונטער די שווערע, ציטריקע לידערן, זענען אונטער-געלאָפֿן מיט דיקן אייטער.

גראָד קומען צוריק די זעלנער, וועלכע איך האָב געשיקט קאָכן טיי.

—העי, אַ שאַלקע אָפּגעצוקערטע טיי!—רוף איך זיי צו.

אַ זעלנער ברענגט טיי און וואַרפֿט נאָך צו אַן איבעריק שטיקל צוקער, אַפּנים איבערצייגט, אַז די טיי איז פֿאַר מיר. איך דערלאַנג עס דעם פֿאַרוואונדעטן. דערפֿילנדיק די וואַרעמע בלעך ביים מויל, טוט ער אַ ציטער אין שרעק, עפֿנט אַ רגע די אויגן און מאַכט זיי ווידער צו. אָבער זײַנע ליפּן באַוועגן

זיך צום טרינקען. ביי די ערשטע טראָפּנס פאַרהוסט ער זיך, נאָר פּאַוואָליע הייבט ער אָן שלינגען און ליידיקט אויס די גאַנצע שאַלקע. ער עפנט ווידער די אויגן.

—נאָך?—פרעג איך.

צוערשט קוקט ער אויף מיר מיט אַ גלעזערנעם בליק, דערנאָך הייבט ער אָן קוים, קוים שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ. איך לאָז אים דערלאַנגען אַ צווייטע שאַלקע.

—ווו זייט איר פאַרוווּנדט?—פרעג איך אים אויף רוסיש.

אַ לאַנגע צייט פאַרשטייט ער נישט, וואָס איך וויל. ענד־לעך שטעקט ער אויס אַ האַנט דאַרע ביינער און ווייזט אויפן געזעס. איך הייב אויף דעם מאַנטל, מיט וועלכן אונזערע סאָל־דאַטן האָבן אים דערוויייל צוגעדעקט,—און אַ זאַלושנדער גערוך פאַרשטיקט די לופט. זיינע אַלע קליידער זענען איינגעטרוקנט אין פאַרקילט בלוט.

—זייט ווען פאַרוווּנדט?—בלייב איך אַ צעטומלטער.

—ניין טעג—ווייזט ער אויף די פינגער—דאָרט אין וואַלד געלעגן.

דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט הייסט אים טראָגן צום אָבערסט,—איך זאָל אים דאָרט אויספאָרשן.

—„קודאַ? קודאַ?"—ציטערט ער.

ביים רעגימענט-שטאַב דערלאַנגט מען אים שוואַרצע קאַווע אין אַן אויסגעליידיקט קאָנסערווען-פּודעלע, וועלכעס דינט אָפּט צו „פאַרשידענע צוועקן"... דערנאָך גיט מען איט אַ ביסל שטאַרקן וויין. דאָס דערפרישט אים, און מען קאָן אָנהייבן די „אויספאָר־שונג", אָבער מער ווי דעם נומער פון זיין פּאָלק און אַז ער איז אַ „זאַפּאַסני טעלעפאָניסט", קאָן מען פון אים נישט אַרויס־באַקומען. ער איז צו שוואַך.

—דער אָבערסט וויל אים זען—זאָגט מיר דער אַדיוטאַנט.

איך לאָז אים צוטראָגן ביז צום אָבערסטס שיצנ-גרוב.

—ניין טעג?—הער איך, ווי דער אָבערסט וווּנדערט זיך. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ, כאַפּט אַ בליק—און שוין גיט זיך זיין דיקער קערפּער צוריק אַ קאָרטשע אַריין אין דער דעקונג:

נעמט אים אַוועק, אַוועק!

—קודאַ? קודאַ?—ציטערט ווידער דער רוס.

א געוואַלטיקע מורא שוועבט אין זיינע אויגן: ער קאָן אַלץ נישט גלייבן, אַז דאָס טראָגט מען אים אין פעלד-שפּיטאָל. קיין ווּנדער: האָט מען דאָך זיי אַ לאַנגע צייט איינגערעדט, אַז די „אויסטריאַקי דערהרגענען יעדן געפאַנגענעם".

די רוסישע קאַנאָנאַדע לאָזט זיך הערן. עס איז די טעג-לעכע „פּאָרציע". גייט מען כמעט רויק אין שיצנ-גרוב, מען לייגט זיך אַוועק און מ'קוקט גלאַט אַזוי אין הימל אַריין. אייניקע נעמען אפילו אַרויס פון בוזעם פּאַפּיר און בליי און שרייבן בריוולעך אַהיים. אַ יונגער שייגעץ ציילט נאָך יעדן שאָס, אָבער ער פאַרפּלאָנטערט זיך אין מיטן, און נאָך זיבעצען האַלט ער שוין ווידער ביי צוועלף. די פייגעלעך, וועלכע האָבן ביז צום שיסן אַקעגנגעצוויטשערט דער קלאָרער זון, טראָגן זיך אַצינד איבער פון העכסטן שפּיץ צום נידעריקסטן צווייגל. די קוילן פאַרטרייבן זיי פון די געדיכטע צווייגן. זיי פילן, ווייזט אויס, די געפאַר, דען זייט אייניקע טעג בויען זיי בכלל נייע נעסטן—וואָס טיפער צו דער ערד— אָבער פאַרלאָזן אינגאַנצן דאָס אָרט,—ניין, דאָס וועלן די היימישע, פרומע וורובלעס נישט טון: זייער וואַלד, זייער זערנע.

פּלוצים נעמט מען לויפן פון די הינטערשטע ליניעס.

—וואָס איז געשען? אַרומגעריגלט?

עס ווערט אַ קורצער ווירוואַר, און יעדער לויפט אויף זיין אָרט ווי פון אַ שרפה. אָבער באַלד באַרויקט מען זיך: פיינטלעכע שראַפּנעלן פאַלן אויף אונזערע רעזערוון,—זוכן זיי שוין ביי אונז, כאָטש מיר אַליין ליגן אַ סך נענטער צום פיינט. עס קומט צולויפן אַן אייגענער אַרטילעריע-אָפיציר. פאַר אים טראָגט אַ זעלנער אַ שטאָלענעם פאַנצער, און אַזוי „געדעקט" לויפן זיי דורך דעם וואַלד און לייגן זיך ביים זוים, אויסצו-פאָרשן די פיינטלעכע באַטעריע, וועלכע מאַכט אונז אַזוי פיל שאָדן. אָבער צוויי פיינטלעכע קוילן דערמאַנען זיי אַן דער גע-וואַגטקייט פון אַזאַ לאַגע, און זיי ציען זיך באַלד צוריק.

—הער קאַדעט האָבן געוואָלט קויפן?—הער איך קאַפּראַל ג.ס שטימע.

ער דערלאַנגט דעם קאַדעט דעם רעוואָלווער און די פעלד-גלעזער, וועלכע דער סאָלדאַט אין דער פרי האָט נישט געוואָלט פאַרקויפן.

—ווי קומט עס צו דיר?

—אַט ליגט ער דאָרט, הריטש—שמייכלט דער קאַפּראַל— אַ שראַפּנעל האָט אים דערהרגעט, האָב איך עס גענומען פאַרן הער קאַדעט.

דאָס שיכן ציט זיך לאַנגווייליק, ביז צום אַנדרימלט ווערן. ערשט דער בין השמשות וועקט אויף צום רירעוודיקן לעבן. אויסגעגלייכט אַ ביסל די ביינער, פאַרויכערן די אויסגעשלאָפענע סאָלדאַטן זייערע דיקע, לאַנגע ציגאַרעטלעך, וואָס טונקלען מיט די צעושאַרעטע פייערלעך ווי ערדישע שטערנדלעך—יעדעס אַ ווערטל פאַר זיך. אויף דעם שאָטנדיקן הימל איז אויסגעשפּינט עפּעס אַ בענקנדיקע מרה שחורה, וועלכע לאָזט זיך אַראָפּ מיט גאַנצע שטראָמען אין יעדנס האַרץ,—דער מח הייבט אָן חלומען זיינע שוואַרצע געדאַנקען. און אַזוי אָט וועבט דער דמיון זיינע וואונדערלעכע מעשיות, וואָס אָטעמען אַלע מיט דער מיסטעריע פון יענער „וואונדער-קאַפּעלע”—ווי דער ליכטיקער שיין אַרום דעם הייליגן-בילד:

—געווען איז—ציט אַ סודותפולע, געדעמפטע שטימע—גע-ווען איז, יענע נאַכט קומט צו מיר די הייליגע מאַריע, די יונגפרוי, און זאָגט צו מיר אַזוי: האָב נישט מורא, זון מיינער, עס וועט דיר קיין שלעכטס נישט געשען, ווייל איך וואַך אי-בער דיר...

—...און איך לאָז זיך אַזוי צוגיין צו דער וואונדער-קאַפּע-לע, פאַל אויף די קני און הייב אָן בעטן: מוטער גאָטס, דו שענסטע פון אַלע יונגפרויען, בעט רחמים פאַר מיר!—דאָ נעמט זי אַראָפּ פון איר האַנט דאָס קינד יעזוס, דערלאַנגט מיר אים צו קושן, און האָט דערביי אַזוי געזאָגט: אַלע דיינע זינד זענען דיר אַצינד פאַרגעבן. דו וועסט באַלד געזונט אַהיימקומען צו

דיין ווייב און קינדער, און גאָרנישט ניט וועט דיר פעלן...

—טאָ, אפשר וועט שוין באַלד נעמען אַ סוף—נעמט אַראָפּ דאָס זעלבנערישע היטל אַן עלטערער גוי און צלמט זיך.

—און איך האָב געזען דעם הער יעזוס אַליין.

—ווי אַזוי?—צלמען זיך אַלע.

—אָט: איך שטיי אַזוי ביי דער קאַפּעלע, זע איך—עס קומט אָן אַ מאַן, הויך, שיין, מיט אַ בלאָנדער באָרד, אין ברייטע קליידער ווי דער גלח ביים הייליקייט, אָבער באָרוועס און אַ גאָלדן רייפל אַרום קאָפּ,—און ער גייט גלייך צו דער אַלערשענסטער יונגפרוי. איך וווּנדער זיך, טיאַ—איך קוק: דאָ פאַלט ער אויף די קני און הייבט אָן הייס בעטן: שענסטע דו, אומבאַפלעקטע יונגפרוי! דו מוטער גאָטס! איך דיין זון בעט ביי דיר: האָב רחמנות אויף מיינע קינדער און היט זיי אָפּ פון אַלדאָס בייז...

אַלע האָבן אַראָפּגענומען די היטלען און צלמען זיך.

—...גיי איך צו, און די פיס ציטערן מיר פאַר שרעק: „און איך, כריסטושע פאַניע? איך, דיין דינער סטעפּאַן? בעט אויך פאַר מיר אַ גוט וואָרט”, זאָג איך. ער ענטפערט נישט, נאָר הייבט זיך אויף און לייגט מיר אַרויף די האַנט אויפן קאָפּ...

—יאָ, יאָ, אַזוי איז עס, ווען די אַלערשענסטע יונגפרוי וויל עמיצן העלפן—שלאָגט איינער איבער מיט אַ לאַנגן געגעץ.

און אָט אַזוי שפּינען די פרומע קינדער פון די פּלאַכע גאַליצישע דערפער זייערע ווונדערלעכע מעשיות וועגן דער „ווונדער-קאַפּעלע”, און שעפּן בטחון פון יענעם נישט-פאַרצערטן, שטיין געבליבענעם שטיין. ביז שפּעט אין דער נאַכט שעפּטשען זיי אַזוי צווישן זיך, אויסרויכערנדיק איין שאַרף ציגאַרעטל נאָכן צווייטן. און די קליינע שטערנדלעך, וועלכע האָבן ערשט נישט לאַנג זיך באַוויזן אויף דעם טונקל-בלאָען הימל, פינקלען און טאַנצן—ווי זיי וואָלטן מיט אַ שמייכל אויף די קינדערישע באַקן זיך צוהערן צו יענע פאַרבאָרגענע, מענטשלעכע סודות, געבוירענע אין דער פרומער פאַנטאַזיע.

דאָס „פעלד פון ערע".

דאָס ליגן אויף איין אָרט איז שוין נמאס געוואָרן, און דאָך ווערט שווער אויפן הארצן, ווען מען דערוויסט זיך, אַז היינט וועט אונזער גאַנצע פּאָזיציע מאַכן אַן אַטאַקע. דער רע-גימענט-קאָמענדאַנט קאָן נישט טרינקען דעם ווייַן פאַר נערוועז-קייט, האַלט ער אין איין „געפּן" דעם קאָניאַק. די אָפיצירן זע-נען אומצופרידן:

—אַן אָפענע אַטאַקע איז אויסגעשלאָסן!

—נישט מיר האָבן דאָס מענטשן-מאַטעריאַל און נישט די קראַפט צו דעם.

—זיי זענען וווּנדערבאַר באַפעסטיקט, די „קערדע"!

—זאָגן וועגן דעם אָבערסט?—פאַרזשמורעט די אויגן אונזער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט און שמייכלט ביטער.

און ער זאָגט עס אים טאַקע. דער אָבערסט כאַפּט דאָס אויף ווי אַ געניאַלן איינפאַל:

—געוויס קאָן מען נישט. מען דאַרף עס מעלדן „העכער".

מען טעלעפאָנירט צו דער בריגאַדע, און פון דאָרט דורך דער דיוויזיע צו דער קאָרפּ-קאָמאַנדע. קומט נאָכאַמאָל אַן „אָנ-פראַגע", און מען טעלעפאָנירט ווידער: „אויסגעשלאָסן"—ביז מען באַשליסט: נישט קיין „אָפענע", נאָר אַ „פּיאָניר-אַטאַקע". מען וועט פון אונזער פראָנט ביז צום שונא בויען מינעס און „לויף-גריבער", און אַזוי „געדעקט" וועלן מיר זיך פאַרגנבענען ביז צו דער רוסישער פּאָזיציע.

פאַרנאַכטס מעלדן זיך ביי אונז פּיאָניר-סאָלדאַטן מיט צוויי אָפיצירן. איך דאַרף זיי ווייזן די פייַנטלעכע שטעלונגען און באַצייכענען דעם פּלאַץ, ווו צו גראָבן. ווי עס ווערט נאָר טונקל, נעמען מיר זיך צו דער אַרבעט. כדי צו באַשיצן די פּיאָנירן, לאָז איך אַרום זיי אויפשטעלן באַזונדערע וואַכן.

—גיי מיט, דו מיט דער פּאַטשיילע געלט פון די ציגאַר-פּאַפּירלעך—שרייט מיין קאַדעט—קאָנסט מאַכן גוטע געשעפטן, וועסטו קאָנען גוט האַלטן וואַך.

חברה זעלנער זענען צופרידן וואָס זיי קאָנען זיך דער-

לעבן אַ שטיקל נקמה אָן דעם פּאַרהאַסטן „געלט-זאַק“, און יענער שלעפּט זיך נאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ ווי אַן אומגליקלעכער קרבן.

די פּיאָנירן גרייטן צו בײַ דער זײַט זייערע „פּרימיטיווע באָמבעס“ (בלעכענע פּושקעלעך פון קאָנסערוון, אָנגעפּולט מיט פּאַפּיר, דינאַמיט און עקראַזיט), און הייבן אָן בויערן די ערד מיט שאַרפע לאָפּעטעס און האַקעס. די אַרבעט גייט אַזוי שטיל און רויִק, אַז קיין פיינט אין דער וועלט, דאַכט זיך, וועט דאָס נישט באַמערקן. דער אויבער-אינזשיניער האַלט אַצינד מיין אַסיסטענץ פאַר איבעריק, ווינש איך אים גוטן ערפאָלג און גיי צוריק אין מיין שיצן-גרוב.

די רוסן הייבן אָן שיסן און צו גלײַכער צײַט דערהערן זיך שטימען „סאַפּערן!“: דאָס גיבן אונז אונזערע אַרבעטער דעם אָפּגעשמועסטן סימן, מען זאָל זיי לאָזן אומגעשטערט צוריקלויפן. אונזער שטילע „מוילוואָרף-אַרבעט“ האָט פאָרט זיך צעטראָגן אין דעם פוסטן, נאַכטלעכן וואַלד און געבראַכט צו די רוסן די בשורה פון אונזער טיטיקייט... איך ליג אין מיין ווינקל און לאַך צו זיך אַליין פון אונזערע אומגעראָטענע אונטערנעמונגען, און די צוויי טראָמפּייטערס, וועלכע ליגן בײַ דער זײַט, קוקן אויף מיר מיט איבערגעשראָקענע בליקן—זיי קאָנען נישט פאַרשטיין מיין געלעכטער. דער רעגן פון קוילן ווערט וואָס אַמאָל געדיכטער.

—הער פענריך!—יאָגט אָן דער אָרדאָנאַנס פ.—הער הויפּטמאַן הייסט נישט ענטפערן אויף דעם פייער.

—דאָס פאַרשטיי איך שוין אַליין. אָבער לויף מיר, נישט אַרום אין אַזאַ גאָס-קוילן, דו ווייס-חברהניק איינער, וואָרום ענדלעך וועט דיך פאָרט פּאַטשאַפּען אַ קויל!

—איך האָב נישט מורא—ליגט ער אויסגעשטרעקט, מיטן קאָפּ אַריינגעשטעקט אין מיין שיצן-גרוב.

—איי וועסטו מורא האָבן, ווען דו וועסט ליגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם מוח!...

—וואָס קאָן מען טון, הער פענריך, דינסט איז דינסט.

ער טוט אַ שפּרונג ווי אַן אָפּגעבריטער, און איז שוין נישטאָ.

דאָס שיסן האָט אַ ביסל אויפגעהערט.

—פּענריך וו., פּענריך וו.!—הער איך רופן מיין נאָמען, כמעט מיט אַ יעמערלעך קול.

—דאָ-אָ!—באַצייכן איך די ריכטונג.

עס איז דער פּיאָניר-אָפיציר:

—איך מוז שוין ווידער גיין אַרבעטן מיט דער מאַנשאַפט—ציטערט ער אויפן גאַנצן לייב—וויל איך דיך בעטן: זיי אַזוי גוט און קום מיט מיר. איך...

איך דערקען, אַז דאָס בעט זיך זיין מורא, און איך טו אים צוליב.

—מיר וועלן שוין אַזוי צוזאַמען אַרבעטן די גאַנצע נאַכט—טרייסט ער זיך ווי אַ קינד.

דאָסמאָל אַרבעט מען נאָך מער פּאַרזיכטיק. איך באַמערק, אַז מיין קאַמעראַד באַרויקט זיך צו ביסלעך,—גיי איך ווידער אויף מיין אַלטן פּלאַץ.

נאָך עטלעכע מאָל באַפאַלט מען זיי און מען שטערט זיי אין דער אַרבעט. אַזוי האַלט עס אָן אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג ווערן מיר געוועקט דורך אַ שווערער דעטאָנאַ-ציע. מען ברענגט צו טראָגן דעם זעלנער מיט די „ציגאַר-פּאַ-פּירלעך": אַן אייגענע באָמבע האָט עקספּלאָדירט ביי אים אין קעשענע און אים אָפּגעריסן ביידע פיס. ער האָט מסתמא גע-מיינט, אַז די פּושקעס ביי די פּיאָנירן זענען געפּולט מיט פליייש-קאָנסערוון, האָט ער באַהאַלטן איינס „אויף שפּעטער"—איצט האָט עס געפּלאַצט... צוויי שעה זיך געמוטשעט, און גע-שטאָרבן אין שרעקלעכע יסורים. זיין פּאַטשיילע געלט אין דער פּאַזוכע געפינט מען שוין נישט מער.

ערשט איצט קאָן מען זען, ווי נישטיק עס איז געווען די אַרבעט פון די פּיאָנירן: אויף פיר ערטער האָבן זיי אויסגע-גראָבן לויפ-גריבער אויף צען שריט די ווייט. ווען מיר זאָלן דאַרפן אויף דעם אופן צוקומען צום פיינט, וואָלטן מיר אים

געזען אפשר אין צוויי חדשים אַרום. מיר שיקן וועגן דעם אַ מעלדונג, און עס קומט באַלד דער טעלעפאָנישער באַפעל, די פיאָנירן-אָפּטיילונג זאָל אָפּטרעטן. האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַטאַקע? עס ווערט פאַרדעכטיק: דערזעלבער באַפעל הייסט „מאַכן אַ פאָרשלאָג וועגן מאַנשאַפט-באַלוינונגען”, און דאָס איז תמיד אַ שלעכטער סימן.

—איר ווילט באַקומען אַ מעדאַל?—פרעג איך דעם אָרדאָ־נאַנס פּ.

דער בחור ווערט רויט, פאַרשעמט:

—דער הער אָבערסט—זאָגט ער שטיל—האָט מיר שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט...

—איר פאַרדינט אַ מעדאַל, זייער בראַוו—לויב איך אים גאַנץ ערנסט, און ער סאַלוטירט שטאַרק אויסגעשטרעקט, וואָס דאָס באַטייט תמיד אויף מיליטערישן לשון: „אַ האַרציקן דאַנק!”. און דאָך פיל איך, אַז ער קאָן מיר דערפאַר נישט קוקן אין פּנים: אַ צו גרויסער עניו איז ער, דער יידישער בחור פּ.

איך שטעל אים דעם ערשטן אויף דער ליסטע און באַ־צייכן פאַר אים דעם „גאָלדענעם טאַפּפערקייטס-מעדאַל”. פאַרן קאַפּראַל ל., וועלכער האָט אין יענער נאַכט אַזוי קונציק גענו־מען געפאַנגען די צוויי רוסישע וואַך-סאָלדאַטן, און פאַרן אינ־פאַנטעריסט כ., וועלכער האָט זיין פריערדיקן אָפיציר אָפּגעראַ־טעוועט דאָס לעבן, באַשטים איך דעם „זילבערנעם מעדאַל”.

—אינפאַנטעריסט ס. האָט ערָאָבערט אַ ריסיש מאַשין-געווער—מאַכט מיך אויפמערקזאַם דער קאַדעט.

פאַרצייכן איך אויך פאַר אינפאַנטעריסט ס. אַן „אויסצייכענונג”, און שיק איבער די ליסטע דורך דעם באַטאַליאָן צום רעגימענט, און פון דאָרט „שטופּענווייז” ביז צו דער קאָרפּס-קאָמאַנדע. אַצינד ערשט דערציילן מיר סאָלדאַטן, ווי אומגערעכט עס איז די „אויסצייכענונג” פאַר אינפאַנטעריסט ס.: אַן אַנדערער סאָלדאַט האָט נעבן פּשעמישל פאַרכאַפּט ביים שונא אַ מאַשין-געווער, נאָר בשעת אַנטלויפן איז ער געפאַלן פון אַ קויל. ערשט שפּעטער האָט ס. געפונען דאָס מאשין-געווער אין

וואַלד און האָט עס געבראַכט צום קאַדעט מיט דער מעלדונג, אַז ער האָט עס ערווערבט. קומט אייגנטלעך די אויסצייכענונג יענעם געפאַלענעם סאָלדאַט. אָבער—דרייען זיך אַרום אין ווין און בודאַפּעשט הונדערטער אָפיצירן מיט גאָלדענע מעדאַלן אויף דער ברוסט, כאָטש זיי האָבן אפילו נישט געזען דעם שונא,— זאָל אינפאַנטעריסט ס. זיין שטאָלץ מיט אַ בלעכענעם מעדאַל.

אַרום מיטאָג-צייט קומען אָן פרישע אָפּטיילונגען.

—הוראַ!—ווערן זיי באַגריסט פון אונזערע סאָלדאַטן, וועלכע זענען זיכער, אַז דאָס קומט מען אונז אָפּבייטן. און מיר זענען שוין טאַקע אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז עס וואָלט שוין זיין די העכסטע צייט, אַנדערע זאָלן פאַרנעמען אונזער אָרט. אייניקע זענען שוין אַזוי אומגעדולדיק, אַז זיי ליגן געפּאַקט „פּיקס און פּאַרטיק״ און וואַרטן נאָר אויף אַ צייכן, זיי זאָלן קאָנען אַרויס פון שיצנ-גרוב און אַוועקמאַרשירן אין גאָלדענעם „הינטערן פראָנט״. אָבער די אָפּטיילונגען גייען ערגעץ ווייטער, און עס בלייבט נאָר די קליינע האָפענונג,—אַז אפשר וועט נאָך קומען אַ צווייטע אָפּטיילונג, וועלכע וועט אונז אָפּבייטן.

עס מאַרשירט פאַרביי אַ באַטאַליאָן פון די „95-ער״. זייער קאָמענדאַנט וויל ווייזן, ווי שטאַרק „דיסציפּלינירט״ עס זענען זיינע זעלנער, פירט ער זיי „געשטרעקט״—ווי אין אַ ווירע. זיי בלייבן אַ ווײַלע שטיין.

—סטעפאַנע!—דערפרייט זיך איין סאָלדאַט, שפּרינגט אַרויס פון דער שורה און צעקושט זיך מיט איינעם פון אונזערע.

לאַנדסלייט אוודאי, געוויס שוין אַ לאַנגע צייט זיך נישט געזען, און אפשר שוין איינער דעם אַנדערן גאָר געהאַלטן פאַר טויט—

—וואָס!?—לויפט אונטער אַ פענריך פון יענעם באַטאַליאָן— „מורגאַ״! כאַם!

מיט קלעפּ יאָגט ער דעם סאָלדאַט צוריק אַריין אין דער „איינטיילונג״. דער זעלנער רייבט זיך די פאַרפלאַמטע באַקן און בלייבט שטיין אַ צעטומלטער.

—וואָס לאָזטו זיך שלאָגן, שוטה איינער?—שעפּטשעט אים שטיל אַ קאַפּראַל, רויט פאַר כעס—אויף מיר באַדאַרפט אָנטרעפן, איך וואָלט אים באַלד דערשאָסן!

דער פענריך באַמערקט עס:

—וואָס זאָגסטו, קאַפּראַל?—כאַפּט ער אים אָן—אויף דיר באַדאַרפט אָנטרעפן?

און ער דערלאַנגט אים אַ זעץ אין פּנים, אַז דאָס בלוט באַגיסט אים.

איך האָב גאָרנישט געזאָגט—צעוויינט זיך דער קאַפּראַל.

—גאָרנישט?—קאַפּעט אים ווילד דער פענריך—שיס, שיס!

מען באַפרייט אים קוים פון זיינע הענט. דער באַטאַליאָן מאַרשירט דערוויילֿ ווייטער. דער קאַפּראַל האַלט זיך קוים אויף די פיס, אָבער ער לויפט נאָך זיין אָפּטיילונג, און גייט ווייטער אָן אַ וואָרט. ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו רעדן אַ וואָרט...

די לעצטע אָפּטיילונג מאַרשירט פאַרביי—די ערוואַרטעטע „פאַרטרעטער” זענען נישט געקומען. דאָס זענען נאָר געווען „פאַרשטאַרקונגען”, וועלכע מען האָט געשיקט אויף אַן אַנדער פּאָזיציע.

מען גרייט זיך.

נאָך מיטאָג ווערן אַלע אָפיצירן פאַרזאַמלט ביי זייערע באַטאַליאָן-קאָמאַנדעס. מיר פאַרשטייען שוין, וואָס דאָס באַטייט: מיר מאַכן ווידער אַן אַטאַקע—אַ נאַכט-אַטאַקע פונם גאַנצן קאָר-פּוס. אונזערע צוויי באַטאַליאָנען וועלן זיין אין צענטרום, רעכטס פון אונז אונזער „שוועסטער-בריגאַדע” און לינקס די צווייטע קאָרפּס-דיוויזיע. די אַטאַקע וועט אָנהייבן אונזער אַרטילעריע—אינפאָרמאַציעס וועגן פיינט וועט אונז געבן צוגפירער נ.

מען רינגלט אַרום דעם „מיסטעריעזן” צוגפירער. קיינער

קען אים נישט, מען ווייסט נישט זיין נאָמען, נישט זיין „איינ-טיילונג"—און דאָך זעט מען אים אָפט. אָט פֿאַרשווינדט ער אויף עטלעכע טעג, און באַלד איז ער ווידער דאָ מיט לויטער „סודות": האָט גענויע סקיצן פֿון דער פֿיינטלעכער פּאָזיציע, ווייסט ווי גרויס דער פֿיינט איז, אין וועלכע שטעלן ער איז שוואַך און אין וועלכע שטאַרק באַפֿעסטיקט, און איז כמעט תמיד דער אייגנטלעכער פֿירער פֿון יעדער אַטאַקע. גאַנצע לעגענדעס דערציילט מען שוין וועגן אים: האָט זיך איבערגעטון פֿאַר אַ בויערטע, (כאָטש זיינע לאַנגע וואָנסעס מאַכן נישט שטאַרק גלייבן אָט די מעשיות...), און טרייבנדיק אַ קו, איז ער דורכגעגאַנגען אַלע רוסישע ליניעס. איבערגעטון אַלס בויער, האָט ער פֿאַר-קויפֿט אייער צו די רוסן און אַזוי אַרום אַלץ ביי זיי געוואָר געוואָרן. אַן אַנדערש מאָל האָט ער זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ ייד און אָנגעשיכּורט אַ גאַנצע מחנה רוסן— —

—מען וואָלט דאַרפֿן קודם אַרומגיין יענעם טאָל און אַטאַ-קירן זייער לינקן פֿליגל—ערקלערט ער אונז די פֿיינטלעכע פּאָ-זיציע—דורכן וואַלד אַטאַקירן איז אויסגעשלאָסן. זיי האָבן דאָרט אַ גאַנצע פֿעסטונג.

גראָד מיר זענען באַשטימט צו „נעמען" דעם וואַלד...

אונזערע סאָלדאַטן גלייבן נאָך אַלץ נישט, אַז מיר וועלן אַטאַקירן: מיר ליגן דאָך שוין צוויי וואָכן אין דער פּאָזיציע, כמעט שוין אַ וואָך קיין עסן נישט באַקומען—מען מוז אונז באַלד אָפּבייטן. ערשט ווען מיר הייסן פֿאַרטיילן מוניציע, ווערן זייערע פּנימער איבערגעצויגן מיט אַ הייטל—זיי זען פֿאַר זיך דעם ביטערן אמת... נעמען זיי די דערלאַנגטע מוניציע מיט דער פֿוילקייט פֿון אַ שלאַנג, וועלכע האַלט אין פֿאַרשלינגען איר קרבן: פּאַוואָליע, פֿאַרזאָרגט,—אָבער זיי ווילן מיטנעמען וואָס מער. פֿאַלט אַראָפּ אַ קויל, הייבט מען זי אויף, ווישט זי אָפּ מיט אַ זיפֿץ,—און מען באַהאַלט זי אין קעשענע. עפּעס פֿילן זיי, אַז דאָס קאָן זיי ראַטעווען דעם אייגענעם נפֿש.

אָנגענומען מוניציע, וויפֿיל עס לאָזט זיך, מאַכן די גוים צורעכט זייערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס, פֿאַרקנעפּלען זיך,

לייגן דאָס געווער אָן אַ זייט, און פאַלנדיק אויף די קני מיטן פנים צו דער „ווונדער-קאַפּעלע", נעמען זיי אַראָפּ די היטלען און הייבן אָן זיך צלמען און שלאָגן אין האַרצן—זיי בעטן גאָט.

אַנדערש אונזערע יידלעך: אונטער דעם שווערן עול פון „נויט און שטאַרבן", ליגן זיי מיט בלאַסע פנימער און ערוואַרטן דאָס „אומבאַקענטע". זיי רירן זיך נישט פון אָרט, נאָר קוקן ערגעץ אין ווייטער פוסטקייט, אין וועלכער זיי גלייבן צו דער־זען די עלנטע טאַטע און מאַמע, פאַרלאָזענע ווייב און קינדער... און פון דער פאַרוויטיקטער ברוסט רייסט זיך אַרויס דער גליענדיקער זיפץ: „אוי טאַטע זיסער, פאָטער אין הימל..." און אָט קומט דאָס „אומפאַרמיידלעכע": עס וועט גאָרנישט העלפן— מען מוז גיין! פאַרשווינדט מיטאַמאָל זייער טרויעריק געמיט און עס שווימט אַרויף דער מעלאַנכאָלישער וויץ:

—נאַ, אָט האָסטו אויך אַ פּאָרציע גולאַש—דערלאַנגט דער יידישער געפרייטער די פעקלעך מוניציע.

—העי, משה, גיב מיר אויך אַן אַכטל געצונס—רופט אים צו זיך אַ יידישער סאָלדאַט.

אַ שייגעץ רייסט פון די הענט נאָך אַ פעקל.

—גיב אים!—וויצלט זיך אַ יידל—זאָל ער זיך אָנעסן! ער מיינט דאָך, אַז ס'איז ריצינ-אייל.

—חיים שמואל האָט נישט קיין קמיע, דערלאַנג אים אַ פּאָר מזוזהלעך—וויצלט זיך אַן אַנדערער.

—פעטער—ציט אָן אַ „פּאָלסקי בראַט" דעם קליינשטעטל־דיקן יידן—טאָמער וועט קומען אַ גראַנאַט, זאָלט איר אַרויסכאַפּן אַ ציצה.

—שקאָץ—דרייט זיך יענער אַוועק אַן אָנגעברוגזטער.

אַרום פינף אַ זייגער הייבט אָן אונזער אַרטילעריע „באַ־אַרבעטן" די פיינטלעכע פּאָזיציע. צוערשט פאַוואָליע, אויסגע־רעכנט, ווי זי וואָלט ערשט בודק זיין די גלידער פון איר געג־נער דעם אַטלעט, כדי צו וויסן ווו צו אַטאַקירן,—דערנאָך רי־רעווודיקער, ווי אַ באַן, וואָס לאָזט זיך לויפן—ביז עס דונערט און קראַכט אויף דער גאַנצער ליניע, ווי אַ שטורם פון טויזנ־

טער וועלטן! די רוסישע אַרטילעריע ענטפערט נישט כמעט. זעלטן נאָר הערט מען איר דרינגזשנדיקן טיפן טאָן, וואָס איז אָבער אַזוי שוואַך און ווינציק, אַז ער פארלירט זיך גאַנץ אין ליאַרם פון אונזערע הויביצען.

פּלוצים דערהערן מיר אַ גאַנץ ווייטן אויסזעץ פון אַ שווע-רער, ברייטער גרויסקייט. עס שניידט די לופט אַ זינגנדיקע משא, וועלכע, וואָס נענטער, אַלץ יאָמערלעכער וויעט זי, ווי אַ יונגער, משוגענער הינט,—ביז מען זעט זי כמעט גענוי פליען איבער אונזערע קעפּ.

—די „באָבע"!—פרייען זיך אונזערע סאָלדאַטן.

אַזוי רופן זיי די גרויסע, דיקע קוילן פון אונזערע באַ-רימטע 305 מאָטאָר-באַטעריעס. און זיי זענען גערעכט: די קויל גייט דורך דער לופט אַזוי ברייטלעך-פּאַמעלעך, ווי אויף אַ שנורל אויפגעהאָנגען, און אפילו מיטן הוילן אויג קאָן מען זען איר בלאַסן שאָטן, וועלכער וויגט זיך אין דער ברייט ווי אַ דיקע, שווער-אָטעמדיקע באָבע.

—אַ „באָבע" דיר אין נאָז—וויצלט זיך איינער.

—בעסער דיר אין צונג, ווע‍סטו ווייניקער רעדן.

ביידע צעלאַכן זיך.

מען רופט אונז נאָך צו אַ קליינער „באַשפּרעכונג" מיטן אָבערסט. ער שטעלט אונז פאָר אונזער נייעם באַטאַליאָן-קאָמענ-דאַנט, הויפּטמאַן ר., וועלכער קומט ערשט פון שפּיטאָל נאָך אַ קליינער פאַרוואונדונג. הויפּטמאַן צ., וועלכער איז ביז איצט גע-ווען באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט, נעמט צוריק איבער די ערשטע קאָמ-פּאַניע. דער אָבערסט איז שטאַרק נערוועז, און ציטערנדיק ער-קלערט ער נאָכאַמאָל די אייפגאַבע פון אונזער רעגימענט: באַ-פאַלן דעם געגנער אין וואַלד, טרייבן אים אויף רעכטס, דער-נאָך רעכטס פאַרקירעווען אין מיט דער גאַנצער קראַפט זיך וואַרפן אויף זיין לינקן פליגל. ווען מיר וועלן זיין נאָענט צום פיינט, זאָלן מיר אָנלייגן אַ פייער, און דאָס וועט זיין אַ צייכן פאַר אונזער אַרטילעריע, זי זאָל אויפהערן שיסן.

דער נייער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט שטייט איינגאַנצן פאַר-

תמט. ענדלעך באַשטימט ער די „פייער-ליניע". מיין קאָמפּאַניע בלייבט אין רעזערוו. דאָ שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז מיין קאָמפּאַניע איז די שטאַרקסטע: 80 מאַן, בשעת די אַנדערע קאָמפּאַניעס האָבן נאָר צו 18 ביז 35 מאַן-ענדערט דער באַטאַליאָנ-קאָמענדאַנט זיין באַפעל און באַשטימט מיך אַלס „רעכטע פלאַנקע". דערפאַר גיט ער מיר אַ מאַשינ-געווער אַלס „זיכערונג".

—פּאַרזיכטיק זיך דערנענטערן—וואָרנט ער אונז—און ערשט ביים פאַרקירעווען אויף רעכטס, זאָלן אַלע מיטאַמאָל פאַרלאָזן דעם וואַלד.

ערשט בלייבט ער שטיין גאַנץ פאַרדומעט. מיר וואַרטן אויף ווייטערע באַפעלן. ער אָבער, דאַכט זיך, זעט אונז אפילו נישט און האַלט אין איין אַריינקוקן זיך אין דעם טונקעלן, טיפן וואַלד.

—ווילן הער הויפּטמאַן נאָך עפּעס באַפעלן?—פרעגט דער אָבערלייטנאַנט.

—יאָ!—גיט דער הויפּטמאַן אַ ציטער, ווי פון טיפן שלאָף געוועקט,—ער קוקט אָבער ווידער גאַנץ פאַרמרה-שחורהט אין וואַלד אַריין.

—איך רעכן, אַז מיר זענען פאַרטיק—זאָגט הויפּטמאַן צ.

—יאָ, יאָ—זאָגט גלאַט אין דער וועלט אַריין דער באַטאַליאָנ-קאָמענדאַנט.

מיר צעגייען זיך.

מיין קאָמפּאַניע ליגט שוין צוגעגרייט. איך הייס זיי אַרויסגיין פון די שיצנ-גריבער און זיך אויסלייגן נישט ווייט פון די דראָט-צוימען. מען מוז שטאַרק נאָכקוקן, צי קיינער פון זיי האָט זיך נישט אויסבאַהאַלטן אין די פינסטערע דעקונגען. מיר וואַרטן. אַ פערטל נאָך זעקס האָבן מיר געזאָלט אָנהייבן די אַטאַקע,—און דאָ איז שוין באַלד אַ פערטל צו זיבן, און מיר שטייען נאָך אויף דעמזעלבן אָרט. אונזער אַרטילעריע שווייגט נישט דערוויל, נאָר האַלט אין איין שיקן אירע פייערדיקע שליחים.

—ס'איז... שוין... צייט... מיינע הערן...—קומט צולויפן

דער אָבערסט אַ פּאַרציטערטער, מיטן זייגער אין דער האַנט.

—יאָ, יאָ—איז גאַנץ פאַרווירט אונזער באטאַליאָנ-קאָמענ-דאַנט.

מיין שכן, דער לייטנאַנט, ווערט בלאַס, כאַפּט זיך אָן פאַר אַ בוים—און פאַלט צו דר'ערד.

—וואָס איז?—לויפן מיר צו.

שוין דריי מאָל האָט ער געמאָלדן, אַז ער איז קראַנק—און מען וויל אים אַלץ נישט באַפרייען. איצט קאָן ער ווייטער נישט גיין.

—פרווט נאָך די איינע אַטאַקע, הער לייטנאַנט, עס וועט נישט שאַטן—קנייטשט דער אָבערסט זיינע אָנגעברוגזטע, דיקע ברעמען—מיר גייען!

—קינדער... אויף... מיר... מ...אַכן אַן אַטאַקע—קלאַפּט דעם לייטנאַנט אַ צאָן אָן אַ צאָן,—אין פיבער, און אפשר טאַקע פאַר שרעק... ער פילט זיך אָבער שוואַך, בלייבט ליגן אין דער דעקונג, און די קאָמאַנדע פאַר אים מוז איבערנעמען אַ פענריך.

—אויף!—גיב איך אַ ווינק צו מיינע מענטשן.

ס'איז טונקל און מ'קאָן זיי נישט איבערציילן—אָבער עס פעלט פאָרט כמעט די העלפט!

—דורכזוכן די שיצנ-גריבער!—באַפעל איך האַסטיק מיינע אונטעראָפיצירן.

זיי ברענגען אַרויס די איבעריקע—מיטן באַיאָנעט מוז מען זיי אַרויסטרייבן!

—זאָל איך מיטגיין?—רוימט מיר איין קאַפּראַל וו.

—דערוויילן האַלט זיך נעבן מיר. ווו מען וועט דאַרפן, וועסטו שוין „וואַרטן”—זאָג איך אים שנעל.

שטיל טרעטן מיר אַריבער די דראָטן און לאָזן זיך אַריין אין פינסטערן וואלד.

—איך קאָן נישט מיטגיין, הער פענריך—קלאָגט זיך דער קראַנקער צוגפירער.

—וואָס האָט געזאָגט דער זאַקטאָר?

—ווי תמיד—וויל ער אָנהייבן זיין גאַנצע קראַנקהייט-געשילטע.

—קאָן איך גאָרנישט העלפן—וויל איך אים פטרן—פאַר אַן אַטאַקע טאָר מען נישט באַפרייען קיין קראַנקע.

אָבער איך פרעג פּאָרט ביים באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט, צי זאָל איך צוריקשיקן דעם צוגפירער.

—נישטאָ קיין קראַנקע אַצינד, מיטגיין זאָל ער!—איז זיין קורצער ענטפער.

—די אָפיצירן גייען פאָרויס. הינטער אונז די ברייטע, שיטערע פייער-ליניע, נאָך זיי דער באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט מיט דער רעזערווע, און ערשט גאַנץ פון הינטן דער אָבערסט מיט עטלעכע סאָלדאַטן, וועלכע טראָגן אויף די פּלייצעס גרויסע אָקאָלאָטעס שטרוי, געטונקען אין נאַפט.

איך באַמערק פלוצים, אַז עס פעלט מיין מאַשינ-געווער-אָפּטיילונג. צוויי מאָל שיק איך שליחים, מען זאָל זיי ברענגען, אוןביידע מאָל קומען זיי צוריק מיטן אויסרייד פונם מאַשינ-געווער-קאָמענדאַנט: ער ווייסט פון גאָרנישט און וויל נישט גיין. איך גיב איבער אויף א ווייַלע די קאָמאַנדע צו מיין קאַדעט, און לויף צוריק צום מאַשינ-געווער:

—זאָל איך באַפעלן מיטן רעוואָלווער?!

זייער קאָמענדאַנט נעמט דרייען אויסריידעניש, וועלכע איך האָב קיין צייט נישט אויסצוהערן. שנעל שטעל איך זיי צוזאַמען און ממש מיטן זעבל אין האַנט טרייב איך זיי ווייטער.

דער קאָמענדאַנט פאַרדינט טויט-שטראָף. אָבער—זאָל מען אים דערשיסן,—טאָ ווער וועט פירן דאָס מאַשינ-געווער? און איז ער דען דער איינציקער, וועלכער וויל זיך ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט...?

„איז געקומען צופליען אַ קויל...

דער ערשטער עטאַפּ פון דער נאַכטיקער אַטאַקע איז וווּנדערלעך: פון דער לינקער זייט פאַלט אַריין אין וואַלד אַ לאַנגער שטראָם ליכט, וואָס שפּילט מיט בלאָע און ווייסע שטראַלן, ווי אַ ווינטערדיקע לבנה אויף צעבלישטשעטן אייז. דאָס באַלייכט מען דעם קאַמפּפלאַץ מיט רעפלעקטאָרס: אויף דעם אופן וויל מען אונז לייכטער מאַכן די בלוטיקע אַרבעט.

דער וואַלד איז איינגעטונקען אין צויבער-ים פון ליכט— שמייכלען זיינע ביימער ווי פאַרכישופטע פרינצן אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ. עס אָטעמט מיט רו און פרייד, און מען פאַרגעסט אָן דעם באַלדיקן, בלוטיקן קאַמף. רעכטס האָבן אויף צוויי פּאַוש דענע פונקטן זיך אויפגעהויבן ברייטע, רויט-געלע פלאַמענצונגען, וועלכע שפּילן זיך אין דעם געדיכטן רויך-נעבל און לאַכן אַזוי האַרציק און לוסטיק!... דער מעכטיקער, שוואַרצער פּאַנצער-טורם פון דער נאַכט איז דורכגעריסן פון די נאָך מעכטיקערע סנאָפּעס ליכט-גראַנאַטן,—טאַנצט עס און עס שימערירט אין דעם אומאויפהערלעכן טאַקט פון די ברויזנדיקע, וואָרטשנדיקע קאַנאָנען— —אַ וועלטן-ברייט, הימל-הויך כישוף-שפּיל פון פאַרבן און טענער—אַ פאַרחלומט ריינהאַרדטיש „מיראַקל” אין מיטן פון קאַמף און מורא— —און שעהלאַנג וואָלט זיך געשטאַנען אַזוי און געגאַפט און געשטוינט און באַוווּנדערט—וואָלט נאָר נישט טרייבן ווייטער די ציטערדיקע מאַכט פון דעם שרעקנדיק-אויפגעקאָכטן בלוט!...

אָט גייען מיר שוין פאַרביי די ערשטע רוסישע אָקאָפּעס. אַ חוץ דריי באַהאַלטענע רוסן, וועלכע וואַרטן שוין, מיר זאָלן זיי אַוועקנעמען, איז דאָרט קיינער נישטאָ. אָן קאַמף האָט דער פיינט פאַרלאָזט זיין פאַרטיידיקונג-ליניע און זיך צוריקגעצויגן. ערגעץ ווו הערט זיך אַ קורץ שיסן, וועלכעס פאַרקלינגט מיט אַ ווידער-קול ווייט אין וואַלד. ס'איז ווידער שטיל.

ווי צעשראָקענע חיהלעך פון צווישן געדיכטע קשאַקעס,

טוט פלוצים אַ הוש אַוועק אַ גאַנצע מחנה שאָטנס און פאַרשווינדט ערגעץ אין געדיכטן חושך–דאָס אַנטלויפן די פיינטלעכע וואַכן. עס וואַקסט דער מוט, און דאָך איז אַ שאָד, וואָס זיי האָבן אונז באַמערקט: מיר האָבן דאָך געוואָלט זיי איבעראַשן.

מיר שטייען שוין אין דער צווייטער רוסישער ליניע, ווען עס הייבט אָן ווידער שיסן–דאָס מאָל שוין אָפטער און שטאַרקער.

—נישט שיסן–רוימט איין איינער דעם אַנדערן.

מען וויל נאָך פאָרט נאַרן דעם געגנער און אים איבעראַשן. אָבער די קוילן סווישטשען שוין אַרום די אויערן–עס איז געפערלעך צו גיין ווייטער.

—בלייב דאָ!–שלעפּ איך אַריין מיין חבר וו. אין די רוסישע אָקאָפּעס.

די גאַנצע צייט האָט ער זיך געהאַלטן נעבן מיר, גלייך איך וואָלט זיין דער זיכערסטער פאַנצער פאַר קוילן און שווערדן.

—איך האָב מורא—ציטערט ער—ווען עמיצער וועט...

—קריך אַריין!–בייזער איך זיך–איך האָב דיך דאָ אויפגעשטעלט אַלס „אונטעראָפיציר הינטער דעם פראָנט”,—פאַרשטאַנען?

ער בלייבט, און מיר גייען ווייטער.

דאָס פייער שטילט זיך איין, די קוילן פליען נאָר זעלטן, און אפילו די באַטאַליאָן-קאָמענדאַנטן און דער אָבערסט קריכן שוין אַפיר פון די באַהעלטענישן און נעמען זיך באַווייזן. היינט, דאַכט זיך, וועלן מיר זיכער איבעראַשן דעם פיינט, אָדער מיר וועלן גיין אַזוי ווייט, ביז וואַגנען די פיס וועלן נאָר טראָגן. און פלוצים דערהערט זיך אַ יאָמערלעך געשריי: אַ צופעליקע קויל האָט געטראָפן אַ סאָלדאַט אין די קריזשעס. אומזיסט באַמיט מען זיך אים איינצושטילן, ער זאָל אונז דורך זיין געשריי נישט פאַראָטן.

—זיי שטיל, וואָרום איך דערשיס דיך ווי אַ הונט!–כאַפּט צו אים דער אָבערסט דעם רעוואָלווער.

—דערשיסט מיך, הערגט מיך, טרענקט מיך...–קרעכצט דער אָרעמער פאַרוואונדעטער.

—נעמט אים אַוועק צום טייוול!—קריצט דער אָבערסט מיט די ציין.

ווען מען אָבער ליגט אין זינען דער פאַרוואונדעטער, אַז דורך דעם געשריי האָבן די רוסן דערקענט אונזער כוונה און באַשיטן אונז תיכף מיט אַ באַרג קוילן! אונזער איבערפאַל איז ווידער נישט געראָטן. מיר גייען נאָך ביי אַ הונדערט שריט און מוזן דאָך בלייבן שטיין. די זעלנער פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער ביימער, הינטער בערגלעך, און—אָן אַ באַפעל, הייבן זיי אָן שיסן. עס אַנטוויקלט זיך אין דער פינסטער אַ רעגלמעסיק געפעכט, בלינדערהייט, אויף „גלאַט אין דער וועלט אַריין": נישט מען זעט דעם פיינט, נישט מען ווייסט, פון וועמען מען ווערט געטראָפן. עס שפּרינגט פאַרביי אַ געשטאַלט, דעם קאָפּ געבויגן, די הענט אויסגעשטרעקט פאַר זיך, ווי מען וויל זיך היטן פאַר אַ שטיין, וועלכן אַ גאַסניינג וויל וואַרפן,—און פון הינטן אַ צווייטער שאָטן, אַ קלענערער. דאָס לויפט דער אַדיוטאַנט א. מיטן אָרדאָנאַנס פ.—טראָגן אוודאי באַפעלן פון הויפּטמאַן, וועלכער האָט מורא אַליין זיך אויפצוהייבן פונם באַהעלטעניש. יאָגן זיי אין געטומל, ווי משוגעים—ווייסן נישט, וווהין צו לויפן און צו וועמען זיך ווענדן. און מיר שיסן און שיסן אָן אויפהער—נישט מעגלעך אין דעם ליאַרם און פינסטערניש צו דערגיין אַ טאָלק. ענדלעך רייסן זיך דורך געשרייען: „פייער איינשטעלן! פאָרווערטס!"

—פייער איינשטעלן! פאָרווערטס!—שריי איך פון דער פולער ברוסט, און מוז דאָך יעדן באַזונדער אַרויסרייסן דאָס געווער פון האַנט.

נאָר עטלעכע פּרוּוון גיין ווייטער,—די איבעריקע רירן זיך נישט פון אָרט.

—פאָרווערטס!—שרייט ווידער אַ באַקאַנטע שטימע, און כאָטש מען ווייסט נישט גענוי, ווער דאָס איז, שרייען מיר אויך מעכאַניש „פאָרווערטס!" און צווינגען די זעלנער זיך צו רירן פון אָרט: געזונט צי פאַרוואונדט, לעבעדיק צי טויט,—ווו מען טרעפט נאָר אַ שאָטן אויף דר'ערד, גיט מען אַ זעץ מיט דער

פלאַך פונם זעבל. און זאָס איז געווען, אַז ווער עס האָט נאָר אין זיך אַ לעבעדיקן אָטעם, זאָל תיכּף אונטערשפּרונגען און לויפן ווייטער. אָט די מעטאָדע איז בפרט נויטיק פאַר יענע, וועלכע מאַכן זיך טויט אָדער פאַרוואונדט, כּדי אויף דעם אופן זיך צו ראַטעווען. און אָט אַזוי געלינגט אונז ענדלעך איינצו-שטילן דאָס אייגענע שיסן און טרייבן די ליניע אַ ביסל ווייטער.

אָבער וואָס נענטער צום פֿיינט, אַלץ העלישער ווערט דאָס פייער. שוין בליצן דעם שונאס פלעמלעך גאָר נאָענט פאַר אונ-זערע אויגן,—זיי שטייען שוין ממש אין אונזערע אויגאַפּלען— —

—הוראַ!—גיט איינער דאָס „אַוויזאָ“.

ווער איז עס? אַ באַפעל? צי אפשר גאָר אַ פאַרצווייפלטער אויסגעשריי פון אַ ווילד-געוואָרענעם משוגענעם— —טויזנטער שטימען צעשרייען זיך אין דער נאַכט אַריין מיט דעמזעלבן חושים-באַרוישנדיקן „הוראַ“-און מיר וואַרפן זיך אויף יענע פייערדיקע פונקטן (דען קיין שונא זעט מען נישט!)—און נאָך איידער מיר גייען איבער צום ריכטיקן שטורעם, ווערט ביים פיינט שטיל און שטילער, און עפּעס הייבט אָן מאַסנווייז צו אַנטלויפן.

ערשט איצט דערפיל איך, אַז דער זעבל גליטשט זיך מיר פון דער האַנט און מיינע פינגער קלעבן זיך. אַ וואַרעמע פלי-סיקייט טריפט דורכן אַרבל און ערגעץ ווו ציט עס און ציפט. דאָס פאַרשאַפט אָבער נישט קיין ווייטיק, נאָר עפּעס אַ מין קיצלדיקע „האַרבקייט“. עס איז שוין קיין ספק נישט, אַז איך בין פאַרוואונדט ערגעץ אין האַנט,—כאָטש איך באַוועג זי גאַנץ פריי און ריר מיט יעדן פינגער באַזונדער. אָבער—לעת עתּה איז עס נישט געפערלעך. וויקל איך אַרום די רעכטע האַנט מיטן טאַשנ-טיכל, כּדי צו פאַרהאַמעווען דעם בלוט-שטראָם, נעם דעם זעבל אין דער לינקער האַנט און לויף נאָך מיין אָפּטיילונג.

קוים עטלעכע שריט—און מיר שטייען אין דער דריטער פיינטלעכער ליניע. מיר האָבן דערגרייכט אונזער ציל, כאָטש עס איז אונז נישט געלונגען דעם פיינט צו איבערראַשן.

מיין אַרבל קלעבט זיך נישט מער. דאָס בלוט איז אוודאי

געשטילט,—מסתמא שוין פאַרטריקנט. ווער ווייסט. זינט ווי לאַנג איך בין שוין פאַרוווּנדעט, און איך האָב דאָס אפילו אליין נישט באַמערקט.

—פאָרווערטס!—קומט ווידער א קאָמאַנדע.

—זאָלן מיר שוין גיין אויף רעכטס?—פרעג איך ביי מיין באַטאַליאָן-קאָמענדאַנט.

—יאָ—ציטערט ער.

איך פאַרקערעווע מיט מיין פליגל-קאָמפּאַניע, אָבער די איבעריקע גייען נאָך אַלץ אין זייער פריערדיקער ריכטונג.

—נאָך נישט אויף רעכטס, הער הויפּטמאַן?—פרעג איך באַלאַמאַל.

—נאָך נישט—איז ער גאַנץ צעטומלט.

איך פיל, אַז מיין רעכטער פליגל קריכט דעם פיינט פּשוט אין די אָרעמס, לאָז איך דערווייל פאַרקערעווען דאָס מאַשינ-געווער.

—די רעכטע פלאַנקע איז אין געפאַר!—מאַך איך אויפ-מערקזאַם דעם הויפּטמאַן.

—געפאַר... געפאַר...—ציטערט ער ארויס פון צווישן די ציין, שטעלט ארויס א פּאָר אויגן און הייבט אָן מוראַדיק טרייסלען מיט אַלע אברים.

—הער הויפּטמאַן, באַרויקט זיך—האַלט איך אים אונטער.

עס איז נישט מעגלעך ארויסצובאַקומען פון אים אַ וואָרט: אַ שווערער נערוון-שאָק האָט אים אָפּגענומען דאָס געהער און דאָס לשון...

פּלוצים באַקומען מיר פייער פון רעכטס. לאָז איך איבער דעם הויפּטמאַן מיט אַ סאָלדאַט, און צוזאַמען מיט דעם גאַנצן פראָנט נעמען מיר זיך פאַרקערעווען אויף רעכטס. דער פיינט שיסט נאָך אַלץ, די קוילן זשומען, אָבער מיר גייען שוין מיטן פּנים אין יענער ריכטונג, איז ווינציקער געפאַר און קלענער די מורא.

נאָענט פונם זוים וואַלד בלייבן מיר שטיין: מען מוז וואַרטן, ביז אונזער גאַנצע ליניע וועט זיין פאַרזאַמלט. אויף אַ

צוויי הונדערט שריט פון אונז ציט זיך יענער טאָל, וועלכן מיר מוזן דורכגיין, כּדי צו שטורמען דעם פיינטלעכן לינקן פליגל. פאַר אונזערע אויגן טאַנצט אַ ריזיק-גראָב פייערווערק: ווי פלאַ-מיקע פויקן זעצן גראַנאַטן אויף דעם ווייטן, שוואַרצן פעלד און גראָבן גאַנצע גריבער פול זשאַר און פונקען. זיילן רויך און צעגליטע קוילן פליען אין דער לופטן און פאַרבלענדן דאָס אויג, און יעדער הילך זידט און גרילצט אַלץ מיט אַ בייזערן טעמפּאָ און ריזיקערן עכאָ—אַ שטורם פון קולות—אַ ים פון פלאַמען—, הויפנס ערד האָבן זיך פאַרביטן אין אַ העליש פייער!

איך האַלט נאָר אָפּן דאָס מויל, מיט אויפגעריסענע אויגן קוק איך זיך אַריין אין דעם צעבושעוועטן טאָל, און פיל, ווי אַ ווילדער שמייכל פון פאַרגאַפּטקייט, און אפשר פון שיגעון, צעלייגט זיך אויף מיינע שטיל-ציטערדיקע ליפּן...

מיטאַמאָל צעגיסט זיך איבערן גאַנצן וואַלד אַ בליאַסק פייער און שטייגט אַרויף מיט אַ הויכן, שוואַרצלעכן פלאַם ביז צו די שפּיצן ביימער—אַ סימן, אַז מיר זענען שוין צו נאָענט צום פיינט און די אַרטילעריע מוז אויפהערן שיסן. דערשראָקן, דרייען אום אונזערע סאָלדאַטן די קעפּ, באַרויקן זיך אָבער, ווען זיי הערן, אַז דאָס האָבן „אייגענע" געטון. אויב נאָר אייגענע—קאָן שוין זיי „קיין שלעכטס נישט געשען". אָבער נאָך מער האָט דער פלאַם אפנים דערשראָקן דעם פיינט, דען תּיכּף ווערט דאָרט ביי אים שטיל, גלייך די ווייטע פינסטערניש וואָלט אַליין געגאַפּט אויף דעם פלעצלעכן פייער-בראַנד.

—ס'איז פריילעך...—לאַכט הויפּטמאַן צ.

עס קומט פענריך אָ. מיט אַ באַפעל, אַז הויפּטמאַן צ. מוז ווידער איבערנעמען די באַטאַליאָן-קאָמאַנדע, דען הויפּטמאַן ר. האָט געקריגן אַ נערוון-שאָק און איז אַוועק אין שפּיטאָל.

—איך האָב דיך היינט געזען ביי דער אַרבעט, אָ.—פאַל איך אים אויפן האַלז און קוש אים—בראַוואָ, ברודער!

איך וויל אים נישט זאָגן, אַז זענענדיק אים פריער אין קוילנ-שטורם לויפן מיט די מעלדונגען, האָב איך נישט גע-רעכנט אים צו טרעפן איצט נאָך אַ לעבעדיקן... און עס האָט

מיר שטאַרק ווי געטון—: זענען מיר דאָך אָפּט געשלאָפן אויף איין געלעגער און געגעסן פון איין שיסל. איז דאַרום טאָפּלט אונזער פרייד. הויפּטמאַן צ., אַן עלטערער אָפיציר, זעט אונזער צערטלעכקייט און שמייכלט מיט דער צופרידנקייט פון אַ טאַטן, וועלכער האָט נחת פון זיינע קינדער.

—גיי, יינגל—זאָגט ער צום פענריך אָ.—און מעלד די קאָמפּאַניע-קאָמענדאַנטן, אַז מיר גייען באַלד ווידער פאָרווערטס. זאָלן זיי נאָכפירן די רעזערוון.

—סערוווס!—כאַפּט דער פענריך שנעל אויף מיין האַנט און פאַרשווינדט.

איך דערפיל אַ שרעקלעכן שמערץ אין מיין אָרעם. אפנים, אַז מיין וווּנד איז אַ סך ערנסטער, ווי איך האָב געמיינט.

אונזער ארטילעריע-פייער האָט דערווייל גענומען אָפּשטאַרבן. נאָר איינציקווייז הערט זיך נאָך דאָ אַ קנאַל, דאָרט אַן עקספּלאָזיע, ווי עס וואָלט אַ שאָד זיין לאָזן שטיין די אָנגעלאָדענע קאַנאָנען מיט נישט אויסגעשאָסענע קוילן.

—פאָרווערטס!

קוים טרעטן מיר אריבער דעם וועג ביים וואַלד, שפּריצט אונז אַקעגן אַ גאַנצער שטראָם געווער-פייער.

—נישט שיסן! נישט ענטפערן!—צעטראָגן זיך קאָמאַנדעס.

דאָס ווילן מיר נאָך אַלץ נאַרן דעם געגנער, ער זאָל אין דער פינסטערניש נישט וויסן, ווו מיר געפינען זיך.

די סאָלדאַטן לייגן זיך אויס אין גרוב אויף דער אַנדערער זייט שטראָז. עס ווערט אַ שרעקלעכע ענגשאַפט, דען דער שמאָלער פאַס, וועלכער פירט אין טאָל, איז צו קליין פאַר אונזער ברייטער ליניע. איך מיט נאָך אַן אָפיציר בלייבן שוין ליגן אין מיטן שטראָז. שטרעק איך אויס דעם גאַנצן גוף, די הענט אויף פאָרויס, די פיס ווייט הינטן, איך פרעס דאָס פנים צו דער קילער ערד—אַז די באַקן-קנאָכן הייבן אָן ווי טון—די געלענקן קנאַקן— —איך טראַכט וואָס פלאַכער איינציען די ברוסט, און באַהעפט זיך אַזוי מיט דער בלאָטיקער פייכטקייט, אונזער איינציקן פאַנצער— —אפשר וועט מען אויף דעם אופן זיך אויס-

היטן פון די קוילן, וועלכע פליען גאָר פלאַך ביי דער ערד. די שיטערע בלאָטע קריכט דורך דעם מאַנטל, דורך הויזן און וועש,—עס נעמען פרירן די קני, די ברוסט—אַ יעדעס ביינדל. אַ פוילע נעץ נעמט דורך דעם גאַנצן קערפּער. איך ציטער פאַר קעלט און טוליע זיך אַלץ צו דער דורכגעווייקטער ערד, וועלכע איז אַצינד די איינציקע באַשיצערין.

עס איז ווידער שטיל געוואָרן. פונם וואַלד אַרויס צע-טראָגן זיך האַרצרייסנדיקע קולות פון פאַרוווּנדטע און דאָס פאַר-דומפּענע כאָרכלען פון גוססדיקע, און לינקס הינטער אונז האַלטן נאָך אַלץ די מאַשינ-געווערן אין איין נערוועז און אויפגערעגט קלאַטען. דאָרט שטייט נאָך אונזער צווייטער באַטאַליאָן אין אַ האַרבן קאַמף און קאָן נישט בייקומען דעם שונא. מיר מוזן בלייבן ליגן אויפן אָרט און וואַרטן, ביז דער באַטאַליאָן וועט „פאַרטיק ווערן".

מען נעמט דערווייל זיך איינגראָבן. באַלד קומען אויך אונטער די רעזערוון, און אַ פרישע, געדיכטע כוואַליע טוט זיך אַ לאָז צום ענגן גרוב. עס קומט אויך מיין חבר וו., וועלכער האָט מיך שוין אַרומגעזוכט אין וואַלד. איך הייס אים זיך איינ-גראָבן.

—נישטאָ קיין לאָפּעטקעלע—איז ער פאַרצווייפלט.

אָבער לאַנג וואַרט ער נישט: ער גנבעט אַראָפּ פון אַ זעלנערס פּלייצע יענעמס „שפּאַטען",—און נעמט זיך צו דער אַרבעט. דער זעלנער באַמערקט עס נישט: פאַר מידקייט איז ער אוודאי אַנדרימלט געוואָרן, און אפשר איז שוין יענער גאָר אַ בר מינן.

וו. גראָבט מיט דעם לאָפּעטקעלע און איך רייס מיט דער שווערד שטיקער ערד, ביז מיר גאָרען אויס אַ גריבל פאַר צוויי קעפּ. לייגן מיר אַריין דאָס פּנים אין דער פרישׁ אויפגעגראָבע-נער בלאָטע,—איך מאַך צו די אויגן—און, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, ווערן מיר ביידע אַנטשלאָפן.

אין דער קלעם.

עס האָט קוים אָנגעהויבן גראָען, ווען אין אונזער פּאָזיציע ווערט אַ באַוועגונג: פאַרבלאָנזשעטע גייען צו זייער אָפּטיילונג, מען קלויבט צוזאַמען דאָס ביסל פאַרלוירן פאַרמעגן,—מען זוכט פאַר זיך אַ בעסער אָרט. שוין אין שלאָף האָב איך געפילט אַ ווייטיק אין האַנט. איצט איז זי ווי פאַרטערפנעט—איך קאָן זי קוים באַוועגן. אַ סאָלדאַט נעמט מיר אַראָפּ דאָס מיט בלוט דורכגעווייקטע טיכל, שלעפּט אַראָפּ פאָרזיכטיק דעם אַרבל פון מאַנטל און פון דער בלוזע—דעם אַרבל פון העמד קאָן מען שוין קוים אָפּרייסן: ער איז צוגעקלעבט צו דער ווונד. פענריך וו., פאַרשטייט אַ ביסל פעלדשעריי, ווייקט ער אָפּ דעם אַרבל מיט וואַסער און מיר באַטראַכטן, וואָס די רוסן האָבן מיר אין דער נאַכט צוגעריכטעוועט: ביים מיטל-פינגער פעלט אַ האַלבער נאָגל. די אַנדערע העלפט איז אויפגעריסן. און ביים טייטל-פינגער איז אויסגעצופּט אַ שטיקל פלייש. אָבער ווי מאָדנע די קויל האָט גענומען איר וועג: פון די צוויי פינגער איז זי אַריין אין דער פאָדער-האַנט, נישט אָנגערירט קיין ביין און קיין נערוו (דען איך באַוועג פאָרט מיט דער האַנט!),—און אַרויס איז די קויל קנאַפּ ביי דער פאַכווע. פענריך וו. איז איבערצייגט, אַז דאָס זענען גאָר געווען צוויי קוילן.

—ביזט אַ מבין?—גלוסט זיך מיר צו ווּיצלען—אָפּגעשניטן אין דער נאַכט די נעגל, און אפילו קיין עדות נישט צוגעלייגט.

געווען באַדאַרפט צולייגן אַ רוס—לאַכט דער פענריך—אָבער אַצינד גייסטו אין שפּיטאָל אַריין אויף עטלעכע וואָכן.

—הייבט זיך גאָרנישט אָן. מיט אַזאַ קלייניקייט?

—סיידן ביזט משוגע!—ווערט מיין קאַמעראַד ערנסט ביין.

—עס איז נאָר געווען אַ „רעזערווע"-קויל—מאַכט אַ וויץ דער סאָלדאַט, וועלכער פאַרטרעט מיר אַ דינער.

—פאַרוואָס אַ „רעזערווע"—?

—ווייל זי האָט נאָר ל ײ כ ט פאַרוואונדט. אַן אמתע קויל—

—דערהרגעט אינגאַנצן—כאַפּ איך אויס.
—זאָל גאָט היטן!—ווערט ער ערנסט.
זיי האָבן מיר דערוויל איינגעוויקלט די האַנט אין גאַזע מיט וואַטע,—איך טו ווידער אָן די קליידער און נעם זיך קאָנטראָלירן מיין אָפּטיילונג.
—וואָס גייסטו נישט צום הילף-פּלאַץ?—וווּנדערט זיך הויפּטמאַן צ.
איך פאַרשטיי נישט באמת, פאַרוואָס מען נעמט עס אַזוי ערנסט: איך שטיי דאָך געזונט אויףביידע פיס, פיל נאָר אַ ביסל וויטיק אין דער האַנט—הייסט דאָס אויך פאַרווונדט?... איך שעם זיך פּשוט מיט דעם צו גיין אין שפּיטאָל.
וואָס פאַר פאַרלוסטן איך האָב געהאַט אין דער נאַכט, איז נאָך שווער אויסצוגעפינען אין דעם אַלגעמיינעם ווירוואַר. זיכער אָבער גאָר קליינע. פון די פאָר, וואָס פעלן, ליגן נאָך אוודאי עטלעכע באַהאַלטן אין וואַלד, און ביז זיי וועלן הונגעריק ווערן, וועלן זיי צוריקקומען. אומרויק בין איך נאָר וועגן מיין צוגפירער: אויך ער איז נישטאָ. אַ געוויסנהאַפטער סאָלדאַט—ער האָט זיכער זיך נישט באַהאַלטן. ליגט ער אפשר ערגעץ אַ קראַנקער, אַ פאַרווונדעטער—און אפשר גאָר געשטאָרבן פון יענע מאָגן-שמערצן—? מיין געוויסן פּלאָגט אַ ביסל: פאַרוואָס האָב איך נישט געהייסן אים צוריקגיין, ווען ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער איז קראַנק— —און ווען אפילו קעגן דער פאָרשריפט—?...
מיינע סאָלדאַטן זעען אויס, ווי נישט אויסגעשלאָפענע, איבערנאַכטיקע שיכּורים: מיד, פאַרבלאָטיקט, מיט רויטלעך-אונטערגעלאָפענע אויגן. און דאָך לאָז איך זיי נישט רוען. זייערע לעבנס זענען טייער און מען מוז זיי היטן. הייס איך טאַקע באַלד ווייטער גראָבן דעקונגען און זיך באַפעסטיקן. אַליין קלויב איך אויס אַ פּלאַץ אין מיטן פון דער קאָמפּאַניע, נעם צו זיך אַלע צוג-קאָמענדאַנטן, דעם קאַפּראַל וו., מיין נייעם דינער און איינעם פון די צוויי טראָמפּייטערס, (דער צווייטער איז אין דער נאַכט פאַרשוווּנדן)—און מיט איין האַנט נעם איך גראָבן אַ דע-

קונג פֿאַר זיך אַליין. אָנגעטראָפֿן גראָד אויף אַ שטיינ-האַרטער, ליימיקער וואַנט, און דאָך גראָב איך וואָס אַמאָל טיפֿער און טיפֿער אין וואַנט אַריין, ביז איך האַק אויס אַ ברייטן ווינקל און לייג זיך אַריין ווי אין אַ דרייעקיקן קבר. צו מאַכן נאָך אַ שוץ איבערן קאָפּ, איז נישט מעגלעך: דען כדי צו ברענגען צווייגן פֿון וואַלד, מוז מען אַריבער דעם שטראָז, וועלכן דער פֿיינט האַלט די גאַנצע צייט אונטער פֿייער. מען קאָן בכלל נישט אויפֿהייבן דעם קאָפּ: ערגעץ אויף די ביימער מוזן זיצן באַהאַלטענע רוסן,—די בעסטע שיסערס מסתּם, דען ווי נאָר איינער פֿון אונז באַווייזט זיך, פֿאַלט ער באַלד אַ טויטער אָדער אַ פֿאַרוווּנדעטער. מיר מוזן אָבער פֿאָרט אויסגעפֿינען די „סיטואַציע“. שטעל איך זיך, מיט נאָך צוויי אָפֿיצירן, אויף די קני—און מיר באַטראַכטן די גאַנצע סביבה: אונזער ליניע איז דריי קילאָמעטער לאַנג. לינקס פֿון אונז שטייט נאָך אַלץ אונזער צווייטער באַטאַליאָן אין קאַמף. רעכטס געפֿינען זיך פֿעלד-יעגערס, וועלכע דאַרפֿן זיכערן אונזער „פֿלאַנקע“, און הינטער אונז ליגן די רעזערוון. אָבער זיי זענען אַזוי פֿאַרדעקט, אַז ס'איז נישט מעגלעך צו זען, ווער און וויפֿיל זיי זענען. דער טאָל פֿאַר אונז איז דורכגעריסן מיט אַ מענגע גריבער און שוואַרצע הויפֿנס—ווי פֿרישע, גרויסע מוילוואָרף-בערגלעך.

די רוסן האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף די בערג אַקעגנאיבער. אָט זעט מען, ווי זיי קריכן אַרויס פֿון די אָקאָפּעס, רייניקן די קליידער, ראָסטן זיך אויס, ברענגען וואַסער—זענען פֿאַרטון, ווי די מערשקעס. עס לאָקט אונזערע סאָלדאַטן אָפּצופֿייערן עטלעכע קוילן און „איינהאַקן אַ פּאָר רוסן צום אָנבייסן“. מיר האָבן אָבער אַ באַפֿעל „נישט שיסן“—מוז מען שווייגן. דערפֿאַר שווייגן נישט די רוסן: יעדעסמאָל פֿליט אָן אַ קויל און בלייבט שטעקן אין שטראָז אָדער אין די ביימער הינטער אונז.

—זיי האָבן אונז אוודאי דערזען, די הונדסכוואָטן!—איז בייז מיין קאַדעט.

צוריק אַריין אין שיצנ-גרוב, בלייבן מיר ליגן מיט טעמפּע, צוגעזשמורעטע אויגן.

מען שיקט אונז אפנים פאַרשטאַרקונג, דען פונם וואַלד גיבן מיט אַמאָל זיך אַ לאָז אַ גאַנצע הורמע סאָלדאַטן. זיי שפּרינגען אַריבער דעם שטראָז און לייגן זיך צווישן אונזערע רעזערוון. אָבער אין דערזעלבער צייט נעמען זיך שיטן רוסישע קוילן. אייניקע, וועלכע האַלטן נאָך אין לויפן, בלייבן ליגן אין מיטן שטראָז, צעשרייען זיך אין ווייטיק, און—אָדער זיי ראַטש-קעווען זיך צוריק אין וואַלד אַריין, אָדער בלייבן אינגאַנצן אָן באַוועגונג. אַ פאַרוואונדעטער פּרוווט זיך אויפהייבן, וויל צוריק אין וואַלד אַריין,—אָבער צוויי קוילן וואַרפן אים אַנידער, און ביי דער דריטער קויל פאַלט ער מיט אַ שוואַכן „אוי"—ער איז פאַרביי...

צווישן די ביימער באַוויזט זיך מיין אָרדאָנאַנס פ. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, גלייך ווי ער וואָלט זוכן אַ סטעשקע אַריבערצולויפן דעם בלאָטיקן שטראָז.

—גיי נישט! בלייב דאָרטן!—שריי איך צו אים אַריבער.

ער הערט נישט, לאָזט זיך לויפן,—און קוילן יאָגן אים נאָך. ער פאַלט! „טויט..." גיט מיר אַ שטאָך אין האַרצן. אָבער נאָר א סעקונדע—און שוין שפּרינגט ער אונטער—„העץ—העץ" אין זיג-זאַג ווי אַ האָז,—און ליגט באַלד נעבן מיר אַ פאַרסאַ-פּעטער, ווי אַ יאַגד-הונט. נישט אפילו פאַרוואונדעט געוואָרן!

—איך האָב געוואָלט אָנזאָגן—רוימט ער מיר איין אין אויער—אַז היינט וועט ווידער זיין אַן אַלגעמיינע אַטאַקע.

—און צוליב דעם וואַגסטו דיין לעבן?—מוסר איך אים.

ער לאַכט. איך לאָז אים שוין מער נישט צוריקגיין. אָבער נישט לאַנג קאָן ער איינליגן.

—דער הער הויפּטמאַן וועט מיך דאַרפן—האַלט ער אין איין טענהן.

און נישט אַכטנדיק אויף די קוילן, וואָס זענען גלייך אויף אים געצילט, מאַכט ער ווידער זיין באַרימטן, שנעלן „זיג-זאַג"—און פאַרשווינדט אין וואַלד.

פאַרשטעקט ווי די טכוירן, ליגן מיר אין די לעכער און דרייען ציגאַרעטלעך פון דעם טאַבאַק, וואָס איז דיק און שוואַרץ

ווי פאַרקוילטע הובליענקעס. נאָר פייער קאָן מען נישט קריגן. איינער איז שוין אומגעדולדיק פון צו לאַנגן וואַרטן, הייבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום, און לאָזט זיך קריכן אויף אַלע פיר. אוודאי ערגעץ דערזען רויך, ווייל ער נעמען פייער.

—ליג, חזר איינער, מען וועט דיך דערשיסן!—שרייט אויף אים דער קאַדעט.

ער בלייבט ליגן. אָבער באַלד הייבט ער ווידער אויף דעם קאָפּ, וויל קריכן,—דאָ פאַלט אַ שאָס, און ער בלייבט ווי-דער ליגן. איבער זיין פלייצע באַווייזט זיך אַ רויך. אונזער גאַנ-צע שוואַרם-ליניע נעמט אַרויס ציגאַרעטלעך, גרייט צו פאַרוי-כערן.

—סטעפּאַן, גיב פייער—איז דער נאָנטסטער פון אים אי-בערצייגט, אַז ער רויכערט שוין אַ פּאַפּיראָסל.

סטעפּאַן ענטפערט נישט.

—גיב דאָך פייער, סטעפּאַן!

קיין ענטפער.

אָבער גיב פייער, חזר איינער!- ווערט ער בייז און שלעפט אים פאַרן אויסגעשטרעקטן פוס.

אַ צווייטער קוקט זיך נענטער צו און דערזעט סטעפּאַנס פאַרשטאַרצט פּנים און גלעזערנע אויגן—: קיין צווייפל נישט, אַז סטעפּאַן איז טויט. די קויל האָט אוודאי דורכגעלעכערט זיין „פּאַטראָנען-טאָרניסטער", אָנגעצונדן דעם פּולווער און איז אַריין אין דעם ריקן-ביין.

—לאָז אים צורו—זאָגט יענער מיט אַ שטילן זיפץ—ער איז שוין אַ בר-מינן.

—טאָ זאָל ער זאָגן—פאַרטיידיקט זיך דער ערשטער גאַנץ ערנסט.

אונזער געלעכטער וועקט דעם גוי פון זיין צעטומלטקייט און ער הייבט אָן קוקן מיט פאַרשעמטע, אַרויסגעשטעלטע אויגן.

—ער האָט דיר נישט געענטפערט?—וויצלט זיך דער קאַ-דעט-שטעל אים מאָרגן צום „ראַפּאָרט".

—איי, צום ראַפּאָרט, צום ראַפּאָרט, פּאַנענקו...—נעמט דער

זעלנער אַראָפּ דאָס היטל און צלמט זיך—ער שטייט שוין אַצינד פאַר דעם העכסטן ראַפּאָרט...

זיין „הייליקער איך" וויל נישט אַרויסרעדן, וויל אפילו נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אפשר שפּעטער קאָן ער אַליין אַזוי ליגן.

„ביז צום לעצטן מאָמענט".

כמעט אויף דעם גאַנצן פראָנט האָט אויפגעהערט דער קאַמף. עס הערט זיך נאָר שיסן, ווען עמיצער באַווייזט זיך אויפן וועג אָדער צווישן די ביימער. ליגן מיר מיט אויסגעלאָשענע אויגן און דערציילן זיך מעשהלעך, אָדער מאַכן וויצן, פלוצים דערהערן מיר אַן אומהיימלעך זשומען, און באַלד טאַקע דערזען מיר גאָרנישט הויך אַן עראָפּלאַן. ער קומט פון אונזער זייט, שוועבט איבער אונזער פּאָזיציע און לאָזט זיך צו די רוסן. אָפּיצירן און סאָלדאַטן אַמפּערן זיך, צי איז עס אַ רוסישער צי אַן אייגענער עראָפּלאַן. עטלעכע היצקעפּ ווילן שוין אפילו שיסן אויף אים. מען דערמאַנט זיך אָבער, וויפיל מאָל מען האָט שוין אַזוי אַרום אַראָפּגעשאָסן אייגענע עראָפּלאַנען— לאָזט מען אים רויק ווייטער פליען—ביז ער פאַרשווינדט אין די וואַסערדיקע וואָלקנס איבער די רוסישע פּאָזיציעס.

מיין חבר וו. רעדט מיך אַלץ צו, איך זאָל אויפעסן די לעצטע פלייש-קאָנסערוון, וועלכע איך האָב אים געגעבן צו באַהאַלטן. דער הונגער מוטשעט טאַקע, טו איך אים צוליב און נעם זיך מיט אַ נישט זייער ריינעם לעפל אַרויסדלובען דאָס פאַרקילטע פלייש פון דער קאָנסערווע, וועלכע האָט שוין אַ שטאַרקן בייגעשמאַק. באַלד אָבער שטעל איך זיך ווי גאָר אַ זאַטער און גיב מיין חבר צוריק די קאָנסערווע: איך פאַרשטיי, אַז זיין אַפּעטיט איז אַ פיל שטאַרקערער, הייס איך אים אויפ-

עסן דעם רעשט. איך האָב זיך קוים אומגעקוקט, און ער האָט שוין מיט די בלויזע פינגער „אויסגעפּוצט" דאָס בלעכענע פּוש־קעלע פון דער קאָנסערווע.

—שוין—מאַכט ער מיט אַ זיפץ, און אין זיינע וואַסערדיקע אויגן שווימט נאָך דער הונגער.

עס איז באמת דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט. אַצינד—כאָטשבי ממש אויסגיין פאַר הונגער! נאָר פּלוצים, ווי גייסטער פון יענער וועלט, באַווייזן זיך זעלנער פון אונזער רעגימענט. זיי שלעפּן מיט זיך פּעקלעך און ווינקען גנביש מיט די אויגן: „עס איז דאָ!" אין עטלעכע פאַרבלאָטיקטע, שטייף־פאַרשמאָלצענע געצעלט־ליווונטן האָבן זיי געבראַכט אַ גאַנצן הויפן קאַלט, פאַרקילט פלייש. די גרויסע, אָנגעשניטענע פּאָרציעס זענען שוין אַ ביסל שוואַרצלעך־צוגעלעגן און זאָגן עדות, אַז אייגנטלעך וואַרטן זיי שוין אַ היפּש ביסל טעג אויף זייער גורל, פאַרצערט צו ווערן.

איך נעם איבער די פּאָרציעס. די זעלנער סמאָטשקען מיט די ליפּן, קוקן אַריבער מיט פאַרגלייזטע אויגן,—זיי שלייפן שוין די ציין צום עסן. יעדער צוג־קאָמענדאַנט באַקומט אַ טייל, לויט דער צאָל פון זיינע סאָלדאַטן.—פאַר די אונטעראָפיצירן גיב איך דאָפּלטע פּאָרציעס. און דאָך בלייבט נאָך אַ היפּש ביסל פלייש: זענען דאָך אין די לעצטע טעג אַזויפיל זעלנער געפאַלן... די סאָלדאַטן באַטראַכטן דאָס איבערגעבליבענע פלייש מיט דער תאווה פון אַ נישט זאַטער חיה.

—הער פענריך, גיט מיר נאָך אַ פּאָרציע—בעט זיך דער צוגפירער פּ.

—נישט באַקומען קיין דאָפּלטע פּאָרציע?

—יאָ, אָבער... עס ווילט זיך אַזוי עסן...

—דאָס גייט נישט. די פאַרשוווּנדטע וועלן זיכער צוריקקומען—

—זעט, הער פענריך—ווייזט ער אויף זיין נייעם שיצנגרוב—אָט האָב איך שוין אויסגעגראָבן אַ קבר פאַר זיך,—לאָמיך פאַרן טויט כאָטש אָפּעסן נאָך אַ פּאָרציע פלייש.

אַלע צעשמייכלען זיך. איך טו אים צוליב. באַקומען נאָך אַ פּאָרציע, ציט ער זיך צוריק אין זיין נאָרע און נעמט זיך קייען. אויך איך נעם שטילן מיין הונגער. דאָס האַרטע, פאַרקילטע פלייש, איי־געקנעטן אין שטויב און זאַמד, קריצט אונטער די ציין און מאַכט קלעפּריק אין מויל—און דאָך האָט עס „אַלע טעמים“.

מיטאַמאָל, גאַנץ אומפאַרהאָפט, דערהערט זיך אַ קאַנאָנשאָס פון דער רוסישער זייט,—און נאָך איידער מען אָריענטירט זיך, פאַלט אַ גראַנאַט אויף אַ פיר, פינף שריט נעבן אונז. יעדער באַהאַלט זיך אין זיין באַהעלטעניש—עס ווערט שטיל. די אויפגעריסענע ערד פאַלט אַראָפּ, דער געדיכטער רויך זעצט זיך, און מיר דערזען ליגן דריי סאָלדאַטן: איינער כמעט נישט אָנגערירט, ווי ער וואָלט שטיל שלאָפן, דער צווייטער אָן ביידע פיס, מיט אַ שוואַרץ-ברוין, פאַרקילט פנים,—און צווישן זיי ביידע ליגט דער צוגפירער פ. מיט אַ האַלבן מוח, פון וועלכן די וואַרעמע געהירן רינען נאָך אַרויס. אין זיין מויל שטעקט נאָך דער לעצטער ביסן פון דער אויסגעבעטענער פּאָרציע פלייש...

דער שאָס איז נאָר געווען אַ סיגנאַל צום ווייטערדיקן קאַמף. דען באַלד רופן זיך אָפּ צענדליקער רוסישע קאַנאָנען, און צוויי אָדער פיר פון זיי זענען אינגאַנצן באַשעפטיקט מיט אונז. נאָר ווייט אויפן רעכטן פליגל, ווו עס ליגן אונזערע יעגערס, הייבן אָן פאַלן געדיכט צו צוויי גראַנאַטן, און בילדן אַזוי אַרום אַ דאָפּלט ראָד זיילן פון פייער און ערד. דאָס ראָד ווערט וואָס אַמאָל ענגער און ענגער, פּרעסט זיך צוזאַמען מיט אַ בייז סוויסטשען,—ביז עס קאָנצענטרירט זיך אינגאַנצן אויף אונזערע ליניעס און דערנענטערט זיך צו אונז אין אַ ווילדן טאַנץ פון אַ צעשפּילטן ווירבל-ווינט. יאָמערלעכע קולות מישן זיך צונויף מיט דעם געוואַלטיקן וויען און מיט די שווערע עקספּלאָזיעס.

—ראַטעוועט! איך בין פאַרלוירן!

—ליובענקעס מיינע, ברידערלעך טייערע, וועמען האָב איך שלעכטס געטון...?

—זי, אָרעמע קאַליקע אויף מיין לעבן לאַנג...

—ברודער! קאַמעראַד! פריינט מיינער! דערהרגע מיך... דערשיס מיך... איך קאָן שוין די ווייטיקן נישט איבערטראָגן...

אַ גאַנצער ראַי קרעכצן, טרערן, געשרייען און ווייטיקן פון די פאַרוואונדעטע שטייגט אויף ביז אין זיבעטן הימל. און די גראַנאַטן פאַלן אויסגערעכנט, רעגלמעסיק צו צוויי אין קווער, און קומען אַלץ נעענטער און נעענטער. די סאָלדאַטן קאָנען זיך מער נישט האַלטן און הייבן אָן גרופנווייז אַנטלויפן אין וואַלד אַריין, דער אויפמערקזאַמער פיינט שיקט זיי אָבער נאָך גאַנצע הויפנס קוילן פון גוט געצילטע ביקסן, בלייבן זיי ליגן קופעס-ווייז אויפן שטראָז. גאַנצע קאָמפּאַניעס זענען שוין זיך צעלאָפן. פון אָפיצירן זעט מען שוין כמעט קיינעם נישט. גיט אַ בליץ דער געדאַנק: צו וואָס בעסער זיין פון אַנדערע? אויף, און בליץ-שנעל אין וואַלד אַריין, און ראַטעווען דאָס לעבן זיך און די אַנדערע! ! אָבער דער באַפעל: „אויסהאַלטן אויף דער פּאָזי-ציע ביז צום לעצטן מאָמענט״,—שמידט צו צו דעם אָרט—און איך באַשליס אַ ט ו י ט ע ר אויפן פּלאַץ צו בלייבן, איידער דע-זערטירן!

די גראַנאַטן פאַלן שוין גאָר נאָענט. מיר ווייסן: באַלד וועלן זיי זיין צווישן אונז און אָנמאַכן דעמזעלבן חורבן ווי ביי די יעגערס.

—הער פענריך, מיר זענען פאַרלוירן—שרייט מיין חבר וו.— לאָמיר אַנטלויפן!

—ניין, קינד, איך לויף נישט.

—אָבער נאָר בייטן דאָס אָרט. דאָרט, וווּ די גראַנאַטן האָבן שוין עקספּלאָדירט, איז זיכערער.

איך פאַרשטיי זיין קלוגע עצה—ער איז גערעכט. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז נאָר מיין איינגעשפּאַרטער ווילן האַלט מיינע סאָלדאַטן אויפן פּלאַץ ווי מיט אַן איבערנאַטירלעכער מאַכט. און קוים שטעל איך זיך אויף, צעלויפן זיך אַלע—און דאָס וויל איך נישט.

—ניין, וו., דאָ בלייב איך.

די לופט אַרום אונז ווערט וואַרעם—דאָס אָטעמען שוין די גראַנאַטן אַרום אונזערע קעפּ. גאַנצע הויפנס ערד שיטן זיך איבער דער דעקונג—מיר ווערן לעבעדיק באַגראָבן!

—הער פענריך! די גראַנאַטן זענען שוין ביי אונז!—וויינען די אָרעמע זעלנער מיט ווייכ-געוואָרענע, בעטנדיקע קולות.

—קינדער—זאָג איך כמעט מיט טרערן-טוט, וואָס איר ווילט, איך מוז דאָ בלייבן!

אַ בליץ טוט אַ שוועב פאַר די אויגן און אַ שרעקלעכער קנאַק רייסט דורך די לופט. אַ גראַנאַט האָט געמוזט שוין גאָר נאָנט זיך איינגראָבן אין דר׳ערד. איך כאַפּ זיך מיט ביידע הענט פאַר די אויגן, גראָב איין דאָס פּנים אין טיפסטן ווינקל פון דער דעקונג,—איך וויל ווי אינערלעך פון אַלעמען אַנטלויפן—אין דר׳ערד איינגעזונקען ווערן! די עקספּלאָזיעס און די געשרייען קלאַפּן ממש אָן מיין פּלייצע—דורך די צוזאַמענגעפּרעסטע פינגער רייסן זיך דורך גרעלע, לאַנגע בליצן—דער פאַרשטאַנד הייבט אָן שווינדן. איך נעם נאָך די גראָבע פינגער פון ביידע הענט, פּרעס זיי גוט איין אין ביידע עפנונגען פון די אויערן, און אַזוי—נישט הערנדיק, נישט זעענדיק—ערוואַרט איך דאָס שרעקלעכסטע!

אַ באַרג ערד ליגט אויף מיינע פּלייצעס. שטויב און גרויעס פאַלן אויפן קאָפּ און שיטן זיך איבערן קאַרק און האַלז—און איך גיב נאָר יעדעסמאָל אַ טרייסל מיטן קאָפּ, כדי זיך אַרויסצוגראָבן פון דער פרישער משא און אויפאָטעמען פאַר אַ מאָמענט— —און בלייב באַלד ווידער ליגן אומבאַוועגלעך, אַפּאַטיש—ערוואַרטנדיק אַלץ יענץ אויסערגעוויינלעכע, יענץ „שרעקלעכסטע“, וואָס דאַרף אַציינד קומען, און וואָס איך קאָן נאָך אין דעם מאָמענט בשום אופן נישט משיג זיין. אויף אַ ווייל־ע בליצט דורך אַ געדאַנק וועגן פּריינט, טאַטע-מאַמע, אַ שוועסטער— וואָס וועט זיין?—צו וואָס?—ווער?—וואָס געטון?!— —האַ, האַ! תמיד געוואָלט שטאַרבן אין אַ גרויסן רעש! טס... עס קומט!!— עפּעס נייעס.... „הי... הי... הי...“, שמייכלט עפּעס תמעוואַטע ערגעץ טיף אין מיר—: וואָס וועט זיין—? ווי אַזוי וועט

עס אויסזען אָט דאָס „דאָס"— —און וואָס דאָרט—„דאָרט"—אויף יענער זייט— —? שוין?! איז דאָס דער סוף?.... און די מאַ-מע... די מאַמע! ווײַ, איר זון, איר—די גראָע האָר אירע אויפן קאָפּ— — —עס טומלט זיך און דרייט און שפּרינגט משוגע-נערהייט — נישט צום פאַרשטיין, נישט צום וויסן — „זש... טר—אַ—אַ—אַך! טראַך!"—

עס גיט מיך אַ וואָרף אײַנגאַנצן צו דער ערדענער וואַנט, ווו איך ליג—און אַ געוואַלטיקער דרינזשע טוט אַ לויף דורך די פּיס ביז צו דער הויט פון מוח. עס פאַרטאַמלט אַ מאָמענט. איך דערזע כמעט דעם בלאַסן, אויסגעקרומטן שמייכל אויף מיינע ליפּן—: „ענדלעך האָב איך עס אויך!..." עס צעשרויפן זיך מיט אַמאָל אַלע גלידער—טיף און שטאַרק גיט עס אַ צופּ ביים האַרצן—אַ בליץ, און אַ פאַרלעש! איך ווייס נישט מער גאָרנישט.

נאָכווייען.

איך בין אפנים לאַנג געלעגן אַ פאַרחלשטער. די פיינט-לעכע אַרטילעריע איז דערווייל שטיל געוואָרן,—מען וואַגט שוין זיך אַ ריר טון. איך ווייס נישט וואָס עס גייט דאָ אייגנטלעך פאָר. עפּעס קומט מיר אָן זייער שווער צולייגן די האַנט צום שטערן. איך טרעף אָן אויף אַ זאַמדיקער, שמיריקער מאַסע, וואָס באַדעקט מיין פּנים. איך ווייס נאָך אַלץ נישט, פון וואָס דאָס קומט. מיין קאָפּ ליגט ווי צוזאַמענגעשרויפט אין אַ פעסטער קלעם,—איך קאָן אים נישט אויפהייבן. נערוועז נעם איך זיך אַרויסרייסן ווי פון שטאַרקע, אייזערנע הענט,—עס געלינגט מיר: איך הייב אויף דעם קאָפּ. אַ קילער ווינט גיט אַ בלאָז אויף מיינע שלייפן,—אַ קאַלטער ציטער לויפט דורך איבערן קערפּער. איך דערזע אַרום זיך צעוואָרפענע גופים,—אייניקע רירן זיך נאָך. מיטאַמאָל שטייט פאַר מיר דער גאַנצער אמת: קריג-געפאַלענע-

פאַרוווּנדטע—אָט ערשט האָט מען געשאָסן... אינסטינקטיוו באַהאַלט איך צוריק דעם קאָפּ. איך דערפיל אַ ווייטיק. אָבער וווּ? בין איך פאַרווונדט? נאָכאַמאָל וויש איך אָפּ מיין צעהיצטן שטערן—אַ פייכטע, קלעבריקע מאַסע בלייבט אויף מיין האַנט. בלוט? ניין. ס'איז אפנים דער קאַלטער שווייס, אויסגעמישט מיט בלאָטע און אַש. עס דראָזשעט אַ ביסל. יאָ, אפנים אין פוס פאַרווונדט, דען פון דאָרט קומט די ווייטיק. אָבער וועלכער פוס? איך דערמאַן זיך, אַז נעבן מיר איז געלעגן קאַדעט ע.

—ע.—רוף איך.

קיינער ענטפערט נישט.

—ע., ביזט געזונט?—פרוּוו איך נאָכאַמאָל

איך האָב מורא זיך אומצוקוקן און נעם נאָר פּאַוואָליע זיך אויסדרייען אויף דער צווייטער זייט—ווי דאָס איבערגעשראָקענע קינד, וואָס דאַרף דערזען דאָס שוואַרצע פאַרטוך אויף דער דינסטמוידס פנים. מיינע פיס באַוועגן זיך נישט! עס גיט אַ טשאָכּ אין האַרצן:—ביידע פיס, צי נאָר איינער? אינגאַנצן, אָדער נאָר שטיקלעך אָפּגעריסן?

איך האָב מורא אַ בליק צו טון... ווײ, ווען דאָס...? אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן!...

עס ווערט שטאַרק טרויריק אויפן האַרצן.

—ע.?—פרעג איך ווידער, און דערזע פאַר זיך נאָר אַ בערגל ערד.

איז ער דאָרט פאַרגראָבן?

איך דערפיל, אַז איך אַליין בין אויך פאַרגראָבן טיף אין הויפנס ערד—בלייב איך שוין גאַנץ אַ פאַרלוירענער. איך פרוּוו נישט מער זיך אַרויסראַטשקעווען פון דעם באַרג ערד—טאָמער וועל איך נ י ש ט אַ ל ע אברים אַרויסנעמען... איך שמייכל אַליין איבער מיין נאַרישקייט, און דאָך ריר איך זיך נישט, כמעט צופרידן מיט מיין גורל.

-הער פענריך, הער פענריך, איר לעבט?—שאַרט זיך צו אויפן בויך מיין חבר וו.—מיר האָבן געמיינט, אַז...

—אַז שוין?—שמייכל איך צו אים כמעט דאַנקבאַר.

—איר זייט אינגאַנצן געווען צוגעשיט מיט ערד.

—איך בין, דאַכט זיך, פאַרווונדט. און דו?

—מיר איז גאָרנישט געשען—איז ער פול פרייד—איך בין אַריין אין אַ לאָך פון אַ גראַנאַט—

יאָ, איך דערמאַן זיך, אַז ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל איך אַהין אַנטלויפן.

מיין טראָמפייטער מיט נאָך אַ סאָלדאַט נעמען מיך אויסגראָבן.

—ווו איז קאַדעט ע.?

—פאַרוונדט.

ער איז אַנטלאָפן, און אין מיטן וועג האָט עס אים פאַרכאַפּט.

דאָס קרעכצן אַרום הערט נישט אויף. רעכטס נעבן מיר ליגט מיינס אַ קאַפּראַל, פאַרבייסט די ליפן פאַר ווייטיק—פון זיין באַקעטן פוס זעצט אַ פאַרע: ביים געלענק איז אויסגעריסן אַ גאַנץ שטיק פלייש,—די רויטע מוסקולן קוקן אַרויס ווי מיט אַ פרעכן געלעכטער.

—אויך פאַרוונדט?—פרעג איך, גלאַט צו פרעגן.

—דאַכט זיך, אַז מיט דעמזעלבן גראַנאַט, וואָס איר, הער פענריך.

ווידער גיט מיר אַ טשאָכק אין האַרצן: עס האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז איך בין פאַרווונדט...

מען האָט מיך אויפגעגראָבן.

—אוי, אוי, אוי...—כאַפּט זיך דער טראָמפייטער פאַרן קאָפּ, קוקנדיק אויף מיינע פיס—וואָס וועט פון אונז ווערן? וואָס וועט פון אונז ווערן!...

—וואָס איז, יינגל?—בין איך דערשראָקן, אָבער איך שמייכל.

—אוי!—ברעכט ער די הענט—שוין אַזויפיל קאַמעראַדן פאַרלוירן, אַזויפיל געפאַלן! און אַצינד נאָך דער הער פענריך... אַז דער הער פענריך איז שוין פאַרווונדט, וואָס-זשע וועט ערשט מיט אונז זיין?!...

—נו, קינד, וואָס לאָזט זיך טון? מיר זענען דאָך סאָל-דאַטן—וויל איך אים טרייסטן.

זיין צערטלעכקייט רירט מיך ביז טרערן.

—ביידע פיס?—פרעג איך מיין חבר, וועלכער העלפט דעם טראָמפּייטער מיך באַנדאַזשירן.

איך האָב נאָך אַלץ מורא אַ קוק צו טון.

—ניין, הער פענריך—טרייסט ער מיך—נאָר צוויי פינגער ביים לינקן פוס. די פּאָדעשווע אַ ביסל,—אָבער עס איז גאָרנישט.

—אויף די רוסן געזאָגט, די הינט!—איז מיין האָרנבלאָזער שטאַרק אויפגעבראַכט.

ער איז בכלל דער גאַנצער „מאַכער": ער שניידט אַראָפּ דעם שוך, פאַרבינדט, שטרעקט אויס דעם פאַרווונדטן פוס, און ענדלעך ווייזט ער מיר דעם שוך: אַ קנאַפּל, ביי וועלכן עס הענגען נאָך לעדערנע שטשעמפּעס—מער איז פון דעם שוך נישט פאַרבליבן.

—אָבער דער פוס איז נישט אַזוי צעפלאַסקעט?—וויצל איך זיך און וויל וויסן דעם אמת.

—ניין—לאַכט וו.—אַ גאָרנישט... הלוואי אויף מיר גע-זאָגט... איר האָט אָבער מזל, הער פענריך...

ער ווערט ערנסט. דער טראָמפּייטער איז דערווייל פאַרטיק געוואָרן מיט דעם באַנדאַזשירן און צערטלט מיין פאַרווונדטן פוס אין זיינע דיקע הענט:

—איך מיין, אַז עס וועט שוין זיין גוט, הער פענריך, איך האָב גוט צוגעבונדן.

—חבר, ברודער טייערער—בעט זיך אַ פאַרווונדטער—האָב רחמנות! פאַרבינד מיר אויך, איך קאָן שוין לענגער נישט אויס-האַלטן... איך רין אָפּ.

—גיי, גיי—זאָג איך אים, און מיין קול ציטערט שטאַרק—גיי העלף דיינע קאַמעראַדן. עס איז אויף אונז אַלע איין צרה... דו ביזט זייער אַ גוטער יינג... איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט...

איך קאָן ווייטער נישט רעדן—די ווערטער שטיקן מיך.

מיין גאַנץ פאַרשטיינערט האַרץ האָט מיטאַמאָל זיך געעפנט און פון די אויגן האָט זיך אַ גאָס געטון אַ שטראָם טרערן.

—קום אַהער, מיין זון, ביזט זייער אַ גוטער...

איך נעם אָן זיין האַנט, שלעפ אים צו זיך, און נעם קושן זיין פאַרשוויצטן, יונגן קאָפ. דער שייגעץ ווייסט נישט, וואָס צו טון מיט זיך: ער ציטערט, וויל עפעס רעדן,—צעכליפעט זיך אָבער און באַלייגט מיין האַנט מיט האַרציקע, הייסע קושן. מיר וויינען ביידע.

מיין פוס הייבט אָן קיצלדיק בראָטן. איך דערפיל אַן אָנגענעמע מאַטקייט אין גאַנצן קערפער. פאַר די אויגן וועבט זיך אַ דינטשיק הייטל און איך פאַל אַריין, ווי אין אַ דרימל.— — —

ווען איך כאַפ זיך אויף, לאָזט זיך שוין אַראָפ די זון הינטער דעם ברוינעם וואַלד און קוקט אַפיר פון אונטער די שיטערע צווייגן מיט געלע, לאַכנדיקע שטראַלן. מיין טראָמפייטער האָט אַרויסבאַקומען פון מיין ברויט-זאַק אַ ווייס האַנטוך און פרוווט פאַרהאַמעווען דאָס בלוט פון מיין וווּנד, וועלכע האָט זיך ווידער געעפנט.

—וועלן מיר גיין צום הילף-פלאַץ, הער פענריך?—פרעגט ער נישט זיכער—איר ווערט אָפגעריגען...

איך דערפיל טאַקע אַ ווייטיק ביז צום קני—מיין גאַנצער פוס איז געשוואָלן. גראָד פרווון פאַרווונדעטע גרופנווייז זיך לאָזן אין וואַלד אַריין, כדי דאָרט-אַרום צו קומען צום הילפ-פלאַץ,— זיי מוזן אָבער באַלד צוריקלויפן, ווען די רוסן האָבן עס באַמערקט און שיסן זיי נאָך. אייניקע בלייבן ליגן אין מיטן וועג, צום צווייטן מאָל געטראָפן. מוז מען איבערוואַרטן.

און צו די קולות פון די שווער-פאַרווונדעטע און גוססדיקע נעמט גאָר קיין סוף נישט. אַרום ליגן צעשאָטן מענטשלעכע אברים, איינגעוויקלט אין שילטערישע שמאַטעס: ליגן צעוואָרפענע אין די גריבער און אויפן פעלד הענט אָן גופים, הערפערס אָן קעפ, איבערגעוואָרפענע פיס מיט אַ האַלבן אונטערלייב, פון וועלכן עס שלענגלען זיך אַרויס די געדערים—עס איז אַן אימה צו קוקן! און עס איז נישט די מיסאוקייט פון צעהאַקט

פלייש—די גרויזאַמע, בלוטיקעווירקלעכקייט קרומט דיר אויס דאָס מויל און ברענגט דיר טרערן אין די אויגן... און דו בלייבסט אַ פאַרגליווערטער מיטן בליק אין הוילן, פוסטן גאָר-נישט...

עס ווילט זיך פאָרט זען דאָס מאָרד-געצייג, דורך וועלכן מען האָט פאַרגאָסן דאָס אייגענע בלוט. אַרום מיר איז קיין שפור נישטאָ. ערשט עטלעכע שריט ווייטער איז אויסגעגראָבן אַ טיף, ברייט לאָך, און אַרום ליגן נאָר דריי געשטאַלטן אויף די קני, די פנימער צו דער ערד,—און אַזוי רויק, אָן בלוט-צייכנס, גלייך זיי וואָלטן נאָר-וואָס פאַלן כורם פאַר אַ מעכטיקן גאָט, צו וועלכן זיי בעטן גאַנץ שטיל. נאָר אין גרוב גופא רירט זיך נאָך עפּעס: דאָרט ליגט אַ געמויזעכץ פלייש, וואָס ציט זיך צוזאַמען און פרווט פאַוואָליע זיך אויסשטרעקן,—אָן אַ קול, אָן אַ זיפץ,—אַ נישטיקער רעגנוואָרם, וועלכן דאָס שאַרפע אַקער-אייזן האָט ערשט וואָס אויף דריי טיילן איבערגעהאַקט!... און גאָרנישט ווייט פון מיר... ווײ, ווײ! האָט דאָך דאָסזעלבע געקאָנט אויך מיר פאַסירן! נאָר אַ קליין ביסל נענטער, איין שפאַן, איין גליטש פון דעם גראַנאַט,—אָדער נישט זיין אַזוי פעסט צוגעדריקט צו דער וואַנט פון דער דעקונג—און דאָסזעלבע טויטע שטיק אײַזן, וואָס האָט געטראָפן מיך אין פוס, וואָלט דאָך געקאָנט טרעפן גלייך אין קאָפּ, אין די אויגן, אויפרייסן דעם מוח, דאָס פנים—מען וויל גאָרנישט טראַכטן, גאָרנישט קלערן וועגן דעם!!

—ווו קאָן זיין פענריך וו.?—דערמאַן איך זיך פלוצים אָן מיין הויכן, געזונטן קאַמעראַד מיט דער קינדיש-גוטער נשמה,—דער איינציקער, מיט וועלכן מען האָט געקאָנט פאַרברענגען אַ קלוג וואָרט.

—פאַרוווּנדט אין קאָפּ—זאָגט איינער אויף זיכער.

—טויט. איך האָב אים אַליין געזען פאַרשיט מיט ערד—שפּאַרט אים איבער אַ צווייטער.

אָרימער, גוטער חבר...

—וועלן מיר אָנהייבן גיין, הער פענריך?—פרעגט קאַדעט

ע., וועלכן מען האָט געבראַכט אויך אַ פאַרוווּנדטן אין פוס.

—ווילסט גיין אויף די הענט?—גלוסט זיך מיר צו וויצלען—אָבער איך רעכן, אַז מען קאָן שוין וואַגן זיך לאָזן אַוועקטראָגן. עס ווערט טונקל. נאָר מען מוז אונז טראָגן אויף פאַרשידענע וועגן, זונסטן וועט די „חברה״ שיסן.

דער טראָמפייטער מיט נאָך אַ סאָלדאַט מאַכן אַ בענקעלע פון זייערע הענט און נעמען מיך טראָגן.

—זאָל איך אויך מיטגיין, הער פעגריך?—לויפט נאָך מיין חבר וו.

איך פאַרשטיי: ער וואָלט וועלן כאָטש אויף איין נאַכט זיך צערויסרייסן פון אָט דעם גיהנום.

—טו, ווי דו פאַרשטייסט, ברודער—גיב איך אים די האַנט-אַצינד טאָר איך שוין מער נישט באַפעלן,—אויס מיט דער הערשאַפט...

מען טראָגט מיך פאַרביי אונזערע רעזערוון. איך זעץ זיך אַ ביסל אָפרוען. ממש שטיקער פלייש וואַלגערן זיך דאָ אַרום! הוילע גופים, אָן הענט און אָן פיס, אונטערלייבער מיט שטיקלעך נאָכגעהאָנגענע ביינער—אַ מענטשישע יאַטקע פאַרן טייוולישן טויט!

—ברודער טייערער, דערשיס מיך, מאַך אַ סוף—בעט זיך איינער מיט אַ שוואַך קול.

—וואָס ווילסטו?—בייזערט זיך אַ צווייטער—זע דעם אונטעריעגער דאָרט: אַ האַלבע זייט אַוועקגעריסן. און דיר פעלט נאָר אַ שטיקל פוס.

עס פליען עטלעכע קוילן, און דערזעלבער פאַרוווּנדטער, וועלכער בעט אויף זיך דעם טויט, ראַטשקעוועט זיך שנעל אַריין אין אַ גרוב—עס גלוסט זיך פאָרט נישט שטאַרבן...

—אָט דער פאַרשאָלטענער עראָפּלאַן!—רעדן צווישן זיך לייכט-פאַרוווּנדטע—ווען נישט ער, וואָלט צו דער גאַנצער געשיכטע נישט געקומען.

איך וואַרף נאָך אַ בליק אויף מיין איבערגעלאָזטער קאָמפּאַניע: פון די אַכטאונזעכציק יונגע מענטשן, מיט וועלכע איך

בין געגאַנגגען צו דער אַטאַקע, זענען געבליבן אפשר צוואַנציק...

—קומט, קינדער—רייס איך אַליין איבער מיינע געדאַנקען.

—צוריק! צוריקגיין, אָדער מיר שיסן!—שרייען די אונטעראָפיצירן פון די רעזערוון, מיינענדיק, אַז דאָס אַנטלויפן געזונטע פונם שלאַכטפעלד.

זיי דערקענען מיך נישט.

—זאָג דעם באַטאַליאָנ-קאָמענדאַנט—רוף איך צו איינעם— אַז דער קאָמענדאַנט פון דער צווייטער קאָמפּאַניע, פענריך וו. מ., איז פאַרוואונדעט, און דאָס גיב אים איבער.

איך דערלאַנג אים דאָס קאָמפּאַניע-געלט, וועלכעס איך האָב געטראָגן אויף מיין ברוסט. אַ רעספּעקט-פולע שטילקייט באַהערשט די אונטעראָפיצירן. דער פאַרטראַכטער פאַרנאַכט ליגט אויף זייערע פנימער, קוקט אַרויס פון וואַלד, און לייגט זיך מיט אַ מרה-שחורה אויפן האַרצן.—

אין מיטן וועג באַמערקן אונז די רוסן און נעמען שיסן. מיינע סאָלדאַטן הייבן אָן לויפן מיט מיר—אָבער זיי פאַלן. איך קאַטשע זיך אַראָפּ אויפן שטראָז. איך דערפיל אַ ריזיקן שמערץ,— אָבער דאָס לעבן איז טייער! נעם איך צוזאַמען אַלע כוחות, און אויף דער געזונטער האַנט און געזונטן פוס ראַטשקעווע איך זיך, שלעפּ איך זיך אַהין צו, אַהין, צום וואַלד! א קאַלטער שווייס פרירט אויף מיין שטערן, די גלידער ציטערן,—אָבער איך רייס זיך, שלעפּ זיך, פאַל—און קריך ווייטער,—און יאָג און יאָג אויף אַלע פיר, אַנטלויפנדיק אַזוי פון דעם בייזן, שוואַרצן טויט, פון דער טייוולשער מהומה—ביז איך דערגרייך דעם וואַלד.

צום הילף-פּלאַץ.

מיינע צוויי זעלנער האָבן מיך געפונען אַ פאַרחלשטן. דער טראָמפּייטער נעמט ווישן די בלאָטע, וואָס האָט זיך צוגע-

קלעפּט צום בלוט-נאַסן האַנטוך, און דאָס טוט מיר וויי. צעוויינט ער זיך ווידער. די טונקלקייט פֿון וואַלד דעקט אונז, טראָגן זיי מיך ווייטער. אין אונזערע אַלטע שיצן-גריבער ליגן שוין פֿרישע סאָלדאַטן—פֿרישע סחורה צום פֿאַראַרבעטן, פֿרישער קאָרן אויפֿן מילשטיין... אַ זעלנער, וועלכער האַלט וואַך, דערשרעקט זיך, כאַפּט דאָס געווער אין האַנט,—דערקענט אָבער באַלד „אייגענע", לייגט ער זיך צוריק און קוקט אונז טרויעריק נאָך. און אפשר איז ער אונז גאָר מקנא:—אַן עק, איבערגעקומען...

אָט איז דאָס פֿעלדקלויסטערל—די „ווונדער-קאַפּעלע". זי שטייט מיט די אויסגעריסענע לעכער, ווי אַ סקעלעט. עס גייט אויף די לבנה און גיסט אָפּ מיט גרינעם זילבער איר האַלב איינגעפֿאַלענעם דאַך אירע הוילע לעכער נעמען גלאַנצן מיט גרינע אויגן, ווי פֿון אַ באַהאַלטענעם, זאַטן וואָלף. איר צייט איז שוין פֿאַרביי: איינגעשלונגען אין זיך צענדליקער גראַנאַטן און הונדערטער שראַפּנעלן, רוט זי אַצינד, ווי באַטרונקען פֿון פֿייער און אייזן. און די „הייליקע מוטער" שטייט אַלץ אומבאַרירט מיט איר שטיל, פֿאַרשטיינערט קינד. וויפֿיל תּפֿילות, וויפֿיל זיפֿצן האָט אין זיך איינגעזאַפּט אָט דער שטיין!... און אַרויסגעגאַנגען זענען די קינדער מיט האָפֿנונג,—און צוריקגעקערט מיט יאוש—פֿאַרגלייזט די אויגן צום הימל, ביז זייערע אומשולדיקע, צעבלוטיקטע נשמות זענען אַהין אַרויפֿגעפֿלויגן...

דער וואַלד האָט זיך געענדיקט,—מען דאַרף איצט מיט מיר זיך אַראָפּלאָזן אין ברייטן טאָל, וועלכער ווערט טאָג און נאַכט דורכגעבושעוועט פֿון רוסישן פֿייער. עס סוויסטשען שוין טאַקע קוילן פֿון איבער די העל-באַלויכטענע ביימער-שפּיצן,—פֿליען ווייט, ווייט, און וועלן דאַכט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. ערגעץ כאַפּט זיך אויף אַ קאַנאָן, גיט אַ שמעטער, ווי ער וואָלט זיך אויסראָסטן אין שלאָף—און זיין קויל פֿאַלט ערגעץ מיט אַ הילך צו דער ערד. מיר זענען שוין גאַנץ אונטן און דאָס באַקאַנטע „סזש..." זשומעט שוין אַרום די אויערן.

—קינדער, מיר וועלן אפשר אַ ביסל אויסרוען—שעם איך

זיך צו זאָגן, אַז איך האָב מורא, מען זאָל מיך ווייטער טראָגן.

—ס׳איז נישט שווער, — הער פענריך־פאַרשטייען מיך נישט מיינע צוויי טרעגערס.

עס דרייען זיך עפּעס געשטאַלטן. געוויס סאַניטעט־פּאַטרולן, וועלכע זאַמלען די כמעט שוין פאַרגעסענע, אויפן פעלד פאַרבליבענע פאַרוואונדעטע. מיר קומען נענטער—די קוילן זשומען ווי בינען.

—נאָר נישט אַצינד, נאָר נישט אַצינד!

דאָס שרעקלעכסטע, דאָס שווערסטע געפיל, וואָס דער קריג קאָן נאָר באַשאַפן: דאַכט זיך—שוין! אָפּגעקעמפט, פאַרוואונדט געוואָרן,—מען קאָן שוין קיינעם נישט העלפן און קיינעם נישט שאַטן,—נישט מען וועט שוין פאַרניכטן דעם שונא, און נישט מען וועט דערפעכטן דעם אייגענעם זיג— —און ערשט איצט קאָן קומען אַ בלינדע קויל און מאַכן אַ סוף צו אַלע האָפענונגען, צו אַלע דערוואַרטונגען—ס׳איז צום משוגע ווערן!

און אָט דערהערט זיך טאַקע אַ שרעקלעכער, אַ קורצער קנאַק—אַ גראַנאַט גיט אַ זעץ, ווי מיט פייערדיקע טאַצן—און די צוויי סאַניטעט־זעלנער, וועלכע האָבן פאַר אונז געטראָגן אויף אַ קראַנקן־בעטל אַ פאַרוואונדטן, לייגן זיך אַנידער, ווי אָפּגעקאָסעטע זאַנגען! פאַר אונזערע אויגן! דאָס בעטל איז צעפלויגן אין שטיקער—ס׳איז טויט דער פאַרוואונדעטער און טויט זיינע העלפערס...

מיינע זעלנער שטופּן מיך אַריין אין אַ ליידיקן גרוב און באַהאַלטן זיך אַליין, ווי איבערגעשראָקענע מייז.

דער שיצנ־גרוב, אין וועלכן מיר ליגן, האָט געמוזט געהערן צון אַ העכערן אָפיציר,—צון אַ גענעראַל אפשר: ער איז הויך, ברייט, שטאַרק געבויט, און אויף דעם אויסגעבעטן דיל וואַלגערן זיך אויבסט־שאָלעכץ און ליידיקע וויינ־פלעשער. איינער פון מיינע געפינט אין אַ ווינקל אַ שטיקל פון אַן אָפּגערויכערטן ציגאַר. ער באַקוקט עס, פּראָשעט עס, רייניקט עס אָפּ, און זיפצט אָפּ:

—אַך, ווען נאָך אַ שוועבעלע...

איך דערמאָן זיך אָן די איינציקע פּאָר שוועבעלעך, וועלכע דער לייטנאַנט האָט מיר איינגעבונדן אין קעשענע—אַן אוצר! איך דערלאַנג עס מיין סאָלדאַט, און יענער קאָן גאָרנישט גלויבן זיינע אויגן! ער פאַרויכערט. דער פיינער, אַ ביסל צוגעברענטער רויך צעגייט זיך איבערן גרוב און רייצט דעם גומען. עס וויל זיך שטאַרק בעטן ביים סאָלדאַט כאָטש איין „ציי”,—אָבער איך שעם זיך. און אפשר טראַכט אויך דער סאָלדאַט וועגן דעם, נאָר ער שעמט זיך מיר צו געבן...? איך עפן דאָס מויל און ציי אַריין בגנבה יעדן הויך. מיין איינציקער ווונש אַצינד איז—: אַך, קאָנען פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס!...

איך קער איבער אַלע קעשענעס און דעם ברויט-זאַק-און ווייס נישט: זאָל איך דאָס האַלטן פאַר אַ לעבעדיקן אמת—?! אין דער טאַש, ווו עס דאַרף שטעקן די פעלד-פלאַש, ליגט אַ גאַנץ פּעקל ציגאַרעטן! איך גלויב נישט, ביז איך טאַפּ נישט אָן יעדעס ציגאַרעטל באַזונדער. האָב איך זיי פאַרגעסן? אָדער האָב איך מיט אַ כוונה זיי אַהין אַריינגעלייגט, כדי אין אַ נויט מיט אַמאָל „רייך ווערן”—?

מיט דער זשעדנעקייט פון אַ הונגעריקן הונט רייס איך אויף דאָס פּעקל,—גיב צו פּאַפּיראָסלעך מיינע סאָלדאַטן און נעם אַליין איינעם אין מויל אַריין.—שוין אויס געוווינהייט זשאַלעווע איך אַ שוועבעלע און נעם פייער ביי אַ סאָלדאַט. דאָס רייכערן קאָסט מיך פיל מי, דען די פּאַפּיראָסן זענען צוגעלעגערט און פייכט,—פון רעגן אָדער פון שווייס. אָבער איך סמאָטשקע מיט אַלע כוחות, שטרעק זיך אויס באַקוועם און פיל דאַביי דעם טעם פון ערשטן ביס נאָך אַ לאַנגן שווערן תענית—שוין! אַן אמתער „בן חורן”—פריי! איבערגעקומען—אַן עול אַראָפּגעפּטרט.

ס'איז שטיל און מען טראָגט מיך ווייטער. ביי אַ ריטשקעלע שעפּן סאָלדאַטן וואַסער.

—אפשר זענען דאָס רוסן?—שרעקט זיך מיין סאָלדאַט.

די צונג קלעפּט זיך צום גומען, די ליפּן זענען פאַרברענט—עס וויל זיך שטאַרק טרינקען. זעצט מען מיך אַוועק אויף דער זומפּיקער ערד, און דער סאָלדאַט גייט ברענגען אַ

ביסל וואַסער. אָבער תּיכּף באַפאַלן אונז ווידער פּיינטלעכע קוילן; דער סאָלדאַט באַהאַלט זיך הינטער אַ בערגל, און איך טשעפּע זיך אָן מיט איין האַנט אָן דעם טראָמפּייטערס האַלז, מיט דער קראַנקער האַנט שטיץ איך זיך אויפן זעבל—אַזוי שלעפּ איך זיך נאָך.

יאָס שיסן וויל נישט אויפהערן. „נאָר נישט איצט, נאָר נישט איצט געטראָפן ווערן!... נאָר נישט געטראָפן ווערן...״

איך רוף, דאַכט זיך, גאָטס נאָמען—אָבער אָט זענען מיר שוין צווישן קליינע, נידריקע הייזלעך—דאָ איז שוין אַ סך זיכערער.

הינטער אַ וואַנט שטייט באַהאַלטן אַ גאַנצע סאַניטעט־פּאַטרול. דאָרטן ראַנגלען זיך פאַרוואונדעטע אין אייגן בלוט,—און דאָ ציטערן זייערע „רעטערס״ איבער זייער אייגן לעבן...

דער „הינקעדיקער מאַרש״ האָט פאַרמערט מיין דורשט.

—גיט אַ ביסל וואַסער—פאָדערט מיין טראָמפּייטער פון די סאַניטעט־לייט.

—נישטאָ, ברודערל—ענטפערט איינער שטיל—קיין טראָפּן נישטאָ.

—אַ קליין ביסל—בעט איך זיך—עס טרוקנט שטאַרק אין מויל.

—יאָ, ברודער, אַזוי איז עס—נעמט אַ צווייטער פילאָזאָפירן—הייסט דו, מאָרגן אַן אַנדערער... יאָ, יאָ, ברודער, דו ביזט נישט דער איינציקער...

—וואָס פאַר אַ „דו״ איז מען דיר, כאַם איינער!—ווערט אין כּעס מיין טראָמפּייטער—ווייסטו, מיט וועמען דו רעדסט?

ער פילט זיך באַליידיקט, וואָס די סאַניטעט־זעלנער דערקענען מיך נישט, פאַרוואָס זיי גיבן מיר נישט אָפּ דעם געהעריקן כּבוד—ער צעווויינט זיך פאַר כּעס.

—וואָס איז דער חילוק—וויל איך אים איינשטילן—היינט זענען מיר אַלע גלייך, אַלע ברידער...

די סאַניטעט־לייט קוקן זיך צו צו מיין קאָלנער,—און שוין

טאַקע געפינט זיך בײַ אײנעם אַ ביסל װאַסער, װעלכעס איך זויג אויס ביז צום לעצטן טראָפּן.

עס עפנט זיך אַ הילצערנער טויער פון אַ שײַער,—איך געפין זיך אין „אָפּעראַציע־זאַל” פונם הילף־פּלאַץ. מען װעקט אויף דעם אונטער־אָפיציר און דעם „מעדיצינער”.

—סערװוס, פּ.!—דערקען איך בײַ דער שײַן פון פּאַרקאָפּ־טשעטן לעמפּל דעם שטעל־פאַרטרעטער פונם אַסיסטענט־דאָקטאָר. ער איז מײַן געװעזענער שול־קאָלעגע, דר. פּ.

—איך הײס נישט פּ., נאָר צ., איך דערקען דיך—זאָגט ער װי מיט אַ פרעמדן קול.

זײַן גאַנצער נפש שטײט מיר פאַר די אויגן: איך געדענק אים נאָך אַלס לײזער פּ., װען דער טאַטע זײַנער, אַ שטילער, פרומער ייד, פלעג פאַרקויפן טעפּ אויפן מאַרק, און ער אַלײן פלעג אַרונטערקאַטשען די פּאות אין שולע. אויף אײן באַנק געזעסן, און שטילערהײט מיט מיר קאָנקורירט: אויך ער איז געװען אַ „פּאַרצוג־שילער”. און װי מען האָט דערצײלט, האָט ער זיך שפּעטער געשמדט און געביטן דעם נאָמען.

איך קוק זיך מער אויף אים נישט אום.

דער מעדיצינער האָט מורא אַראָפּצונעמען מײַן באַנדאַזש, עס זאָל פון דער בלאָטע נישט קומען אַ בלוט־פאַרגיפטונג. װיקלט ער אַרום דעם פוס נאָר מיט פרישער גאַזע און לאָזט מיך אַרײַנטראָגן צום אַסיסטענט־דאָקטאָר אין שטיבל.

דער דאָקטאָר דערלאַנגט מיר אַ טעפּל טײ. איך בין זיך מחיה.

—יאָ—ענדיקט ער זײַן געשפּרעך מיט אַ פוילישן אָפיציר, װעלכער קלאָגט זיך אויפן מאָגן־בײן טעג איז דער רוס געלעגן אין װאַלד אַ פאַרװוּנדעטער—

—דאָס האָט דאָך מײַן פּאַטרול אים געפאַנגען—מיש איך זיך אַרײַן.

—נו, נו, װער אַנטשלאָפן—לײגט צו דער דאָקטאָר זײַן האַנט צו מײַן שטערן—דו ביזט שוין דײַנס איבערגעקומען.

ער גלעט מיך צערטלעך—איז אפנים זיכער, אַז איך רעד אין פיבער.

מען ברענגט נאָך אַנדערע פאַרוונדטע. איך בעט פאַר מיין טראָמפּייטער אַ ביסל טיי און אַ שטיקל פלאַץ צום שלאָפן:

—אים האָב איך אפשר צו פאַרדאַנקען מיין לעבן.

—נו, באַרויק זיך, מען וועט אים שוין אַלץ געבן—גלעט מיך ווידער דער דאָקטאָר, מסתם ווידער איבערצייגט, אַז איך „פאַנטאַזיר”.

איך צעקוש זיך מיט דעם וויינענדיקן טראָמפּייטער, גיב אים אַ צענערל אין האַנט און לאָז פאַרשרייבן זיין אַדרעס פון דער היים. אפשר אַמאָל...

דאָס ווייכע שטרוי, אויף וועלכן איך ליג, ברענגט אַזאַ שטילע מאַטקייט אין די גלידער,—און איך דערפיל זיך אַזוי פריי—פריי!... עפעס אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ—מען איז אַרויס פון יאָך, פון גיהנום! אַזוי האָב איך זיך נאָר געפילט אין יענעם נאָכמיטאָג, ווען איך האָב אַלס שטודענט געפטרט דעם לעצטן עקזאַמען,—געמאַכט „מאַטורע”...

מען דערלאַנגט מיר, דאַכט זיך, אַ פאַפּיראָס. דער שכן נעבן מיר קרעכצט שטאַרק—אויפן הויף פאַלן מיט אַ שטילער פויקעריי פיינטלעכע קוילן—אין פוס ציפט, ציפט און שלעפערט איין. מען האָט אפנים אין קליינעם שטיבל צו פיל אָנגעוויכערט—אַ שטאַרקער נעבל—מען זעט קוים אַרויס דאָס פאַרקאָפּטשעטע לעמפל אויף דער וואַנט— —

—אַ גוטע נאַכט, דאָקטאָר—

—דו שלאָפסט, ע.?

איך ליג אומבאַוועגלעך—מיטן פנים צו דער סטעליע—און דאָס שטיבל דרייט זיך—דרייט זיך... איך וועל אוודאי באַלד אַנטשלאָפן ווערן.

אויפֿן פֿאַרבאַנד-פּלאַץ.

אין דער פֿרי האָב איך שוועדע קאָפּ-ווייטיק. דער דאָקטאָר שמייכלט:

— ביסט נישט געווען ברוו אין דער נאַכט...

איך פֿרעג נישט אַמאָל, וואָס עס איז געווען — מן הסתּם האָב איך „פֿאַנטאַזירט". איך פּרווו רירן דעם פֿוס — עס גייט נישט: ער איז גאַנץ געשוואָלן. אָבער מיין שכן, קאַדעט ע., איז נאָך מער „אויס מענטש" — די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן.

דער אַסיסטענט-דאָקטאָר קומט מיט אַ פֿריילעכער בשורה: מיר האָבן גליק! עס זענען גראָד אָנגעקומען סאַניטעט-וואָגנס, און מען וועט אונז באַלד אַוועקפֿירן אויפֿן „פֿאַרבאַנד-פּלאַץ".

מען טראָגט מיך אַרויס, די מעדיצינער באַגלייטן אונז — און עס קומט מיר פֿאָר, ווי איך וואָלט זיין אויף מיין אייגענער לוויה. מען ריקט מיך אַריין מיטן בעטל אין קראַנקנ-וואָגן. איך מוז לאַכן: חיבוט הקבר... דער צוגפֿירער פֿאַרענדיקט נאָך אויף שנעל דעם פּראָטאָקאָל:

— פֿון וועלכן רעגימענט?

— איך באַלאַנג צו „35", פֿאַרוווּנדט געוואָרן ביי „80".

„נעכטן האָב איך אַנדערש געזאָגט" — מעגלעך — אוודאי געהאַט פֿיבער. — מיר פֿאָרן.

צו ביידע זייטן ליגן געפֿאַלענע פֿערד, צעוואָרפֿענע טאָרניסטערס, ביקסן, מוזיק-אינסטרומענטן — צעבראָכן און איינגעבויגן. מיר זענען שוין אינגאַנצן אַרויס פֿון פֿייער-קוואַרטאַל, — דען קוילן פֿאַלן נאָר העט ווייט הינטער אונז. און ווידער דאָסזעלבע געפֿיל: געפּטרט — אַרויס פֿריי!

וויפֿיל מאָל איך ווער אַנדרימלט, חלומט זיך אַלץ דאָס שלאַכטפֿעלד. עס דערמאַנט זיך די היים: וואָס וועלן זאָגן די עלטערן? שוועסטער און ברידער — פֿריינט? חברים דאָרט אין ווין וועלן באַוווּנדערן, אפֿשר שטילערהייט שטאָלץ זיין... און מיין פֿריינט אין לעמבערג וועט בלאַס ווערן...

לעמבערג... ווען וועל איך עס ווידער זען?... ווערט לעמ-בערג בכלל נאָך זיין „אונזערס"?... לויט דעם נעכטיקן טאָג — ניין. אפשר צוואָנציק מאַן געבליבן פון מיין קאָמפּאַניע... און מיין קאָמפּאַניע איז געווען די שטאַרקסטע! אפשר אויך די אומ-גליקלעכסטע?... און האָבן מיר דאָך אין פינף טעג אַרום גע-זאָלט זיין אין דער היים... אפשר אַ מאָל אַהיימקומען... און אפשר גאָר אָן אַ פוס... די מאַמע וועט זיך רייסן די האָר — דער טאַטע וועט טרויריק שווייגן... און די שוועסטער?...

איך נעם אַרויס אונזער בילד: מיינס, אירס און אונזער ברודערס, — אינאיינעם זיך פאָטאָגראַפירט אין טאָג פון דער מאָ-ביליזאַציע. יעדן טאָג עס געקושט — ס'איז אַזש בלאַס געוואָרן. איך פלעג תמיד זען אַ טרער אין דער שוועסטערס אויגן... אַצינד שמייכלט עס צו מיר... טרויריק — און שמייכלט. איך קוש עס, דריק עס צום האַרצן — אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט די עלטערנס בילד... און טאַקע פון אַלע גוטע פריינט... איך וועל אַהיימקומען, מוז איך זיי אַלע לאָזן פאָטאָגראַפירן — אַלע: די עלטערן, ביידע ברידערלעך, און טאַקע די פריינט אויך...

דער וואָגן טוט אַ העצקע אונטער און שפּרינגט אָן אַ זייט.

— אַ שלעכטער וועג, שווער צום קערוועז — פאַרענטפערט זיך דער סאַניטעט-פורמאַן.

אין ראָוו ליגן נאָך די צעבראָכענע רעדער פון אַ סאַני-טעט-וואָגן, וועלכער האָט זיך די לעצטע נאַכט איבערגעקערט צוזאַמען מיט די פאַרוואונדעטע. אויך די הריגים ליגן נאָך. מען מוז זיין פאָרזיכטיק.

דער וואָגן בלייבט שטיין פאַרן „פאַרבאַנד-פּלאַץ". עס קומט אַקעגן אַ דיקער גלח, אָנגעטון אין אָרנאַט, מיט די הייליקע סאַקראַמענטן.

— אַ לויב צו כר...

— אַ לויב אויף אייביק.

עס איז אַ גוטער, אַלטיטשקער רוטענער.

— פאַרהאַן שווער פאַרוואונדעטע?

— ניין, דאַכט זיך.

—ווײל אפשר עמיצער דעם הײליקן סאַקראַמענט.

איך שווײג.

—הער פּענריך—קוקט ער מיר אין די אויגן—עס וועט נישט שאַטן. אין דער נויט דאַרף מען תמיד אָנרופֿן גאָט.

—איך דאַנק, פּאָטערל, אָבער—

—וואָס? אַ פּאָליאַק אפשר? מאַכט נישט אויס—

—נײן, אַ ייד.

—אַזוי...—פֿאַרטראַכט זיך דער גלח—נו, עס מאַכט נישט, גאָט איז צו יעדן נאָנט, צו אַלעמען אַ פּאָטער. גאָט וועט העלפֿן, איר וועט געזונט ווערן. און ווי שטײט עס אין „דרויסן"?

ער פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס וועגן שלאַכטפֿעלד. דער אַלטיטשקער זיפֿצט, נעמט אַ טיפֿן שמעק טאַביק און געזעגנט זיך:

—אַ לויב צו איסאָס—

—אַ לויב אויף אײביק.

מען טראָגט מיך אַרײן אין אָפּעראַציע-צימער. אַ גאַנץ רײן געמאָלן צימער. מען לײגט מיך אויף דעם לײוונטענעם אָפּעראַציע-טיש. עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַ יונגער, שײנער „אויבערדאָקטאָר", מיט פֿײערדיקע שוואַרצע אויגן (אַן אמתער אונגאַריש-סעמיטישער טיפּ!) נעמט זיך באַלד אָפּערירן: ער שנײדט אויף דעם באַנדאַזש פֿון דער האַנט, רײסט אים אַראָפּ—עס טוט אַ ביסל ווײ. דאָך דער דאָקטאָר איז צופֿרידן: די וווּנד איז כמעט פֿאַרהײלט. שמירט ער אָן מיט עפּעס און פֿאַרבינדט אַ פֿרישן באַנדאַזש. איצט נעמט ער זיך צום פֿוס.

—אי, אי...—פֿײפֿט ער זיך אונטער.

ער האָט, ווײזט אויס, אַ שווער שטיקל אַרבעט.

איך הײב אונטער דעם קאָפּ און וויל באַטראַכטן מײנע וווּנדן. דער דאָקטאָר לאָזט נישט: ער פֿאָכעט מיט דער שער פֿאַר די אויגן און שמײכלט:

—וועסט שוין שפּעטער זען.

ער האָט אפּנים מורא, עס זאָל אויף מיר נישט צו שטאַרק ווירקן. ער באַברעט זיך אין דער קלעפּיקער מאַסע, שנײדט אָפּ

מיט דער שער, וואַרפט אין שיסל. איך וווּנדער זיך, ווי ווייניק עס טוט וויי. אָן נאַרקאָזע. איצט נעמט ער פּענזלען מיט אַ שוואַרץ-ברוינער, געדיכטער זאַלב—: ער לאַפּיסירט. און ערשט אַצינד דערוועקט זיך די גאַנצע ווייטיק!

איך האָב געמוזט בלאַס ווערן, דען דער דאָקטאָר ציט מיך אין שפּאַס ביי דער נאָז, פּאָכעט מיטן מעסער און בייזערט זיך כלומרשט:

—האַלאָ, האַלאָ! שוין פאַריבער, שוין פאַרביי. נאָר נישט קיין קונצן מאַכן,—הערסט? נאָר נישט קיין קאָמעדיעס!

איך לאַך נאָר ווי ער שפּילט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ קינד. און איך פיל זיך באמת, ווי אַ קינד אין זיינע הענט—שיר נישט צעפּיעשטשע איך זיך!

ווי נאַריש-קינדיש מען ווערט...

ער נעמט מיך באַנדאַזשירן. וואָס שטאַרקער ער ציט איין, אַלץ מער שווינדט די פריערדיקע ווייטיק. פּונקט ווי ביים רייסן אַ קראַנקן צאָן.

—נו, שפּרינג אַראָפּ,—ווייצלט ער זיך—עס וועט דיר גאָר-נישט זיין.

אפנים אַז איך פיל זיך פּאָרט שלעכט, דען ער האַלט אין איין קוקן מיר אין די אויגן.

מען טראָגט מיך אַריין אין צווייטן צימער. אַ יונגער, שיינער פענריך ליגט מיט אַ וווּנד אין פוס און לייענט פּאַר אַ צווייטן אָפיציר זיין טאָג-בוך: „...דעם 18 געווען מיט דער קאָמ-פּאַניע ביי וו., דערנאָך האָט מיר דער דינער געבראַכט טיי, און איך האָב זיך גוט אָנגעגעסן. דעם 21 איז געפאַלן לייטנאַנט ב., איך האָב געשריבן אַ קאַרטל קיין ס. און געטרונקען שוואַרצע קאַווע.”

אויפן אָפּעראַציע-טיש ליגט אַצינד אַ סאָלדאַט, וועלכנס קערפּער איז גאָלע וווּנדן. מאַכט ער גוואַלטן, און דער דאָקטאָר זוכט אים צו באַרויקן מיט פאַרשידענע שפּילערייען, טאַקע נאָר ווי אַ קינד.

—נאָך אַ גליק, וואָס די הינט-באַנדע האָט מיר נישט דורכ-

געשאָסן דעם האַלז!—פּאַלט פּלוצים אַריין אַ לאַנגער, דאַרער דראַגאָנער-ריטמייסטער. ער שטעלט זיך פּאָר: באַראָן ש. פרייהער פאָן ל. ער האָט באַקומען אַ שראַפּנעל-שאָס אין דער פּלייצע. דאָס בּלוט רינט נאָך דורך דעם באַנדאַזש.

—ווּעסטו עסן, קליינער?—דערלאַנגט ער מיר אַ שטיקעלע בּרויט מיט אַ סאַרדינע—איך האָב נישט מער.

איך בּין אים זייער דאַנקבּאַר.

—עס וועט אייך זיין זייער לוסטיק מיט מיר—האַלט ער אין איין רעדן—איך בּין אַ פּאַרשלעפּטע קרענק; אפילו אַ שטיקל משוגענער, זאָגט מען.

און ער באַווייזט עס טאַקע באַלד: קוים איז ער אַריין, וויל ער שוין פאָרן אין שפּיטאָל, און לויפט גלייך צום דאָקטאָר מאַכן אַ „סקאַנדאַל".

—דאָס איז אונזער משוגענער באַראָן—דערציילט אונז אַן אָפיציר פון זיין רעגימענט—זיינע דראַגאָנער מאַכט ער אויך משוגע. אָבער זייער אַ גוטער „קערל".

—קום!—לויפט ער ווידער אַריין און רופט זיין דינער—נישטאָ קיין פורן!

ער גייט צופוס אין שפּיטאָל אַריין, און זיין אָרעמער דינער מוז אים נאָכטראָגן צען-פודיקע פּעק, זעק און טאָרבעס.

אַרום מיטאָג-צייט קומען אָן פורן, וועלכע פאַרנעמען אונז צום פעלד-שפּיטאָל. דער יונגער פענריך (ד. הייסט ער, און איז טאַקע פון מיין רעגימענט, אַ לעמבערגער) האָט אויסגעבעטלט אַ מיטאָג,—ליגן מיר אויף איין וואָגן און פאַרצערן דעם רעשט באַסאָלעס, מיט וועלכע ער האָט מיך מכבד געווען. אויף אַ בּערגל שטייען צוויי גענעראַלן מיטן „שטאַב". איינער פון זיי איז, דאַכט זיך, דער אַרמיי-קאָמענדאַנט. זיי באַמערקן אונז קוים—זיי זענען פאַרקוקט ערגעץ אין דער ווייטקייט. צו ביידע זייטן וועג האָבן זיך אויסגעלייגט מוניציע- און פּראָוויאַנט-לאַגערס, שטאַלן, קוזשניעס און פערד-שפּיטאָלן. די אָרעמע באַשעפענישן שטייען טרויריק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ—: יעדעס האָט זיך זיין ווייטיק...

פון ווייטנס באַווייזט זיך אַ גרויסע, ווייסע פאָן מיט אַ רויטן צלם. עס נעמען אַפּירקוקן ריזיקע לייוונט-געצעלטן—אַ קאָלאָסאַלער, רייכער צירק, דאַכט זיך.

—דאָרט איז דאָס פעלד-שפּיטאָל—ווייזט אונז דער סאַניטעט-פירער.

אַ שאָד, וואָס מיר זענען שוין אַזוי נאָנט. גאַנץ באַקוועם געפאָרן: דעם קראַנקן פוס איינגעפּאַקט אין שטרוי, די פאַרווונדטע האַנט אויפגעהאָנגען אויף אַ לייוונט-טיכל איבערן האַלז האָט זיך פאַרגעסן אָן שמערצן און אָן דורכגעמאַכטע ווייטיקן... אַ שאָד, וואָס אַזוי שנעל... אָבער ווער קלערט, וואָס עס וועט זיין! אַרויס פון דער קלעם—נישטאָ מער קיין גיהנום—אַן אַנדערע, גאַנץ אַנדערע וועלט— —איך בין פריי!

אין פעלד־לאַזאַרעט.

אַ געזונטער סאַניטעט-סאָלדאַט נעמט מיך אויף די פּלייצעס ווי אַ זאַק מעל, טראָגט מיך אַריין אין דעם גרויסן, ריינעם אָפיציר-געצעלט, און לאָזט מיך אַראָפּ אויף ווייך, ריין שטרוי. איך ציטער—איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. ער וויקלט מיך איין אין אַ לייכטער דעקע. דער קילער שאָטן פון דער וואַסער-געשוצטער לייוונט פאַרשפּרייט אַ שוואַך ליכט און פאַרשטאַרקט נאָך דעם איינדרוק פון אַ צירקוס-בודע. נעבן מיר ליגט מען דעם קאַדעט. אַקעגן ליגט דער פענריך ד., לינקס אַ פרעמדער לייטנאַנט, אין אַ ווינקל קרעכצט אַ „פרייוויליקער", פאַרווונדט אין האַנט און פוס. ער קוקט אַריבער מיט רחמנות-אויגן און מיט אַזאַ גאווה, גלייך די גאַנצע וועלט וואָלט אים עפּעס זיין שולדיק.

—וועט מען מיך מאַכן פאַר אָפיציר?—פרעגט ער זיך נאָך ביי אַלעמען—געלט! מען דאַרף געלט! עס קומט דאָך מיר, איך בין דאָך געגאַנגען פרייוויליק.

—האָסטו אויך געזאָלט פרייוויליק שטאַרבן!—לאַכט ציניש דער פענריך ד.

רעכטס אַקעגן ליגט אַ געלער, אויסגעמוטשעטער הויפּט-מאַן. זיין דינער בעט, מיר זאָלן זיך אַ ביסל שטילער אונטער-האַלטן, ווייל דער הויפּטמאַן וויל אַנטשלאָפן ווערן. ער איז שוין זייט זעקס טעג פאַרוואונדעט. „בויך-שאָס“. מיר ווערן שטיל. איך עפן אַ ברייטע שפּאַרע אין געצעלט און קוק אַרויס. מען ברענגט פאַרוואונדעטע און מ'פאַרטיילט זיי אין פאַרשידענע געצעלטן: לייכט-פאַרוואונדעטע און שווער-פאַרוואונדעטע באַזונדער, און באַזונדער יענע, וועלכע האַלטן שוין ביי גסיסה... פון אָפּעראַציע-געצעלט טראָגן זיך יאָמערלעכע קולות: באַלד אַ ווילדער אויסברוך פון ווייטיק—ווידער שטיל—און באַלד שוין אַ ליאַרם פון כעסדיקע געשרייען. מען אָפּערירט.

—גוטן אָוונט, מיינע הערן!—קומט אַריין דער שטאַב-דאָקטאָר.

ער גייט צו יעדן באַזונדער און שטעלט דיזעלבע פראַגע: „ווו פאַרוואונדעט? שוין פאַרבונדן?“—ער איז נישט קיין גרויסע אָנהענגער פון ביימן באַנדאַזשן:

—די נאַטור אַליין—פאַרזיכערט ער—איז דער בעסטער דאָקטאָר.

זייער אַ סימפּאַטישער מענטש, און נאָך גאָר אַ יונגער.

—פאַרהאַנען שווער-פאַרוואונדעטע?—פרעגט ער זיין אַסיסטענט, וועלכער האָט אונז שוין באַטראַכט ביים אָנקומען.

דער אַסיסטענט ווייזט אים אויפן הויפּטמאַן.

—ווי גייט עס, הער הויפּטמאַן, בעסער?—פרעגט דער שטאַב-דאָקטאָר מיט אַ פאָטערלעך-ווייכן קול.

דער הויפּטמאַן עפנט די צוגעמאַכטע אויגן, קוקט אַ ווײַלע פאַרטראָגן, דערקענט אים אָבער באַלד:

—אַ דאַנק, הער שטאַב-אַרצט... עפּעס עסן... ווען איך... זאָל קאָנען...

מען הערט קוים, וואָס ער שעפּטשעט.

—נו, מיטן עסן, ליבער הער הויפּטמאַן, וועט עס אַזוי

גיך נישט גיין. אַ ביסל געדולד.

—אַהיים פאָרן... מיין פרוי... די קינדערלעך...

—עס וועט שוין גיין, עס וועט שוין גיין—באַרויקט אים דער דאָקטאָר—נאָך עטלעכע טעג, איר וועט זען די פרוי, די קינדערלעך אויך, נאָר געדולד.

דער הויפטמאַן הייבט אויף די דאַנקבאַרע אויגן און מאַכט זיי ווידער צו מיט יענער שטילער צופרידנקייט, וואָס הייסט האָפן אויף גאַנצע וועלטן...

זיי בלייבן שטיין ביי מיר און סודען זיך עפּעס.

—מען דאַרף אָנקוקן—זאָגט דער שטאַב-דאָקטאָר—אַ גוטע נאַכט, מיינע הערן.

איז שוין נאַכט?...

זיי גייען. מען דערלאַנגט דאָס אָוונט-ברויט: טיי—. און עס ווערט אַ ביסל טרויריק. שוין? וואָס פאַר אַ שאָד שוין זיך אָפּזאָגן פון דעם שיינעם, ליכטיקן טאָג!... שפּיטאָל-לעבן... פינף, זעקס אַ זייגער, און שוין אָוונט-ברויט...

אַ יונגער, שיינער אָפיציר עפנט ברייט דעם פאָרהאַנג פון געצעלט און בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג.

—פרישע הערן?—זאָגט ער כמעט מיט פרייד—רעדט דאָ עמיצער פויליש?

—כמעט אַלע.

—און ווי שטייט עס אין „דרויסן"?

מען פאַרפירט ווידער אַ שמועס וועגן דער פּאָזיציע, און איך דערוויס זיך, אַז ער איז אַ גלח, אַ מיליטערישער „פעלד-קאַפּלאַן". אין דעם האַלב-שאָטן פון געצעלט און ביי דער געלער שיין פון אייל-לעמפּל, האָט מען עס נישט באַמערקט. בפרט אַז ער האָט גאָרנישט גערעדט ווי אַ גלח: נישט וועגן סאַקראַמענטן און נישט וועגן ספּאָוויאַדען זיך. גאָר אַ סימפּאַטישער מענטש. מאָדנע: ווי אַלץ איז היינט אַזוי סימפּאַטיש, אַזוי גוט—דער טאָג, דער געלעגער, [illegible] דאָקטאָר, דער גלח—און אפילו דער דינער, וועלכער נעמט ביי אונז אָוועק די ליידיקע בעכערס פון וויין.

עס קומען אַריין צוויי זעלנער מיט אַ קראַנקן-בעטל—דער סאַניטעט-מאַן פירט זיי צו מיר.

—וווּהין איז?—פרעג איך פאַרוווּנדערט.

—אין אָפּעראַציע-געצעלט, הער פענריך—זאָגט דער סאַניטעט-מאַן, און העלפט מיך אַרויפלייגן אויפן בעטל.

איך ווייס נישט, וואָס דאָס זאָל באַטייטן, און דאָך לאָז איך מיט זיך טון, וואָס נאָר זיי ווילן. אין דרויסן איז נאָך העלער טאָג. מען טראָגט מיך איבער אין דעם גרויסן געצעלט. אָפּערירן?

זיי שטעלן מיך אַוועק אין אַ ווינקל. אַ פאַרוווּנדעטער שרייט מיט יאָמערלעכע קולות און וואַרפט זיך שטאַרק, בשעת מען טראָגט אים צום טיש, וועלכער שטייט אין מיטן געצעלט.

—תּמיד מאַכן זיי אַזעלכע גוואַלטן, די בויערן—באַמערקט דער אַסיסטענט, וועלכער איז צוגעקומען מיך באַטראַכטן—ווי גאַנץ אַנדערש עס פאַרטראָגט זיינע שמערצן אַן אינטעליגענטער מענטש.

די געשרייען פון דעם פאַרוווּנדטן זענען שוואַכער געוואָרן—ער ווערט גאַנץ שטיל.

—זאָפאָרט—זאָגט צו מיר דער אַסיסטענט, ווי ער וואָלט זיך אַנטשולדיקן, וואָס מען לאָזט מיך צו לאַנג וואַרטן.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, העלפן ביי דער אָפּעראַציע.

—הינט, מענטשן-מערדער!—צעשרייט זיך איינער פון אַ ווינקל און נעמט וואַרפן מיט שיך און טעפלעך—מיין פוס, גיט מיר מיין פוס!

דער שטאַב-דאָקטאָר מיטן אַסיסטענט לויפן צו.

—בראַוו זיין, בראַוו זיין—קלאַפּט אים דער דאָקטאָר איבערן פּנים און רייסט באַלד אַרויס זיין צעבלוטיקטע האַנט, וועלכע דער פאַרוווּנדעטער האָט אים צעביסן.

—עס איז ביי אַלע אַזוי—דערציילט מיר דער סאַניטעט-סאָלדאַט—קוים כאַפּן זיי זיך אויף פון דער נאַרקאָזע און דערזען, אַז עס פעלט זיי אַ האַנט אָדער אַ פוס, וואָלטן זיי אונז אַלעמען דערהרגעט.

—נעכסטער—זאָגט דער שטאַב-דאָקטאָר.

איידער איך קוק זיך אום, ליג איך שוין אויפן ווייס-צעראַטענעם אָפּעראַציע-טישל.

—אַמפּוטירן?—קוקט דער שטאַב-דאָקטאָר אויפן אַסיסטענט, נאָכדעם, ווי ער האָט באַטראַכט מיין פוס.

ווי צוויי שווארצע ווענט וואָלטן צוגעפאלן צו מיינע שלייפן—פאַר די אויגן פינטלען געל-גרינע פונקען!...

איך עפן נאָר דאָס מויל און קאָן קיין וואָרט נישט אַרויס-ברענגען.

—נישט, הער שטאַב-ארצט—ציטער איך קוים ארויס—איך בעט אייך, מיינע הערן, נאָר נישט קיין קריפּל.

—שוין רעכט, שוין רעכט, קינד, אָבער דאָ גייט וועגן אַ בלוט-פארגיפטונג—מורמלט דער דאָקטאָר און איז פאַרטיפט אין באַקוקן און באַטאַפּן מיין פוס.

—ליבער שטארבן, מיינע הערן, איך פאַרזיכער אייך, איך טאָר נישט זיין קיין קריפּל—בעט איך זיך, און פיל, אַז אָט, אָט וויין איך.

דער דאָקטאָר לאָזט וואַשן מיין פוס מיט אַ שאַרפער פלי-סיקייט.

—נישט!—גיב איך אַ שלעפּ דעם פוס און וויל אַראָפּ פון טיש, זיכער, אַז מען נעמט שוין אָפּערירן.

—מ'פרעגט נישט ביי דיר—איז דער אַסיסטענט ערנסט בייז.

—דאַן וועל איך זיך דערשיסן!—כאַפּ איך זיך אַראָפּ-שפּרינגען.

האָט געהאָלפן מיין בעטן, צי די נישט-זיכערקייט פונם דאָקטאָר?

—מיר וועלן וואַרטן—גיט דער שטאַב-אַרצט אַ מאַך מיט דער האַנט, נאָכדעם ווי מיין פוס איז אָפּגעוואַשן.

מען טראָגט מיך אַוועק, און איך קאָן קוים דערוואַרטן, איך זאָל שוין זיין ווידער אין דרויסן, אויף דער פרייער לופט.

—לאָזט מיך דאָ אַ ווײַלע—זאָג איך צו מיינע טרעגערס.

זיי טוען מיר צוליב און שטעלן מיך אַוועק נישט ווייט

פון מיין געצעלט. אַ לענגערע צייט קאָן איך נישט קומען צו זיך: ווי הייסט אַמפּוטירן? פֿאַרלירן אַ פוס און נאָכדעם— —מיינע עלטערן—פריינט—און די בינע, צו וועלכער איך בין אַזוי צוגעבונדן מיט לייב און לעבן—?...

איך באַשליס צו בלייבן פֿאַרעקשנט, ווי איך יענעם נאָכמיטאָג, ווען איך האָב נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער פּאָזיציע: ליבער שטאַרבן!

טאַקע אַ בלוט-פֿאַרגיפטונג?...

איך וויל מער נישט קלערן וועגן דעם.

פון דער זייט, ווו עס געפינט זיך אונזער קאַמפּ-ליניע, רוקט זיך אָן די נאַכט: דער הימל ווערט גראָ און פֿאַרוואָלקנט,—ערטערווייז שוין גאַנץ שוואַרץ. גאָר שוואַך דערטראָגט זיך דער דונער פון ווייטע קאַנאָנען,—די שנעלע בליצן אויף דעם טונקעלן האָריזאָנט דערציילן, אַז דאָרט מוז ערגעץ זיך אָפּשפּילן אַ מוראדיק געפעכט.

ווי ווייט מען איז אַצינד פון דאָרטן און ווי לייכט מען קאָן דאָס אָטעמען... און ווען אפילו דער פוס...

עט, ווער וועט פרעגן!

מען לאָזט אַראָפּ אַ „פעסל-באַלאָן", וועלכן עס האָבן געהאַלטן ביי שטריק אפשר הונדערט סאָלדאַטן. אַ „באַאָבאַכטונגס-פּאָסטן"—צום אויספאָרשן. פון דעם „קויש" שטייגן אַרויס צוויי אָפיצירן, אַ זעלנער טראָגט זיי נאָך דעם טעלעפאָן-אַפּאַראַט. זיי פּראָשען אָפּ די הענט, ווי זיי וואָלטן אָוועקגעלייגט אַ פּשוטע, טעגלעכע מלאכה—„איצט קאָן מען רוען".— —אַ גראָער שלייער לאָזט זיך אַראָפּ צווישן די געצעלטן,—כאָטש אויף זייערע הויכע שפּיצן שמייכלט נאָך דער געלער, לייכטער קוש פון דער אונטערגייענדיקער זון. עס ווערט קיל און מען טראָגט מיך אַריין צוריק אין געצעלט. אויף דעם „סטאָיאַזש" ברענט אַ חלבן ליכטל—דער איינציקער „לוקסוס", אויף וועלכן מען קאָן זיך דאָ ערלויבן. עס איז כמעט פרייליך. די וווּנד טוט גאָרנישט אַזוי שטאַרק ווי—וועגן אַמפּוטירן כמעט שוין פֿאַרגעסן—פֿאַרוויכערט מען אַ ציגאַרעטל און מען גרייט זיך צום אַנטשלאָפֿן ווערן— —

אַ נאַכט געהאַט אַ ביסל אַן אומרויקע—צוליב די אַנדערע, דאַכט זיך: זיי האָבן צופיל געוויקעט. אַ באַדינער ברענגט קאווע און דווקא מיט מילך! רבונו של עולם! ווו איז מען דאָ? יאָ, אין פעלד-לאַזאַרעט—אַ גאָר אַנדערע וועלט! ווי לאַנג שוין קיין מילך נישט געטרונקען...

—קאָנסערווג-מילך—באַמערקט דער דאָקטאָר מיט שטאָלץ.

עס פילט זיך טאַקע אַ ביסל מיט קאָנסערוון.

דער דאָקטאָר נעמט מיך באַטראַכטן.

—בראַוואָ—קלאַפּט ער מיך איבערן געשוואָלענעם פוס— ביזט אַ העלד.

איך פאַרשטיי, אַז מער וועט ער נישט הייסן שניידן, און עס גלוסט זיך אים אַרויסשטעלן צען פייגן.

עמיצער האָט ברייט געעפנט דעם פאָרהאַנג פון געצעלט. די ליכטיקע זון גיט אַ שיט אַריין אַ גאַנץ בינטל גאָלדענע שטראַלן—און עס ווערט אַזוי פריילעך אויפן האַרצן!... איך בין נישט קיין געוואַשענער, אָבער אין קעשענע ליגט אַ שפּיגעלע מיט אַ קליין קעמעלע—אַ געשאַנק פון מיין שוועסטער. איך האָב עס כמעט יעדן טאָג אין האַנט געהאַלטן—כאָטש קיינמאָל זיך נישט אָנגעשפּיגלט. איך וויש עס אויס און קוק אַריין—דאָס ערשטע מאָל זייט וואָכן! מיין פּנים קומט מיר פאָר אַ ביסל פרעמד,—כ'האָב שוין באַלד פאַרגעסן, ווי כ'האָב אויסגעזען... פאָרט בלאַס און אַ ביסל „רינגען" אונטער די אויגן—די צונג אַ ביסל „באַלייגט"—כאָטש אייגנטלעך קוק איך נאָך נישט שלעכט אויס. נאָר די שוואַרצע, צעשויבערטע באָרד! זייט וואָכן זיך נישט ראַזירט. אוי, וואָלט מיין מאַמע געלאַכט און הנאה געהאַט!... מיר וואָלטן זיך דערמאַנט אָן די ערשטע יאָרן נאָך מיין „מאַטורע", ווען איך האָב זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, כדי צו זיין אַן „ערנסטער שטודענט"...

איך נעם צורעכט מאַכן מיין צעשויבערטע פריזור. צו ביידע זייטן הינטער די אויערן—געדיכט-באַזייטע, ווייסע פלעקן— איך בין גראָ געוואָרן... יענע פינף מינוט... איך בין זיכער: יענע פינף מינוט, ווען איך האָב ערוואַרט דעם זיכערן טויט,

בין איך גראָ געוואָרן... איז דען אַנדערש מעגלעך?... און דאָך בין איך ערשט נישט לאַנג געגאַנגען אין קריג אַ יונגער, טונקל-האָריקער...

מען ברענגט צו בעכערס רויטן ווײַן און שטיקלעך צווי-באַק. אויך אַ נאָווינע. עס קומט צולויפן דער דאָקטאָר מיט אַ גדולה: עס וואַרטן סאַניטעט-וואָגנס—מען וועט אונז שוין אָפּפירן צו דער באַן! גאַנץ פּלוצים, אומגעריכט.

חברה נעמט פּאַקן מיט אימפּעט—און מיר ווערט עפּעס אַזוי פריקרע אויפן האַרצן... שוין? עס טוט מיר באַנג צו פאַרלאָזן דאָס גרויסע, ריינע געצעלט, וואָס דערמאַנט מיך אַזוי אָן חלום פון מײַנע קינדעריאָרן: צו קאָנען שלאָפן און מיטפאָרן אין דער גרויסער, לייוונטענער בודע פון דעם צירקוס...

—ענדלעך, גאָט זיי דאַנק—פלאַמט דער געלער הויפּטמאַן, ווען מען טראָגט אים שוין צום סאַניטעט-וואָגן—וועל איך באַלד זען מײַן פרוי און קינדערלעך...

—מיר וועלן פּאַקן—רייבט זיך דער גוטער שטאַב-דאָקטאָר די הענט—מעגלעך, אַז מיר גייען ווייטער, ווייטער, צו לעמבערג צו.

אויך ער איז אַ לעמבערגער. איך פאַרשטיי זייער גוט זײַן טיפע פרייד. אָבער ווי ווייניק גלייבט זיך אין דעם, ווי ווייניק עס גלייבט זיך...

מיטן לעצטן צוג.

די סאַניטעט-וואָגנס קריכן קוים אויף דעם גרודיקן, קרו-מען וועג. די רעדער סקריפּן און העצקן אונטער—עס דער-וועקט זיך אַ לייכטע ווייטיק. לינקס אַרבעטן זעלנער בײַ שמאָ-לינקע, לייכטע רעלזן, אויף וועלכע גרויסע פערד שלעפּן עטלע-כע קליינינקע וועגעלעך, באַלאָדן מיט אייזנס און געצייג. אין

זיי שטייען אָנטרייבערס, וועלכע זעען אויס, ווי אַרויסגעוואַקסענע פון די באַוועגלעכע וואָגן-קאַסטנס—אַלץ איינעם, ווי אַ גרויסער קינדער-שפּיל. באַלד קומט אַ צווייטער ענלעכער „צוג" מיט פּראָוויאַנט: דאָס איז די פעלד-באַן, וואָס מען האָט אויף שנעל אויסגעבויט הינטער דער פּאָזיציע.

ערגעץ אין דער געגנט פון פּשעמישל פייפן האַסטיק די לאָקאָמאָטיוון פון דער „אמתער", גרויסער באַן. אַ חוץ דעם איז אַרום כמעט פּוסט. מערקווירדיק: ווי נאָנט עס האָט זיך אויסגעוויזן אין דער נאַכט דער אַרטילעריע-קאַמף, זיך געדאַכט, אַז אָט קומט ער וואָס אַמאָל נענטער,—און דאָך זעט מען אַצינד קיין סימן נישט. איז דאָרט קריג אָדער פרידן? ליגט מען דאָרט ווידער איינס אַקעגן דאָס אַנדערע און מען גענעצט לאַנגווייליק, אָדער האָבן זיך אַצינד באַגעגנט די באַיאָנעט-שפּיצן, ווי שאַרפע, אויסגעשטשערעטע ציין?

אָט דאָ איז די גרויסע באַן-שטרעקע, ווו מיר האָבן ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק געקעמפט. איך דערקען יעדעס ווינקל: דאָרט איז געלעגן אונזער ליניע, דאָרט די רוסישע באַפעסטיקונג, דאָ בין איך פאָרגעגאַנגען מיט דער רעזערווע, און אויף יענעם פלעק איז געפאַלן אָבערלייטנאַנט צ. צוויי וואָכן דאַכט זיך,—און וויפיל האָט מען שוין דורכגעמאַכט אין דער קורצער צייט— —אַ גאַנצע וועלט מיט לעבנס און געשעענישן, אַ גיהנום ליידן און נויט!...

איז שוין, דאַכט זיך, אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג...

ביי דער סטאַציע פּ. בלייבן מיר שטיין. דאָ דאַרף אָנקומען אַ סאַניטעט-צוג פון פּשעמישל און צוועקנעמען—ווער פרעגט וואַהין!

דער קליינער באַן-הויף איז גאַנץ צעשטערט—נאָר דאָס וועכטער-שטיבל איז געבליבן. פאַרן אַריינגאַנג שטייען צוויי צעפליקטע קאַנאַפּעס,—„רעזערווירט" פאַר די אָפיצירן. פאַרוואונדעטע מאַנשאַפט ליגט מען אויס אויפן שטויביקן שטראָז. זייערע געלע פּנימער און פאַרבלאָטיקטע קליידער רופן שוין נישט אַרויס קיין רחמנות, נאָר אַן עקל.

אַ פעלדוועבל פון עפּעס אַ רעגימענט, וואָס איז ערגעץ נישט ווייט ביי „דעפּעס" באַשעפטיקט, איז זיך מרחם אויף די פאַרוווּנדעטע און ברענגט זיי צו ביסלעך גולאַש־זופּ. דאָס איז דאָס איינציקע, מיט וואָס מען קאָן קוויקן די פאַרשמאַכטע, פיבערנדיקע מענטשן, דען אפילו וואַסער איז פאַרבאָטן צו טרינקען: עפּידעמיע. מיר קוקן צו מיט זשעדנע בליקן און שעמען זיך בעטן אַ ביסל זופּ אויך פאַר אונז: ס'פּאַסט נישט פאַר אָפיצירן... איינער פון אונז פּרוּווט גיבע „פאַרזוכן":

—געטלעך!—לויבט ער די זופּ.

—הער לייטנאַנט וויל אפשר אַ ביסל?—איז דער פעלדוועבל נישט זיכער.

—ווען עס איז דאָ אַ ביסל... אפשר אויך פאַר די אַנדערע הערן—פאַרלירט דער לייטנאַנט די בושה.

דער פעלדוועבל לויפט אין איין גלייך און ברענגט דעם רעשט זופּ מיט עטלעכע שטיקלעך פלייש. מער איז נישט געבליבן.

—וואָלט איך פריער געוווּסט...—האַלט ער אין איין פאַרענטפערן זיך.

מיר טיילן זיך מיט יעדן ביינדל—די זופּ שמעקט, ווי גוטער וויין.

מיטן וועג צו דער פּאָזיציע פאָרט פאַרביי אַ פרישע פּיאָניר־אָפּטיילונג. דער יונגער לייטנאַנט פאַרהאַלט זיין שטאָלצן פערד, פרעגט זיך נאָך, ווי עס שטייט אין „דרויסן", און טיילט אונז פיינע דייטשע ציגאַרן און עסטרייכישע „דאַמעס", וועלכע זאָגן עדות, אַז זייער באַזיצער קומט ערשט פונם זאַטן „הינטערלאַנד".

דער צוג האָט שוין צום צענטן מאָל געלאָזט וויסן דורך די סיגנאַל־גלעקער, אַז ער קומט. עס וויל זיך אים שוין מער נישט גלויבן. אָבער דאָס מאָל גייט שוין דער וועכטער אַראָפּלאָזן די ראַמפּע—אפשר וועט דער צוג פאָרט קומען. עס ווערט אַ באַוועגונג צווישן די פאַרוווּנדעטע. די רוסישע געפאַנגענע צווישן זיי האַלטן זיך אַ ביסל אָן אַ זייט און וואַגן נישט זיך

צו שטופּן. איינער פון זיי האָט ערשט אויסגעליידיקט זיין טיפּע, בלעכענע כּלי פון דער זופּ, מיט וועלכער דער פעלדוועבל האָט אויך אים מכבד געווען,—איצט זיצט ער אַ פּאַרטראַכטער, איינגעהויקערט, גלייך אַלע וועלטן וואָלטן ליגן אויף אים. ער איז פאַרווונדט אין פוס. דער סלופּ פון דער ראַמפּע לאָזט זיך אַראָפּ און צילט מיט דער שווערער קאָלבע גלייך אים אין קאָפּ אַריין. אָבער נישט עס גייט אים אָן, נישט ער רירט זיך אפילו. ער הערט נישט, פילט נישט, דאַכט זיך,—אָדער איז ער אַזוי אָנגעזאַפּט מיט צרות, אַז אים אַרט שוין גאָרנישט... דער עולם צעשרייט זיך און שלעפּט אים אַפּיר. ער ווערט נאָר בלאַס און פינטעלט שטאַרק מיט די אויגן—האָט זיך פּאָרט דערשראָקן. אָפּגערוקט זיך, זיצט ער ווייטער גלייך נישט אים מיינט מען,—אומבאַוועגלעך, פאַרמרה-שחורהט.

עס קומט דער „סאַניטעט-צוג": געווייגלעכע פּאַק-וואַגאָנען, באַמאָלן מיט אַ רויטן צלם. קוים עטלעכע וואַגאָנען מיט בענק-פּאַר די אָפיצירן. עס איז אַ מאַנגל אין קראַנקן-בעטלעך, גיט מען זיי מיט נאָר פּאַר די גאָר שווער פאַרווונדטע—די איבריקע מוזן זיך באַגניגן מיט דעם הוילן דיל, אונטערגעשפּרייט מיטן אייגענעם מאַנטל.

דער צוגפירער האַלט אין איין איילן זיך-און דאָך נעמט עס אַ האַלבן טאָג, ביז מיר פּאָרן. די לאָקאָמאָטיוו פייפט נישט. אַ וווּנדער. און נאָך מער וווּנדער: מען פירט אונז נישט קיין פּשעמישל, נאָר אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג.

די שטרעקע איז פול מיט פּראָוויאַנט-צוגן. אויף וועמען וואַרטן זיי? גאַנצע וועגענער מיט מוניציע—וועך דאַרף זיי דאָ? אונזער צוג מוז גוט אויסמיידן, ער זאָל נישט אַריין אין אַ לאַסט-צוג.

ביי דער סטאַציע נ. מ. שטייען צוויי „305 מאָטאָר-באַטעריעס", אונזערע באַרימטע „שטייסלען",—דער שטאָלץ פון אונזער כּלי-זין. זיי האָבן דאָס געשיקט די „באָבעס" איבער אונזערע קעפּ. אין דעם קליינעם וואָקזאַל זענען אויסגעבראָכן די טיר און פענסטער, דער דאַך איז האַלב איינגעפאַלן.

—דאָס איז נאָר פונם לופט-דרוק—דערציילן אונז די אַר־טילעריסטן.

אויך זיי האַלטן אָפּן דאָס מויל און הערן שווער... נאָך אַ לענגערער צייט שיסן, ווערן זיי טויב...

איצט פּאַקן זיי. ווילן זיי גיין „פאָרווערטס"?

אין וועג באַגעגענען מיר אַ פרישן טראַנספּאָרט זעלנער. שטייען שוין דעם צווייטן טאָג אין מיטן פעלד און קאָנען נישט ווייטער פאָרן—די שטרעקע איז פול.

—עס האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן—זאָגט צו מיר פאַרזאָרגט אַ מעדיצינער פון יענעם טראַנספּאָרט און ער באַטראַכט מיינע וווּנדן מיט דער מינע פון אַ „גרויסן קענער":

—איהר וועט שוין מער נישט גיין אין דער פּאָזיציע.

—בין איך דען אַזוי שווער פאַרוווּנדעט?

—ניין, אָבער עס מוז היילן מינדעסטנס צוויי חדשים. און ביז דעמאָלט וועט שוין לאַנג זיין נאָכן קריג. מיר גייען דאָך איצט אַלץ פאָרווערטס.

אונזער צוג פּולט זיך אָן מיט נייגעריקע סאָלדאַטן: יעדער וויל וויסן די מינדסטע איינצלהייטן.

—זעסט—ווייזט מיר איינער זיין פאַרוווּנדעטן פוס—עס אייטערט נאָך און מען שיקט מיך שוין צום צווייטן מאָל אין דער פּאָזיציע.

אין צוג איז טונקל, קיין ליכט האָבן מיר נישט, ווייסט ער נישט, ווער איך בין, און רעדט צו מיר פער „דו". עס קומט אַריין אַ פענריך פון דער טעלעגראַף-אָפּטיילונג, פאַרפירט אַ קורצן שמועס, און איז ענדלעך מגלה דעם גרויסן סוד: מיר ציען זיך צוריק—פּשעמישל איז ווידער באַלאַגערט—!

—ווי איז דאָס מעגלעך?

—אַזוי איז עס. דערפאַר איז די גאַנצע שטרעקע אָנגעפולט מיט באַן-צוגן.

דער צוג, וואָס האָט אונז אַוועקגעפירט, איז שוין געווען דער לעצטער. צוויי טעג שפּעטער—און איך וואָלט אַצינד געווען איינגעשלאָסן אין דער פעסטונג...

אין דער נאַכט האָט מען די שווער-פאַרוואונדטע פאַרטיילט אין פאַרשידענע קליינע שפּיטאָלן, וועלכע געפינען זיך אונטער-וועגס—: זאָל די „עפנטלעכקייט" נישט וויסן פון די הונדערטער און טויזנטער שטילפאַרמאָרעטע, מיט געהירן און געדערים באַצאָלנדיקע קרבנות. און זענען זיי נישט געבליבן אויף די בלוט-צעאַקערטע שלאַכט-פעלדער,—זאָלן זיי מאַרנע אויסגיין צווישן די פיר ווענט פון אַ קליין, פאַרוואָרפן שפּיטאָלכל— —אין טויבע, פינסטערע נעכט... אויף די לוסטיקע טראָטואַרן פון דער „גרויסער שטאָט" וועלן סיי ווי פאַראַדירן די „גרויסע העלדן" מיט אַ צעקאַלעטשעטן פינגער, וועלכן אַ צאַרטע דאַמע וועט נעמען אונטער איר שוץ...

מיר פאָרן שוין דעם צווייטן טאָג, און די פאַרוואונדטע באַקומען נישט קיין עסן און נישט קיין רפואות. דער יונגער דאָקטאָר קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. די אָפּיצירן העלפן זיך: אָט פאָרט מיט אונז אַ לייכט-פאַרוואונדטער פענריך מיט אַ זעקל פול שפּייז—טיילט מען עס צווישן זיך. אַ יונגער יעגער-לייטנאַנט האָט פון „כל טוב", און זיינע בלאָע, קלאָרע אויגן זוכן אַלץ מיט וואָס מכבד זיין די קאַמעראַדן. שיקט ער אויף דער נאָענטסטער סטאַציע זיין פּוילישן דינער קויפן ביר.

—„ראָזומיש?"—פרעגט אים דער לייטנאַנט מיט אַ ווינער אַקצענט.

—„יאַוואָל"—ענטפערט דער דינער מיט אַ שטאַרק ווייכן, פּוילישן „ל".

דאָס זענען די איינציקע ווערטער, וואָס מען הערט פון זיי. איינער פאַרשטייט נישט דעם אַנדערנס שפּראַך, רעדט מען אויף „שטום-לשון" און מען גיט זיך יאַקאָש אַן עצה.

די פּשוטע זעלנער האָבן נישט קיין געלט און נישט קיין דינערס, שטאַרבן זיי צוזאַמענגעפּרעסטע אין די פינסטערע, קילע פּאַק-וואַגאָנען.

—מיינע הערן—לויפט אַריין פּלוצים דער דאָקטאָר—געפינט זיך ביי עמיצן אַ ביסל אַלקאָהאָל? צוויי סאָלדאַטן ליגן פאַרחלשטע, און איך האָב זיי נישט וואָס צו געבן.

דער יעגער־לייטנאַנט דערלאַנגט אַ ביסל קאָניאַק, און דער דאָקטאָר פאַרשווינדט.

— אַ שיינער „סאַניטעט־צוג״ — שרייט אים נאָך דער קאַפּריזנער־קראַנקער אָבערלייטנאַנט פ.

עס הערן זיך בכלל ביטערע תרעומות קעגן דאָקטאָר, — גלייך ער אַליין וואָלט שולדיק געווען אין דער שלעכטער סאַניטעט־פאַרוואַלטונג. נאָר מיט דער צופאַלנדיקער נאַכט ווערן אַלץ זעלטענער די צעהיצטע קולות, די מידקייט באַהערשט די אומצופרידענע — מען ווערט ביסלעכווייז אַנטשלאָפן.

ווידער שטייען מיר אויף אַ פינסטערן פלעק אין מיטן פעלד. אין דעם שכנהדיקן וואַגאָן שושקעט מען זיך, און באַלד דערהערן זיך שנעלע טריט. איך בליק דורכן פענסטער, און דערקען ביים שוואַכן שיין פון לאַמטערן דעם בלאַסן דינער פון דעם אין בויך פאַרווונדטן הויפּטמאַן. פון וואַגאָן רוקט מען אַרויס אַ שטייפע געשטאַלט, איינגעוויקלט אין אַ דעקע —: דער הויפּטמאַן, וועלכער האָט נאָך אין פעלד־שפּיטאָל אַזוי שטאַרק געהאָפט צו זען זיין בלאָנדע פרוי מיט די קינדערלעך — איז געשטאָרבן. אויסגעגאַנגען אָן הילף...

מיינע ווונדן לאָזן מיך נישט אַנטשלאָפן ווערן: זיי האָבן אפנים ווידער זיך געעפנט, דען דער „פאַרבאַנד״ איז נאַס. דער פוס ציט, איז דאַכט זיך מער געשוואָלן, און רופט אַרויס מיט זיין פאַרטערפנעקייט דאָס געפיל פון אַן איבריקן צעבראָכענעם שאַרבן, וועלכן מען מעג אַרויסוואַרפן. וואָלט דער שטאַבּ־דאָקטאָר אַצינד מיך ווען צווינגען אָפּשניידן דעם פוס — ווער ווייסט...?

אויך די אַנדערע פילן אפנים אַ ווייטיק, דען זיי קרעכצן און אויקען פון שלאָף.

— זיי לאָזן נישט איינרוען — איז בייז דער קאַפּריזנער אָבער־לייטנאַנט.

ווען וועט שוין טאָג ווערן? ביי דער זון איז פאָרט לייכטער...

עס איז שוין אפשר האַלבער טאָג, ווען מיר בלייבן

שטיין בּיי אַ גרעסערער סטאַציע. דער דאָקטאָר קומט מיט אַ גאָר פּריילעכֿער בשורה: מען וועט אונז דאָ אָפּגעבּן בּאַקוועמע אָפיציר-וואַגאָנען, אין וועלכֿע מיר וועלן פאָרן בּיז בּודאַפּעסט— און אפשר טאַקע בּיז ווין! אן אומגעהייערע פרייד בּאַהערשט דעם עולם: אַ קלייניקייט—ווין אָדער בּודאַפּעסט!

—ווער דאַרף בּייטן דעם פאַרבּאַנד?—גייט אַרום פרעגן דער דאָקטאָר, וועלכֿן עס איז געלונגען צו בּאַקומען אַ בּיסל וואַטע מיט גאַזע.

זייער ווייניק פאַרלאַנגען עס: עס טוט ווי בּיים איבּער-בּינדן. אָבּער דעם דאָקטאָר פּאַסט נישט צו לאָזן די קויטיקע בּאַנדאַזשן, לייגט ער נייע שטיקלעך אויף די אַלטע שמאַטעס, פאַרשפּילעט עס—און בּיידע צדדים זענען צופרידן.

פון דרויסן הערן זיך הויכע, שפּאָטישע געלעכטערס. גע-זונטע זעלנער שטופּן זיך אַרום אַ בּלאַסן ייד, אויף וועלכֿנס בּרוסט עס הענגט אַ טאָוול מיט דער גרויסער אויפשריפט: „איך בּין אַ הונט—איך נעם גרויסע פּרייזן".

—אַזוי וועט ער בּיי מיר שטיין אַ גאַנצן טאָג, און ערשט נאָכֿדעם וועל איך אים אַרעסטירן—בּאַרימט זיך אין אַ שלעכֿטן דייטש דער זשאַנדאַרמעריע-אָפיציר, וועלכֿער האָט דאָס דעם יידן בּאַשטראָפט פאַר נעמען מער מיט צוויי העלער אויפן קילאָ בּרויט.

דער ייד, וואָס האָט דאָס שענקל אויפן וואָקזאַל, האָט שוין מורא צו פאַרקויפן און האַלט זיך בּיי זיינעם: ער האָט גאָרנישט.

—רעווידירן דעם קעלער! בּאַפעלט דער אָפיציר זיינע זשאַנדאַרמען—איך קען זיי גוט די זשידאָקעס!

און בּאַלד טראָגט מען אַרויס אייער, ווורשט—אפילו גע-בּראָטענע הינדלעך. עסט מען, וויפיל מען וויל, און מען בּאַצאָלט, וויפיל עס טויג...

אין מיטן ווערט אַ געשטופּעריי: עס זענען אָנגעקומען די בּעסטע וואַגאָנען, וויל יעדער פאַרכֿאַפּן דעם בּעסטן פּלאַץ. ממש—קרומע לויפן! אַ בּרייטער, ווינער סאַניטעט-מאַן נעמט מיך

אויף זייגע געזונטע פלייצעס און לייגט מיך אַוועק אויף די פלושענע מאַטראַצן פון דער „ערשטער קלאַס". עס וויל זיך במעט נישט גלויבן: איך ליג, ווי אויף אַ גאַנצן באַרג פעדערן און שמייכל צו זיך אַליין פאַר באַקוועמלעכקייט. שוין לאַנג, לאַנג נישט געהאַט אַן ענלעך צופרידן געפיל.

בודאַפעסט.

די נאַכט איז אַוועק, ווי אויף דער מאַמעס געלעגער. איך כאַפ זיך אויף, ווען דאַמען אין ווייסע פאַרטוכער און זעלנער מיט אַ רויטן צלם אויפן אַרבל פאַרטיילן צווישן די פאַרוווּנדטע טיי מיט ברויט. די אָפּיצירן ווערן שוין אומפאַרשעמט און הייסן זיך אויך געבן. מען דערלאַנגט אונז, אָבער נישט גערן, דאַכט זיך: מיר זענען דאָך אָ פ י צ י ר ן! מיר קאָנען—וואָס קאָנען מיר? קויפן? אַז עס איז נישטאָ וואָס צו קויפן.

אויף דער נאָנטסטער סטאַציע טיילט מען מיטאָג: גולאַש מיט ציגאַרעטלעך פון שלעכטן, שוואַרצן, אונגאַרישן טאַבאַק.

—שוין נישט ווייט פון בודאַפעסט—זאָגט מיר דער דיקער ווינער סאַניטעט-מאַן.

עס ווערט מיר קלאָר, פאַרוואָס מען נעמט אונז דאָ אויף אַזוי פריינטלעך: די דאַמען אין ווייסן געהערן צו די צווייג-קאָמי-טעטן פון דער הויפּטשטאָט, איז—טאָמער וועט מען דאָרט אין בודאַפעסט פרעגן, זאָל מען וויסן צו דערציילן לויטער גוטס...

—אַצינד קאָן קומען די קאַטאַסטראָפע—ווערט אומרויק פענריך ב., וועלכער פאָרט מיט מיר אין איין אָפּטיילונג.

—ווי הייסט...?

—איך האָב נישט אויסגעזאָגט, אַז איך בין קראַנק אויף „טשערוואָנקאַ"—זיפצט ער—אַצינד וועט מען מיך זיכער געבן אין אַן עפּידעמיע-שפּיטאָל.

—געוויס. עס איז דאָך געפֿערלעך פֿאַר אַנדערע—ווער איך ערנסט.

—אָבער עס וויל זיך נישט יונג שטאַרבן—צעווייגט ער זיך שיר...

דער צוג פֿאָרט אַריין אין דעם שיינעם, גרויסן בודאַ-פּעסטער באַן-הויף. נאָך פֿאַר דער סטאַנציע באַמערקן מיר הויפֿנס מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אונז צו באַגריסן.

—נישט אויסשטייגן!—קאָמאַנדעווען עלעגאַנטע אָפֿיצירן אין געפּאַסטע לאַק-שטיוול און מאָדנע הויכע, ווייסע היטלען מיט רויטע צלמער. זיי דרייען זיך אומגעדולדיק מיטן ציגאַרעטל אין מויל און ווייסן נישט וואָס צו טון. עס קומען אַריין אייניקע ציוויל-הערן, ביי וועלכע די פֿריצהשאַפֿט שיינט אַראָפּ פֿון די גראָע „קייזערבערד” און מאָנאָקלען:

—גוט מאָרגן, מיינע הערן! ליידט עמיצער אויפֿן מאָגן? איבלקייט?

—פֿאַרוווּנדט—זאָג איך שטיל, ווי זיך אָפּצוטשעפּען פֿון זיי.

—פֿאַרוווּנדט, פֿאַרוווּנדט—גיט איינער איבער דעם צווייטן, גלייך זיי וואָלטן געפֿינען אַן אוצר.

זיי אַליין, דאַכט זיך, ווערן שטאָלץ מיט דעם.

—אַ פֿאַרוווּנדעטער אָפֿיציר—שרייט איינער דורכן פֿענסטער—טרעגער, אַהער!

צוויי געזונטע זעלנער טראָגן מיך אין וואָקזאַל ערשטע קלאַס.

—גוט מאָרגן, הער ריטמייסטער!—זאָג איך צון אַן אָפֿי-ציר, וועלכער קוקט מיך אָן טרויריק.

—סערוווּס ק אַ מ ע ר אַ ד!—באַטאָנט יענער שאַרף.

איך מוז שוין לאַכן: באמת צוגעפּאַסטע „קאַמעראַדן”! ער, דער גראַף אָדער באַראָן אין לאַק און גאָלד, און איך? גרו-דעס בלאָטע אויף די קליידער מיט אַ באָרוועסן, צעבלוטיקטן פֿוס...

מען לייגט מיך אויף אַ זאָפֿקע. שיינע, אימפּאָזאַנטע דאַ-מען ברענגען צו ווייסע קאַווע און גאָלד-פֿאַרביקע טיי אויף

זילבערנע טאַצן. מען דערלאַנגט ווייסן קוכן מיט סערוועטלעך. שוין באַלד פאַרגעסן, ווי מען נעמט זיך דערצו... אַ גאָר יונ-געטשקע, הויכע בלאָנדינקע איז מכבד מיט פאַפּיראָסן אויף אַ טאַץ.

עס לויפט אַריין מיט קורצע שריט און אַן ערנסט פּנים אַ דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, באַשיידן אָנגעטאָן, — מיט איר צוויי אַנדערע דאַמען.

— אַנטשולדיקן, מיינע דאַמען, זיך פאַרשפּעטיקט — זאָגט זי כמעט, ווי צו זיך, און דערמאַנט מיך אין דעם מאָמענט אָן דער ז.׳ער רביצין.

צווישן דאַמען-קאָמיטעט ווערט אַ רעש, — די אָפיצירן הייבן אָן „אַרומהעצקען״.

עס ווערט אַ ביסל צו וואַרעם, — איך ווישׁ דעם שווייס פונם שטערן.

— איר וועט ערלויבן, הער פענריך — דערלאַנגט מיר די פרישׁ אָנגעקומענע דאַמע אַ ווייס, האַלב-זיידן טיכל.

איך באַמערק ערשט אַצינד, אַז מיין טיכל, מיט וועלכן איך האָב געווישט דעם שווייס פון שטערן, איז שטאַרק קויטיק.

— איך קוש די האַנט, גנעדיקע, בעסטן דאַנק — ווער איך פאַרשעמט און וויל נישט נעמען.

— אָבער נעם, וואָס מען גיט! — רוימט מיר שנעל איין דער אָבערלייטנאַנט פ.

די דאַמען, וועלכע שטייען הינטער איר, ווינקען אויך אויף „צו נעמען״. איך שטרעק אויס די האַנט, און זי דערלאַנגט עס פלינק און גייט אַוועק מיט קורצע, שנעלע טריט, ווי די ראָלאַנד אין איר באַרימטער „צאַרין״.

— ווייסטו, ווער דאָס איז? — לויפט צו דער שטאַב-דאָקטאָר, ווי ער וואָלט מיר וועלן איינרוימען אַ גרויסן סוד — דאָס איז איר קייזערלעכע האָהייט, ערצהערצאָגין אַוגוסטאַ, זיין מאַיעסטעט דעם קייזערס מומע.

ער פאַרפעלט נישט דאַבײַ קיין איינציקן טיטל.

— אַ גרויס אָנדענק! — זענען מיך מקנא די אַנדערע אָפיצירן.

—וואַהין ווילסטו פֿאָרן, פענריך?—פֿרעגט מיך דער שטאַב־דאָקטאָר.

וואַהין זאָל איך פֿאָרן? וועמען האָב איך און ווער ערוואַרט מיך?... די עלטערן אָפּגעשניטן אין לעמבערג—מײַנע פֿרײַנט אין ווין—? געדענקען זיי מיך נאָך? זענען זיי בכלל נאָך דאָרט?...

—קיין ווין...—זאָג איך מעכאַניש.

—האָסטו דאָרט עלטערן?—פֿרעגט מיך איבער דער דאָקטאָר.

—ניין, אָבער... פֿרײַנט... באַקענטע...

—איך וואָלט דיר ראָטן דאָ צו בלײַבן. האָסט געהערט פֿון באַראָן מאַנפֿרעד פֿאָן וו.?

—דער קאָנסערווןֹ- און אַמוניציע-פֿאַבריקאַנט?

—יאָ. זײַן שוועגערין, מאַדאַם ריטער פֿאָן וו. און באַראָנין ש. ה. האָבן מיך געבעטן, איך זאָל לאָזן אונטער זייער שוץ צוויי יונגע אָפֿיצירן. אויב דו ווילסט...

מײַנע צוויי שכנים, פענריך ד. און פּ., שטייען צו: אויב עס איז אַזאַ גוטער פּלאַץ, זאָל מען אויך זיי מיטנעמען. מיר האָבן איבריגנס שוין אויפֿן וועג זיך אָפּגעשמועסט, בלײַבן צוזאַמען אין איין שפּיטאָל.

—מיר וועלן זען—טראַכט אַ ווײַלע דער ייִדישער דאָקטאָר.

ער גייט טעלעפֿאָנירן און קומט באַלד צוריק:

—איר קאָנט פֿאָרן אַלע דרײַ, דער אויטאָמאָביל וואַרט שוין אויף אײַך.

צוויי הויכע, עלעגאַנטע אָפֿיצירן ווילן מיר אָנטון דעם כּבֿוד און אַליין מיך צוטראָגן צום אויטאָמאָביל. איך לאָז נישט: אַ מערקווירדיקע שׂנאה דערוועקט זיך אין האַרצן, וויפֿיל מאָל איך קוק אויף זייערע ווײַסע הענטשקעס און גלאַנצנדיקע קנעפּ. זאָלן זיי פּרוּוון אין דער פּאָזיציע זײַן אַזוי עלעגאַנט! זענען זיי בכלל שוין געווען אין פֿעלד?!...

און דאָך זענען זיי אַזוי גוט, אַזוי באַזאָרגט וועגן אונז.

—קאָן איך קריגן קולעס—בעט איך ברוגזלעך, און עס דערוועקט זיך אין מיר עפּעס אַ שטיל רחמנות צו זיך אַליין.

עס גיבן זיך אַ יאָג עטלעכע „סקאַוטן", שטאַרק צופרידן מיט זייער שליחות: זיי ברענגען מיר אַ קולע מיט אַ סאַמעטענער לען. איך פּרוּוו זיך — דאָס ערשטע מאָל. שטיין קאָן איך, אָבער רירן זיך, האָב איך מורא. שוין ביים ערשטן שפּאַן פאַל איך. צוויי דאַמען דערכאַפּן מיך, און איך פאַרשעם זיך און דערפיל זיך אַזוי קליין...

מען מוז מיך פאָרט צוטראָגן צום אויטאָמאָביל.

— „עליען!" — הער איך צענדליקער שטימען.

דאָס האָבן בייגעריקע געמאַכט אַ שפּאַליער און באַגריסן אונז מיט ווייסע טיכלעך. אַ טייל אָבער שווייגן, קוקן טרויעריק, — עטלעכע פרויען וויינען. זיי האָבן געוויס עמיצן אויפן שלאַכטפעלד...

— איך ווייס, אַז די אַלע אָוואַציעס געהערן גיכער מיינע קולעס, ווי מיר — און דאָך דאַנק איך, סאַלוטירנדיק מיט אַ „ליבן" שמייכל, און פיל זיך אפילו געהויבן, כמעט שטאָלץ.

דער אויטאָמאָביל פאַרפאָרט אין שטילע, ריינע גאַסן. די הויכע, גרויסשטאָטישע הייזער ווייזן אויס, ווי איינגעשלאָפן, כאָטש דער טאָג איז ליכטיק און קלאָר.

מיר בלייבן שטיין פאַר אַ ווייס, צווישטאָקיק הייזל. די דינערס פירן אונז אין פאָרהויז, אַן ערנסטע קראַנקן-שוועסטער זעצט אונז אויף אַ קאַנאַפּקעלע. עס פאָרט באַלד אָן אַ צווייטער אויטאָמאָביל — דער שטאַב-דאָקטאָר מיט נאָך צוויי אָפיצירן. אין הויז ווערט אַ ווירוואַר: קראַנקן-שוועסטערס לויפן אַראָפּ און אַרויף, עס באַווייזט זיך אַ לאָקיי. באַלד קומען אַראָפּ איבערראַשטע, עלעגאַנטע דאַמען אין קראַנקנשוועסטער-קליידער און ווּיטען זיך מיט די אָנגעקומענע אָפיצירן.

— האָב איך דערפולט אייער ווונטש? — זאָגט דער שטאַב-דאָקטאָר מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע צו דער הויכער, בלאָנדער דאַמע.

אַ לייכטער „סאַלאָן-שמייכל" שוועבט איבער אירע ליפּן און דער קאָפּ גיט זיך אַזאַ עלעגאַנטן טרעס, אַז די בעטאָגנס

אין די אויערן גיבן אַ פונקל מיט טויזנטער שטראַלן. דאָס איז מאַדאַם ריטער פאַן וו.

—בעסטן דאַנק, הער שטאַב-אַרצט—איז זי זייער פריינטלעך—אָבער...

—גאַנץ אומפאַרהאָפּט...—זאָגט קינדיש די אַנדערע, אַן אידעאַלע ברונעטקע.

—איך האָב דאָך טעלעפאָנירט, פרוי באַראָנין—פאַרענטפערט זיך דער דאָקטאָר.

די דאַמען ווייזן אַרויס אַ סך רחמנות, איך בין אָבער זיכער, אַז זיי זענען אַנטוישט: זיי האָבן געבעטן „צוויי יונגע אָפיצירן", און האָבן דאַבײ אין זינען געהאַט דעם אָפיצירס-טיפּ פון בודאַפּעסטער סאַלאָן: לאַקירט, פריש ראַזירט, הויך, שיין—בלישטשנדיק. און דאָ זיצן פאַר זיי דריי אָפּגעריסענע קאַליקעס. בפרט איך מיט דעם פשוטן סאָלדאַטסקע היטל און מיט דעם איינציקן, דורכגעלעכערטן שוך אויפן רעכטן פוס. די דיקע בלאָטע אויף מיינע הויזן קאָן פאָרט נישט פאַרדעקן די לעכער, וואָס זענען שוין דריי מאָל פאַרנייט געוואָרן מיט פאַרשידענעם פאָדעם. און ערשט מיין צעשויבערטע פריזור מיט דעם אָפּגעברענטן, באַוואַקסענעם פנים...

—ווי אַ ציגיינער—הער איך שעפּטשען די בלאָנדע דאַמע, אָנווייזנדיק אויף מיר.

—די צימערן זענען נאָך נישט צוגעגרייט—איז פאַרזאָרגט די באַראָנין.

—מיר בעטן פאַר אַלע איין צימער—זאָגט דעצידירט דער נישט שעמעוודיקער פּענריך פּ.—מיר ווילן זיך נישט שיידן.

—דירעקט פון שלאַכט-פעלד...?—באַוווּנדערט אונז אַלץ די פרוי ריטער פאַן וו., ווי זי וואָלט באַטראַכט אַן עקזאָטיש באַשעפעניש פון צענטראַל-אַפריקע.

דער שטאַב-דאָקטאָר מיט די אָפיצירן און דאַמען האָבן דערווייל אויסגעקליבן אַ צימער אויפן שטאָק. ווידער ווילן צוויי יונגע מיידלעך מיך אַרויפטראָגן, און ווידער לאָז איך נישט. איך העלף זיך מיט די קוליעס.

מען פירט אונז גלייך צום באָד-צימער. מיר קומען „די-רעקט פון שלאַכט-פעלד", און דאָס איז אַ האַרב וואָרט פאַר סאַלאָן-דאַמען: כאָלערע, טיפוס, די פעסט, און נאָך קראַנקייטן שוועבן זיי פאַר די אויגן,—זיי האָבן מורא... מען באַשליסט דעריבער אונז קודם-כל גוט אויסבאָדן.

—זשענירט זיך נישט, טוט זיך אויס—זאָגט די באַראָנין, ווען מיר זענען שוין אין באָד-צימער.

—מיר זענען שטאַרק אומריין—זאָג איך שטיל און פיל, ווי איך ווער רויט.

זיי טרעטן אָבער נישט אָפּ, און מיר טוען זיך אויס.

—תיכף עס אַוועקשיקן אין דער כעמישער פוצעריי—באַפעלט די פרוי ריטער און שאַרט אונזערע אויסגעטועטע זאַכן מיט איר קליינעם פיסל.

איר עקל רופט ביי מיר אַרויס אַ שטאַרקן כעס: צו וואָס, צו אַלדע רוחות, אָט די צערעמאָניעס מיט דאַמען, מיט באַראָנען, מיט...! קיינער האָט מיט אונז זיך נישט אינטערעסירט אויפן שלאַכט-פעלד, טאָ זאָל מען אונז אויך דאָ לאָזן צו רו מיט אַלע זייערע פּראָטעקציעס און באַקוועמלעכקייטן!

אַ דאַמע דערלאַנגט מיר פרישע וועש און וויל מיטגיין אין מיין באָד-שטיבל. דאָ פאַרליר איך שוין אינגאַנצן די געדולד:

—דאָס, ליבע דאַמע, לאָזט שוין איבער צו מיר. איך וועל זיך שוין אַליין אָרומוואַשן.

—אָבער ווי וועט איר קאָנען מיט דער ווונד—

—איך וועל זיך שוין אַן עצה געבן—פאַרמאַך איך דאָס טירל אויפן ריגל.

אַריינלייגן זיך אין וואַנע קאָן איך נישט. זעץ איך זיך אַריין מיטן פאַרוואונדטן פוס אין דער הויך—און אַן אויסטערלישער באַלזאַם צעגיסט זיך איבער מיין גוף. איך דערפיל זיך צו באַקוועם און ווייס נישט: לאַך איך, אָדער וויין איך? פון מיין ברוסט רייסן זיך אַרויס נאָר קורצע, אָפּגעהאַקטע קרעכצן—דאָס געזאַנג פון צופרידענעם קערפּער...

מען פירט אונז צו מיטאָג אויף דער גלעזערנער וועראַנדע, וווּ אַלץ איז רייך באַגאָסן מיט זון-ליכט. פאַרביקע בלומען לאַכן פון דעם שניי-ווייסן טישטוך און באַטויבן מיט זייער פרישן ריח. איך דערפיל אַ שטאַרקן הונגער. די ערשטע שפייזן פאַרשלינג איך מיט אַזאַ גיריקייט, אַז אַ העלפט פון געשמאַקן געבראָטנס בלייבט שוין שטיין, ווי פאַרשעמט. ערשט ביים קאָמפּאָט און מעל-שפייזן, מיינע „ליב-שפייזן", דערוועקט זיך ווידער דער אַפעטיט.

—אפשר נאָך אַ פאָרציע?—פרעגט דאָס שיינע דינסטמיידל.

איך פיל זיך ווי פאַרשעמט, דאַנק מיט אַ שמייכל, און טרינק נאָר ווייַן פון די פולע פלעשער, וואָס די פרוי ריטער און די באַראָנין האָבן „פערזענלעך" דערלאַנגט.

עס קומט זייער הויז-דאָקטאָר, אוניווערזיטעט-דאָצענט ל. מיין באַנדאַזש מוז מען כמעט אָפרייסן,—ער איז אין די אייניקע טעג געוואָרן פאַרטרוקנט און פשוט צוגעקלעפט. די האַלבוועגס צוגעטרוקנטע ווונד הייבט אָן ווידער בלוטן. די דאַמען קאָנען נישט צוקוקן און דרייען אַוועק די קעפ. אָבער דער דאָקטאָר איז מיט מיר זייער צופרידן, באַוווּנדערט דאָס „ריינע" בלוט און פאַרזיכערט מיך, אַז די ווונד וועט זיך גוט פאַרהיילן. די האַנט איז כמעט שוין אויסגעהיילט. די פרוי דר. פאָן צ., אַ טאָכטער פונם סאַניטעט-שעף אין אונגאַרישן מיניסטעריום, מאַכט מיר אַ נייעם באַנדאַזש און פאַרבינדט דאַביי צו שטייף. עס דערוועקט זיך אַ ווייטיק. פאַר די אויגן שווינדלט, דער קאָפ ווערט שווער—מען פירט מיך ליגן.

אַ בעט מיט ווייסע קישנס און אַ בלאָע קאָלדרע—איך פאַל אַריין, ווי אין ווייכע, צאַרטע אָרעמס. די גלידער דערפילן זיך באַרויקט און אַרום האַרצן ווערט אזוי לייכט, אַזוי גוט... עס פאַרשפרייט זיך אַ קילקייט און אַ פרישער ריח, וועלכער גרייכט אַזוי הויכיק-דינטשיק ביז די אויגנ-לידער,—און מיט פאַרמאַכטע אויגן הייב איך אָן לאַכן,—קוויטשן אויפן הויכן קול, זיך טרייסלען אויפן גאַנצן קערפער—

איך לאַך, לאַך—ביז די חושים פאַרגייען!

אונטער פּרויען־שויץ.

עס איז עפּעס געלער טאָג—איך געפין זיך אויף אַ פרעמדן אָרט. לינקס פון מיר שטייען צוויי בעטן. איך פּינטל לאַנג מיט די אויגן: אַ שפּיטאָל? עס ברענט עלעקטריש ליכט... אין דרויסן מוז זיין שטומע נאַכט—דאָס פענסטער איז פאַרהאָנגען. איך ליג אויף ווייכע קישנס, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. אין איין פוס איז מיר שטאַרק הייס,—אויפן קאָפּ אַ נאַס טוך. יאָ, איך בין דאָך פאַרווונדט... איך שמייכל: אין שפּיטאָל בין איך...

ביי אַ זייטיקער טיר קוקט אַריין אַ בלאַס פּנים מיט אַ ווייס הייבל אויפן קאָפּ. איך טו אַ שטאַרקן ציטער, אָבער באַלד ווייס איך אַלץ: דאָס איז דאָך די קראַנקנ-שוועסטער לאָטי, וועלכע האָט מיך אַריינגעלייגט אין בעט. ווידער שמייכל איך. זי קומט אַריין אויף די שפּיץ פינגער.

—ווי פילט איר זיך, הער פּענריך?—פרעגט זי גאַנץ שטיל און לייגט צו איר האַנט צו מיין שטערן.

איך טרייסל מיטן קאָפּ: „גוט“,—קוקט זי נאָך אַ ווײַלע און גייט אַרויס אָן אַ שאָרך.

נאָך צוויי מאָל טרעף איך זי אַזוי אַריינשטעקן דעם קאָפּ—זי היט מיך.

—עס דראָזשעט?—פרעגט זי פאַרזאָרגט.

זי פאַרשווינדט און ברענגט באַלד אַ גלאָז הייסע ט.יי. איך שוויץ, דאַכט זיך, און ווער אַנטשלאָפן.

—איר זענט אין דער נאַכט נישט געווען בראַוו—זאָגט אין דער פרי פרוי פאָן צ.—צוויי מאָל געווען דער דאָקטאָר.

—און נאַרישקייטן גערעדט—לאַכט פרוי פאָן וו., וועלכע איז געקומען שוין גאַנץ שפּעט.

איך לאַך מיט, און זיי באַוווּנדערן, ווי שנעל איך בין צוריס פון מיין „ווונדנ-פיבער“. אָבער פונם בעט לאָזט מען

מיך שוין נישט אַרויס: מען דערלאַנגט עסן אין בעט אַריין און „שוועסטער" לאָטי לייגט אונטער אַ קישעלע אונטערן פוס:

—ער מוז ליגן הויך—לייגט זי באַקוועם דעם פוס—דאָס בלוט זאָל זיך נישט פאַרהאַלטן אין די ווונדן.

נאָך מיטאָג מאַכט מען אונז „וויזיטן".

—גרעפין „לאַיאָש"—שטעלט מען מיר פאָר אַ הויכע, ברייטע אונגאַרקע, און נאָך איר, אַ גאַנצע גרופע גראַפן און באַראָנינס.

כמעט אַלע האָבן זיי דעמזעלבן „רעספעקט", דיזעלבע פראַגן, און ביי אַלע מאַכן מיר דעמזעלבן טעות:

—ווו פאַרוווּנדט?

—נישט ווייט פון פשעמישל.

—איך מיין, ווו אויפן קערפּער.

—אין פוס.

זיי שענקען אונז „ליבעס-גאַבן"—ס'רוב נישט איבריק גוטע ציגאַרן.

פאַרנאַכט קומט מיט דער גוווערנאַנטקע דאָס טעכטערל פון פרוי וו., וועראַ. אַ געשמאַק פערצניאָריק פּופּעלע מיט אַ זינלעך-אַנטוויקלט קערפּערל אין אַ קורץ, קינדעריש קליידל. זי ווערט רויט און בלייבט שטיין ביי דער טיר. ז'איז, דאַכט זיך, געקומען אָן דער מוטערס וויסן.

די גוווערנאַנטקע פירט זי צום בעט. איך שטעל זיך פאָר דאָס דערוואַקסענע קינד באַגיסט זיך אינגאַנצן מיט רויטינקע פאַרבן און ווייסט נישט, ווו אַהינצוטון די אמת-נאַיווע אויגן.

—און ווי פילט איר זיך, פריילין, אין די קריגס-צייטן?—וויל איך איר אַרויסהעלפן פון דער פאַרלעגנהייט.

—אַך, הער פענריך, עס וואָלט שוין געמעגט אַמאָל אויפהערן—איז איר פעסטער באַשלוס.

—זענט איר, הייסט עס, נישט באַגייסטערט?

—ווי קאָן מען זיין באַגייסטערט... עס מוז דאָך דאָרט זיין שרעקלעך... נישט אַזוי, הער פענריך?

אירע קינדערשע אויגן קוקן ווייט, זיי זיי וואָלטן ערגעץ זוכן אַ תשובה אויף דער פראַגע.

עס קומט אַ לאָקיי זי רופן: דער מוזיק-לערער איז גע-קומען.

—זיי זענען דאָך יידן?—פרעג איך פריילין מ., די גו-ווערנאַנטקע, נאָכדעם, ווי מיר בלייבן אַליין.

—די קינדער זענען שוין געטויפטע—זאָגט מיט אַן ערנסט זי בלאָנדע דייטשקע.

—אַ שאָד—כאַפּ איך זיך אַרויס אומגערן.

די קליינע ווערא איז באמת אַ גוט, קלוג קינד.

אין אָוונט קומט באַראָן ה. מיט דער פרוי. אַן אמתער טיפּ פון דעם מין, כאָטש נישט קיין געבוירענער באַראָן: אַ בלאַס, אויסגעלעבט פּנים מיט אַ מאָנאָקל, זייער פרוי אין די באַוועגונגען.

—ווי גייט עס, מיינע העלדן?—שמייכלט ער, און איך פאַרשטיי באַלד, אַז ער מיינט עס נישט ערנסט, מיט דעם וואָרט „העלדן".

מיר שטעלן זיך פּאָר.

—נאָך אַלץ נישט מיד געוואָרן צו קעמפן?—זעצט ער זיך צו אויף מיין בעט.

—איר זעט דאָך, הער באַראָן—ווער איך באַלד מיט אים היימיש—אַזוי לאַנג געקעמפט, ביז מען האָט מיר די ביינער געבראָכן.

ער צעלאַכט זיך האַרציק.

—איר בלייבט שוין ביי אונז, ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן—קלאַפּט ער מיר איבער דער באַק.

ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרברענגען מיר אַזוי מיט דעם גאָר סימפּאַטישן, קלוגן סאַלאָן-מענטש. און מיר וואָלטן נאָך ווייטער פאַרבראַכט, ווען נישט די שיינטשיקע פרוי באַראָ-נין, וועלכע כאַפּט בגנבה אַ גענעץ.

—איר וועט דאָך מיר ערלויבן אייך אָפּטער צו באַזוכן?—געזעגנט ער זיך גאָר פריינטלעך.

און אַזוי פאַרברענגען מיר גאַנצענע טעג און אָוונטן: עסן און שלאָפן, וויזיטן און שמועסן.

דאָס שפּיטאָל פאַר פּשוטע סאָלדאַטן, וועלכעס געפינט זיך אין דעם זעלבן הויז, איז אויך אויסגעהאַלטן פון דעם ייד רי־טער פאָן וו. און דעם משומד באַראָן ה. די סאָלדאַטן דאָרט באַלאַנגען כמעט צו אַלע נאַציעס, וואָס עסטרייך פאַרמאָגט, הערשט דאָרט אַ מישמאַש פון שפּראַכן, ווי פאַרבן אויף דעם קאָלירטסטן זומער־פייגעלע. די פרייוויליקע קראַנקן־שוועסטערס מערן זיך, ווי שוואָמען נאָכן רעגן, נאָר זיי קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן מיט דעם שפּראַכלעכן דור הפלגה, בפרט מיט די גאַליצישע רוטענער. ווער איך מיט מיינע צוויי חברים די דאָלמעטשערס. און במילא ווערן מיר שוין אויך פאַראַנטוואָר־טלעך פאַר זייערע „זינד". זיי האָבן אַ סך עסן, גענוג פּאַפּי־ראָסן, און דאָך—ווי נאָר זיי פאַרלאָזן דאָס בעט, גייען זיי אַראָפּ אין גאַס בעטלען. פרוי פאָן וו. איז געערגערט, די באַ־ראָנין „שעמט זיך". און מיר מוזן ווערן די מוסר־זאָגערס און אויפּפּאַסערס.

יעדן נאָכמיטאָג עפנט די קליינע ווערא די טיר פון אונ־זער צימער, און אַזוי אַרום האָבן מיר די מעגלעכקייט צו הערן די אַ ביסל צו שטאַרקע טענער פון דעם פּאָנאָגראַף, וואָס פלעגט שפּילן פאַר די זעלנער. די קאַרוזאָ־פּלאַטן, ווייסט זי, זענען מיר באַזונדערס ליב,—הערן מיר יעדן צווייטן נומער—קאַרוזאָ. אויף דער נאַכט פירט פרייליין מאַריע די הינט שפּאַ־צירן, פאַרפירט זי זיי „פונקט" ביז צו אונז אין צימער,—פולט זיך אָן מיין נאַכט־שענקעלע מיט די בעסטע בעקערייען, צוקער־לעך און אויבסטן.

פרוי פאָן וו. פאַרברענגט אירע פרייע מינוטן ביי מיין בעט. און דאָך ווערט זי רויט, ווען זי קוקט אויף דעם יונגן, שיינעם פענריך ד. זי איז שניצלערס אַ יוגנט־פריינטין...

און וואָס מער זי וויזט מיר אַרויס איר פריינטשאַפט, אַלץ אָפטער באַקום איך „דאַמען־באַזוך". איך ווער מיט דער צייט דאָס „הויפּט־אָביעקט" פון זייערע וויזיטן. אפילו פרוי פאָן

צ., מיט דעם סלאַווישן נעזל און אונגאַריש-פּראַנצויזישן האַרץ, וועלכעס ערלויבט פּאָרט נישט „אויסערגעוויינלעך" ליב צו האָבן אַ יידן, האָט שוין אויך אָנגעהויבן „טאַנצן" אַרום מיר און ווייזט שוין אפילו אַרויס חשק, צו באַקענען זיך מיט מיינע „זאַכן". איר „צערטל-קינד" איז פּענריך ד. (מעגלעך צוליב דער גלייכער אינטעליגענץ, און אפשר אויך אויס „מוטערלעכער" צערטלעכקייט צו זיין יוגנט...) אָבער אויך ביי אַנדערע קראַנקע פּאַרעט זי זיך גאָר פלייסיק, איבערהויפּט ביי פּריש-אָנגעקומענע און ווען עס דאַרף קומען אַ „הויכער" באַזוך. צוליב דעם באַזוך, וואָס עס מאַכן די פון פראַנקרייך אַרויסגעטריבענע מאָנאַשקעס, אַרבעט זי זיך אַזוי איבער, אַז זי מוז אַליין זיך אָװעקלייגן אויף עטלעכע טעג. שטאַרק ליב האָט זי שווער-קראַנקע:

—ביי הענט און פיס—טענהט זי—איז נישטאָ וואָס צו טון.

זי מוז האָבן צעשפּאָלטענע קעפּ און צעריסענע לונגען. איז טאַקע אויך איר ליבלינג דער געלעמטער קראָצט מיט דעם דורכגעשאָסענעם האַלז. אָבער צו אָפּט בייט זי אירע „ליבלינגע".

נאָר שוועסטער לאָטי איז געבליבן דיזעלבע, ווי פון ערשטן טאָג אָן: רעגלמעסיק יעדן צווייטן טאָג בייט זי די באַנדאַזשן, פאַרזאָרגט וועש און מאַכט בעדער. און האָט זי אַ פרייע מינוט, זיצט זי אין איר פאַרמאַכט צימערל און דורך די גרויסע, דיקע ברילן איז זי מתפלל פאַר די קראַנקע פון איר קליין געבעט-ביכל. און באַקום איך פיבער, היט זי אָפּ מיין דיעט, ברענגט הייסע טיי מיט לימענע, און קוקט ווידער נאָך אין דער נאַכט דורך דער האַלב-געעפנטער טיר. און מאַכט זיך, איך דריק אויס דאַנקבאַרקייט אויף איר געלער, אויסגעצוימטער האַנט, נעמט זי נערוועז בלאָנדזשען מיט אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן,—אַ לייכטע רויטקייט פאַרפאַרבט דאַן אירע בלאַסע באַקן, און מיט אַ דריבנעם ציטער אויפן גאַנצן קערפּער שאַרט זי זיך אַרויס פונם צימער—כדי באַלד ווידער נאָכפרעגן, ווי איך פיל זיך. אַ קינד פון דער דייטשער „שווייץ", האָט זי אין פּנים

די קאַלטקייט פון צפון, אָבער אין האַרצן דעם רחמנות פון די אמאָליקע שומרונים—אַן אמתע קריסטוס-טאָכטער, ווי די עוואַנ-געליסטן האָבן זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן.

„הויכע" געסט.

יעדן טאָג איז ביי אונז אַ „פעלקערוואַנדערונג" פון ניי-געריקע, אָבער זונטאָג וואַרטן שוין גאַנצע פּאַרטיעס באַזוכער איינס אויף דאָס אַנדערע. און צווישן אַ גאַנצע רייע גראַפינעס, באַראָנעסעס און גלאַט „הויכגעשטעלטע" דאַמען, געפינען זיך „גאָר הויכע" וויזיטן, און אייניקע פון זיי אפילו גאַנץ אינטע-רעסאַנטע.

ריטער פאָן וו. איז אַ שותף צו דער „פולווער- און מו-ניציע-פאַבריק מאַנפרעד פאָן וו." ער קומט ערשט פונם קריגס-מיניסטעריום, וווּ ער האָט פאָרגעלייגט דעם פּראָיעקט פאַר אַ נייעם גראַנאַט.

—ער איז אַ פּראַכט!—זאָגט ער אויף דעם נייעם מאָרד-אינסטרומענט, און ווייזט מיר פאָטאָגראַפיעס פון זיינע וויר-קונגען.

ביז אַצינד פלעגט אונזער גראַנאַט זיך איינגראָבן אין דער ערד ביז אַ פיר מעטער די טיף, און ערשט דאַן עקספּלאָדירן. דער נייער גראַנאַט וועט נישט פאַרזינקען טיף, נאָר אָנשלאָגנ-דיק זיך, וועט ער גראָבן פלאַך אין דער לענג און אין דער ברייט, און אַזוי אַרום פאַרניכטן אַלץ, וואָס געפינט זיך אַרום איר אין אַ ווייטער סביבה.

—און אָט פאַרזאָרגן מיר די מענטשהייט—מאַך איך אַ זייטיקע באַמערקונג.

דער ריטער וואַרפט אַ בליק אויף זיין בלאָנדער דאַמע, און פרעגט מיך, כמעט אַרויסרופנדיק:

—איר מיינט דאַמיט צו זאָגן, אַז איך גלייב אין דער נויטווענדיקייט פון איצטיקן קריג—?

—ווייזט אַזוי אויס...

—יאָ, אין אָנהייב בין איך אפילו געווען איבערצייגט פון דער נויטווענדיקייט, אָבער אַצינד, רעכן איך, וואָלט שוין געמעגט זיין גענוג.

—און דאָך ווילט איר, דער קריג זאָל דויערן וואָס לענגער.

—אַצינד זיכער נישט—ערקלערט ער ערנסט—אמת, איך האָב פשוט נישט געקאָנט דערוואַרטן, דער קריג זאָל זיך אָנהייבן. וואָכן לאַנג פלעג איך אָפּזיצן אין מיניסטעריום, ביז איך האָב דערהערט די „גוטע בשורה" פון קריגס-ערקלערונג. עס איז אויך גאַנץ נאַטירלעך: מוניציע איז געלעגן פאַרטיק שוין פון לאַנג, און פאַרברויכט האָט מען זי נישט. עס איז באַלד אויסגעקומען צו פאַרמאַכן די פאַבריקן,—און איך האָב זיך פשוט געוווּנטשן צו פאַרקויפן מיין סחורה.

—אַזוי ווי מען פאַרקויפט אַ היילמיטל—?—וויל איך פּרוּוון זיין „פסיכאָלאָגיע".

—איך האָב גוט געוווּסט—זאָגט ער מיט אַ רויִקן שמייכל—אַז קיין מלאכים באַשאַפן מיר נישט. איין עקספּלאָזיע אין אונדזער פאַבריקן האָט מיר באַוויזן, וויפיל בלוט עס קאָן פאַרגיסן דאָס קלענסטע קוואַנטום פּולווער.

—און איר האָט דאָך געוואָרט אויף מלחמה?

—איך גיב צו: יאָ, געשעפט. אָבער אַצינד,—מיין וואָרט, אַז איך וואַרט שוין, עס זאָל נעמען אַ סוף. כאָטש איך האָב דאַביי געמאַכט גוטע געשעפטן.

—און גאָר נישקשהדיקע געשעפטן—כאַפּ איך אונטער.

—אמת, אָבער דאָס מאָרדן פון טויזנטער מענטשן...

—און דאָך קומט איר אַצינד מיט אַ נייעם פּראָיעקט...?

—יאָ, דאָ מוז מען שוין זיין אַ געשעפטסמאַן. ווען איך נישט מאַכן פּראָיעקטן, וועט עס טון מיין קאָנקורענט—

—אַ זייער „לאָגישע" מאָטיווירונג-דערוועקט זיך שוין אין מיר דער רעוואָלוציאָנער—אָבער ווען איר זאָלט האָבן אַ זון

אויף דער פּאָזיציע און איר וואָלט וויסן, אַז אייער אייגענע מוניציע—

—איך פאַרשטיי—שלאָגט ער מיר איבער—איר מיינט די אינטערעסן - פאַרשידנהייט צווישן געשעפט און אייגן בלוט...

—אָבער הער פענריך—העלפט אים אַרויס זיין פרוי מיט אַ פאַרוווּנדערט-שעלמיש שמייכעלע—הער פענריך! זענט איר אַזוי באַוווּ?! וועלכער מיליטער-ליפעראַנט האָט דען אַ זון אין דער פּאָזיציע?

איך פאַרשטיי דאָס שמייכעלע פון דער קלוגער נגידישער טאָכטער.

צווישן אונזערע שטענדיקע באַזוכער געפינט זיך אויך דער „פּוילישער" לעקטאָר פון דער בודאַפּעסטער אוניווערזיטעט,—אַ קראָקער ייד, וועלכער איז געוואָרן אַן אונגאַרישער בירגער און איז איצט קייזערלעכער דאָלמעטש פאַר אַ טוץ סלאַווישע, גער־מאַנישע און ראָמאַנישע שפּראַכן. ער פאַרזאָרגט אונז מיט פּוי־לישער ליטעראַטור. עס באַזוכט אונז אויך דער פּרעזעס פון דער פּוילישער „לעגיאָנען-צענטראַלע", גראַף סטאַדניצקי. די „נאַציאָנאַלע העלדן", די פּוילישע לעגיאָניסטן, וועלכע האָבן פרייוויליק זיך געמאָלדן אין קריג, איז שוין נמאס געוואָרן די קריגערישע אַוואַנטורעס, דרייען זיי זיך אַרום פּוסט און פּאַס, אָן דאָקומענטן, אָן לעגיטימאַציעס, און פאַרפלייצן די באַנען, שפּיטאָלן, צדקה-חברות,—אויסהיטנדיק זיך פאַר די קאָמאַנדעס, וועלכע וואָלטן זיי ווידער געשיקט אין פעלד אַריין. זיי קומען אויך צו אונז זוכן פּראָטעקציע, און יעדער פון זיי איז „קראַנק"—אַזוי „אַרום דעם האַרץ"... איז אַ רחמנות צו קוקן אויף דעם אַלטן גראַף מיט די אויסגעמאַטערטע נערוון פון אַן ערנסטן כלל-טוער, וואָס האָט זיינע יאָרן פאַרבראַכט ביי שאַמ־פּאַניער אין פראַנקרייך, און האָט זיך אויף דער עלטער גענו־מען צו „נאַציאָנאַלער" אַרבעט.

—פּאַניע—קלאָגט ער זיך—וואָס ווייסט איר, וויפיל איך האָב אויסצושטיין פון מיינע לאַנדסלייט, די לעגיאָניסטן. לעצטנס

בין איך געפּאַקן חלשות אויף אַ פאַרזאַמלונג. איז דאָך פאַרהאַן צווישן זיי אַ גאַנצע מחנה „מאַרקירער", וואָס זענען נאָר אַ בזיון פאַר פוילן!

אַ גאָר אינטערעסאַנטע איבעראַשונג מאַכט מיר די באַראָנין מיט איר שוועסטערקינד, באַראָן דר. לאַיאָש ה. דער ליבטיק-שיינער, אינטעליגענטער יונגער באַראָן, אַ זעלטנהייט פון „תורה, סחורה און געפּוצטע שטיוול", דערציילט מיר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט אַש און פינסקין אין בערלין, וועגן די אויפפירונגען פון „גאָט פון נקמה" און „דער אוצר" ביי ריינהאַרדטן, אינפאָרמירט מיך וועגן דער יונגער אונגאַרישער ליטעראַטור און פאַרגעסט נישט צו דערמאַנען זיין יונגסטע ליבע מיט אַ מינכענער מאַלערין. קוים אַ שעה צייט קענען מיר זיך, און מיר זענען שוין גאָר נאָענט באַפריינדעט.

נאָך אַ גרעסערע איבעראַשונג מאַכט מיר פרוי פאָן וו. זי ווייסט, אַז מיין גרעסטער קומער איז דאָס, וואָס איך האָב נישט קיין ידיעות פון מיינע עלטערן, וועלכע זענען אויף דער רוסישער זייט, אין לעמבערג. די פאַרבינדונגען מיט מיינע פריינט אין ווין (אַ חוץ מיט מיין נאָנטסטן חבר, דעם האַרציקן זינגער ד., וועגן וועלכן עס איז גאָר נישט מעגלעך עפּעס אויסצוגעפינען) פאַרמערן נאָך מיין בענקשאַפט נאָך די עלטערן און שוועסטער און ברידער. באַראָן ה. שיקט אַוועק מיינע בריף דורך זיינע צוקער-פאַבריקן אין רומעניע, ער באַמיט אויך דעם עסטרייכישן קאָנסול אין בוקאַרעסט און בעט אים שיקן בריוו צו מיינע עלטערן—אָבער קיין ענטפער קומט נישט. וויל פרוי פאָן ה. מיך באַרויקן אויף אַן אַנדער אופן: אין אַ נאָכמיטאָג יאָוועט זיך פלוצים ביי מיין בעט דער איטאַליענישער באָטשאַפטער אין בודאַפּעסט, פאָן פ. ער אַליין, פאַרזיכערט ער מיך, וועט אַרויסשיקן מיינע בריוו דירעקט קיין לעמבערג, צוזאַמען מיט זיינע דינסט-פּאַפּירן.

—קאָן איך דערויף רעכענען, עקסצעלענץ?—דערלאַנג איך אים, ציטערנדיק פאַר פרייד, אַ קורצן, נערוועז-געשריבענעם בריוו.

—גאַנץ באַשטימט, הער פענריך—פאַרזיכערט מיך דער געלאַסענער, קלוגער דיפּלאָמאַט—שוין צוליב דער גנעדיקער פרוי פאָן וו, און צווייטנס: מיר איטאַליענער האָבן דאָך אויך געוויסע פליכטן אַקעגן אַן עסטרייכישן אָפיציר.

זיין צוזאָג מאַכט מיך גוט פילן און באַרויִקט מיך אַ סך.

אָבער קיין איינציקער פון די אַלע וויזיטן ברענגט נישט אַזויפיל אויפרעגונג אין אונזער שטיל ווינקל, ווי דער אָנגעזאָגטער באַזוך פון דעם סאַניטעט-גענעראַלאינספּעקטאָר ערצהערצאָג סאַלוואַטאָר און פון דער ערצהערצאָגין אַוגוסטאַ.

פיל מי קאָסט, ביז עס געלינגט „אַראָפּצוברענגען" דעם ערצהערצאָג: נישט תמיד טיילט ער צו דעם כבוד, צו באַזוכן אַ פריוואַט-שפּיטאָל. וואָס טוט מען אָבער נישט צוליב אַ מעדאַל? אַ ליאַדע געלט-זאַמלערקע פאַרן „רויטן קרייץ" באַקומט אַ מעדאַל,—זעלטן טרעפט עס נאָר מיט יידישע טעכטער, מעגן זיי אפילו אויף אייגענע הוצאות אויסהאַלטן אַ גאַנץ שפּיטאָל און אפילו זיין געשמדטע באַראָנעכעס. זוכט מען פּראָטעקציע ביי גענעראַלן און מיניסטערס, וועלכע דרייען זיך אַרום „הויף", ביז מען פועלט—: ער קומט, דער ערצהערצאָג אַליין!

עס לויפן אָן אַלע לאָקייעס, דינסטן און קראַנקנ-שוועסטערס—מען מאַכט „אָרדנונג". יעדעס שטויבעלע ווערט באַזונדער אָפּגעבלאָזן, יעדעס פּיצעלע אויף דאָס ניי אויסגעשטעלט. קומט די „הויכע קאָנטראָל", מאַדאַם פאָן וו., און ווידער ווערט אַלץ איבערגעפּוצט, איבערגעשטעלט.

—זאָל בלייבן אַ ביסל אַש אין אַש-בעכער—איז פאַרצימערט פרוי פאָן צ.—זאָל די „קייזערלעכע האָהייט" זען, אַז מען האָט נישט עקסטער פאַר אים געריייניקט.

—אַלץ ריין מאַכן—איז אַ ביסל ברוגזלעך, און אפשר טאַקע נאָר אויפגערעגט, די מאַדאַם פאָן וו.

די באַראָנין איז אינגאַנצן אַ פאַרלוירענע, און דאָך געפינט זי געננוג געדולד אויסצורעכענען אַלע מעדאַלן, וועלכע מען קאָן קריגן פאַר אַזאַ באַזוך.

—מיינסטו, לעאָנאָרע—שטערט זי די פרוי פאָן וו. אין

דער אַרבעט—אַז גרעפּין ב. וועט פאַר איר שפּיטאָל אויך קריגן דעמזעלבן מעדאַל?

דער ערצהערצאָג לאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. מיינע צוויי קריגס-קאָלעגן, וועלכע ציטערן שטאַרק פאַרן „הויכן באַזוך", נוצן דערווייל אויס דעם רעש און פאַרשווינדן. זיי „מוזן נויטיק זיין ביים פּלאַצקאָמאַנדע", לאָזן זיי זאָגן דורכן שווייצאַר ביים טויער. און אונזערע דאַמען זענען שטאַרק געערגערט, וואָס דער ערצהערצאָג וועט ביי זיי אָנטרעפן נאָר איין פאַרוואונדעטן אָפיציר.

צוויי שעה שפּעטער פאַרפאָרן צום שפּיטאָל איבער אַ טוץ אויטאָמאָבילן.

—נישט זייער אַ מיליטערישע פּינקטלעכקייט—ווינצלט זיך פרוי פאָן וו.

—דערפאַר אָבער „הויפמעסיק"—העלף איך איר שמייכלען.

—שוין עטלעכע שעה פריער האָט די פּאָליציי פאַרמאַכט אַלע גאַסן אין דער סביבה—אין די הייזער אַרום האָט מען שוין פאַרטאָג אַרויסגעשמעלט פאָנען. איך רוק זיך צו צום פענסטער און זע אַ גאַנצע מחנה פּאַראַדנע אָפיצירן, וועלכע שפּרינגען אַרויס פון די אויטאָמאָבילן און מאַכן אַ „שפּאַליר". דער פליגל-אַדיוטאַנט אַנטשולדיקט זיך ביי פרוי פאָן וו. פאַר דעם פאַרשפּעטיקן זיך:

—...געזאָלט קיין ווין.. געמוזט אָפּזאָגן דעם עקסטראַ-צוג—כאַפּ איך אונטער עטלעכע ווערטער.

איך פאַרמאַך דאָס פענסטער און זעץ זיך וואַרטן אויף דעם באַזוך,—איינער אַליין, מיט דעם געפיל פון אַ כלה, צו וועלכער עס דאַרף באַלד קומען אַ חתן, זי אָנקוקן.

איך דערהער שטימען פון צווייטן צימער. איך בין, דאַכט זיך, רויק, און דאָך דערפיל איך אַ קליינעם ציטער. אין צווייטן צימער ווערט ווידער שטיל—: אפשר וועלן זיי פאַרט פאַרגעסן אָן מיר—? איך נעם מיינע קוליעס און עפן די טיר צום מאַנשאַפט-שפּיטאָל:

—שוין געווען?-פרעג איך קורץ דעם פעלדוועבל מיט דער

אָפּגעשאָסענע האַנט און מיט די דריי מעדאַלן אויף דער ברוסט.

—געווען—לאַכט ער שטיל-צופרידן—האָט אָנגעקוקט מיינע מעדאַלן.

—און...?

—און גאָרנישט. ער האָט מיך געלויבט. וואָס ער מיר בעסער געבן אַ צענערל...

—איז ער שוין אַוועק?

—זיכער אַוועק.

עס ווערט מיר עפּעס לייכטער אויפן האַרצן. איך הינק צוריק אַריין אין מיין צימער, זעץ זיך אויף מיין געוויינלעכן שטול און נעם זיך ווייטער לייענען די דייטשע איבערזעצונג פון אַן אונגאַרישער טראַגעדיע. פּלוצים עפנט זיך די טיר ווי פון זיך אַליין, עס דערהערן זיך שאַרפע, זיכערע טריט—און פאַר מיר שטייט דער שלאַנקער, שיינער ערצהערצאָג פראַנץ סאַלוואַ-טאָר. אַ ווייליע צאַפּלט דאָס האַרץ. איך באַמערק נאָך אין דער אָפענער טיר דעם אַדיוטאַנט, און הינטער אים אַ גאַנץ ביסל אָפיצירן און דאַמען. געשטיצט מיט איין האַנט אויפן טיש און מיטן קראַנקן פוס קניענדיק אויפן שטול, שטעל איך זיך פאַר „מיליטעריש":

—קייזערלעכע האָהייט! פענריך אין דער רעזערווע, יאַקוב וו. מ. פון אינפאַנטעריע-רעגימענט 80, שטעלט זיך געהאָרזאַמסט פאָר.

דער ערצהערצאָג בייגט אָן אַ ביסל זיין הויכע געשטאַלט, ווי דאָס טוט געוויינלעך קייזער פראַנץ יאָזעף, און לייגט צו די פינגער צום דאַשעק פון זיין פונקלדיקן היטל—צום צייכן, אַז ער דאַנקט און אַז ער האָט די פאָרשטעלונג „אָנגענומען".

—דאָס רעגימענט שטייט אין סערביע—וויל ער מיט אַ זייער ווייכן טאָן וויזן זיין געניטקייט.

—ניין, קייזערלעכע האָהייט, אויף דעם צפון-פראָנט.

—באַלאַנגט צום דריטן קאָרפוס—

—ניין, קייזערלעכע האָהייט, צום עלפטן.

וואָס מער ער וויל ווייזן זיין „בקיעות", אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט ער זיך און פאַרדרייט די פאַקטן, און עס שטעלט זיך אַרויס, אַז ער האָט נישט קיין באַגריף פון דער מיליטע-רישער אָרגאַניזאַציע און „דיסלאָקאַציע".

—די גאַנצע צייט ביי דעם רעגימענט געקעמפט?—פרעגט ער ווייטער.

—ניין, קייזערלעכע האָהייט, פריער געקעמפט ביי „שיצנ"-רעגימענט 35.

—ווו זייט איר געוואָרן פאַרוווּנדט?

—ביי דער מאַגיעראַ, קייזערלעכע האָהייט.

—דאָרט איז געווען אַ ביסל „הייס", האָב איך געהערט—שמייכלט ער—און וואָס פאַר אַ ווונדן?

איך רעכן אים אויס.

—גאָר שיין—לויבט ער מיך—און וואָס זייט איר אין ציוויל?

איך מעלד אים מיין באַשעפטיקונג.

—אינטערעסאַנט. וואָס פאַר אַ לאַנדסמאַן?

—פון לעמבערג.

—זענען אייגענע דאָרט געבליבן?

—מיינע עלטערן, קייזערלעכע האָהייט.

—הערט איר עפּעס פון זיי? דען לעמבערג... האָבן דאָך... „זיי".

ער וויל נישט אפּנים אָנרופן די רוסן ביים נאָמען.

ער גיט מיר די האַנט און גייט אַרויס. איך אָטעם אָפּ פרייער.

איצט לויפן אַריין די דאַמען און קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ ניי וווּנדער: אַ קלייניקייט, ער האָט מיר די האַנט גע-געבן! דאָס פּאַסירט ביי אים זייער זעלטן, און זיי גראַטולירן גאַנץ ערנסט. די לעצטע קומט די באַראָנין, וועלכע האָט נאָך דערווייל אַ פלירט-געטון מיט אַן אָפיציר פון דער „לייב-גאַרדע".

—ער האָט אייך געגעבן די האַנט, הער פענריך—איז זי

פּאַרסאַפּעט, גלייך זי וואָלט וועלן מיר אַליין דערציילן די „גוואַלטיקע נייעס".

—אַנו, וועך וועט אַ קוש טון? — שטעל איך אויף די האַנט-איך מיין, אַז זי איז אַצינד הייליק.

—מען טאָר נישט די הייליקייט פאַרפלעקן מיט די ליפּן פון אַ פּשוטן בשר ודם — שמייכלט פרוי פאָן וו.

אָבער אויך זי פילט זיך יום-טובדיק, פּונקט ווי די אַנדערע, הייסט זי איינשפּאַנען די געדעקטע קאַרעטע און פאַרבעט מיך אויף אַ שפּאַציר איבער די שטילע געסלעך ביים „שטאָט-וועלדל", וועלכעס איז זייער שוואַך באַלויכטן. שטייען דאָך שוין די רוסן גאָר נאָנט אין די קאַרפּאַטן...

דאָס שפּיטאָל איז זייער שטאַרק געפּעלן געוואָרן דעם ערצהערצאָג, — אָבער קיין מעדאַלן זענען אַלץ נישט געקומען. די צייטונגען האָבן אפילו געבראַכט נאָטיצן, איז אָבער נאָר דערמאָנט געוואָרן פרוי פאָן וו., און דאָס האָט די אַנדערע דאַמען פאַרשאַפט אַ סך עגמת נפש. טרייסט מען זיך מיט אַ צווייטן „הויכן באַזוך" — אפשר וועט דאָס מאָל „געלינגען". ווידער גרייט מען זיך מיט דערזעלבער אויפרעגונג — די צעפּלאַמטע באַראָנין מיט נאָך מער אימפּעט, — פרוי וו. שוין מיט אַ ביסל רעזיגנאַציע.

איך מיט מיינע צימער-קאָלעגן שפּילן גראָד אַ פּאַרטי שאַך ביי אַ גלעזל אונגאַרישן וויין. ווי תמיד, האַלטן זיי אין איין וויצלען זיך איבער די צוויי „יידישקעס" (די באַראָנין און פרוי פאָן וו.) און פילן גאָרנישט דעם עקל, וואָס זיי רופן ביי מיר אַרויס. פּלוצים לויפט אַריין פרוי פאָן צ., בלאַס, פּאַרסאַפּעט:

—די קייזערלעכע האָהייט, ערצהערצאָגין אויגוסטאַ קומט!

מיינע צוויי קאַמעראַדן גיבן זיך אַ כאַפּ, ווי אָפּגעבריטע און קאָנען גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס איך בין אַזוי קאַלטבלוטיק. די אויפרעגונג שטייגט ביז צום העכסטן גראַד, אָבער אויך דאָס מאָל לאָזט דער „הויכער גאַסט" גאָר לאַנג אויף זיך וואַרטן. צענדליקער שליחים לויפן אַריין און אַרויס.

—זי קומט — זי גייט — אָט איז זי.

אויך דאָס מאָל ווילן מײנע צווײ העלדן אַנטלויפן, אָבער בײם טויער לאָזט מען קײנעם נישט אַרויס.
—דו װעסט פאַר אונז רעדן, הערסט—בעט זיך פענריך ד.—מיר װעלן זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט באַרישקײטן.
איך זאָג זײ צו, און מיר האָבן קוים צײט צו נעמען די קוליעס, װען עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן די ערצהערצאָגין מיט די שנעלע, „הויפמעסיק" אויסגעלערנטע שריט. הינטער איר בלײַבט שטײן די „האָפדאַמע" מיט פאַרשידענע פעקלעך,—אין דער אָפענער טיר װאַרטן אונזערע דאַמען מיט טעלעכע אָפּיצירן.
די ערצהערצאָגין גיט אַ צײכן, מיר זאָלן זיך זעצן.
—װי גײט אײַך, מײנע הערן?
—איך דאַנק אונטערטעניקסט, קײזערלעכע האָהײט! גוט!—ענטפער איך שוין פאַר אַלע.
—נישט, נישט—מאַכט זי מיט דער האַנט
זי װיל נישט, מען זאָל זי רופן „קײזערלעכע האָהײט".
—און װאָס זאָל איך שענקען די הערן?—פרעגט זי, נאָכדעם, װי זי האָט געשטעלט די געװײנלעכע, באַנאַלע פראַגן װעגן װונדן און שלאַכטפעלד.
—איך האָב שוין אַן אָנדענק פון קײזערלעכער...
די האָפדאַמע װינקט הינטער אירע פּלײצעס.
פאַר אויסלאָזן דעם טיטל „קײזערלעכע האָהײט", װאָלט איך אין פרידנס-צײט געװאָרן אויס אָפיציר. אָבער די מלחמה הײסט מסתם זײן „באַשײדן".
איך לעז אַראָפּ פון דער האָפדאַמעס ליפּן, אַז די ערצהערצאָגין האָט ליב, מען זאָל זי רופן „שװעסטער".
—גנעדיקסטע שװעסטער—פאַרענדיק איך מײן באַמערקונג.
—אַן אָנדענק פון מיר?—װוּנדערט זיך די ערצהערצאָגין—װי אַזוי?
איך דערמאַן זי אין אונזער באַגעגעניש אויפן בודאַפּעסטער װאָקזאַל און װײז איר דאָס טיכל.
—דאָס איז שײן—איז זי צופרידן.

—קאַטוילִיש?—פרעגט זי פלוצים מיינע צוויי קאַמעראַדן.

—מהם...—שעפּטשען זיי עפּעס אין ציטערניש אונטער דער נאָז און טרייסלען מיט די קעפּ.

זי דערלאַנגט זיי אַ ווייסן „רויזענקראַנץ" מיט אַ צלמל און קליינע געבעט-ביכלעך.

אויך מיר גיט זי דאָסזעלבע.

—איך דאַנק, גנעדיקסטע שוועסטער—וויל איך עס נישט נעמען—איך בין אַ ייד.

—אָ, איזראַעליט?—לאָזט זי אַראָפּ די אויגן, ווי זי וואָלט זיך פאַרשעמט.

—איזראַעליט, ייד,—אַלץ איינס—.

איך פיל, אַז איך בין שוין צו ווייט געגאַנגען אין מיין „פרייהייט" מיט דער קייזערלעכער האָהייט.

—וואָס זשע קאָנען מיר שענקען דעם הער פענריך?—פרעגט זי ביי דער האָפדאַמע, וועלכע דערלאַנגט איר תיכף אַ געדרוקטן צעטל—דאָס איז אַ געבעט פּ אַ ר אַ ל ע. און אפשר נאָך אָט דאָס בילדל?

דאָס „געבעט פאַר אַלע" איז אַ נאַיווע תּפילה „צום אונגאַרישן גאָט", פאַרפאַסט אין שרעקלעכע גראַמען דורך אַ בודאַפּעסטער ראַבינער. אָבער דאָס בילדל „קייזער פראַנץ יאָזעף ביים געבעט" איז אַן אמת קונסט-שטיקל, און איך באַהאַלט עס צווישן מיינע קלייניקייטן.

דעמזעלבן אָוונט באַקען איך זיך אויך מיט ריטער פאָן וו.׳ס מוטער. אַן אַכציקיאָריקע זקנה, וועלכע מאַכט אויף מיר גאָר אַ טיפן איינדרוק. אַ טאָכטער פון אַן אַלטער שפּאַנישער פאַמיליע, וועלכע האָט שפּעטער זיך באַזעצט אין עלזאַס, האָט זי מיטגעבראַכט פאַר נאָנטע און ווייטע דעם קלאָרסטן פאַרשטאַנד און דאָס ריינסטע, כשרע האַרץ. מיר דערפילן באַלד צווישן זיך די נאָנטקייט פון אַ מוטער מיט אַ זון, אָדער נאָך מער: די קעגנזייטיקע ליבע פון „גוטהאַרציקייט"—אַ קרובהשאַפט פון בלוט און פאַרגאַנגנהייט!

ביים פאָרטעפּיאַן זיצט דער באַרימטער אונגאַרישער קאָמ-

פּאָזיטאָר ז. און וועבט הערציקע מעלאָדיעס אויף אונגערישע טעמעס. די אַלטיטשקע דערפילט אַ יוגנטלעכע בענקשאַפט—עס טראָגט זי אונטער!

—קומט, הער וו.—נעמט זי מיך פאַר דער האַנט—מיר וועלן שפּילן.

מען דערלאַנגט איר דאָפּלטע ליכט, זי זעצט זיך צום קלאַוויר—און צאַרטע מעלאָדיעס פון שומאַן און שאָפּען, שו-בערט און רובינשטיין, פולן אָן דעם סאַלאָן און באַהערשן די הערצער. און קומט צו דער סערענאַדע: „שטיל זיך בעטן מיינע לידער דורך דער נאַכט...״—מאַכט די אַלטע צו די אויגן, צע-גיסט זיך אין אַ דבקות פון בענקען און טרערן,—און גייט פלו-צים איבער אין אַ ריזיק-שנעלן וואַלצער-טעמפּאָ, וואָס צעשרויפט די גלידער און מאַכט קאָכן דאָס בלוט!

וועלכע געפילן און וואָס פאַר אַ טעכניק ביי די יאָרן!...

און נישט ווילנדיק פאַרגלייכט מען אין געדאַנק די צוויי „דאַמען״: די „קייזערלעכע האָהייט״ און די אַלטע, יידישע מיוחתס—צוויי גרענעצן, צוויי וועלטן—: דאָרט „עפנטלעכקייט, אויסרעכנטקייט״, אָפּגעמאָסטענע שריט,—און דאָ שטילע, פאַרבאָר-גענע גוטסקייט, אַ יידיש פילנדיק האַרץ. זי, די אַלטע מוטער, איז אונזער אמתער הויכער גאַסט.

אין דער אונגאַרישער רעזידענץ.

נאָר זעלטן רייסט זיך אַריין די „פליכטלינגס״-נויט אי אונזערע שפּיטאָל-מויערן. פרוי וו. באַזוכט אַ גאַליצישן צדיק די באַראָנין גייט זען אַ „פּוילישן ראַבי״, זיי פאַרפירן עפּעס געשעפטן מיט יידישע „האַנדעלעסעס״, אַנטלאָפענע יידן פון גאַ-ליציע, און דערציילן דערנאָך גרויזאַמע סצענעס פון זייער עלנט און נויט.

—אָבער פּוילישע יידן זאָלן באַזיצן אַזאַ קאָלאָסאַלע אינ־טעליגענץ—? באַוואונדערט פּרוי פּאַן וו.

—בין איך דאָך אויך אַ „פּוילישער ייד"—באַמערק איך אין שפּאַס.

—אָבער וואָס רעדט איר, הער פּענריך, זיי האַלט מען דאָך געוויינלעך פאַר האַלבע אַזיאַטן.

זיי ברענגען אפילו צופירן אַ גאַליציש יידל מיט פאַרבאַ־האַלטענע פּאות אונטער די אויערן און מיט אַ צעקנייטשטן סאַ־מעטענעם קאַפּעלוש אין דער האַנט. מיר קויפן ביי אים אָפּ דאָס גאַנצע ביסל סחורה פאַר 15 קראָנען.

—האָט איר כאָטש נישט דערלייגט, רב קרוב?

—וואָס רעדט איר! הלוואי פאַרדין איך עס יעדן טאָג—וויל ער אונז קושן די הענט.

צווישן די אַנטלאָפענע געפינען זיך אַ סך פּוילישע גלחים, וועלכע פאַרפלייצן די קלויסטערס און שפּיטאָלן און פירן אַ שיין לעבן פון תפילה טון אין „ספּאָוויאַדען". קומט אויך צו אונז אַזאַ לאַנגער, דארער גלח פון קראָקע, ספּאָוויאַדעט אַלע סאָל־דאַטן (פּוילישע און רוטענישע) און נעמט זיך ענדלעך צו אונז: עס וואָלט כדאי זיין, מיר זאָלן ז־ך ספּאָוויאַדען—„מען קאָן גאָר־נישט וויסן".

—איך בין אַ ייד—טענה איך צו אים.

אָבער מיינע צוויי קאַמעראַדן רעדן אים איין, אַז איך וויל אין געהיים זיך שמדן,—לאָזט ער מיך שוין נישט אָפּ, שענקט מיר אַ „יעזוס-האַרץ" און פאַרשידענע הייליקע תפילות, און האַלט אין איין איבערצייגן מיך:

—נאָר דער הייליקער „נעוסטאַזי" קאָן אָפּראַטעווען פון פייער און שווערד.

ערשט אַ שטיק צייט שפּעטער כאַפּט ער זיך, אַז מיינע קריסטלעכע חברים טרייבן מיט אים לצנות, גייט ער אַוועק אַן אָנגעברוגזטער, מיט דער פעסטער איבערצייגונג, אַז „דער איינ־ציקער אָנשטענדיקער מענטש צווישן די אָפיצירן, איז דער יידי־שער פּענריך".—

מיין וווּנד אויפן פוס האט דערווייל זייער גוט זיך געהיילט. די בראנד־וווּנדן זענען כמעט פארשוווּנדן, נאר די פינגער האבן נאך צו ביסלעך געאייטערט און געוויזן בלוט. און כאטש אויף דער האנט האט די וווּנד ווידער זיך געעפנט, ערלויבט מיר דער דאקטאר אפט זיך דורכגיין. נעם איך מיין קולע אין דער לינקער האנט און דעם שטעקן אין דער רעכטער, און שפאציר איבערן צימער, אויף דער וועראנדע, און וואג אפילו אראפגיין אין גארטן. גליטש איך זיך איינמאל אויס אויף די שטיינערנע טרעפ, צעקלאפ זיך ביידע פיס, און דער דאקטאר פארביט שוין ארויסצוגיין פון שטוב. איז אצינד מיין איינציקע „ליכטיקע וועלט" דאס אפענע פענסטער, דורך וועלכן איך שעפ פרישע לופט און שיק מיינע טיפע זיפצן צו דער לעבעדיקער גאס. דער דרויסן לאקט, און די פארבייגייער רייצן מיט זייערע לייכטע, פלינקע טריט — קאן נישט די פרוי פאן וו. צוזען מיין צער און באשטימט פאר מיר איינעם פון אירע עלעגאנטע עקוויפאזשן מיט די גרא־ווייסע, ווייכע קישנס, מיט די שפיגלען און אלע באקוועמלעכקייטן — טרייבט איר געטרייסטער קוטשער, פישטשאן, די גרויסע, שווארץ־גלאנצנדיקע פערד, — און אזוי קאטייע איך זיך דורך זייער אפט איבער די באלעבטע גאסן פון דער אונגארישער רעזידענץ, איבער דעם געמיטלעכן שטאט־וועלדל, צווישן די הערלעכע, רייכע פאלייען ביי דער ברייטער, ווייס־בלאער דאנוי ביז ווייט אויף דער מארגארעטנאינזל. האלטן מיך זיכער די פארבייגייער פאר עפעס א גראף אדער א גענעראל, — דען דער אדעל־מאנאגראם אויף דעם וואגן און אויף די פערד־דעקעס, און מיינע קוליעס ביים פענסטערל לאקן זיי, שטעלן זיי זיך אפ און באמיִען זיך זען דורך דער שויב, ווער עס זיצט אינעווייניק.

שוין לאנג האב איך קיין טעאטער נישט געזען. דער דאקטאר ערלויבט נישט בלייבן שפעט, — הייס איך פארפארן צון א מאטינע־פארשטעלונג.

די גאסן זענען פול, ווי תמיד, — אין די פענסטער פאנען, אויף די עקן „עקסטרא־אויסגאבן". גרופעס יונגע דייטשע סאל-

דאַטן דרייען זיך אַרום צווישן דיקע, געזונטע אונגאַרקעס, וועלכע „פּרעסן זיי אויף" מיט די פּייַטע, שוואַרצע אויגן. זענען מיר דאָך אין דער שיינער שטאָט פון זנות...

עס שלעפּט זיך דורך דער שאָטן פון אַן אויסגעדאַרט עסטרייַכיש סאָלדאַטל מיט אַ בלאַס שיקסל אָן דער זייט. וואָס באַדייטן טויזנט אַזעלכע סאָלדאַטלעך אַקעגן דעם „מערדערישן" גאַנג פון אָט די פעסטע אונגאַרקעס? וואָלט מען זיי שיקן אין פעלד אַריין...

—אויספּאַרקויפט, הער פענריך—מאַכט אויף דער קוטשער דאָס טירל פון מיין עקוויפּאַזש.

איך באַמערק ערשט אַצינד, אַז מיר שטייען פאַרן „לוסט-שפּיל-טעאַטער". און אָט אַזוי פאָרן מיר אויס, ווו נאָר אַ טע-אַטער—אומעטום אויספאַרקויפט! מוז איך שוין פאַרפאָרן צו אַ קאַבאַרעט.

די „געסט" ווייזן מיר אַרויס פיל רחמנות און העלפן מיר פאַרנעמען מיין פּלאַץ. נאָך עטלעכע לאַנגווייליקע נומערן קומט די „הויפּט-אַטראַקציע": דער „בעסטער" אונגאַרישער קאָמיקער זינגט אַ קופּלעט פון אַ יידיש-סערבישן „קאָמיטאַטשי" און ווי אַזוי „סאַלאָמאָן פינעלעס אַנטלויפט פאַרן פיינט". דאָס בלוט זעצט אין פּנים פון כּעס, און דאָס הויפּטזעכלעך יידישע פּו-בליקום אַפּלאָדירט—צום משוגע ווערן!

איך גיי אַרויס.

—הער פענריך!—רופט מיך אַ באַקאַנטע שטימע.

ס'איז די באַראָנין ה., מיט די קינדער. זי פאַרבעט מיך אין איר אויטאָמאָביל.

—אַ פּראַכט-פּראָגראַם געווען!—איז זי שטאַרק צופרידן פונם קאָמיקער.

אַ מחנה יונגען מיט עטלעכע שיכּורע סאָלדאַטן שלעפּן איבער דער גאַס אַ גרויסע, אונגאַרישע פאָן. דאָס „פייערט" מען דער עראָבערונג פון בעלגראַד. איך בין שלעכט געשטימט און האָב נישט אַמאָל געדולד צו קוקן.

איך קום אַהיים פונקט צו אַ „אָוונט-קאָנצערט". ווי אָפט,

שפּילט אויך אַצינד אַ באַקאַנטער קאָמפּאָזיטאָר זיין אייגענע מו־זיק פאַר די פאַרוואונדטע סאָלדאַטן. אָבער דער רוב פון זיי דרימלט, אייניקע גענעצן גאַנץ הויך.

—נו, געפעלט אייך די מוזיק?—זאַטשעפּע איך איינעם.

—ניִשט שלעכט—ווערט ער רויט—אָבער אין דאָרף, אַז מען האָט זונטאָג געגעבן אַ שפּיל...!

—בעסער, פּאַניע פּענריך, וואָלט מען אונז לאָזן גיין שלאָפן—קלאָגט זיך אַ גאַליצישער בויער.

—דאָס פייערט איר, גנעדיקע פרוי, די ערָאָבערונג פון בעלגראַד?—פרעג איך פרוי פאָן וו.

—דעם פאַרלוסט פון בעלגראַד, ווילט איר זאָגן—לאַכט זי שטיל.

—ווי אַזוי?

—מיין מאַן—רוימט זי מיר איין אין אויער—קומט אַצינד פונם מיניסטעריום. מיר האָבן פאַרלוירן בעלגראַד נאָך מיט דריי טעג צוריק. גענעראַל פ. האָט געוואָלט מאַכן דעם קייזער אַן איבעראַשונג צו דער „טראָנבאַשטייגונג”, און איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט. די פּרעסע שווייגט וועגן דעם. עס האָבן דאָרט זיך אָפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס. דער קייזער האָט געוואָלט דעם גענעראַל פ. אַראָפּרייסן אַלע מעדאַלן...

ווידער בלייב איך אין שטוב עטלעכע טעג און שלינג שטילערהייט די מאָנאָטאָנקייט צוזאַמען מיט די נארישע רייד פון מיינע גוישע חברים. דער יום-טוב פון „הייליקן ניקאָלאַי” ברענגט אַ ביסל קינדערשע פרייד מיט מתנות, מיט איבעראַשונ־גען,—אָבער די גרעסטע איבעראַשונג איז פאַר מיר, ווען אַן „עקספּרעס-מאַן” גיט מיר איבער אַ בריוול. איך עפן—און ווער פאַרציטערט פאַר פרייד: מיין פריינט ז., דער ווינער טעאַטער־דירעקטאָר, וואַרט אויף מיר אין אַרטיסטנ-קאַפע „מעטעאָר”.

איך לאָז תיכף שפּאַנען „מיין” עקוויפּאַזש.

דאָס קאַפע-הויז איז פול מיט שוישפּילערס, אַרטיסטקעס און—„ניִשט-אַרטיסטקעס”... יעדער וואַרפט אַ בליק אויף מיין קראַנקן פוס און ווייזט אַרויס אַ פאַרצערטן רחמנות. דירעקטאָר

ז. לויפט מיר אַקעגן אַ בלאַסער, אַ פאַרציטערטער—: ער האָט זיך נישט געריכט, מיך אָנטרעפן אויף קוליעס...

ביי אַ פלעשל קאַלטן ביר דערציילן מיר זיך אַלץ, אַלץ, וואָס איז געלעגן אַזאַ לאַנגע צייט אויפן האַרצן. עס זעצן זיך צו נאָך באַקאַנטע אַקטיאָרן, דערפיל איך זיך טאַקע, „ווי אין דער היים", און עס גלוסט זיך גאָרנישט אַוועקגיין פון זיי. און ווען איך קום אַהיים, גייט מיר אַקעגן די ליבע פרוי פאָן וו.:

—וואָס איז מיט אייך, הער פענריך? האָט איר היינט אייער געליבטע געזען?

זי פאַרבעט מיך צו זיך אין סאַלאָן, ווו איך טרעף אָן אַ גרויסע געזעלשאַפט דאַמען און הערן.

—אַ פּאָליאַק?—פרעגט עמיצער ביים פאָרשטעלן מיך.

—ניין, אַ יוד—כאַפּ איך אויס, נאָך איידער די באַראָנין האָט צייט צו ענטפערן.

—הער פענריך—ווערט זי רויט, פאַרענטפערנדיק מיך—האָט תמיד ליב צו קאָקעטירן מיט זיין „יידישקייט". פאָלגט מיך, הער פענריך, און שמדט זיך, וועט איר דערגרייכן אַ גאַנץ אַנדערע קאַריערע.

אַצינד בין איך שוין זיכער, אַז די גאַנצע געזעלשאַפט איז אַ יידישע, כאָטש אַ גרויסער טייל פון זיי איז אפשר גע-שמדט.

דער באַראָן וואַרפט אויף איר אַ ברוגזן בליק און פאַר-גלעט אירע ווערטער מיט אַ לאָצעלע:—ביזט אַ נאַריש קעצעלע—גיט ער איר אַ פיר איבער דער נאָז—לאָז צורו די פּאָליטיק.

ער זעצט זיך צו דער פיאַנאָ, און פרוי פאָן וו. נעמט זינגען אַלטע, זיסע לידער פון ליבע און האָפנונג. איר שטימע ציטערט שוין אַ ביסל און לאָזט נאָך בולטער אַרויסטרעטן דאָס פיינע קנייטשעלע אונטער אירע פאַרחלומטע אויגן...

די צאַרטע מוזיק דערפרישט. און ווען, אויף מיין בקשה, דער באַראָן בלעטערט דורך מיט אַ בליצשנעלער טעכניק די אונגאַריש-רומענישע פאָלקס-לידער, און ווען עס קומט צו דעם „וואָלאַכל"—„איי איי! איי, איי, איי, איי! טי-אַ-ריטאַ-טי-אַרי-טאַ-

סאַם!...״—אַט יענץ פייערדיק-סענטימענטאַלע „חסידל״, מיט וועלכן שלום פ. אַלס „חסיד״ פלעג יעדע נאַכט איינגעמען די בינע-ברעטער אין ווינער האָטעל „סטעפאַניע״— —דאַן ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן, ליכטיקער פאַר די אויגן און זיצנדיק הייב איך אָן אונטערטאַנצן צו דעם דראָבנע-שנעלן טעמפּאָ, וואָס שפּאַנט די נערוון און צעהיצט דאָס בלוט—און אין איין רגע דערפיל איך זיך גאָר גוט—ווידער טאַקע גאָר „ווי אין דער היים״!

ארויס פון שפּיטאַל.

עס איז אין אמתן געוואָרן לאַנגווייליק. כל זמן די צוויי פּענריכס זענען נאָך מיט מיר צוזאַמען, איז—כאָטש מען אַמפּערט זיך אַרום וועגן „יידישן שווינדל און פייגהייט״, בלייבן מיר פאָרט „גוטע פריינט״, דען—„קעגן בלינדקייט איז שווער צו קעמפן, און קעגן דומהייט צו קעמפן איז אַ זינד״— —מיר פילן זיך פאָרט נאָך היימיש. לאַכן מיר ווי אונזערע צוויי „העלדן״, פּענריך פ., דער פאַלאָניזירטער פּראָטעסטאַנטישער דייטש, און פּענריך ד., אַ פאַרברענטער פּוילישער „נאַראָדאָווי דעמאָקראַט״, זוכן ביידע מיטלען זיך אַרויסצודרייען פון גיין נאָכאַמאָל אין פעלד אַריין. און נעמען זיי רעדן נבול פה און דערציילן „פּי-קאַנטע״ מעשהלעך וועגן „אָנשטענדיקע״ פרויען און „האַלב-וועלט-דאַמען״, פאַלט אַריין ד. אין אַזאַ התפּעלות, אַז פאַר פרייד כאַפּט ער מיך טאַנצן. און—איך אויפן רעכטן פוס און ער אויפן לינקן—מוזן מיר האָפּקען אַ פּאָלקע, געשטיצט אויף די קוליעס.

—אָט אַ בינטל לוסטיקע קאַליקעס!—כאַפּן אונז אַמאָל די דאַמען ביי אַזאַ טאַנץ.

אָבער אונזערע שפּיטאָל-באַלעבאָסטעס קענען פאָרט נישט

פאַרליידן, וואָס די צוויי פּענריכס פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל אויף גאַנצענע נעכט, כאָטש ד. שווערט זיך, אַז ער נעכטיקט ביי די עלטערן פון זיין אונגאַרישער כלה, מיט וועלכער ער וועט זי־כער חתונה האָבן. בפרט, ווען די צוויי „געטרייע אָפּיצירן" פאַרבאָרגן גאָרנישט זייער טיפן ווונש, זיי „זאָלן שוין זען די רוסן אין ווין און בודאַפּעסט", און זינגען גאַנץ בפרהסיא די פּאָפּולער־געוואָרענע, פּויליש־טשעכישע פּאַראָדיע אויף „די וואַכט אַם ריין": „מיין פּאָטערלאַנד, מעגסט רויק זיין, מען ווערט שוין מיט דיר פּאַרטיק" — —דאָס באַליידיקט שוין גאָר דאָס „פּאַטריאָטישע געפיל" פון די דאַמען, און זיי ווינשן זיך שוין אין געהיים, פון זיי פּטור צו ווערן. באַקומט טאַקע פּ. אַ באַפעל פון דער מיליטערישער „דאָקטאָר־קאָמיסיע": ביז פער־צען טעג זיך אומקערן צוריק צום רעגימענט אין פעלד—נעמט ער אויף גיך „אורלויב" און פאַרשווינדט.

איצט איז שוין ד. אָנגעשראָקן. ער דערוויסט זיך, אַז אויף דער מאַרגאַרעטנ־אינזל איז פאַראַנען אַ „מאַרגאַרעטנ־ווינקל", אַ שפּיטאָל, אין וועלכן יונגע אָפיצירן קאָנען דורך דער פּראָטעקציע פון אַ גרעפין פאַרבלייבן אַזוי לאַנג, ווי זיי ווילן,— בעט ער ביים דאָקטאָר אַ „וואַסער־קור" און טראָגט זיך איבער אויף יענער אינזל, וועלכע לאָקט אים שוין פון לאַנג מיטן קאַלטן ביר און מיט דער „אידעאַלער" געלעגנהייט, צו קאָנען מאַכן אַ קערטל.

אַ לאַנגע צייט קאָן נישט אונזער שיינטשיקע באַראָנין פאַרגעסן דעם יונגן, שיינעם פּענריך...

איך בלייב אַליין. ווערן די אָוונטן צעצויגן, און די טעג ברענגען פאָרט נישט מער, ווי „אָפּיציעלע" באַזוכן, קאַלטע קאָמפּרעסן און „שאַרע מאַשטשן". בענקט זיך... בפרט זייט מיין לעצטן באַגעגעניש מיטן ווינער דירעקטאָר. ווּפראַוודע האָב איך אויך שפּעטער געלעגנהייטן צו זען טעאַטער: פריץ גרינ־בערגס „העלדישע" קריג־מאַכערייקע: „שטורם־אידיליע", מיט דער קינדיש־נאַיווער „טאַפּפערקייט". עס איז דערביי מאָדנע צו זען,

ווי אין מיטן קאָך פון קריג ווייסט נישט דער הויפּט-העלד, ווי אַזוי מען נעמט די ביקס אין האַנט...

איך פאַרפאָר אויך מיט מיין עקוויפּאַזש צו די יידישע אַקטיאָרן, וועלכע באַוווּנדערן מיין „גרעפלעך לעבן", און פאַר פרייד צעהוליען זיי זיך מיט אַזוי פיל „אימפּעט", אַז די אַק־טריסעס פאַלן זיך אין די האָר...

און דאָך וויל זיך זיין מיט יענע אייביקע „פּאַציאַנטן", מיט וועלכע מען האָט פאַרלעבט אַזוי פיל טעג און נעכט, אינאיינעם געשלאָפן, פון איין שיסל געגעסן, און אָפט, אָן אַ גראָשן געלט, אַליין די טלומעקלעך געטראָגן... עפּעס האָבן זיי פאָרט אַנדערע בשמות, אָט יענע—מיינע ווינער אַקטיאָרן...

מיינע אַפּוטרופּסים דערקענען אפנים, אַז מיר ווערט שוין לאַנגווייליק, טיילן זיי מיר צו נאָך מער פאַרגעניגנס, און דער ליבער, שטילער דאָקטאָר מאַכט מיר אפילו קלאָר, איך זאָל נאָך בלייבן עטלעכע וואָכן, דערנאָך וועט ער מיך אַוועקשיקן אין אַ באָד.

—אַלע היטן זיך אויס צו גיין אין דער פּאָזיציע—וויל מיך איבערעדן דער באַראָן—טוט איר אויך אַזוי.

אָבער אָט דאָס „אויסהיטן זיך" פירט דערצו, אַז עס ווערט אַ מאַנגל אין אָפיצירן,—מאַכט מען אַ געזעץ, אַז יעדן צענטן טאָג מוזן די קראַנקע אָפיצירן קומען צון אַ מיליטערי־שער קאָמיסיע, וועלכע קאָנטראָלירט, צי מען איז באמת קראַנק.

מיינע ווונדן זענען שוין כמעט פאַרהיילט, איך בין דערום זיכער, אַז מען וועט מיך צוריקשיקן אין פעלד. אָבער גראָד אין טאָג, ווען איך דאַרף פאָרן צו דער קאָמיסיע, הייבן ווידער אָן אייטערן מיינע ווונדן. עס ווערט אַ פרייד צווישן מיינע דאַמען:

—קאָנט איר נישט עפּעס מיטן זעבל אַ שניט טון, איר זאָלט מוזן דאָ בלייבן?—וויצלט זיך פרוי פאָן וו. און מיינט עס אפשר גאַנץ ערנסט.

ביי דער „איבערפּרווו-קאָמיסיע" וואַרטן הונדערטער אָפי־

צירן—יעדער ציטערט פאַר זיין גורל: וועט מען אים צוריקשיקן אין פעלד אַריין, אָדער נישט?

—איך פאָר צון אַ ווינער פּראָפעסאָר,—זאָל ער זאָגן, ציין איך נישט קראַנק—צעהיסט זיך אַ לייטנאַנט, ביי וועלכן די קאָמיסיע לייקנט אָפּ דעם לונגען-שפּיצן-קאַטאַר.

—נעכסטער—ווינקט צו מיר דער דאָקטאָר און ער נעמט באַטראַכטן מיין פוס.

—„דינסט-טויגלעך"!—איז ברוגז דער אָבערסט, נישט קוקנדיק אפילו אויף מיין וווּנד.

—מען מוז נאָך אַ פיר וואָכן היילן—וואַגט קוים דער דאָקטאָר—ער קאָן נאָך נישט גיין.

—אָבער צו קאַנצעלאַריע-דינסטן טויג ער דאָך—איז ווידער ברוגז דער אָבערסט.

ענדלעך טראָגט מען אַרויס מיין אורטייל: פיר וואָכן „אויסרוען", דערנאָך ווידער צוריקגיין צום רעגימענט.

אין מאָמענט פאַרגעס איך אָן אַלץ: אָן מיינע וווּנדן, אָן דעם, וואָס עס וואַרט מיך—פיר פרייע וואָכן!—בעט איך נאָר, מען זאָל מיר ערלויבן פאָרן קיין ווין. און קער זיך צוריק אין שפּיטאָל, כמעט אַ פרייליכער.

מיינע שפּיטאָל-דאַמען זענען גאָרנישט צופרידן מיט מיין בשורה און בעטן מיך קוים איין צו פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג. און זיי ווערן צו מיר נאָך האַרציקער, נאָך צוגעלאָזענער און פאַרפּיעשטשען מיך, ווי אַ צערטלעכע מאַמע איר קרענקלעך קינד. אָבער דער בלויזער נאָמען „ווין" לאָקט און ציט,—בעט איך ביי פרוי וו. צום לעצטן מאָל איר עלעגאַנטן וואָגן—און איך פאָר זיך געזעגענען.

מיין ערשטער וויזיט איז ביים באַראָן. פול פרייד איז די באַגריסונג, און זייער טרויעריק דאָס שיידן.

—באַלדיקע בעסערונג—ווינשט מיר די באַראָנין.

—צו וואָס אַ בעסערונג?—ווערט אָפּ דער באַראָן—אזוי איז אויך גוט. זאָל ער אַזוי בלייבן ביזן סוף פון מלחמה, וועט ער פאַרשפּאָרן „קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד".

כמעט בײַ אַלע חזרט זיך איבער דאָסזעלבע: מען וויל נישט ווינשן „באַלדיקע בעסערונג", דען קוים איז „געבעסערט", מוז מען דאָך ווידער גײַן אין פעלד אַרײַן...

איך מאַך אויך אַ וויזיט אויף דער מאַרגאַריטע-אינזל. מײַן געוועזענער בײַשלעפער פענריך ד. נעמט מיך אָן אַ זײַט פול מיט פרייד:

—מענש איינער! איך גיי שוין נישט מער אין קריג! מען וועט מיך דאָ האַלטן, ווי לאַנג איך וועל נאָר וועלן. אַז די ערצהערצאָגינס אַליין מאַסירן אונז!... מען קומט, ווען מען וויל, מען גייט אַוועק, ווען מען וויל—און טאַקע מיט די פרייוויליקע שוועסטערס פאַרברענגט מען גאַנצע נעכט אין די „שאַמבערס"...

ער זעצט זיך אין מײַן קאַרעטע און מיר פאָרן צוזאַמען צום „מאַרגאַרעטנ-ווינקל", צו דער גרעפין מ.

כאָטש יעדער פון די „קראַנקע" האָט דאָרט אַ באַזונדער צימער, זיצן פאָרט אַלע צוזאַמען אין אַן אָנגערויכערטן סאַלאָן בײַ פרישן ביר און קנאַקנדיקע קאָרטן.

—איר האָט אייך געמאַכט אַ קאַפע-הויז אין דער היים?—וווּנדער איך זיך.

—אַז אין די עפנטלעכע קאַפע-הײַזער ערלויבט מען נישט לענגער זיצן, ווי ביז צען אין אָוונט,—וואָס לאָזט זיך טון?

—לויטער „שווער-קראַנקע"—איראָניזירט מײַן פרײַנט.

—ביזט פאַרוווּנדט?—פרעג איך איינעם.

—עס פאַלט מיר גאָרנישט אײַן!—צעלאַכט זיך יענער—רעוּ-מאַטיזם האָב איך.

—גייט עס בעסער?

—אָט ווי עס גייט!—גיט ער זיך אַ שטעל אויף און הייבט אָן מיט געזונטע, שווערע פיס צו שטרעקן דעם „פאַראַדע-מאַרש".

איך שטויך.

—באַווייז, ווי דו ביזט קראַנק—בעט אים אַ צווייטער.

דער „קראַנקער" נעמט הינקען און נאָכשלעפן דעם פוס, גלײַך ער וואָלט מאָמענטאַל געלעמט געוואָרן.

און ער איז נישט דער איינציקער אין דער גרויסער קאָלאָניע „קראַנקע" פּאָליאַקן און דייטשן— — —

איך פאָר צום וואָקזאַל. מיינע שפּיטאָל-דאַמען באַגיסן זיך מיט טרערן. אויך מיינע אויגן זענען פייכט, און נאָר ווי דורך אַ נעבל זע איך די מאַסן מענטשן אויף דער ראַקאָטשי-גאַס און ביים אַנדראַסי-שטראָז. אין דרויסן איז נאָך אַלץ „לעבן"—אָט אַבּים „מלחמה" איז טאַקע נאָר אין פעלד.